STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07155

BORIS KABALKIN

Zevi Hirschkan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָרים קאַבאַלקין

ראָמאַן

פון

צבי הירשקאַן

פאַרלאַג:
„מאָרגן־פרייהייט"

BORIS KABALKIN

NOVEL

BY

ZWI HIRSHKAN

Copyright by

RACHEL HIRSHKAN

NEW YORK, N. Y.

1940

איך האַלט עס פאַר מיין חוב אויסצודריקן מיין דאַנק צו די שיקאַגער פרויען לייען־קרייזן פון דעם „איקוף”, פאַר זייער איניציאַטיווע און הילף, וואָס מאַכט מעגלעך דאָס דערשיינען פון „באָרים קאַבאַל־קין” אין בוך־פאָרם. עס פאַרדינען אויך אַ דאַנק די אַנדערע „איקוף” לייען־קרייזן איבערן לאַנד און באַזונדערס די צבי־הירשקאַן לייען־קרייזן, פאַר זייער הילף אין דער אַרבעט פון אַרויסגעבן דעם ראָמאַן.

איך וויל אויך, ביי דער געלעגנהייט, דאַנקען אַלע יחידים פריינט, וואָס זיינען באַהילפיק געווען אין דער אַרבעט.

ראַשעל הירשקאַן

ניו־יאָרק, 1940.

490

אַסטאָריאַ פּרעס, 61 איסט 4טע גאַס, ניו־יאָרק

ערשטער קאַפּיטל

פון געבורט הייסט ער װעלװל סאַנדלער — באָריס קאַבאַלקין איז זיין נאָמען זינט דער רעװאָלוציע.

פון זיין פריער קינדהייט איז ביי אים פאַרבליבן, ביי קאַבאַלקינען, אויפן גאַנצן לעבן דער טעם פון אַ שאַרפער בענקשאַפט נאָכן װינטער־דיקן דרויסן.

ער איז אַ 6־יאָריק אינגל. איז ער שוין אַ שטיקל מאַנספּאַרשוין. ער איז דער עלטערער ברודער פון צװיי שװעסטער. איינע הייסט חוה, אַ מיידעלע פון דריי יאָר. די צװייטע הייסט מוסיע, אַ מיידעלע פון צװיי יאָר.

זיי װאוינען אין װיטבאַניע, אין אַ געװעלב אויף „פּאַדלאָ". „פּאַדלאָ" איז דער צענטער פון שװיץ־באָדן און שעכט־הייזער. האַלטן זיך דאָ־אָ אויף נאָר אָרעמע לייט. דערהויפּט איז „פּאַדלאָ" באַזעצט מיט אַזוינע באַלמעלאָכעס, פון װעלכע עס שמעקט מיט פעל־ריחות: שוסטער, גאַרבער, קצבים, שינדער. די דירה זייערע — דאָס געװעלב — באַשטייט בלויז פון איין צימער מיט אַן אויװן. איז דער אויװן פּאַקטיש די דירה. דאָס צימער איז פאַרנומען מיט דעם װאַרשטאַט.

עס איז װינטער. ביים װאַרשטאַט לאַטעט דער טאַטע פויערשע שוכװאַרג. אונטערן װאַרשטאַט ליגט ער, קאַבאַלקין, מיט די צװיי קליינע שװעסטער. פון אָנהויב־האַרבסט ביז שפּעט־פרילינג װאַלגערט זיך דער דריילינג אָפּ אונטערן װאַרשטאַט. די מאַמע לאָזט זיי ניט אַרויס אויף אַ סעקונדע פון געװעלב. די קינדער גייען אום באָרװעס. טראָץ דעם, װאָס דער טאַטע איז אַ שוסטער. אונטער דעם שוסטער־װאַרשטאַט צװישן דעם לעדער־אָפּפאַל איז חושך װי אין אַ הינער־שטייג. דערציילט ער, דער ברודער, פאַר די שװעסטער אינם דיקן חושך פון אונטערן װאַרשטאַט װעגן דעם װייסן שניי אין דרויסן. דאָס חיות גייט אים דעמאָלט אויס נאָך אַ ביסל שניי.

טאַטע־מאַמע קריגן זיך זייער אָפט. מערסטנס קומט־פאַר צווישן זיי אַ קריג נאָך דעם ווי אַ קונד פאַרלאָזט דאָס געוועלב. דאָס איז שוין ביי זיי אַ חזקה.

דאָס קליינוואַרג טוט די „באַדערפעגישן" אינעווייניק אין דירה. כדי ניט אָפּצושטיין איינע פון די אַנדערע זעצט זיך אויס דער דריילינג גלייכצייטיק אויף דריי עמער אין איין ריי. די דאָזיקע פּראָצעסיע איז ביי דעם קליינוואַרג אויך אַ שפּיל. די איינציקע שפּיל. זיי רופן עס: „אַ שפּיל אין זיצערלעך". דעם נאָמען האָט אויסגע־טראַכט קאַבאַלקין. בעטן זיי זיך אויפן עמער, ווי נאָר עס שטעלט זיך אַריין אַ מענטש. אפילו ווען זיי נויטיקן זיך ניט אין דעם. זיי ווילן אָנקוקן אַ ניי געזיכט, סימולירן זיי אַ לויזן מאָגן. האָט טענות דער טאַטע צו דער מאַמען, אַז זי באַלעוועט צופיל די קינדער:

— ביי לייטן — זאָגט ער איר אַריין — באַגעגנט מען אַ קונד מיט ברויט און זאַלץ. און ביי אונז טראָגט מען אַ קונד אַנטקעגן פּאַסקודסטווע אין אַ טאָפּ.

פאַרשוויגט ניט די מאַמע דעם טאַטן:

— „ביי לייטן". — קרימט זי אים איבער. — דריי שטיקלעך קינדער, זיינען זיי דיר שטענדיק גרויס אין די אויגן, ווי אַ מיליאָן.

פון די קינדער גייט זי אַריבער צו זיך:

— דו האָסט נאָך טענות. — מאָנט די מאַמע ביים טאַטן. — אַז אָך און ווי צו דעם לעבן, וואָס איך לעב פאַר דיר.

אַז עס הויבט זיך אָן דער קריג צווישן טאַטע־מאַמע, פאַרטאַיעט זיך דאָס קליינוואַרג אָן אַן אָטעם צוריק אונטערן וואַרשטאַט. זיי האָבן מורא. דער קריג פאַרציט זיך אויף לאַנג.

— פאַר אַן אַנדער שוסטער — פרעגט דער טאַטע — וואָלסטו דען בעסער געלעבט?

— וואו שטייט עס דען געשריבן — ענטפערט די מאַמע — אַז נאָר אַ שוסטער האָב איך געמוזט נעמען פאַר אַ מאַן?

— וואָס דען? —דערווידערט דער טאַטע — עס שטייט ניט גע־שריבן? זינט די וועלט שטייט, פירט זיך אַזוי: אַ דינסט האָט חתונה פאַר אַ שוסטער. איז ניט מיט ליישקע דעם לאַטוטניק, איז מיט טאַדרעס דעם באַלאַמוטניק.

— וואו, מיין ווייב, דו וואָלסט ניט געשלאָפן — רייצט זיך דער טאַטע — וואָלסטו זיך געלייגט אַן וועטשערע.

האָלט ער, קאַבאַלקין (דעמאָלט אַ 6־יאָריקער מאַנספּאַרשוין), דער מאַמעס צד. ער האָט זיין אייגענעם חשבון:

— ווען די מאַמע האָט ניט חתונה מיט דעם טאַטן, וואָלט ער ניט געלעגן אונטערן וואַרשטאַט. ווען די מאַמע האָט אַ רייכן מאַן, וואָלט ער געווען וואַרעם אָנגעטאָן און ער וואָלט זיך געשליטלט אויפן שניי.

עס טרעפט, אַז אין אַ ווינטער־אָוונט שטעלן זיך אַריין צו זיי אין געוועלב גבירישע קינדער — סטודענטן, גימנאַזיסטינס. זיי ברענגען־מיט ליכט, פרישקייט.

„פּאַדלאָ" איז נאָענט צו דער דווינע. איבער דער פאַרפרוירענער דווינע גליטשט זיך אין די אָוונטן די רייכע יוגנט. מאַכט זיך, אַז ביים גליטשן זיך פאַלט אַראָפּ ביי אַ מיידל אַן אַפּצאַס. איז עס ביי דער שטודירנדיקער יוגנט אַ פריילעכע אַוואַנטורע. סטודענטן טראָגן דאָס מיידל אָן דעם אַפּצאַס אויף די הענט אין „פּאַדלאָ", וואָס איז אַ שוסטערשער צענטער, כדי צורעכט מאַכן איר שוך. פאַלט אַמאָל אַריין אַזאַ מיידל מיט אירע טרעגער און באַגלייטער אויך צו ליישקען, צו קאַבאַלקינ׳ס טאַטן. זיי רייסן זיך אַריין אין געוועלב מיט אַ געזאַנג.

די סטודענטן פלעכטן אויס פון זייערע דלאָניעס אַ בענקעלע פאַר דעם מיידל, כדי אָפּצוהיטן זי פונם אומצוכט ביים שוסטער. בעת דער טאַטע פאַרעט זיך ביים וואַרשטאַט מיטן שוך, קאָקעטירט דאָס מיידל מיט דער סטודענטנשאַפט אויפן „בענקעלע". אין איר קאָקעטריי מיט די סטודענטן גייט אויך אַריין אַ קאָמפּלימענט פאַר אים, פאַר קאַבאַלקינען:

— ס׳אַראַ ליבינקער ער איז. — ווייזט אָן אויף אים דאָס מיידל.

— ס׳אַראַ בורשטינינע אויגן. ס׳אַראַ זיידענע האָר.

— ער איז שענער פאַר אייך! — זאָגט וועגן אים דאָס מיידל צו אַ סטודענט, וואָס דינט פאַר אַ טאָפּליע צו איר „בענקעלע". און זי דערלאַנגט דעם דאָזיקן סטודענט כלומרשט אַ פּאַטש.

דאַכט זיך אים, קאַבאַלקינען (דעמאָלט וועלוול׳עץ), אַז צו זיי האָבן אַראָפּגענידערט מענטשן פון אַן אַנדער וועלט. מענטשן זאַט־אָפּגעגעסענע. מענטשן וואַרעם־אָנגעטאָנענע.

עס איז אים גוט, וואָס ער געפעלט אַזוי דער גימנאַזיסטין: די דאָזיקע מענטשן, די אָנגעזעטיקטע און באַקליידטע, ווילן אים מיט־נעמען מיט זיך אין דער שיינער וועלט, פונוואַנען זיי האָבן אַראָפּ־

גענידערט צו זיין טאַטנס וואַרשטאַט. וועט ער דאָרטן ווערן איינער פון זייערע. ער וועט זיך אויך אַמאָל אַראָפּלאָזן אין „פּאַדלאַ". וועלן אים זיינע אייגענע ניט דערקאָנען.

אַז דאָס מיידל מיט אירע באַגלייטער פאַרלאָזן דאָס געוועלב און אים לאָזן זיי איבער, איז ער אַזוי היסטעריש, קאַבאַלקין, אַז ער צעוויינט זיך אויפן קול.

די מאַמע באַגלייט אַרויס דאָס מיידל מיט אַ קללה:

— ווי דאָס האָט זיך גע'נמאס'ט צו זיצן אויפן טאַבורעט. אַ קרעץ זאָל זיך איר זעצן אויפן לייב.

זאָגט דער טאַטע דער מאַמען מוסר פאַר איר קללה:

— דו ביסט אַ נאַר, מיין ווייב. אויף אַ גביר טאָר מען ניט בעטן קיין מפלה.

— די וועלט איז קיילעכדיק. אַז דאָס רייכע מיידל וועט כאַפּן אַ מכה, וועט זי זיך ניט קאָנען גליטשן אויפן אייז. וועלן זיך ביי איר ניט ברעכן די אַפּצאַסן. וועסטו ניט האָבן מיט וואָס צו שפּייזן דיינע קינדער.

באַנעמט ער ניט, קאַבאַלקין, די חכמה פונם טאַטן. אים פאַרדריסט, וואָס די מאַמע איז ניט אַ דאַמע. ער שטעלט זיך פאָר:

— די מאַמע איז אָנגעטאָן אין אַ קאַראַקולנער רעטאָנדע און אין הויכע באָטעס. ער, ווּעלוול, איז אָנגעטאָן אין אַ באַראַשקענעם פּעלץ און אין גלאַנצירטע שטיוול. פירט אים די מאַמע אין אַ פראָסטיקן טאָג שפּאַצירן אין גובערנאַטאָרס גאָרטן. שפּאַנען זיי ביידע, מאַמע און זון, טראָט ביי טראָט. זיי זיינען ביידע אַזוי וואַרעם אָנגעטאָן. שפּילן זיי זיך מיטן פראָסט. די מאַמע איז אַ שיינע מוטער. ער, דער זון, איז אַן איידל קינד. שטעלן זיך אָפּ מענטשן קוקן אויף דער רייכער דאַמע מיט דעם גערעטענעם זון. ווער עס גייט דורך פאַרביי, מאַכט פאַר זיי אַ וואַרע. אַפילו אַן אָפיצער טרעט פאַר זיי אָפּ דעם וועג.

פאַרכאַפּט אים אַזוי, דעם זעקס־יאָריקן קאַבאַלקינען, אָט דאָס בילד, אַז ער רייסט־איבער זיין געוויין נאָך דער גימנאַזיסטין. און ער שרייט אויס אַ געבעט צו דער מאַמען:

— מאַמע, דו זאָלסט מער נישט חתונה האָבן מיט דעם טאַטן.

קריגט ער פאַר דער דאָזיקער עצה צו דער מאַמען מיט אַ רימען פון דעם טאַטן.

2

פונקט ווי טאַטע־מאַמע קומען ניט דורך צווישן זיך אין זייער באַציאונג צום קונד, אַזוי קומען זיי ניט דורך צווישן זיך אין זייער באַציאונג צו גאָט.

פון גאָטס־וועגן קריגן זיי זיך מערסטנס אין דער צייט, וואָס צווישן פאַרן אָנוואַרעמען דעם קרופּניק ביז נאָכן אָפּעסן דעם וואַרמעס.

אין די ווינטערדיקע נעכט שלאָפן זיי זאַלבעפינפט (די גאַנצע משפחה) אין איין בעט. מער ווי איין בעט פאַרמאָגט ניט דאָס געוועלב. עס ווערן געמאַכט אין דעם בעט צוויי צוקאָפּנס. איין צוקאָפּנס פאַר די ווייבער — פאַר דער מאַמען מיט די צוויי שוועסטערלעך. דער צווייטער צוקאָפּנס פאַר די מאַנסביל — פאַר דעם טאַטן מיט דעם זון, מיט קאַבאַלקינען. פּלאָנטערן זיך צונויף צען פיס אין איין קנויל: פיר גרויסע, זעקס קליינע. אַ קנויל — אַ מאָנסטער.

דאָס קליינוואַרג איז צוגערוקט צו דער וואַנט. דאָס איז אַזאַ סטראַטעגיק אין דער מלחמה פון די עלטערן פאַר דעם וואוילזיין פון די קינדער.

דאָס געוועלב האָט ניט קיין דיל. אַנשטאָט אַ דיל — זאַמד. ווינטער איז דער זאַמד — שטיין. איז כדי אַ קינד זאָל ניט אַרונ־טערפאַלן פון בעט און צעפּלעטן דעם קאָפּ, פאַרשטופּט מען עס צו דער וואַנט. די גרעניץ־געפאַר (צווישן דער ליימענער וואַנט און שטיינערנעם זאַמד) נעמען טאַטע־מאַמע איבער אויף זיך.

די וואַנט איז אין אַ רעגן—דורכגעווייקט. אין אַ פראָסט—אָנגע־פרוירן. ליגט דער טאַטע אויף דער וואַך. ער היט אָפּ דאָס קליינ־וואַרג פון אַ פאַרקילונג. אפילו אויף אַ קורצער ווײַלע שלאָפט ער ניט איין אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט: ער האַלט אין איין פאַר־דעקן די לייבער פון זיינע קינדער, אין איין באַטאַפּן די טעמפּעראַטור פון זייערע פיסלעך.

ניט זעלטן שטויסט זיך אָן דער טאַטע (אויף זיין פּאָזיציע אין בעט) אויף אַ לויערנדיקן שונא — אויף אַ קאַלט (אָדער נאַס) פיסל פון אַ קינד. ווייסט ער ניט וועמען פון דעם דריילינג איז דאָ אויסן דער פיינט: די זעקס פיסלעך זיינען אַזוי צונויפגעקנאָטן, אַז אונטער די שמאַטעס קאָן ער ניט דערגיין: ווער איז ווער. וועקט ער די מאַמען:

— פערל! — איך האָב אָנגעטאַפּט אַ פּיסל, איז עס אַ שטיק אייז (אָדער פּיטש נאָס). ווייס איך ניט צו ווען דאָס געהערט.

שטעקט אַריין די מאַמע אַ האַנט אין דעם בינטל הויט און ביינער. טרעפט זי בלינדערהייט מיט וואָסער פאַרשוין עס קערט זיך אָן דאָס באַדראָטע פּיסל. זי רופט אָן גלייך, פון דעם ערשטן טאָפּ, דעם באַטרעפנדן נאָמען.

דערביי באַפעלט זי:

— ליישקע, צי אויס אַ האַנט.

דערלאַנגען זיי זיך די הענט, טאַטע־מאַמע, אונטערן באַרג שמאַטעס און נעמען זיך מאַסאַזשירן דאָס פּיסל. די מאַמע גלעט פון איין זייט — פון איר צוקאָפּנס. דער טאַטע גלעט פון דער פאַרקערטער ריכטונג — פון זיין צוקאָפּנס. רייבן זיי עס אַזוי לאַנג איין, דאָס קינדעריש פּיסל, ביז עס הויבט אָן צו שוויצן.

אים, קאַבאַלקינען, איז דער טעם פון דעם דאָזיקן מאַסאַזש אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז ער וועט זיך אים חלומ׳ען (דער דאָזיקער מאַסאַזש פון זיין קינדהייט) אין די קאַרצערס פון די טורמעס, אין די טונדרעס פון סיביר.

דער ערשטער קריכט אַרויס פונם געלעגער דער טאַטע. בעת דער טאַטע פאַרלאָזט די משפּחה אין בעט, איז נאָך ניטאָ קיין סימן אויף באַגינען. אין בעט ווערט גראַמער — קעלטער. נעמט די מאַמע אַריבער דעם בן־יחיד אויף דער זייט פון איר צוקאָפּנס. דאָ־אָ איז געדיכטער־וואַרעמער. כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ פערטן פאַרשוין, רעאָרגאַניזירט די מאַמע די פּאָזיציעס אין בעט: די צוויי־יאָריקע מוסיע׳ן לייגט זי אַרויף אויף איר ברוסט. די דריי־יאָריקע חוה׳ן לייגט זי איבער אין דער מיט. און אַליין לייגט זי זיך אויס אַזוי, אַז איר אָטעם זאָל ניט אָוועקגיין אין ניוועץ: איר דעכען זאָל דערגרייכן צו אַלע קינדער צוגלייך.

נאָר ער, קאַבאַלקין, שלאָפט שוין מער ניט איין נאָך דעם, ווי דער טאַטע שטעלט זיך אויף. ער האָט ליב, דער קליינער, אָנצוהויבן דעם טאָג אינאיינעם מיט די גרויסע. דערהויפּט האָט ער ליב צו זיין אַ פּאָר צום טאַטן אין אָט דער צייט, איידער עס ווייזט זיך אַ בליאַסק אויף טאָג. נאָך אַ נאַכט ליגן מיט דעם טאַטן אַרומגענומען, וויל ער אים אָנקוקן.

דער טאָג הויבט זיך אָן. זויגט איין אין זיך דאָס זעקס־יאָריקע

יאַטל (דער קומענדיקער קאַבאַלקין) אַלץ, וואָס עס קומט פאַר. אַלץ זעט עס. אַלץ באַמערקט עס.

אויפן וואַרשטאַט צאַנקט אַ ליכט. דער טאַטע זיצט אויף זיין קלאָץ. ער שטעכט אַ דראַטווע אין אַ כאַליעווע. פון ליכט פאַלט אַ שיין אויף דעם טאַטנ׳ס שוואַרצער באָרד. איז די שיין ווי אַ גאָל־דענע רייף. דער טאַטע טראָגט אין אויער אַ זילבערן אוירינגל. פון און אַרום דעם טאַטן שטראַלט מיט גאָלד און זילבער. ער האָט ליב דעם טאַטן.

אויף די מאַמע קריכט אַרויס פון בעט. כאַפּט זי אונטער דער טאַטע. ער זעצט זי אַריין אין זיין שויס. דער טאַטע קושט די מאַמען.

— עס וואָלט שוין געווען ניט מער ווי רעכט — זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען — אַז מיר זאָלן זיך אָנלעבן נאָך אויף אַ בעט: די קינדער זאָלן שלאָפן באַזונדער און מיר אינאיינעם.

עס איז אים וואויל, דעם זעקס־יאָריקען אינגל, וואָס טאַטע־מאַמע זיינען אַזוי גוט צווישן זיך. ער האָט אַפילו הנאה פון זייער אויסזען. עס געפעלט אים, וואָס דער טאַטע איז אַ הויכער און די מאַמע איז אַ קליינע. דאָס איז די ריכטיקע מאָס. אַזוי פּאַסט זיך פאַר טאַטע־מאַמע.

די מאַמע הייצט־איין אין אויוון. ציגדט זיך ניט אָן דאָס האָלץ. קרעכצט די מאַמע:

— דאָס האָלץ איז נאַס ווי די וואַנט.

קומט דער טאַטע דער מאַמען צוהילף. בײדע שטעלן־אַריין די קעפּ אין אויוון און דעכען דאָרטן אין דעם האָלץ.

אַז עס צעפלאַקערט זיך דאָס נאַסע האָלץ, שטעלט זיך איין דער ריכטיקער טאָג: דער טאַטע האַמערט אַ פּאַדעשווע. די מאַמע שיילט קאַרטאָפל.

אין געוועלב ווערט וואַרעמער. קריכט אַרויס דאָס קליינוואַרג פונם געלעגער מיט אַ געפילדער. די גאַנצע פאַמיליע איז אויף די פיס. זי וואַרט אויפן קרופּניק, די משפחה.

איידער די מאַמע שטעלט אַוועק דעם אָנבייסן, דערמאַנט זי דעם טאַטן אָן גאָט:

— ליישקע, אפשר וואָלסטו פריער אַ דאַוון געטאָן?

ווערטלט זיך דער טאַטע:

— און ווער, פּערעלע, וועט לייגן לאַטעס, אַז ליישקע וועט זאָגן תּפילות?

לאָזט די מאַמע ניט אָפּ:

— זאָג כאָטש ברכה.

דרייט זיך דער טאַטע אַרויס:

— איך האָב נאָך צייט.

נאָכן קרופּניק דערמאָנט ווידער די מאַמע דעם טאַטן אָן גאָט:

— גיב כאָטש אַ בענטש, ליישקע.

מאַכט זיך דער טאַטע טאַמעוואַטע, ווי ער הערט ניט.

קומט אַרויס די מאַמע מיט לשון:

— וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ טאַטע פון קינדער זאָל זיך פירן, ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין גאָט אויף דער וועלט?

ענטפערט אָפּ דער טאַטע צוריק מיט לשון:

— און וואו איז עס געזען געוואָרן, אַז אַ גאָט זאָל ניט שפּייזן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, די ברואים זיינע?

— אויב גאָט וויל — צערעדט זיך דער טאַטע — אַז מען זאָל אים ליבן און בענטשן, טאָ זאָל ער מוחל זיין און דערפאַר באַצאָלן. געטרויט ער ניט, דער אַלמעכטיקער, צו געבן דעם אָרעמאַן אַ פּאַר־מעגן מיטאָמאָל, זאָל ער אויסצאָלן צוביסלעך. אומזיסט, מיין ווייב, לוינט זיך ניט צו חנפ׳ענען.

סטראַשעט די מאַמע:

— געדענק, ליישקע, דו וועסט חרטה האָבן אויף דיין חכמה.

רייצט זיך דער טאַטע:

— נאַרעלע! אויף וואָס וועל איך חרטה האָבן? גאָט וועט ביי מיר אָפּנעמען דעם דלות?

און ער האָמערט, דער טאַטע, איבער אַ פּאַדעשווע און ער זינגט מיט האַרץ:

„גאָ—אָט און זיין משפּט איז ניט גערעכט".

3

פון יענער צייט האָט זיך דאָס ביי קאַבאַלקינען אָפּגעשטעלט אַ פּריקרע געפיל צום ווינטערדיקן שבת.

אויך שבת אויפן פרימאָרגן רייסן זיך טאַטע־מאַמע צווישן

אַנאַנד פון גאָטס־וועגן. איז זייער שבת'דיקער קריג נאָך פאַרביטער־טער, צוגעשפיצטער, ווי אינדערוואָכן.

אין געוועלב איז זייער קאַלט. קעלטער איידער אין אַ וואָכעדיקן טאָג. עס איז שבת. איז דער אויוון ניט געהייצט. און דאָס בעט איז פאַרשטעלט מיטן טשאָלענט. איבערן טשאָלענט איז אויסגע־שפרייט אַלץ, וואָס קאָן געבן די מינדסטע וואַרעמקייט: פון אַ קישן ביז אַ לייבל. אויף אַ צוגאָב צום פראָסט ווייעט מיט אומעט. דער אומעט איז אַזאַ פּוסטער: דער וואַרשטאַט איז באַדעקט מיט אַ לייוונט. אונטערן וואַרשטאַט איז פאַרלייגט דאָס געצייג. פאַר דעם קליינוואַרג איז ניטאָ וואו אַהינצוטאָן זיך: ניט וואו צו וואַרעמען זיך, ניט וואו צו שפּילן זיך. דער איינציקער פאַרגעניגן איז אַ שטיקל חלה. האָט ווייצנס אַ טבע צו פאַרוואַנדלען זיך אויף קעלט אין אייזן: עס לאָזט זיך ניט איינבייסן, צעקייען.

אַ פינצטערער, אַ מיאוס'ער טאָג שבת.

אויף דער טאַטע ווערגט זיך מיטן שבת. ער פוילט זיך אפילו אָנצוטאָן הויזן. ער זיצט אויפן קלאָץ, ווי אַ אידענע: ער איז איינגעוויקלט אין דער מאַמעס פאַטשיילע. כדי צו פאַרטרייבן דעם שבת'דיקן אומעט, זינגט ער, דער טאַטע, אַ גויאיש לידל.

פאַלט־אָן די מאַמע אויפן טאַטן: זי יאָגט אים אין שול אַריין.

— כאָטש איינמאָל אין וואָך — איז איר טענה — זאָל אַ פאָטער פון דריי קינדער זיך באַווייזן אין אַ קלויז.

ביי דער מאַמען איז עס אַ פראַגע פון סטיל:

— מען גייט אין אַ בית־המדרש — מוסר'ט זי דעם טאַטן — הערט מען אַ נייעס. מען קומט פון דאַוונען, מאַכט מען קידוש, האָט מען א פּנים פון אַ טאַטן. לערנט זיך אָפּ אַ קינד צו זיין אַ מענטש. אויב ניט מורא פאַר גאָט, זאָל זיין בושה פאַר לייטן.

דער טאַטע אָבער איז איינגעשפּאַרט. ער וויל ניט גיין אין שול אַריין:

— זאָלן זיך ביי מיר אונטערברעכן די פיס — איז ער בייז — אויב איך וועל זיך אַריינשטעלן אין אַ קלויז.

ביי דעם טאַטן איז עס אַ פראַגע פון יושר:

— ניט דערלעבן — ברומט ער — זאָל דער גביר, אַז ער זאָל זיצן מיט גאָט אין מזרח, ווי אין אַ פּאַיעטאָן, און דער באַלמעלאָכע זאָל שטיין אויף די פיס ביי דער טיר, ווי אַ בעטלער.

דער קאַמף צווישן סטיל און יושר וועט אויך אין זיין, קאַבאַלקינס, לעבן פאַרנעמען ניט קיין קליינעם פּלאַץ. עס וועלן זיין מאָמענטן, ווען דאָס וועט אַפילו זיין פאַר אים אַ שטער אין דער רעוואָלוציע.

דעמאָלט אָבער (אין זיין קינדהייט) זעט קאַבאַלקין עפּעס אַנדערש אין דעם קאַמף, וואָס קומט־פאָר שבת פרימאָרגן צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

די קליינינטשקע מאַמע ווערט אַזוי אויפגעקאָכט אויף דעם לאַנגן טאַטן פאַר זיין אָפּזאָגן זיך צו גיין אין בית־המדרש, אַז זי רייסט פון אים אַראָפּ מיט גוואַלד די פּאַטשיילע. אַנטפּלעקט זיך דער טאַטע פאַר די קינדער אַן הויזן. שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו דער מאַמען:

— עך, פּערל, פּערל.

פאַרגייט זיך די מאַמע אין אַ יאָמער:

— איך וויל ניט זיין מיט אַ גוי אונטער איין דאַך.

זי דערלאַנגט אַזאַ בריאַזג מיט דער טיר, אַז עס טרייסלט זיך דאָס געוועלב. דאָס לויפט זי אויסוויינען זיך אויף איר מערכה צו איר שוועסטער, צו דער מומע באַסיען, דער אַלמנה. די מומע באַסיע וואוינט אויף פּיסקעוואַטיק. דאָס איז אַ ווייטער מהלך פון פּאַדלאַ: פּיסקעוואַטיק איז (נאָך פּאַדלאַ) דער צווייטער אָרימער קוואַרטאַל אין שטאָט. ער געפינט זיך אויפן צווייטן עק שטאָט. אַן דער מאַמען איז אין געוועלב נאָך ווי סטער דער שבת.

אַז די מאַמע קערט זיך אום פון דער מומען, איז שוין נאָכט־וואָך.

דעם גאַנצן שבת'דיקן טאָג איז דער טאַטע די אָם, די באַלעבאָסטע. ער האָדעוועט דאָס קליינוואַרג, ער טיילט פאַר זיי אויס די חלקים, קיין איינער פונם דריילינג זאָל ניט זיין געקריוודעט. ער שמירט און ער פּיצלט מאכלים. עס קומט אים אויס, דעם טאַטן, אָפּצושטעלן הריגות צווישן די קינדער. זיי ממית'ן זיך פאַר דעם מילץ פון אַ הערינג, פאַר דעם קאָפּ פון אַ טאַראַן.

דער דריילינג רעוועט. ער איז איינזאַם אַן דער מאַמען. קאַבאַלקין, דער עלטערער, דער מאַנספאַרשוין, רעוועט נאָך שטאַרקער אײדער די קלענערע, די מיידעלעך:

— טאַטע, וואו איז די מאַמע?

רעדט זיך דורך דער טאַטע מיט אים, דעם מינדעריאָריקן זון, ווי מיט אַ גלייכן מענטשן. ער קלאָגט זיך פאַר אים:

— — דיין מאַמע וויל מאַכן פון דיין טאַטן דעם שוסטער־יונג אַ דרדקי־מלמד.

כדי צו פאַרגיטיקן אים, קאַבאַלקינען, פאַר זיין צער (וואָס די מאַמע איז אַנטלאָפן), גיט אים דער טאַטע אין אַזאַ שבת צו פאַרזוכן דעם טעם פון שוכוואַרג: ער לאָזט אים אָנטאָן זיינע הויכע שטיוול. שפּאַנט ער אַרום, דער זעקס־יאָריקער יאַט, אין דעם טאַטנס שטי־וואלעס איבער דעם געוועלב, ווי אַ קאַטער. דער טאַטע קוועלט־אָן פון דעם זונס גאַנג. ער לערנט אים מאַרשירן, ווי אַ סאָלדאַט:

— איינס—צוויי. אָט אַזוי!

4

ער, קאַבאַלקין, איז דעמאָלט נייטראַל צו דעם קריג, וואָס קומט־פאָר צווישן טאַטע־מאַמע צוליב דעם שבת. פאַראינטערעסירט, אַלס אַ צד, האָט אים דער קריג, וואָס ברעכט־אויס צווישן זיי צוליב אַ פערד.

דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט. פאַר קאַבאַלקינען איז עס געווען אַן אויסנאַם־טאָג. אַזאַ טאָג האָט ער נאָך ניט געהאַט אין יענעם ווינטער. עס איז געווען אַ לינדער וועטער. האָט אים דער טאַטע מיטגענומען אין באָד. דעם וועג פון געוועלב צום באָד (און צוריק) האָט ער דורכגעשפּרייזט אין דער מאַמעס שיך. איז ער גע־קראָכן אין שניי. אין באָד האָט ער געזען אַ וועלט: נאַקעטע מענטשן. ער האָט געוואַרעמט זיך אויפן פּאָל. געוואַשן זיך מיט זייף. איז אים געווען וואויל נאָכן באָד. אַ רייך מיידל פילט זיך מסתמא נאָך איר ערשטן באַל, ווי ער, דאָס קבצנ׳יש אינגל, האָט זיך געפילט נאָך יענער באָד.

צו וועטשערע רופט זיך אָפּ דער טאַטע:

— ווען איך געפין אַ פּופּציקער, וואָלט איך געוואָרן אויס שוסטער.

פרעגט אים די מאַמע:

— וואָס דען וואָלסטו געטאָן?

— איך וואָלט געוואָרן — ענטפערט דער טאַטע — אַ פורמאַן.

— עס איז ניט קיין תכלית — זאָגט ער — אייביק פוילן אויפן קלאָץ און ציען די דראָטווע. אַ פורמאַן איז עפּעס אַנדערש. דו ביסט שטענדיק אויף דער פרייער לופט. דו ביסט ניט אויסגעשטעלט אויף דעם געציילטן גראָשן, ווי פון דער לאַטע.

— פון אַ שיכור׳ן פריץ — דערקלערט ער — קריגסטו אַמאָל אַ גאַנצע מאַטניאַ.

איז די מאַמע מסכים מיט דעם טאַטנס פּלאַן:

— הלואי — דערמונטערט זי אים — געפינסטו נאָר וואָס גיכער דעם פּופּציקער.

דערביי גיט זי צו:

— די קינדער וועלן זיך אויך מחיה זיין. זיי וועלן זיך דורכפאָרן, וועלן זיי זיך אויסלופטערן.

געפעלט ניט דעם טאַטן דער מאַמעס צוגאָב:

— אַט האָסטו דיר — רופט ער אויס — וואָס מיינסטו, אַ פערד איז פון אייזן? פּאַרט עס ניט מיט אַ פּאַסאַזשיר, דאַרף עס שטיין אויף האָבער.

ענטפערט די מאַמע דעם טאַטן מיט אַ שטאָך:

— וואָס דען, איך ווייס ניט, אַז ביי דיר איז דאָס פערד טייערער פון אַ קינד?

פאַרענדיגט זיך די וועטשערע מיט אַ ברוגז צווישן טאַטע־מאַמע. פונדעסטוועגן (טראָץ דעם וואָס דער טאַטע זאָגט זיך אָפּ צו נעמען די קינדער דורכפאָרן זיך), ציילט קאַבאַלקין די סעקונדן, אַז דער טאַטע זאָל כאַפּן די מציאה, וואָס אַ גביר וועט פאַרלירן.

דער טאַטע אָבער האָט קיין מציאה ניט געפונען. דאָס פערד האָט זיך ניט באַוויזן.

5

דאָס קליינוואַרג האַלט כסדר אין קרענקען אין דעם ווינטער־סעזאָן.

צוויי גרונטאָוונע מחלות גייען אַרום אום ווינטער אינם געוועלב צווישן די דריי פּיצלעך קינדער:

1) אַ געשווילעכץ אין די העלזלעך.

2) אַן אויסשיט אויף די קעפּלעך.

די ערשטע מחלה איז אַ קרענק אָן איבערגאַנג. נאָר דער איבער־גאַנג איז זייער אָן אָפּטער: קומט אָן און גייט אַוועק, קומט ווידער אָן און גייט אַוועק. די הויפּט־ציקלען זיינען צווישן חנוכה און פּורים: אין אַט־די פּאָר חדשים גייט ניט דורך אַ וואָך, וואָס אַ קינד זאָל ניט ליידן פון העלזל. די נאַטור, דער טעמפּ פון דער דאָזיקער מחלה איז

ווי פון אַ פּלאָג, ווי פון אַ מגפה: אַז זי רייסט זיך אַריין אין געוועלב, לאָזט זי ניט אָפּ קיין איין קינד. מערסטנס טרעפט זי דעם גאַנצן דריילינג אויף איין מאָל — מיט איין הוסט. לייגט זיך אויס דער גאַנצער שבט (דער ברודער מיט די צוויי שוועסטער) אין איין בעט און כריפּעט און זשיפּעט.

די צווייטע מחלה איז שוין אַ קרענק פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע. דאָס איז אַ קרענק אַ כראָנישע. ריכטיקער — אַ פּערמאַנענטע. נאָר מיט אים, מיט קאַבאַלקינען פּערזענלעך, האָט זי ניט צו טאָן. אויף זיין קעפּל גיט אַכטונג דער טאַטע. אַז דער טאַטע האָט אַ פרייע מינוט, נעמט ער דעם זון אונטער דער שער. איז זיין קעפּל ריין. דער אויסשיט איז אַ קרענק, וואָס קערט זיך אָן, אין דעם יוגנטלעכן טייל פון דער משפחה, בלויז מיט דעם ווייבערשן צד — מיט די מיידעלעך.

קאַבאַלקין קאָן זיך ניט דערמאָנען פון זיין פריער קינדהייט אָן אַזאַ פאַל, אַז אום ווינטער זאָלן די צוויי שוועסטערלעך זיינע (וואָס איינע איז דעמאָלט אַלט געווען דריי יאָר און די אַנדערע צוויי יאָר) האָבן ווען עס איז אַנטבלויזט זייערע קעפּלעך. פון יענער צייט וועלן זיי זיך, די צוויי קליינטשקע מיידעלעך, אים אויף אַלע מאָל איינקריצן אין זכרון, ווי צוויי אַלטיטשקע באָבעלעך אין הייבעלעך אַריבער די אויערלעך, ביז די אויגעלעך.

צווישן טאַטע־מאַמע איז ניטאָ קיין אחדות אַפילו וועגן די קינדער־מחלות.

צו אַ געשווילעכץ אין העלזל פאַרהאַלט זיך דער טאַטע אָפּטי־מיסטיש, ווי הויך עס זאָל ניט זיין די טעמפּעראַטור פון קינד.

— נישקשה, — איז ער רואיק. — עס וועט זיך דורכשוויצן, וועט זיך עס אויסשטיין. קיין סכנה איז אין דעם ניטאָ.

— אַ קינד — זאָגט ער — איז אויף זיך אַליין דער בעסטער פּראָפעסאָר.

דער טאַטע האָט זיין אייגענע פיזיאָלאָגישע לערע.

— אַ מענטש — איז זיין מיינונג — איז געגליכן צו אַ בוים.

— פּונקט — דערקלערט ער — ווי אַ יונג בוימל קאָן ביישטיין דעם גרעסטן וואַלד־שטורעם, אַזוי קאָן אַ יונג לעבערל ביישטיין די גרעסטע האַלז־געשווילעכץ.

— און ביי אַ מענטשן — ווייזט אַרויס דער טאַטע זיין געניטקייט

אויך אין אַנאַטאָמיע — איז דער לעבער דער פונדאַמענט. איז דער לעבער דאָ, איז שוין אַלץ דאָ. די איבעריקע אברים איז בלאָטע.

פון אַן אויסשיט אויפן קעפל אָבער האָט דער טאַטע זייער גרויס עגמת־נפש. ער האַלט אין איין אַריינזאָגן דער מאַמען:

— אויף אַ צוגאָב צו אַלע שיינע גליקן, מיט וואָס דער אויבער־שטער האָט אונז מכבד געווען, האָט ער נאָך אונז מזכה געווען מיט אַזאַ נחת, ווי צוויי פאַרפאַרכעוועטע טעכטער.

דאָס איז אַ מחלה, מיט וואָס ער שעמט זיך, דער טאַטע:

— בעסער — זאָגט ער — שוין צו זיין אַ קאַליקע, אַן אָפּענער, איידער אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ קרענק, מיט וואָס מען קאָן זיך ניט באַווייזן אין באָד.

דערביי פאַרטרייבט דער טאַטע זיין עגמת־נפש מיט אַ גלייכ־ווערטל, ווי זיין שטייגער איז:

— ווען די מיידלעך — לעצעוועט ער — וואָלטן געקאָנט ווערן אינגלעך, וואָלט נאָך פונדעסטוועגן געווען אַ האַלבע צרה.

— ווייל איז אַ בחור אַ פאַרך, האָט ער כאָטש די מעלה, וואָס ער דאַרף ניט דינען דעם קיסר. אַ מיידל מיט אַ פאַרך דאַרף אָבער וואַרטן אויף משיח'ן. איז ביז די מיידלעך וועלן דערלעבן משיח'ן, וועלן זיי ווערן באָבעס.

די מאַמע, פאַרקערט, מאַכט ניט קיין ווערט פון דעם כראָנישן אויסשיט אויף די מיידלשע קעפלעך. פאַר איר איז די דאָזיקע קרענק אַ נאַטירלעכע דערשיינונג: זי האָט איר אייגענעם דיאַגנאָז:

— אַזאַ נאַטור — זאָגט זי — האָט שוין אַ מיידעלע, אַז צו איר קלעפּט זיך דער סאָרט קרענק. דאָס איז דער ווייבערשער מזל.

די מאַמע רעדט אויך פון איר פּערזענלעכער דערפאַרונג:

— איך — דערציילט זי וועגן זיך — בין ביז 8 יאָר ניט אַרויס פונם הייבל.

— זאָלן זיי נאָר אַביסל אונטערוואַקסן — שטעלט זי זיך אַיין פאַר די טעכטער פאַר אירע — וועלן זיך די קעפּלעך זייערע פון זיך אַליין אויסברעקלען.

6

אַז אַ קינד לאָזט אַרויס אום ווינטער אַמאָל אַ כריפּ, פאַלט־אָן אויף דער מאַמען אַ שרעק. זי רופט באַלד אַריין בינקינען, דעם רופא פון פאַדלאָ.

דער דאָזיקער בינקין איז געווען ניט סתם אַ רופא. ער איז געווען אַ סטיל: אַ מאַן אין די פופציקער, און אויסגעזען האָט ער, ווי אַ זקן, אַן אָפּגעלאָזענער, אַן אַרומגעוואַקסענער, אַן אויסגעדאַרטער, אַן איינגעהויקערטער. אידיש האָט ער גערעדט, ווי אַ גוי. אָנגעטאָן איז ער געווען, ווי אַ פּויער: זומער אין סאַנדאַלן און אין אַ העמד איבער די הויזן. ווינטער, אין וואַלינקעס און אין אַ פּעלץ אָן אַן אויבערשלאַק.

דאָס איינציקע, וואָס האָט אָפּגעטיילט בינקינען אין זיין טואַלעט פון אַ פּויער, זיינען געווען די ברילן אויף אַ שנירל.

עס וועט קומען אַ צייט אַזאַ, וואָס בינקין וועט אינטערעסירן קאַבאַלקינען צוליב זיין ביאָגראַפיע: דער זון פון אַ גרויסן גביר, איז ער אין די 80־ער יאָרן פאַרשיקט געוואָרן אין וויטן סיביר. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גימנאַזיסט און ער איז שוין געווען אַ טעראָ־ריסט. אין סיביר האָט ער פון זיך אַליין דערוואָרבן אַביסל מעדיצי־נישע אינפאָרמאַציע. ער איז דאָרטן געווען דער רופא פון דער קרימינעלער קאַטאָרגע. אין די 90־ער יאָרן האָט זיך בינקין אומגע־קערט פון סיביר אַ טאָלסטאָיאַנער. האָט ער זיך באַזעצט אין וויט־באָניע, און איז געוואָרן אין פּאַדלאָ דער רופא פון דער אידישער אָרעמשאַפט. ער האָט ניט געגעסן קיין פלייש. ער האָט ניט גענומען קיין האָנאָראַר.

טיילווייז וועט בינקין זיין קאַבאַלקינס אונטערפירער צו דער רעוואָלוציע.

אין זיין קינדהייט האָט קאַבאַלקין ליב בינקינען פאַר זיין גוטס־קייט. ער איז אים דאַנקבאַר פאַר דער פרייד, פאַר דעם יום־טוב, וואָס ער ברענגט אַריין אין געוועלב, בעת אַ קינד איז קראַנק. נאָך גרעסער איז זיין דאַנקבאַרקייט צו אים (און דעריבער אויך נאָך טיפער זיין ליבשאַפט צו אים), אויב ער, קאַבאַלקין, איז דער איינציקער חולה און די שוועסטערלעך קאָנקורירן ניט מיט אים אין בעט.

דעמאָלט איז אים גוט, ווי די וועלט. ער איז דעמאָלט דער צענטער פון געוועלב.

בינקין קריכט אַרויף צו אים אויפן געלעגער, וואָס איז הויך כמעט אונטער דער סטעליע. ער גלעט אים. ער קושט אים. דאָס הערט ער אויס זיין קרענק. נאָך דעם, ווי ער גייט אַזוי דורך אַלע זיינע גלידער (וואו מיט אַ גלעט, וואו מיט אַ קוש), גיט ער אַ זאָג

צו דער פּאַרוויינטער מאַמען אין זיין גויאישן אידיש:

— דו גיב ניט צו פּאַרדינען דעם אַפּטייקער. דו גיב צו לייזן דער בהמה.

— דער יאַט — פּאַרטייטשט ער זיין ווערטל — דאַרף ניט קיין זאַלב. מילך דאַרף ער. הייסע מילך. די מילך וועט אים אַראָפּ־שווענקען די געשווילעכץ.

שטעלט אויך דער טאַטע אַריין אַ וואָרט:

— מיינע רייד! — זאָגט ער — איך טענה צו איר שטענדיק, צו מיין אידענע: „אַ קינד דאַרף האָבן ברויט און אַ בגד״. און זי — ווי נאָר אַ פּאַרקילונג, שרייט זי: „גאָט און אַ דאָקטאָר״.

די מאַמע, אַ באַרואיקטע, אַ געטרייסטע (וואָס איר בן־יחיד איז אויסער געפאַר), איז מכבד בינקינען מיט טיי אויפן וואַרשטאַט. טרינקט ער הייסע טיי און דערציילט מעשות וועגן קאַלטן סיביר.

איז בינקין דער איינציקער מאַנסביל, וואָס איז ביי זיי אַ גאַסט אויף כיבוד און וואָס רעדט מיטן טאַטן אַזוינע קלוגע רייד.

7

אויב דער ווינטער איז פאַר אים געווען אין זיין קינדהייט אַ דורשט נאָך לופט, אַ בענקשאַפט נאָך שניי, איז פאַר אים דעמאָלט דער זומער געווען אַ הונגער נאָך ברויט, אַ געלוסטונג צו געקעכץ.

דער אָנהייב פון זומער ווערט אויפגענומען ביי זיין טאַטע־מאַמע, ווי דער אָנהייב פון אַ מגפה: אז עס קומט אָן דער פרילינג, זיפצן זיי ביידע אים אויס אָנטקעגן אַ דועט:

— דער מלאך־המות גייט.

מיט דעם אָנקום פון פרילינג ווערט סומנע אין געוועלב. עס איז ניטאָ וואו אַהינצוטאָן זיך פון אומעט. באַלד שטעלט זיך דאָ אָפּ דער ריטם פון לעבן. דער טאַטע רירט זיך איצט צו זעלטן צו אַ קאַפּול ביים וואַרשטאַט. נאָך זעלטענער שטעלט איצט צו די מאַמע אַ קרופּניק ביים פייער. עס איז וויסט. אויפן דיל (ריכטיקער, אויפן זאַמד) איז ריין, ציכטיק: נישטאָ אויף אים קיין אָפּפאַל פון לעדער, קיין שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. ווייעט פון דער ציכטיקייט מיט איינ־זאַמקייט.

די מאַמע קרעכצט:

— אַפילו די מייז אַנטלויפן.

שמייכלט דער טאַטע:

— אויך די וואַנצן וועלן אַנטלויפן.

— מייז און וואַנצן — זאָגט דער טאַטע — זיינען די קליגסטע חיות. זיי ווייסן ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

— אַ מויז — דערקלערט ער — קערט זיך אָפּ פון אַ ליידיקער פּאָליצע. אַ וואַנץ האַלט זיך ניט אײַן אויף אַ דאַרן גוף.

דער פּריילינג איז אין געוועלב דער סימבאָל פון דלות. דאָס שטאַמט פון דעם, וואָס דער טאַטע איז אַ לאַטוטניק בלויז פאַר דער אָרעמשאַפט — פאַר דער גויאישער און אידישער.

ווי נאָר עס ווערט וואַרעם אין דרויסן, שטעלט זיך דער אָרעמער גוי אַרויס באָרוועס. און דער אידישער אָרעמאַן מאַכט ניט קיין וועזן פון אַ לאָך אין שוך, בעת דאָס וועטער איז שיין. בלייבט דעריבער דער טאַטע אָן אַ שטאָך מלאכה. איז ניטאָ אין געוועלב אויף אַ ביסל ברויט. ציט זיך דער הונגעריקער סעזאָן אין געוועלב אַזוי לאַנג, ווי דער באַרוועסער סעזאָן ביי זיין קליענטור — פון נאָך־פּסח ביז נאָך־סוכות.

פונדעסטוועגן טרעט ניט אָפּ דער טאַטע אויך אין דער דאָזיקער ליידיקער צייט אויף איין סעקונדע פונם וואַרשטאַט. טאָג־איין טאָג־אויס זיצט ער פון באַגינען ביז שטערן אויפן קלאָץ.

— יעדער מענטש — זאָגט ער — דאַרף האָבן זיין פּלאַץ. יאָ־פּרנסה, ניט־פּרנסה, פון בענקל טרעט ניט אָפּ.

אַמאָל טרייסט זיך דער טאַטע:

— אַ גביר קאָן אויסברעכן אַ פוס, וועט מען רופן ליישקען (רופט ער זיך אַליין אָן ביים נאָמען) אָפּשניידן דעם שוך.

נאָר באַלד איז זיך דער טאַטע מיאש אין אַזאַ מעגלעכקייט:

— די צרה איז — גיט ער גלייך צו — וואָס דער נגיד איז פאַרזיכטיק, אָפּגעהיט. ביז דער נגיד ברעכט אויס אַ פוס, גייט ביי דעם קבצן אויס דאָס חיות.

דער טאַטע איז זומער זייער דערשלאָגן.

אין די ערשטע עטלעכע וואָכן רעדט ער נאָך אויס אַמאָל אַ וואָרט. ער שעלט דעם פאַרגאַנגענעם יום־טוב:

— דער פּסח — שאָקלט דער טאַטע מיטן קאָפּ — פאַרצוקט ווי אַ חיה דעם קבצן. וואָס עס גייט אַוועק אויף איין וואָך מצה, וואָלט געקלעקט אויף צוויי חדשים חמץ.

אין די שפּעטערדיקע חדשים אָבער, ווען דער זומער גייט אַריין אין זיין פולער היץ, עפּנט דער טאַטע דאָס מויל בלויז ווען די מאַמע טרעט קעגן אים אַרויס מיט אַ טענה.

דער טריאָ (ער, קאַבאַלקין, און זיינע צוויי שוועסטערלעך) קלאַמערט זיך אָן דער מאַמען און רעוועט אויפן קול:

— גיב עסן.

זיצט בעת־מעשה דער טאַטע אויפן קלאָץ אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן וואַרשטאַט. דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּגעלאָזט אויף די לייסטן און די אויערן פאַרשטעלט ער מיט די דלאָניעס, ווי ער וואָלט ניט געזען און ניט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

אַמאָל טיילט אויס די מאַמע ברויט פאַר דעם טריאָ. אַמאָל פאַרגייט זי זיך אין אַ געוויין פאַר דעם טאַטן:

— זאָג מיר, ליישקע, וואָס וועט זיין דער תכלית? די קינדער וועלן דאָך אַזוי אויסגיין. אַז איך שנייד זיך די פינגער, רינט פון זיי ניט קיין בלוט.

ענטפערט דער טאַטע מיט גראַמען אויף דעם געוויין פון דער מאַמען:

— פון אַ לאַטע קאָן מען ניט זיין קיין טאַטע.

— פון אַ פלעקל און אַ טשוועקל האָט מען ניט קיין ברעקל.

סטראַשעט די מאַמע דעם טאַטן:

— געדענק, ליישקע, דו וועסט חרטה האָבן אויף דיין חכמה. איך וועל זיך אָנטאָן אַ מיתה.

ווערט דער טאַטע בייז:

— הער אויף סטראַשען — שרייט ער אָן אויף דער מאַמען — ביסט אַ חכמה. ווער איז דיר שולדיק, אַז דו ביסט איינגעשפּאַרט ווי אַ דראַטווע?

— וויבאַלד עס האָט זיך געפונען אַ פלימעניק, וואָס איז גרייט צו שיקן אַ שיפס־קאַרטע, דאַרף איך פאָרן קיין אַמעריקע. אָט־דאָס־אַ איז דעה תכלית. איז רעד צו דיר און רעד צו אַ גביר.

— מען דאַרף זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזים. פון אַ לאַטע פאַר אַן אביון וועסטו קיינמאָל ניט האָבן קיין וואַסער אויף קאַשע. און אויף אַ שוך פאַר אַ נגיד דאַרף מען האָבן לעדער מיט אַ מאַשין. איז פונוואַנען וועסטו עס נעמען? פון דיין נדן? פון מיין ירושה?

צעכליפּעט זיך נאָך שטאַרקער די מאַמע:

— ווי וועל איך דאָ בלייבן ווי אַ שטיין מיט דריי פּיצלעך קינדער?

ווערט דער טאַטע נאָך בייזער:

— און אַז איך וועל שוין זיצן ביי דיין פאַרטוך, איז וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען פאַר די קינדער? ווי זאָגן דיינע פרומאַקעס אין זייער תורה: „אַן אָרעמאַן איז פאַררעכנט פאַר אַ טויטן".

צווייטער קאַפּיטל

1

אַז ער איז אַלט געוואָרן, קאַבאַלקין, זיבן יאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען אין תלמוד־תורה. דאָס איז געווען זומער.

לויט דער אידישער טראַדיציע האָט ער אייגנטלעך פאַרשפּעטיקט זיין בילדונג אויף זעקס חדשים. באַדאַרפט האָט ער (ווי עס איז געווען דער מנהג צווישן אידן) אָנהויבן צו גיין אין חדר נאָך אין דעם פאַריקן ווינטער, בעת ער איז אַלט געווען זעקס און אַ האַלב יאָר. נאָר עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט צווישן דער אור־אַלטער אידישער טראַדיציע און זיין, קאַבאַלקינס, הויט־באַקעט לייב: עס האָט אים אויסגעפעלט אַ וואַרעמער בגד. האָט זיין באַקעט לייב באַזיגט די אידישע טראַדיציע: אַנשטאָט אַרויסצוטרעטן אויף גאָט'ס וועג אין דער ריכטיקער צייט, איז ער פאַרבליבן אויף נאָך אַ ווינטער אונטערן טאַטנס וואָרשטאַט.

די תלמוד־תורה געפינט זיך אויף פּאַדלאָ אין דעם בית־המדרש פאַר גאַרבער און שינדער. אין דער זעלביקער תלמוד־תורה לערנען דעמאָלט וואָסערע 20 יאַטן. זיינען זיי מיט אים, מיט קאַבאַלקינען, מערסטנס אין איין עלטער. זיי זיינען אויך אַלע מיט אים פון איין שטאַנד: קבצנ'ישע, באַלמעלאָכישע קינדער. און כמעט אַלע האָבן זיי דעם זעלביקן פּאַסאָן, וואָס ער אין דעם טואַלעט: ניטאָ אויף זיי דער סימן פון שוכוואַרג, פון הויזן, באַרוועסע, אין איינע העמדער, ווי צונויפגעשטשאַבעטע תכריכים, און אין ווינטערדיקע היטלען. די היטלען זיינען אָפּגעטראָגענע, אויסגעבאַרגטע: זיי געהערן צו די קעפּ פון די טאַטעס. כדי זיי זאָלן זיך האַלטן אויף די קעפּלעך פונם קליינוואַרג זיינען זיי אינעווייניק אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּיר און שמאַ־

טעס. נאָר די היטלען זיינען אַזוי ברייט און טיף, אַז אַפילו מיט דעם אָנשטאָפּעכץ שלינגען זיי איין דאָס קליינוואַרג: זיי ליגן אויף זייערע קעפּלעך ווי מאַסקעס: אַראָפּגערוקט איבער די אויגן און אויערן.

אויף דעם היטל־פּונקט צייכנט זיך קאַבאַלקין אויס פון די איבעריקע תלמוד־תורה יאַטן מיט זיין אָריגינאַליטעט: די קרוין פון זיין זומערדיקן הילוך (אַ באָרוועסער, אין איין העמד) איז אַ באַראַש־קענע קוטשמע. דאָס האָט אים דער טאַטע, אין דעם טאָג וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען אין תלמוד־תורה, אַוועקגעשענקט די פּאַפּאַכע, וואָס ער אַליין האָט געטראָגן אונטער דער חופּה.

איז פאַר דעם זיבן־יאָריקן קאַבאַלקינען די קוטשמע — אַ קמיעה: אַ סגולה צו פּרנסה.

זינט ער איז אַריין אין דער גאַרבערשער שול, איז ער כמעט אַראָפּ פון דער מאַמעס קעסט. עטלעכע מאָל אין טאָג לאָזן זיך אַרויס די תלמוד־תורה יאַטן איבער די געוועלבלעך, ווי אַ סטאַדע הינט איבער די יאַטקעס, זיי זוכן שפּייז, זיי זיינען הונגעריק. גייט ער מיט מיט די חברים. העלפט אים אַרויס (אין זיין געיעג נאָך אַ ביסן) דער צודעק אויף זיין קאָפּ: ער איז קאָמיש (צוליב דעם קאָנטראַסט אין זיין הילוך). וועקט ער צו זיך מיטלייד ביים שוועל פון אַ געוועלבל. אַ קרעמערין באַדויערט אים:

— אינגעלע, אין אַזאַ היץ וועט דיין מאַרך צעפּרייעט ווערן אונטער דער קוטשמע.

און פון רחמנות־וועגן (וואָס אים מוז נעבעך זיין הייס אין קעפּל) דערלאַנגט אים די גוטהאַרציקע קרעמערין אַ פאַרדאַרטן בייגל, אַ צוגעפוילטן עפּל.

יענער זומער (זיין ערשטער זמן אין תלמוד־תורה) איז אויך דער אָנהייב פון זיין שפּעטערדיקער וואַנדערלוסט. אין תורה ציט ער זיך נישט אַריין. פון געוועלב שלאָגט ער זיך אָפּ. ער איז דעמאָלט שטענדיק אונטערוועגנס. וואַנדערט ער ניט אַרום מיט די יאַטן איבער די געוועלבלעך פון פּאַדלאָ, כדי צו שטילן זיין מאָגן — וואַנ־דערט ער אַרום אַליין איבער די גאַסן פון שטאָט, כדי צו זעטיקן זיין אויג.

פּאַדלאָ, וואָס איז דער קוואַרטאַל פון דער אָרעמשאַפט, איז אַ טאָל מיט דעם אָנבליק פון אַ הייל: אַ יאָמער־טאָל. איבער דעם

יאָמער־טאָל איז דער שטאָט־צענטער ; די סמאָלענסקער גאַס. דאָ־אָ איז דער מאַגיסטראַט, די פּאָליציי, די פּאָסט, די רייכסטע מאַגאַזינען, דער גרעסטער פּאַרקער, די העכסטע מויערן. פּאַרבייגייער און דורכ־פּאָרער. אַלע אַזוינע יום־טוב׳דיקע, פּאַרפּוצטע. דער אַרױפגאַנג פון פּאַדלאָ־טאָל אין שטאָט־צענטער איז אויף אַ לייטער. קלעטערט ער אַריבער, דער תלמוד־תורה׳ניק, די לייטער, שטעלט זיך אַוועק אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע אין דעם געדרענג פון דער סמאָלענסקער גאַס און קוקט שעה׳ן־לאַנג אויף דעם גרויס־שטאָטישן ריטם. עס ציט אים, דעם באָרוועסן, נאַקעטן, הונגעריקן יאָט צו די פּאַראַלעלע ליניעס פון די טראָטואַרן, צו די בונטע קאָלירן פון די מענטשן : קאַפּעלושן, אוניפאָרמען. ער אָטעמט אין זיך אַריין אַלע פאַרבן, אַלע גאַמען.

זיין הויפּט־אינטערעס אָבער אויף דער סמאָלענסקער גאַס איז בראַזיטס רעסטאָראַן אַנטקעגן דעם שטאָט־זייגער. דער דאָזיקער רעס־טאָראַן איז אַ טעראַסע, וואָס איז דרויסן באַדעקט מיט אַ דאַך פון גלאָז און אינעווייניק פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט פון פּאַלמען. שטענדיק שטראַלט פון דאָרטן אַ גרינע ליכט. אַפילו אינמיטן טאָג טראָגט זיך פון דער טעראַסע מוזיק און געזאַנג. דאָס איז אַ שפּייז־רעסטאָראַן פאַר נאָבל־לייט. אונטער די שאָטנס פון די פּאַלמען פראַווען פּריצים און פּריץ׳טעס מאָלצייטן. אויך קינדער, וואָס זיינען מיט קאַבאַלקינען אין איין עלטער, זיצן סטאַטעטשנע אונטער אַ פּאַלמע און ריכטן אָפּ זייער סעודה. פּריצישע קינדער. גייט דורך פאַרביי דער טעראַסע אַן אָרעמאַן, אַ גוי צי אַ איד, אַנטבלויזט ער (דער אָרעמאַן) דעם קאָפּ און פאַרנויגט זיך ביזן גאַרטל. אויך פאַר קלייניטשקע פּריצימלעך בוקן זיך דערוואַקסענע מענטשן.

ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס וואָלט קאַבאַלקינען דעמאָלט אַזוי צופרידנ־געשטעלט, ווי אַרויפטרעטן אויף דער טעראַסע פון בראַזיטס רעסטאָ־ראַן און אַוועקזעצן זיך ביי אַ פּאַלמע, ווי אַ פּריץ׳יש קינד.

2

איינמאָל שטייט ער אַזוי, דער זיבן־יאָריקער קאַבאַלקין, ביי דער טעראַסע פון בראַזיטס רעסטאָראַן, און ער טרוימט זיין טרוים וועגן דער ראָל פון אַ פּריץ׳יש קינד. דאָס איז געווען אין אַ שבת׳דיקן אינדערפרי. דערהערט ער אַ שטים אין אַ גויאישן אידיש :

— עי, איציק, קום הער.

דאָס ווינקט צו אים פון דער טעראַסע אַ פריץ. ער מאַניעט אים צו זיך מיט אַ פינגער. דער פריץ איז ניט קיין יונגער. אַ בערדיקער, אַ בייכיקער. אין אַ מונדיר מיט עפּאָלעטן און אין הויזן מיט לאַמפּאַסן.

מיינט קאַבאַלקין, אַז נישט אים מיינט דער פריץ: ער הייסט דאָך וועלוול, ניט איציק.

מאַניעט אים דער פריץ צו זיך שוין מיט בײדע הענט און ער רופט אים אָן מיט אַן אַנדער נאָמען:

— עי, סרוליק, קום הער.

נעמט זיך קאַבאַלקין אָן מיט מוט. ער גייט־איין אויף דעם רוף פון דעם פריץ. טראַכט דעם, וואָס זיין נאָמען איז ניט סרוליק. ער שפּאַנט אַרויף אין זיין הילוך אויף דער טעראַסע. עס איז אים וואויל. ער האָט דערגרייכט זיין באַגער. ער באַטרעט די טעראַסע.

האָט ער באַלד חרטה אויף זיין טאַט. ער דערזעט זיך אין אַ שפּיגל: די פּיסלעך שמוציק. דאָס העמדל ברודיק. און אויפן קעפּל די קוטשמע, ווי אַ קוימען. פון די פּאַלמען קוקן אויף אים פּריצים און פּריצ׳טעס און שמייכלען. פאַרשעמט ער זיך. דערשרעקט ער זיך. אַנטלויפט ער צוריק צום אַרויסגאַנג. פאַרכאַפּט אים דער פּריץ פאַרן קאָלנער אינם געלאָף פון דער טעראַסע.

— דו וויל, סרוליק, אַ „מאַנעטקע״ (אַ מטבעה׳לע)?

עס ציטערט אויף קאַבאַלקינען די הויט. פונדעסטוועגן ציט ער אויס אַ האַנט נאָך דער נדבה.

ווערט דער פריץ בייז. ער שרייט אויף אים:

— דו קליינער שאַכער־מאַכער. דו וויז פריער אַ קונץ — דער־נאָך דו קריגן אַ קאָפּיקע.

לאָזן זיך אַרויס די איבעריקע פּריצים פון צווישן די פּאַלמען. זיי רינגלען אים אַרום, דעם זיבן־יאָריקן קאַבאַלקינען, אין רייען, אין רינגען. ער איז אין געפאַנגענשאַפט. און ראַטעווען זיך קאָן ער ניט.

דערוויל קומען עפּעס פאַר מאָדנע הכנות. דער פּריץ (וואָס האָט אים אַריינגענאַרט אויף דער טעראַסע) לייגט אַוועק אַן איי אויפן דיל. פאַרקאַטשעט ער, דער פּריץ, קאַבאַלקינען דאָס העמדל און ער באַ־זעצט אים ראקום איבערן איי. דערביי מושטירט ער אים, אַז בעת ער זיצט אַזוי זאָל ער עס ניט אָנרירן, ניט צעקוועטשן מיטן הינטן.

האָט קאַבאַלקין מורא, אַז אין אַזאַ פּאָזיציע זאָל ער דאָ אָפּטאָן אַ ניט־שיינע זאַך פאַר די גרויסע לייט אין די אויגן. די פּריצים קאַטשען זיך פון געלעכטער. ברעכט עס אויס, דאָס האַלב־נאַקעט אינגל אין דער זיצנדיקער פּאָזע, אין אַ געוויין פון בושה, פון אימה. וואַרפט אים דער פּריץ אַרויס אין דרויסן.

אַז די מעשה דערגרייכט אין פאַדלאַ, באַקומט קאַבאַלקין דאָרטן אַ צונעמעניש. קליינוואַרג זינגט וועגן אים אַ לידל:

„וועלוול, וועלוול, לייג אָן איי.
היינט איינע, מאָרגן צוויי.

דער דאָזיקער פּריץ איז דאָס געווען דר. טעאָדאָראָוויטש, וואָס וועט אינם 19טן יאָר דערשאָסן ווערן פאַר אַ מאַנאַרכיסטישן אויפ־שטאַנד. דעמאָלט איז ער געווען דר. טעאָדאָראָוויטש, דער שטאָ־טישער דאָקטאָר. אַ רוסיפיצירטער פּאָליאַק. ביי אים איז עס געווען אַ שפּיל אַזאַ: דינגען אַ אידן און אַוועקזעצן אים אין אָן עפּנטלעכן פּלאַץ, ווי אַ הון אויף אייער. דערהויפּט האָט ער זיך געיאָגט, דער דעגענעראַט, דוקא נאָך אַ קריפּל פאַר זיין שפּיל. דער קליינער קאַבאַלקין האָט מסתמא ביי אים אויסגענומען מיט זיין עקזאָטישן גאַנג: אַ נאַקעטער אין אַ פּאַפּאַכע. דאָס פאַרגרעסערט דעם חוזק...

3

בלויז אין צייט פון יאָר וועט זיך אָפּשטעלן באָריס קאַבאַלקינען אין זכרון פון זיין וייטער קינדהייט, ווי אָן אידיליע: דאָס איז אינמיטן האַרבסט. די עטלעכע וואָכן פון די געדיכטע, קאַלטע, האָגלדיקע רעגנס, וואָס זיינען די פאַרגענגער פון די גרויסע פרעסט. דאָס איז געווען אין געוועלב די געוואָרטע צייט, די געגאַרטע: די צייט פון זעט, פון פריידן, פון פריידן.

נאָך אין אָנהייב פרילינג וואַרט די מאַמע מיט אומגעדולד אויף דעם אינמיטן האַרבסט:

— ווי דערלעבט מען שוין דעם אָסיען — שטופּט זי די חדשים.
— עס קומט דער אָסיען איז פאַרט פאַר די קינדער אַ שטיקל דאַטשע.

דער טאַטע איז אין יענע טעג פאַרוואָרפן מיט מלאכה. ער האַרעוועט דורכן מעת־לעת. ער קריכט אפילו אַריין מיט אַ דראַטווע אין שבת. דער טאָג איז קורץ. און אַרבעט — אַזוי פּיל. עס איז די צייט, וואָס די אָרעמשאַפט קליגערט זיך צו באַשוכן מיט קאַמבי־

נאַציעס. עס איז דער גרויסער סעזאָן פון לאַטעס. ביי די אידישע קבצנים צוליב די וועטערן. ביי די דאָרפישע פויערים צוליב די חתונות. עס איז די צייט, וואָס דער פויער פאַרט זיך. נויטיקט זיך אַ חתן אַזאַ אין אַ לאַטע אויפן שטיוול: שוכוואַרג אין דעם רייסישן דאָרף איז דעמאָלט געווען דער עיקר אַ זאַך פון פרעסטיזש, פון אַמביציע.

אין פאַדלאַ איז בלאָטע. אין געוועלב איז אַ טייך. דאָס וואַסער איבער דעם דיל (איבער דעם זאַמד) איז באַלייגט מיט אַפּפאַל פון לעדער. אינמיטן טאָג צאַנקט אַ לעמפל אויפן וואַרשטאַט. דאָס לעמפל פלעמלט ווי אַ יאָרצייט. דאָך איז אין געוועלב אַזוי פריילעך אַט־די פאַר וואָכן. שטענדיק פרעמדע מענטשן. פון באַגינען ביז ביינאַכט וואַרטן קונדן קאָפּ אויף קאָפּ: אידן, גוים. איעדער איינער וויל וואָס שנעלער זיך אַריינשטעלן אין דער פאַרלאַטעטער פאַר. און די דאָזיקע פרעמדע מענטשן זיינען אַזוינע נאָענטע, אייגענע.

די אידישע קבצנים זאָגן ווערטלעך. ווער עס שפּאַט פון משיח׳ן. ווער עס לאַכט פון גאָט:

— דער אָרעמאַן וועט אַלעמאָל גיין באָרוועס. אפילו אַז משיח וועט שוין רייטן אויפן אייזל.

— גאָט איז רייך אויף אידעלע מאַטעריעס, ניט אויף פּראָסטע שטיוול.

די דאָרפישע פויערים ברענגען מתנות. ווער עס טראָגט אַריין אַ פאָר קאַרטאָפל. ווער עס דערלאַנגט אַן איי:

— באַקרעפּטיק, ליישקע, דיין שטאָם מיט אונזערע פויערשע פּראָדוקטן.

— פאַרשענער, ליישקע, דעם אַפּצאַס מיט דיינע גאָלדענע פינגער.

די קאַרטאָפל עסט מען אַריין באַלד. די אייער לייגט אָפּ די מאַמע אויף אַ תכלית:

— נאַשן — זאָגט זי — איז קיין קונץ ניט.

דער מאַמעס תכלית איז (דעמאָלט אינמיטן האַרבסט) קאַבאַלקינ׳ס רבי:

— דאָס — ציילט זי די אייער — וועט זיין צו־שטייער אויף שכר־לימוד.

אַז די אייער דערגייען ביז אַ צענדליק, טראָגט זיי אַרויס די מאַמע פאַרקויפן אויפן מאַרק.

דער טאַטע חוזק׳ט פון דער מאַמען, וואָס זי זאָרגט זיך פאַרן שכר־לימוד. ווי זיין שטייגער איז, בעת עס האַנדלט זיך וועגן כלי־קודש.

— דער פויער, לעצעוועט דער טאַטע, איז דאָך ניט געשטאַנען אויפן באַרג סיני, איז פאַרוואָס זאָל ער אויסהאַלטן דעם מלמד?

נאָר די מאַמע פאַרשווייגט אין דער דאָזיקער צייט דעם טאַטן זיין אַפּיקורסות. עס איז ניט קיין צייט פאַר מחלוקה, בעת אין פרנסה איז מען ניט זשעדנע.

און אים, קאַבאַלקינען, איז דעמאָלט וואויל: ער איז שטאָלץ, וואָס זיין טאַטע איז אַזאַ מייסטער. ער איז גליקלעך, וואָס אין געוועלב איז אַזאַ שפע. עס איז אים אויך וואויל, וואָס צווישן טאַטע־מאַמע איז אין אַט־די טעג אַ גוט לעבן. די מאַמע דערמאָנט כסדר דעם טאַטן:

— ליישקע, נעם אַ קאַרטאָפּליע.

4

איז געקומען אַ צייט אַזאַ, וואָס פון געוועלב האָט זיך אָפּגעטאָן די פרייד פון האַרבסט. ער, קאַבאַלקין, איז שוין דעמאָלט אַלט געוועזן ניין יאָר.

עס איז געוועזן אַ האַרבסט, ווי אַלע יאָר אין האַרבסט: דרויסן (אין פאַדלאָ) בלאָטע און קעלט. אינעווייניק (אין (געוועלב) פינצטער און נאַס. און ווי אין יעדן האַרבסט איז אין געוועלב — אַ בהלה אויף לאַטעס.

קערט זיך אום אין אַ טאָג אַזאַ דער טאַטע פון מאַרק און טראָגט אונטער אַ נייעס דער מאַמען:

— פּערל! — רופט ער אויס — דו זאָלסט וויסן זיין, אַז פון היינט אָן שיק איך דעם וואַרשטאַט אין דר׳ערד. אויס מיט דער שפּיל: „אַ באַלעבאָס פאַר זיך". איך וועל אָנקומען פאַר אַ „מענטש" צו יענעם. עס דאַרף דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף צו אַזאַ שפּיכת־דם. ווי לאַנג קאָן דאָס אַ איד אויסהאַלטן?

דערביי איז ער ווילד, דער טאַטע. פאַר די קינדער אין די אויגן ברעכט ער די לייסטן פון וואַרשטאַט. שליידערט דאָס געצייג אין אָפּפאַל. ער מאַכט אַ חורבן אין געוועלב. דאָס קליינוואַרג דערשרעקט זיך פאַרן טאַטן. עס רעוועט:

— מאַמע, טאַטע.

הענגט זיך אָן די קליינטשקע מאַמע אויף דעם לאַנגן טאַטן:

— ליישקע. וואָס ביסטו משוגע געוואָרן? וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?

שטייט דער טאַטע אָן איינגעקלאַמערטער און רעדט, ווי אַ פאַר־כלינעטער:

— מיט מיר האָט גאָרנישט געטראָפן. מיט מיר האָט געטראָפן, וואָס עס טרעפט מיט מיר יעדן טאָג. אַמאָל מוז עס דאָך פּלאַצן. האָט עס היינט געפּלאַצט.

— איך קום אַריין צו ברונימען אין קראָם — דערציילט דער טאַטע — נעמען אויף באָרג צוויי פּאַדעשוועס. געטרויט ער מיר, דער ליבהאַרציקער הערטשע, נאָר איין פּאַדעשווע: „די צווייטע פּאַ־דעשווע — זאָגט ער — וועסטו באַקומען, אַז דו וועסט איינצאָלן פאַר דער ערשטער." טענה איך: „איך נעם דאָך די פּאַדעשוועס ניט פאַר מלאכים. אַ מענטש האָט צוויי פיס. טראָגט ער צוויי שיך. אַז איך וועל ניט דערלאַנגען ביידע שיך, וועל איך ניט באַקומען קיין מלאכה־געלט. איז פונוואַנען וועל איך באַצאָלן פאַר איין פּאַדעשווע, אויב איך וועל ניט קריגן אויף באָרג לעדער מיטאַמאָל אויף ביידע שיך? איז רעד צו ברונימען און שריי צו גאָט. אַזוי יאָר־אויס, יאָר־איין, טאָג־איין, טאָג־אויס.

און דער טאַטע ווערט ווידער סטראַשנע. ער רייסט זיך פון דער מאַמעס הענט:

— איך בין — שרייט ער — שוין גאָר ניט משוגע. משוגע זייט איר אַלע. דעם גאַנצן פּאַדלאַ־צעך דאַרף מען אַפּשיקן אין אַ משוגעים־הויז. מענטשן האָבן זיך איינגערעדט, אַז אַ קבצן קאָן זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך. אום צו זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך דאַרף מען האָבן קערעוואַניע, ניט חכמה. און איז דער גאַנצער אייגנס פון אַ מענטשן נאָר זיינע צען פינגער, איז שוין גלייכער פאַר אַזאַ מענטשן צו זיין אַ „מענטש" ביי יענעם.

— איך וועל בעסער אַרבעטן ביי יענעם 20 שעה אַ טאָג — פּאַכעט דער טאַטע מיט זיינע לאַנגע הענט — איידער שמייכלען ברונימען איין רגע אַ וואָך, און דער קאָפּ זאָל דיר דרייען ביינאַכט, צי עס וועט דיר קלעקן די לאַטע בייטאָג.

בעט זיך די מאַמע:

— ליישקע, באַטראַכט וואָס דו רעדסט. אַז מען זיצט ביי אַן אייגע־

נעם וואַרשטאַט, קאָן נאָך גאָט פאָרט ווען עס איז אַריינשיקן אַ שטי־קעלע הצלחה.

רייצט זיך דער טאַטע:

— נו, אדרבה, זיי אַ בריה און רייד זיך דורך מיט דעם אויבערשטן. זאָל ער מיר אַראָפּלאָזן פון הימל פּאַדעשוועס און איך וועל אים אַריבערפּעקלען פון געוועלב שוכוואַרג.

לאָזט די מאַמע ניט אָפּ דעם טאַטן:

— שכירות, ליישקע, איז געגליכן צו קצבה: דאָס איז אַ געציילטער גראָשן.

זידלט אָן דער טאַטע דער מאַמען:

— דו ביסט, פּערל, אַ נאַר. ביי אַ רייכן באַלעבאָס קאָן מען נאָך אַמאָל אַרויסרייסן אַ הוספה. אויף וואָס אָבער קאָנסטו זיך ריכטן פון אַזאַ שלימזל — וויזט ער אָן אויף דעם וואַרשטאַט — ווי אָט־דער פינצטערער דלפן?

ברעכט אויס די מאַמע אין אַ יאָמער:

— אַ טאַטע פון דריי קינדער קומט אָן פאַר אַ „מענטשן״ . . .

נאָר דער מאַמעס געוויין האָט ניט געהאָלפן. דאָס איז געווען דער לעצטער טאָג, וואָס דער טאַטע איז געווען אַ לאַטוטניק פאַר זיך. אַז הערטשע ברונים האָט אים אָפּגעזאָגט אין קרעדיט אין זיין לעדער־קראָם, האָט ער זיך ביי אים אָנגעשטעלט פאַר אַ „מענטש״ אין זיין שוך־פאַבריק.

5

דעם טאַטנס אַריבערגאַנג פונם אייגענעם וואַרשטאַט (פון אַ באַלעבאָס פאַר זיך) אין הערטשעס שוסטאַרניע (אין אַ „מענטש״ ביי יענעם) גייט ניט דורך גלאַטיק די ערשטע צייט, ניט פאַר דעם טאַטן, ניט פאַר דער מאַמען, ניט אַפילו פאַר דעם קליינוואַרג. פאַר דער גאַנצער פאַמיליע איז דעמאָלט דער דאָזיקער אַריבערגאַנג פון איין קלאַס אין דעם אַנדערן (פון אַ באַלעבאָס אין אַ „מענטש״) זייער אַ טרויעריקער — אַ פאַטאַלער, אַ פאַרצווייפלטער. אויב ניט מאַטע־ריעל, איז גייסטיק.

דער טאַטע, וואָס איז אַזאַ דימענט, לאָזט זיך אָפּ מאַראַליש: ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ זיין פאַמיליען־פליכט.

די מאַמע, וואָס איז אַזאַ בריה, ברעכט צונויף פסיכיש: זי פאַלט

אַריין אין אַ מרה־שחורה.

זינט דער טאַטע האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַ לוין־אַרבעטער, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דער היים־אַטמאָספער. ער איז באַלד פאַפרעמדט געוואָרן צו דער פאַמיליע. ער זעט זיך כמעט ניט אָן אין געוועלב.

עס האָט זיך איינגעשטעלט דער ווינטער. דער ווינטער איז דאָס יאָר אַזאַ, ווי ער איז יעדעס יאָר פאַר אָרעמע לייט: אַ שטאַרקער, אַ בייזער, אַ שווערער.

פרי פאַרטאָג לאָזט זיך שוין דער טאַטע אַרויס אויפן פראָסט. עס איז ניט ווי אַמאָל, בעת דער טאַטע איז געזעסן אויף זיין איי־געגער קלאָץ. איצט פאַרמאָגט ער ניט קיין אייגענע צייט. אום זעקס באַגינען דאַרף ער זיין ביי דער מלאכה. דאָס איז אין דער שוך־פאַבריק דער אָנהויב פון דעם אַרבעטס־טאָג. האָט ער דורכצוגיין אַ לאַנגן וועג: די שוסטאַרניע איז ביי דער טורמע. דאָס קומט אויס אויפן צווייטן עק שטאָט.

אַהיים קערט זיך אום דער טאַטע מערסטנס שפּעט ביינאַכט. ער האָט זיך געמאַכט אַ טבע (זינט ער איז געוואָרן אַ פּועל) נאָך דעם אַרבעטס־טאָג צו פאַרברענגען דעם אָוונט מיט אַ גוט־ברודער אין שענק: ער בענקט נאָך זיין וואַרשטאַט, נאָך זיין זעלבסטשטענדיקייט.

זעקס טעג און זעקס נעכט אין דער וואָך אַזוי. אויך שבת־נאַכט איז דער טאַטע אין שוסטאַרניע. בלויז פרייטאָג צו נאַכט און שבת בייטאָג איז דער טאַטע אין געוועלב.

איז די מאַמע איצט שטענדיק אַ דערשלאָגענע, אַן אָפּגעלאָזטע. זי לייגט אַריין האַלץ אין אויוון און פאַרגעסט אונטערצולייגן דאָס פייער. זי פאַרבעט דאָס בעט און פאַרגעסט איבערצושפּרייטן די שמאַטעס. אַמאָל איז דער אויוון אינגאַנצן ניט דערוואַרעמט און דאָס בעט אינגאַנצן ניט איבערגעבעט. עס פאַלט ביי איר פון די הענט. זי בלאָנדזשעט כסדר אַרום איבערן געוועלב (וואָס זיין גאַנצער פאַר־נעם איז דער אויוון און דאָס בעט), ווי איבער אַ לאַבירינט. דאָס בענקט זי נאָך דעם טאַטן.

איר פאַרטרויאונגס־מאַן פאַר איר ווייבערשער בענקשאַפט איז איר בן־יחיד, דער נייו־יאָריקער קאַבאַלקין. פאַר אים גיסט זי עס אויס איר האַרץ:

— דו געדענקסט, מיין זון, — רעדט זי צו אים, — ווי גוט עס

איז געווען, אַז דער טאַטע איז געווען אַ היימיקער? עס איז געווען אַ לעבן. עס איז געווען פּריילעך. עס זיינען אַריינגעקומען קונדן.

כדי צו פאַרשטעלן די בענקשאַפט נאָך דעם טאַטן, גייט די מאַמע אַריין מיט דעם זון אין אַ חשבון וועגן דער הוצאה:

— אַז דער וואַרשטאַט און דער אויוון — דערוויזט זי איר רעכענונג — איז געווען איין זאַך, ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער, האָב איך זיך נאָך ווי עס איז געקאָנט קערעווען. איך האָב געוואוסט, ווען צו הייצן. איך האָב געוואוסט, וואָס צו קאָכן.

— איצט — פאַרענטפערט זי איר אָפּגעלאָזנקייט — ווייס איך גאָר ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין.

אין איר בענקשאַפט נאָך דעם טאַטן קלאָמערט זיך די מאַמע אין דעם קליינוואַרג. זי האָט מורא געקראָגן צו זיין אַליין. מאַכט זי ניט אַ טראָט אָן אַ קינד. גייט זי אין קראָם, נעמט זי מיט איינע פון די צוויי מיידלעך. אַמאָל ביידע. גייט זי אין מאַרק, נעמט זי מיט אים, דעם זון. כדי צו ראַטעווען זיך פון איר איינזאַמקייט, שאַנעוועט ניט די מאַמע דאָס קליינוואַרג אפילו פון אַ פאַרקילונג. נאָך מער ווי די איבעריקע קינדער לאָזט די מאַמע ניט אָפּ פון זיך אים, קאַבאַלקינען. זי זאָגט צו אים יעדן טאָג:

— נישקשה, מיין זון, אַז דו וועסט היינט ניט גיין אין חדר.

דערהויפּט פאַרבענקט זיך די מאַמע נאָך דעם טאַטן, בעת דעם געוועלב באַפאַלט די נאַכט. דעמאָלט טוט זי זיך אָן, ווי אַ ריכטיקע באַלעבאָסטע, כדי אויסצוזען, ווי אַ געטריי ווייב: צו דעם פאַרשמאַדערטן לייבל בינדט זי צו אַ ריינעם פאַרטוך. און זי הערט ניט אויף נאָכצופרעגן ביים קליינוואַרג:

— וואָס איז עס, קינדער, פאַר אַ מעשה, וואָס מען זעט נאָך ניט דעם טאַטן?

נאָר די נאַכט פאַרציט זיך. און דער טאַטע באַווייזט זיך ניט.

אין געוועלב איז חושך. דער חושך איז זייער אָן אומעטיקער — מיט אַ פלעמעלע אינמיטן. אויפן קאַסטן, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „וואַרשטאַט", רויכערט אַ לעמפל. דאָס קנויטל איז אינעם לעמפל ניי־דעריק אַראָפּגעדרייט. די גלאָז איז געדיכט פאַרטשאַדעט. ער, קאַ־באַלקין, האָט דעמאָלט אַ ביכל מיט געמעלן. האָט ער זייער ליב צו קוקן אויף אַ בילד ביים פּייער. לאָזט אים ניט די מאַמע אַרויס־דרייען אינעם לעמפל העכער דאָס קנויטל:

— דער טאַטע — זאָגט זי — וועט קומען, וועט ער מאַכן ליכטיק.

אַז די מאַמע דערוואַרט דעם טאַטן אין אָוונט, איז זי אַזוי היס־טעריש, אַז זי געפינט פאַר זיך ניט קיין פלאַץ אין געוועלב. זי איז אומרואיק. זי איז אומגעדולדיק.

זי קלעפּט זיך צו מיטן פּנים צום פאַרפרוירענעם פענצטער:

— איך וואָלט שווערן — רופט זי אויס מיט פרייד — אַז דער טאַטע גייט.

אַז פון איר שבועה לאָזט זיך אויס אַ שאָטן, קריכט די מאַמע אַריין מיטן קאָפּ אין דעם אויסגעלאָשענעם אויוון:

— דער קרופּניק איז ווי אייז. — רעדט זי אַרויס מיט אַנגסט — און פון דעם טאַטן איז נאָך ניטאָ קיין סימן.

דאָס קליינוואַרג איז מיד. די אויגעלעך קלעפּן זיך. וועקט די מאַמע די קינדער:

— ווערט ניט אַנטשלאָפן, קרוינעלעך. באַלד וועט דער טאַטע קומען.

די נאַכט אָבער שטייט ניט. און דער טאַטע קומט פאָרט ניט. האַלטן ניט אויס די מיידעלעך. זיי פאַלן, ווי אָנגעפּעלצטע קוקלעס. בלויז קאַבאַלקין איז אויף דער וואָך מיט דער מאַמען, כדי צו באַגע־געגנען דעם טאַטן. ער רייסט פון זיך דעם שלאָף: ער איז אין געוועלב דער צווייטער מאַן, דאָס עלטסטע קינד.

ענדלעך עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער טאַטע. דער טאַטע איז פריילעך. ער טאַנצט אונטער פון קעלט. ער זינגט אויס מיט אַ ניגון:

— אַ גוטינקער נ'אָוונט, ווייב און קינדערלעך.

ביי דעם טאַטן איז עס אַ געמאַכטע שמחה, אַן אויפגעשרויפטע. דאָס געזאַנג בלייבט ביי אים שטעקן אין האַלז. ער שטייט פאַר דער מאַמען מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

און די מאַמע, וואָס האָט געוואַרט אויף דעם טאַטן מיט אַזאַ אומגעדולד, ענטפערט אים ניט אויף זיין באַגריסונג. זי גרייט אפילו ניט פאַר אים צום טיש. אין איר פולער אָנטועכץ וואַרפט זי זיך אַריין אין בעט אויף דער זייט פון די מיידעלעך. איר פּנים קערט זי אום צו דער וואַנט. איר קאָפּ גראָבט זי איין אין „סעניק" — אין היי־קישן.

אויך דער טאַטע ציט זיך אויס אין זיין אַנטועכץ אויף דעם זעלביקן בעט. זיין פּלאַץ איז אין בעט ביי דער זייט פון דעם זון, ביי דעם צופוסן פון דער מאַמען. ער וואַליעט זיך אַרויף אויפן גע־לעגער אַן וועטשערע. דער טאַטע נעמט אַרום דעם זון. ער קושט אים. נאָר דעם זון, קאַבאַלקינען, איז אומאַנגענעם דעם טאַטנס לאַסקע: פון דעם טאַטן שמעקט מיט בראַנפן אינדערוואַכן.

פונדעסטוועגן שטייט אויף די מאַמע אינמיטן נאַכט און לייגט אַוועק פאַר דעם טאַטן אַ שטיק ברויט. טראָץ דעם וואָס פאַרן שלאָף לאָזט זי אים איבער אַן אַביסל געקעכץ.

דאָס באַזאָרגט זי אים — אויפן טאָג מיט „כאַרטש" — מיט שפּייז.

6

די רייבונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן טאַטע־מאַמע, זינט דער טאַטע איז פון אַ באַלעבאָס פאַר זיך געוואָרן אַ מענטש ביי יענעם, האָבן זיך ביסלעכווייז געגומען אויסגלעטן. צווישן טאַטע־מאַמע האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן איינשטעלן אַ גוט, פרידלעך לעבן. דער טאַטע איז, ווי פריער, געוואָרן גוט צו דער פאַמיליע: אין אָוונט קומט ער אַהיים צו וועטשערע באַלד נאָך דער אַרבעט. און די מאַמע איז, ווי פריער, געוואָרן גוט צו דעם טאַטן: בייטאָג טראָגט זי פאַר אים וואַרמעס אין דער שוסטאַרניע.

ווי גוט די מאַמע איז צום טאַטן, דאָך קומט איר ניט אָן לייכט די שליחות — טראָגן דעם קרופּניק אין פאַבריק: די מאַמע זשאַ־לעוועט ניט איר טרחה. ביי איר האַנדלט זיך עס וועגן איר פּרעסט־טיזש. זי איז זייער אַ האָנאָראָווע.

קליין איז דעם טאַטנס אַרבעטס־לוין. אַזוי קליין, אַז אויף שבת קלעקט ניט אויף דרויב. די הוצאה איז נאָך געוואָרן שווערער: דער טשאָלענט באַשטייט פון וואַבלע. און אינדערוואָכן איז דער קרופּניק אַ שטיין — אַן באַשמעלצונג.

שטייט ניט אָן דער מאַמען צו דעמאָנסטרירן פאַר דער שוסטאַר־ניע איר מעניו.

די מאַמע רעדט זיך דורך וועגן דעם מיט דעם טאַטן:

— איך וועל דיר זאָגן, ליישקע, דעם אמת, דערקלערט זי אים, — עס פלאַמט מיר דאָס פּנים צו ווייזן זיך פאַר פרעמדע מענטשן מיט די זאַמדיקע גרויפּן. מילא, ביי דעם אייגענעם טיש עסט מען, וואָס

גאָט גיט. פאַר דער וועלט אָבער, ווי ברענגט מען ניט דעם מאַן כאָטש אַ לעק פלייש?

דערביי זאָרגט זיך די מאַמע פאַר איר רעפּוטאַציע:

דער זייטיקער מענטש — שטעלט זי אַרויס נאָך אַ מאָטיוו — האָט ליב אַריינצוקוקן אין דעם צווייטנס טאָפּ. איז וואָס וועלן לייט זאָגן?

„וואָס פאַר אַ געקעכץ — אַזאַ ווייב."

ענטפערט דער טאַטע דער מאַמען, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ ווערטל:

— נאַרעלע, — חוזק׳ט ער — איז דען אַ שוסטאַרניע אויך אַ וועלט? פאַר אַ שוסטאַרניע איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען: אַ שוס־טער איז אַזאַ בריאה, וואָס קאָן זיך באַגיין אָן פלייש. פאַר אַ שוס־טאַרניע איז גענוג — אַ פייג.

דערביי טרייסט דער טאַטע זיין זיווג אין איר אַמביציע:

— דו מיינסט, אַז ביי די איבעריקע שוסטער איז פעטערע מאכלים?

שאָקלט די מאַמע מיטן קאָפּ:

— דו האָסט פיין אויסגעביטן, ליישקע: אַ בראָך אויף אַ לאָך.

שמייכלט דער טאַטע אין באָרד:

— פאַר אָן איינגעפונדעוועטן קבצן, פערעלע, איז אפילו אַזאַ בייט אויך אַ געשעפט.

נעמט אָן די מאַמע די נחמה פון דעם טאַטנס אַרגומענט (וועגן דעם גלייכן דלות צווישן אַלע שוסטער): זי פאַרבויגט איר האָנאָ־ראָווע נאַטור און שפּאַנט יעדן טאָג צום טאַטן מיט אַ טרוקענעם קרופּניק.

אַז די מאַמע מאַרשירט אַרויס מיטן טאָפּ אין וועג (פון פאַדלאַ צו דער שוסטאַרניע), נעמט זי מיט יעדעס מאָל דעם זון פאַר איר באַ־גלייטער, פאַר איר קאַוואַליער: ער איז ביי איר אַ מיטל צו פאַר־דעקן די שאַנד פון איר מעניו; ער איז ביי איר אַ סוראָגאַט פון פלייש, וואָס זי וואָלט וועלן ברענגען דעם מאַן אויף וואַרמעס; ער, דאָס ניין־יאָריק אינגל, איז דער מאַמעס שטאָלץ פאַר לייטן.

קאַבאַלקין איז שוין דעמאָלט באַרימט אין פאַדלאַ, אַלס אַ מאָ־לער. ער מאָלט מענטשעלעך אויף פּאַפּירלעך. דערקאָנען זיך אין זיי די שכנים. האַלט זיך די מאַמע גרויס מיט זיין קונסט. וויל

זי זיך מיט אים אויסשטעלן פאַר דער שוסטאַרניע: די שוסטער דאָרטן זאָלן זי מקנא זיין.

בעת זיי שפּאַנען אַרויס זאַלבענאַנד פון געוועלב, זאָגט אים אָן די מאַמע:

— ניט פאַרגעס, מיין קינד, מיטצונעמען דיינע פּאַפּירלעך. דו וועסט דאָרטן אַלעמען אָפּמאָלן פאַר זיי אין די אויגן. זאָל דער טאַטע האָבן פון דיר אַ שטיקל נחת. ער שטופּט נעבעך דאָרטן דורך דעם טאָג מיט דעם ביסל קרופּניק.

נאָר פונקט ווי די מאַמע שעמט זיך צו ווייזן אין שוסטאַרניע מיט איר מעניו, אַזוי שעמט זיך קאַבאַלקין צו ווייזן אין גאַס אין זיין ווייבערשן טואַלעט.

עס איז דעמאָלט אינמיטן ווינטער. ער, דער מאָלער פון פּאדלא, האָט ניט קיין קליידונג פאַרן פראָסט. שטעלט אים אַריין די מאַמע אין איר אַנטועכץ. ער איז אַן איבערגעוואַקסענער: ער האָט זיך איינגעגעבן אין דעם טאַטן. די מאַמע איז אַ ניט־דערוואַקסענע. זיינען זיי ביידע אין איין הויך. פּאַסט דער מאַמעס לייבל אַקוראַט צו זיין מאָס — צו דער טאַליע פון אַ ניין־יאָריק אינגל. די מאַמע וויקלט אים אויך איין אין איר פּאַטשיילע מיט אַ קנופּ פון הינטן (פאַר זיך באָרגט זי אויס אַ פּאַטשיילע ביי אַ שכנה). זעען זיי ביידע אויס, די מאַמע און דער זון, ווי צוויי קליינינקע ווייבלעך.

אין דעם דאָזיקן טואַלעט אין גאַס איז אין קאַבאַלקינען ניט צו דערקענען זיין געשלעכט: מען נעמט אים אָן פאַר אַ אידענע. ער טראָגט דאָס טעפּל פאַרן טאַטן. פאַלט ביי אים אַראָפּ דאָס דעקל פונעם טעפּל. יאָגט אים אָן אַ איד, וואָס כאַפּט אַריין אַ מצוה פון „אומקערן אַ פאַרלוסט״.

— אידענע! — ווענדט זיך דער איד צו קאַבאַלקינען — דו האָסט פאַרלוירן די יושקע.

די שוסטאַרניע אַרבעט פאַר דער קאַזאַרמע. דרייסיק אידן נייען שטיוול פאַר אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן. די שוסטאַרניע איז אַ לאַנגע שטאַל מיט אַ ברייטן אויוון. אינעווייניק איז דאָ אויך אַ גאַרבאַרניע. שמעקט שטענדיק מיט פּגר. די היץ, וואָס שלאָגט פונם אויוון, מאַכט נאָך שווערער דעם גערוך, וואָס טראָגט פונם פּגר.

אויך צו די איבעריקע שוסטער שטעלן זיך אַריין אין שוסטאַרניע ווייבער מיט טעפּלעך. זיצן די דרייסיק אידן אויף קלעצער און

כליאַבען אין דעם געשטאַנק דאָס געקעכץ. ביי יעדן שוסטער — זיין אידענע. יעדע קלאַץ — אַ משפחה. פון קליינוואַרג — איז קאַבאַלקין דער איינציקער. טוליעט ער זיך אין דער שטיוול־פאַבריק צו זיין משפחה־קלאַץ.

אַמאָל ברעכט אויס אין שוסטאַרניע אַ קריג צווישן אַ שוסטער און זיין אידענע: ביי דעם שוסטער נעמט ניט אויס דער וואַרמעס. זידלט ער אָן דאָס ווייב. שטעקט דאָס קאַבאַלקין אין אַזאַ קריג צווישן פרעמדע מאַן־און־ווייב.

דער קריגערישער שוסטער, כדי צו דערצאָרענען זיין אידענע, שטעכט מיט קאַבאַלקינען איר בויך:

— ביי לייטן — ווייזט ער אָן אויף קאַבאַלקינען — וואַקסט אַ קינד אַ גאָט־בענטשונג.

— און ביי דיר — זאָגט ער אַריין דער אידענע זיינער איבער דער גאַנצער שוסטאַרניע — וואַקסט אַ קינד אַ פערד־שינדער.

עס האָט אפילו געטראָפן אַ פאַל, אַז אַ אידענע אַזאַ, וואָס האָט זיך באַליידיקט אויף איר מאַן (דערפאַר, וואָס ער האָט דערנידעריקט איר קינד און דערהויבן קאַבאַלקינען) האָט פון ווייטיק און קנאה אָנגעשפּיגן אים, קאַבאַלקינען, אין פּנים. איז שיר ניט דערגאַנגען צו אַ געשלעג צווישן דער מאַמען און דער דאָזיקער אידענע, דער צווייטער שוסטערקע, וואָס איז אויך געווען אַ קליינינטשקע, אַ דאַ־רינקע, פּונקט ווי די מאַמע.

אַז אַ אידענע (אַ שוסטערקע) קומט אַרויס פון שוסטאַרניע מיט דער אויסגעליידיקטער כלי, קומט איר אָן אַנטקעגן אַ איד מיט אָן אָפּגעפּרעסענעם בויך. דאָס איז דער באַלעבאָס אַליין, הערטשע ברוי־נים. ער איז אַ תקיף אין שטאָט. ער שטעלט צו פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי. גייט אַריין אין דעם פּראָוויאַנט — שוכוואַרג.

די אידענע באַגעגנט ער, כדי צו וואַרפן אַ בליק אין איר טאָפּ, אויף איר בוזים:

— זיי זיך מודה, — שטעלט אָפּ דער גביר די שוסטערקע — דו האָסט אַריינגעלייגט אַ פאַדעשווע דאָרטן, פון וואַנען דו זויגסט אַ קינד?

מיט קאַבאַלקינען איז שוין דער גביר ניט אַזוי אידל. ער פּירט זיך מיט אים, ווי מיט אַ מאַנספּאַרשוין. ער באַטאַפּט אים יעדעס מאָל פון פאָרענט און פון הינטן. דאָס זוכט ער ביי אים

לעדער. ער איז אים חושד אין גנבה. זאָגט ער אויף אים אַן אַפּאָריזם:

— אַ גרויסער גנב קומט אַלע מאָל אַרויס פון אַ קליין קבצנ׳דל.

דאָס איז קאַבאַלקינס ערשטע לעקציע וועגן באַלעבאָס און „מענטש״.

דריטער קאַפּיטל

1

צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען ברעכט אויס אַ נייער קריג. די קריגערייען צווישן זיינע עלטערן אין די יאָרן פון זיין קינדהייט, טיילט ער איין, קאַבאַלקין, אין פּעריאָדן. ער קלאַסיפיצירט זיי אין ציקלען. זינט ער איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר (די צייט, וואָס ער האָט שוין אָנגעהויבן צו באַנעמען אין דעטאַלן דאָס לעבן פונם גע־וועלב), ביז ער איז אַלט געוואָרן ניין יאָר, איז דאָס צווישן זיי דער פערטער קריג.

דער ערשטער קריג איז געווען אַ קריג פאַר אידישקייט, פאַר פרומקייט (די מאַמע האָט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל מורא האָבן פאַר גאָט. און דער טאַטע האָט עס ניט געוואָלט נעמען אויף זיך).

דער צווייטער קריג איז געווען אַ קריג פאַר כבוד, פאַר פּרעס־טיזש (דער מאַמען איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז דער טאַטע זאָל זיין אַ „מענטש״ ביי יענעם. און דער טאַטע איז דוקא באַשטאַנען אויף דעם).

דער דריטער קריג איז געווען אַ קריג פאַר ליבע, פאַר גע־טריישאַפט (בעת דער טאַטע האָט זיך געמאַכט אַ טבע נאָך דער אַרבעט אין שוסטאַרניע אַוועקצושלעפּן זיך מיט אַ גוט־ברודער אין שענק און די מאַמע האָט פון אים געפאָדערט, אַז באַלד נאָך דער אַר־בעט זאָל ער קומען אַהיים צו וועטשערע).

דער פערטער קריג צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען איז געווען אַ קריג פאַר — אַמעריקע, פאַר אַוורעמטשען.

זינט קאַבאַלקין האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן און געדענקען זאַכן מיטן אויג, איז דאָ די שפּיגל־וואַנט פונם געוועלב (די איינציקע וואַנט, וואו עס איז דורכגעבויערט אַ לאָך, וואָס האָט דעם אַנבליק פון אַ פענצטער) געווען דעקאָרירט מיט דריי פאָטאָגראַפיעס: איינע — דער באַראָן ראָטשילד, די צווייטע — דער באַראָן הירש, די

דריטע — דער פּלימעניק אַורעמטשע: דער זון פון דעם טאַטנס אַ ברודער, וואָס איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, בעת דער טאַטע איז נאָך געווען אַ קינד. אַז אַורעמטשע האָט באַדאַרפט ווערן אַ סאָל־דאַט, איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אין דעם יאָר, וואָס קאַבאַלקין איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. אַורעמטשע איז אויך געווען אַ שוסטער אויף פּאדלא (ווי יעדער מאַנספּאַרשוין פון דעם טאַטנס משפחה). אויפן פּאָרטרעט איז ער שוין אַן אַמע־ריקאַנער: אין אַ זומערדיקן מאַנטל, אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש.

באַשיינט אַורעמטשע דאָס געוועלב. די אידישע שררות (די צוויי באַראָנען) זעען דאָ אויס, ווי פּאַפּירענע מאָדעלן — פּאַסאָנען פאַר שוכוואַרג. זיינען זיי איבעריקע אין דעם געוועלב פון דעם לאַ־טוטניק. קוקט זיך קיינער ניט אום אויף זיי. זיי זיינען ניט אָנגעטאָן אין רעמלעך. זיי זיינען באַלייגט, די באַראָנען, מיט פליגן. זיי זיי־נען איינגעטונקט אין שטויב. אַורעמטשע אָבער לעבט, בליט. ער גלאָנצט אַ יום־טוב׳דיקער אונטער אַ גלאָז. ער טראָגט ניט קיין באָרד. ער טראָגט אפילו ניט קיין וואָנצעס. ער שטייט ביי אַ פּאַלאַץ. ער איז געקליידט, ווי אַ מאַגנאַט. אַז די מאַמע רוימט־אויף דאָס געוועלב, איז איר ערשטע אַרבעט — אַורעמטשעס פּאָרטרעט. זי רייבט אים. זי פּוצט אים. זי וואַשט אים.

אויך דאָס קליינוואַרג האָט אָפּשיי פאַר אַורעמטשען. זיי שפּילן אין געוועלב זאַלבעדריט אין שמאַטעס. (ער, קאַבאַלקין, מיט די צוויי שוועסטער מיט זיינע). זיי וואַרפן זיך מיט קניפּלעך אין די קעפּלעך. דאָס איז קאַבאַלקינס אַ דערפּינדונג: ער מאַכט עס נאָך אַ שפּיל אין פוטבאָל. דעם דאָזיקן שפּיל האָט ער איינמאָל באַמערקט ביי דער גימנאַזיע. שרייט אָן די מאַמע, אַז חברה צעשפּילט זיך:

— קינדער, איר וועט טרעפן אין אַ שויב.

גייט ניט אָן דעם קליינוואַרג דער מאַמעס וואָרנונג.

גיט די מאַמע אַ זאָג אַרויס:

— קינדער, איר וועט טרעפן אין אַורעמטשען.

שטעלט גלייך אָפּ דאָס קליינוואַרג דעם שפּיל.

און דער טאַטע גיסט אַמאָל אויס דאָס האַרץ פאַר אַורעמטשען. ער שטעלט זיך אַוועק פאַר זיין פּאָרטרעט און זאָגט פאַר אים אָפּ אַ מאָנאָלאָג:

— אַורעמטשע, אַורעמטשע. דו האָסט מזל. דו ביסט אַ חכם.

ווען דו אַנטלויפסט ניט קיין אַמעריקע, וואָלסטו געהאַט אַזאַ פּנים, ווי דיין פּעטער ליישקע. אין אַמעריקע, דאָרטן ביסטו אַ לייט אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש. אין פּאדלא וואָלסטו געווען אַ קאַבצול מיט זיבן פּאָלעס.

אַוורעמטשע דאָמינירט שטענדיק אין געוועלב. אַ בריוו דער־גרייכט פון אים איין מאָל אין יאָר. דעמאָלט, בעת עס קומט אָן פון אַוורעמטשען דער יערלעכער בריוו, איז אין געוועלב אַ הערלעכער טאָג. אַלץ זעט אויס פאַנטאַסטיש — פון דעם רוסישן בריוו־טרעגער ביז דער אַמעריקאַנישער פּאָסט־מאַרקע. דאָס איז ביי זיי די איינ־ציקע פּאָסט. אין געוועלב באַקומען זיך ניט קיין אַנדערע בריוו. דער טאַטע ווערט אַנגערופן אפן קאָנווערט מיט זיין צווייטן נאָמען. אויך זיין ערשטער נאָמען קריגט אַ נגיד׳ישן קלאַנג. אַ ציטער גייט־דורך, אַן אומרו פאַלט־אָן, בעת דער בריוו־טרעגער רופט אויס אויפן קול אין רוסיש:

— סאַנדלער, לייזער סאַנדלער.

ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע קענען לייענען און שרייבן. דער טאַטע לאָזט זיך אַרויס מיט דעם בריוו אויף דער וועלט, אויסזוכן אַ פּאָרלייענער. מערסטנס קומט ער אָן, דער בריוו פון אַמעריקע, צווישן פּורים און פּסח. דרויסן איז אַ שאַרסטע קעלט. פונדעסט־וועגן לאָזט זיך אַרויס דער טאַטע אָן דעם אויבערשטן בגד אין גאַס, בעת ער נעמט־מיט אַוורעמטשעס בריוו צו אַ פּאָרלייענער. דאָס איז אַ סימן, אַז אים איז פריילעך: אַלע מאָל אַזוי, אַז דעם טאַטן איז פון עפּעס גוט אויפן האַרצן, וואַרפט ער אַראָפּ פון די פּלייצעס דעם שליומפּער.

ביי קאַבאַלקינען איז דער יערלעכער בריוו פון אַמעריקע דער געהויבנסטער מאָמענט אין זיין קינדהייט. ער איז שטאָלץ אויף זיין שטאַם: ער האָט נאָענטע קרובים איבער ווייטע ימים. אין אַמעריקע ווייסט מען זייער אַדרעס. אַוורעמטשע איז זיין בלוט.

אַז דער טאַטע קערט זיך אום פון דעם פּאָרלייענער, שטעלט ער זיך אַריין אַן אַנגערונצלטער. דערשרעקט ער זיך, קאַבאַלקין:

— צי האָט עפּעס ניט געטראָפן מיט אַוורעמטשען, זיין שוועס־טער־קינד?

דער טאַטע שמייכלט סאַרקאַסטיש:

— אַז מען האָט אַ ווייב, זיצט מען אין בלאָטע.

— אָורעמטשע, — דערציילט ער, — בעט זיך אינם בריוו:
„געגנוג דיר, ליישקע, צו זינקען אין פאַדלא־לאַך. איך וועל דיר
שיקן אַ שיפסקאַרטע".

— איז וואָס, — זאָל איך אים ענטפערן? פרעגט ער ביי דער
מאַמען אַן עצה.

די מאַמע שוויגט. אַז עס באַקומט זיך דער בריוו פון אַורעמ־
טשען, ריידן ניט טאַטע־מאַמע צווישן זיך עטלעכע טעג.

ער, קאַבאַלקין, איז דעמאָלט ברוגז אויף דער מאַמען. ער איז
אויפן צד פון דעם טאַטן: ער וויל אויך פאָרן צו אַורעמטשען.

— פאַרוואָס איז די מאַמע קעגן אַמעריקע?

איז דערפילט געוואָרן דעם טאַטנס אייביקער טרוים: ער האָט
באַקומען פון אַורעמטשען די פאַרשפּראָכענע שיפס־קאַרטע.

פאַרגעקומען איז עס אינם נאָך־פורים פון יענעם ווינטער, וואָס
דער טאַטע איז געוואָרן אַ לוין־אַרבעטער ביי הערטשע ברונים.

האָט זיך די מאַמע פאַנאַנדערגעוויינט:

— איך וועל ניט בלייבן אין פאַדלע אַן עגונה. נאָך מיין לויה
סיידן, ווערסטו, ליישקע, פאָרן קיין אַמעריקע.

האָט דער טאַטע אויף דעם אָפּגעענטפערט:

— סיידן נאָך מיין טויט, פערל, וועל איך בלייבן אין פאַדלא.

און דאָס געוועלב איז אַוועק אויף רעדלעך. צווישן טאַטע־
מאַמע האָט זיך צעפלאַקערט אַ קריג.

2

דער טאַטע וואַרט אפילו ניט אָפּ מיט זיין נסיעה ביז איבער
יום־טוב.

ער איז אין אַ פינאַנציעלער שרעק: אַורעמטשע האָט איינ־
איינעם מיט דער שיפס־קאַרטע אַריינגעשיקט אויך צו־שטייער אויף
אַ באַן־בילעט און פאַר דער גרעניץ־וואַך. איז די סומע, ווי עס ווייזט
אויס, געווען אַ קליינע: דער טאַטע, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען
קיין קאַרגער, טרייסלט זיך אין אָט דער צייט איבער אַ גראָשן. זיין
פאַרמעגן נייט ער איין אין אַ קאַמזויל. אויף ברויט גיט ער ניט
אַרויס אַ פּרוטה, טראָץ דעם וואָס ער אַרבעט שוין ניט אין שוס־
טאַרניע. זיין העכסטער שרעק איז דער פסח'דיקער פאַרנעם. ער

האָט מורא צו פאַרברענגען דעם יום־טוב אין דערהיים, כדי שפּעטער זאָל אים ניט אויספעלן אויף דער הוצאה אין וועג.

דער טאַטע רעדט אָפן וועגן דעם מיט דער מאַמען, אַז דאָס קליינ־וואַרג זאָל הערן. ער באַפּוצט בלויז זיין אַבזיכט מיט אַ ווערטל. ווי זיין שטייגער איז.

— דער פּסח׳דיקער סדר איז אַ לעכערדיקער זאַך.

— אויב פּסח איז אַ מניעה צו אַ תכלית, איז כשר, אַז אַ איד זאָל עסן חמץ.

— צוליב אַ קנײדל שפּילט מען זיך ניט מיט אַמעריקע.

ווענדט אָן דער טאַטע אומזיסט זיין דיאַלעקטיק: די מאַמע שטערט אים סיי־ווי־סיי ניט אין זיין בהלה. אויף זיין גאַנצער חכמה ענטפערט זי מיט אַ האַלבן מויל:

— טו, ווי דו ווילסט.

דעם טאַטן איז אָפּנים ניט גוט פון דעם קאַלטן ענטפער, וואָס ער קריגט פון דער מאַמען: ער קומט באַלד אַרויס מיט אַ צווייטן תירוץ פאַר זיין איילעניש. איז דער צווייטער תירוץ שוין פון אַן אַנדער קאַליבער: אַ האַרציקער, אַן אינטימער:

— בכלל — זאָגט ער — איז גלייכער, אַז איך זאָל פאָרן וואָס פריער: יעדע מינוט איז טייער.

— וואָס גיכער איך וועל קומען אַהין, אַלץ גיכער וועסטו קומען צו מיר. — גיט דער טאַטע צו פאַרשטיין דער מאַמען מיט אַ גלעט איבער איר פּנים.

ענטפערט אָפּ די מאַמע דעם טאַטן, אויף זיין ראָמאַנטישן טאָן, מיט דער זעלביקער רעפּליק, וואָס זי האָט אים פריער געענטפערט אויף זיין פּראַקטישן חשבון:

— טו, ווי דו ווילסט.

די דאָזיקע גלייכגילטיקע רעפּליק איז דאָס איינציקע וואָרט, וואָס דער טאַטע הערט פון דער מאַמען, זינט ער האָט זיך גענומען גרייטן צו זיין נסיעה אין אַמעריקע.

זי איז, די מאַמע, אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסיוון צושטאַנד. אפילו צו די קינדער איז ביי איר געוואָרן אַ גלייכגילטיקע באַציאונג. זי רעדט צו זיי אינם זעלביקן לשון, ווי צום טאַטן: דאָס קליינוואַרג בעט עסן. מורמלט די מאַמע, ווי פון שלאָף:

— נעמט, וואָס איר ווילט.

אָנגעהויבן האָט זיך ביי דער מאַמען אַזאַ צושטאַנד נאָכדעם, ווי דער טאַטע האָט אויסגעפּאַרקויפט דאָס געצייג:

— איצט — האָט זי געזאָגט — איז פאַראַן איין וועג: אַוועקשלעפּן זיך מיט די קינדער איבער די הייזער.

3

עס איז די לעצטע נאַכט, איידער דער טאַטע פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. אין יענעם יאָר איז אויסגעפאַלן אַ פריער פרילינג. דעם טאַטנס לעצטע נאַכט אין פּאַדלאַ, אין געוועלב, איז געווען זייער אַ פינצטערע, נאָר אַ וואַרימע. די טיר איז אָפן. די קינדער שלאָפן. פאַר דער שיין פון אַ חלב׳נעם ליכטל מאַכן טאַטע־מאַמע די לעצטע הכנות צו דער וויטער נסיעה: די מאַמע, אַ האַלב־פאַר׳חלש׳טע, לאַטעט פאַר דעם טאַטן זיינע הויזן אין שויס. דער טאַטע, אַ האַלב־נאַקעטער, מייסטרעוועט פאַר זיך אַ קאַסטן אויפן וועג. ער, קאָ־באַלקין, ליגט אין בעט. שלאָפן אָבער שלאָפט ער ניט.

דער טאַטע טענה׳ט זיך אויס מיט דער מאַמען:

— שוין צען קיילעכדיקע יאָר, פּערל, נאָך אונזער חתונה. דאַרף איך דיר ניט דערציילן, אַז מיר האָבן נאָך ניט געהאַט קיין איין גוטן טאָג. דו האָסט כסדר געמאָנט: „ליישקע, איך שנייד זיך די פינגער. איך האָב ניט מיט וואָס צו שפּייזן די קינדער. ליישקע, וואָס וועט זיין דער תכלית״? האָב איך אויף דיר דערפאַר קיינמאָל ניט געהאַט קיין פאַריבל: דיינע צרות, האָב איך געוואוסט,ריידן פון דיר. איך האָב דיר פאַרשוויגן. איך האָב זיך געווערטלט. ערשט איצט, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ תכלית — ביסטו ברוגז. דו טרייבסט מיך אָפּ: „טו, וואָס דו ווילסט״ זאָגסטו מיר. דו פאַלסט אויף מיר אָן: „איך וויל ניט בלייבן קיין עגונה״ דערקלערסטו מיר.

— דער איינפאַל: — איז דער טאַטע אויפגערעגט. — „אַן עגונה״. וואָס בין איך, אַ גזלן? און דו ביסט מיר אַ פרעמדע? דיינע קינדער זיינען דען ניט מיינע קינדער?

— וואָס מיינסטו — ווערט דער טאַטע נאָך אומרואיקער — פאַר מיר איז עס אויפעסן אַ צוקערלעקעך דאָס צעשיידן זיך מיטן הויזגעזינד? וואָס זאָל אָבער טאָן דער אָרעמאַן? אַן אָרעמאַן

ווערט געוואָרפן, ווי אַ שפּענדל. היינט וואָרפט ער זיך אין פייער. מאָרגן וואָרפט ער זיך אין וואַסער. געפּרובירט זיין אַ באַלעבאַס פאַר זיך. האָט ניט געטויגט. גענומען אויף זיך צו זיין אַ „מענטש" ביי יענעם. טויג ווידער ניט. אפשר וועט אַמעריקע טויגן.

— דו ווייסט — רעדט דער טאַטע צו דער מאַמען וואָס ווייטער אַלץ האַרציקער, ווי זינגעוודיק — וואָס עס מיינט זיין אַ „מענטש" ביי הערטשען? ער זויגט פון דיר אויס דאָס בלוט ווי אַ שלאַנג און מאַכט דערביי אַן אָנשטעל, אַז דאָס טוט ער דיר אַ טובה דערפאַר, וואָס דו ביסט אַ איד. זאָל זיך אים נאָר אויסדאַכטן, אַז דו האָסט פאַרשניטן אויף אַ האָר אַ פּאַדעשווע, סטראַשעט ער שוין, אַז ער וועט אַוועקזעצן אויף דיין קלאָץ אַ גוי.

ווירקן די רייד פון דעם טאַטן אויף דער מאַמען בלויז אַזויפיל, אַז זי בייט אום איין וואָרט אין איר רעפּליק: אָנשטאָט „טו ווי דו ווילסט", ענטפערט זי דעם טאַטן:

— טו, ווי דו פאַרשטייסט.

כאַפּט זיך דער טאַטע פאַרן קאָפּ. ער שעלט זיך אַליין מיט אַ קללה:

— הלואי — ווענדט ער זיך צו דער מאַמען — וואָלט מיך בעסער אַנידערגעוואָרפן אַ פּאַפּלעקציע, איידער אויסהערן פון דיר אַזאַ לשון.

צעכליפּעט זיך די מאַמע אין שויס, אָן ווערטער.

אין דעם מאָמענט שפּילט זיך אָפּ צווישן דעם טאַטן דעם שוסטער און דער מאַמען דעם דרויב אַזאַ געזעגן־סצענע, וואָס ענלעכעס צו איר וועט ער, קאַבאַלקין, זען אין די טורמעס ביים געזעגענען זיך צווישן דער מאַמען דער אַריסטאָקראַטין און דער טאַכטער דער רעוואָלוציאָנערין, בעת די טאַכטער ווערט פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע.

דער טאַטע טוט אויס דאָס זילבערנע אוירינגל פון זיין אויער, און דערלאַנגט עס דער מאַמען. די מאַמע כליפּעט. און דער טאַטע כריפּעט:

— דאָס אוירינגל, זאָגט דער טאַטע, האָט מיר די באָבע אָנגעטאָן צום ברית. דאָס איז אַ סגולה צו לאַנגע יאָר. גיב איך עס איבער, פּערל, אין דיינע הענט. האַלט עס, מיין ווייב, ביז מיר וועלן זיך ווידער זען מיט פריילעכע הערצער.

4

די גאַנצע פאַמיליע באַגלייט דעם טאַטן צום באַן, וואָס וועט אים פירן אין זיין ווייטן וועג. זאַלבע־פינפט לאָזן זיי זיך אַרויס פון געוועלב: דער טאַטע, די מאַמע און דאָס קליינוואַרג — די דריי קינדער. ביים שוועל פון געוועלב שטעלט זיך אַריין אין דער פאַמיליען־פּראָצעסיע אַ זעקסטער באַגלייטער. דאָס איז בינקין, דער פעלדשער פון פאַדלאַ. ער באַגלייט אויך דעם טאַטן צום וואָקזאַל. קומען זיי אַרויס, די זעקס נפשות, פון דעם בעל־מלאכה׳שן בלאָטיקן פאַדלאַ אויף דער אַריסטאָקראַטישער סמאָלענסקער גאַס. פאַרנעמען זיי זאַלבע־זעקסט אין איין ריי די ברייט פון דער גאַס, וואָס איז דער צענטער פון דער שטאָט.

ס׳איז אָנהויב פרילינג. עס איז האַלבער טאָג. די זון שיינט. דער דרויסן לייכט. ערטערווייז זעען זיך שוין אָן סימנים פון שפּראָצן, פון בליען. די גביר׳ישע גאַס שוועבט אין אַ גרינגער וואַרעמקייט. איבער דער פאַנאַנדערגעגאָסענער דווינע שיפּט זיך די רייכע יוגנט.

בלויז די פּראָצעסיע, וואָס פירט דעם טאַטן צו דעם וואָקזאַל, איז אין גאַס אין אַ דיסהאַרמאָניע מיט דעם פרילינג. זי איז, די פּראָצעסיע די דאָזיקע, אַזאַ שווערע, אַ ווינטערדיקע. דער לאַנגער טאַטע שפּאַנט אין אַ שוואַרצן בורנוס. אויף די אַקסלען טראָגט ער אַ קאָסטן. דאָס אין זיין גאַרדעראָב פאַר אַמעריקע. ער פירט מיט זיך אַביסל געצייג. צום קאָסטן איז צוגעבונדן אַ טיי׳ניק פון בלעך. קלאַפּט זיך, אין שפּאַן פון טאַטן, דער טיי׳ניק אָן קאָסטן. קלינגט ער, דער טיי׳ניק, ווי אַ גלעקל. נאָך דעם טאַטן שאַרט זיך בינקין דער פעלדשער, דער אָפּגעלאָזענער, אַרומגעוואָקסענער, אויסגעדאַרטער, איינגעהויקערטער טאָלסטאָיאַנער, וואָס איז אין זיין יוגנט געווען אַ טעראָריסט. ער שליאָפּעט זיך, בינקין, אין טיפע קאַלאָשן, וואָס קוויטשן אויפן ברוק, ווי אָפּגעריסענע פאָדעשוועס אונטער אַ רעגן. אין דעם סעזאָן פון פרילינג איז קאַלאָשן זיין שוכוואַרג. ער איז, דער אַמאָליקער טעראָריסט, אַ שטרענגער וועגעטאַריער, באַגייט ער זיך אָן לעדער אין זיין שוכוואַרג. נאָך בינקינען פויזעט די קליי־ניטשקע מאַמע מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אין אַ פאַטשיילע איינגעוויי־קעלט. און נאָך דער מאַמען שפּרינגט דאָס קליינוואַרג: ער, קאַ־באַלקין, אין דעם טאַטנס יוגנטלעכער קוטשמע. און די צוויי

שוועסטערלעך אין די באַבישע הייבעלעך, וואָס פאַרדעקן זייערע אומ־ריינע קעפּלעך. דעם קליינוואַרג איז שווער נאָכצוהאַלטן דעם מאַרש פון דער פּראָצעסיע. אַלע דריי טראָגן זיי אויף די פּיסלעך שיך פון דערוואַקסענע. דאָס האָט די מאַמע אויסגעבאָרגט פון זייערטוועגן ביי שכנים, זיי זאָלן קאָנען באַגלייטן דעם טאַטן. שטערן די שטיוואַלעס אין גאַנג. זיי מוליען די קנעכלעך. שטעלט זיך אָפּט אָפּ דאָס קליינוואַרג.

שטעלט זיך דעמאָלט אויך אָפּ די פּראָצעסיע, שטעלן זיך אָפּ מענטשן קוקן.

ביים לעצטן געזעגענען־זיך און צעקושן זיך, זאָגט אים אַן קאַ־באַלקינען, דער טאַטע באַזונדער:

— זיי, מיין קינד — בעט ער זיין נייַן־יאָריקן פאַרטרעטער — אַ גוטער זון צו דער מאַמען, אַ גוטער ברודער צו די שוועסטער.

5

ער בענקט דעמאָלט, קאַבאַלקין, אַזוי נאָכן טאַטן, אַז דאָס חיות גייט אים אויס צו פאָלגן זיין צוואה. נאָר דאָס נייַן־יאָריק אינגל ווייסט ניט ווי אַזוי און מיט וואָס צו זיין גוט צו דער מאַמען און צו די קליינע שוועסטער.

דעם ערשטן טאָג (נאָך דעם, ווי דער טאַטע איז אַוועק קיין אַמע־ריקע) האָט ער נאָך אַ שטיקל באַפרידיקונג אין זיין פאַרלאַנג צו פאָלגן דעם טאַטן — צו זיין אַ גוטער זון צו דער מאַמען: די מאַמע שעמט זיך פאַר דער וועלט מיט איר עגונה׳שאַפט. פאָלגט ער זי אַ גאַנג צום בעקער:

— לויף צו, מיין קינד — בעט זי אים — נאָך אַ אַלט־געבאַקן ברויט.

— איך וויל זיך ניט ווייזן — דערקלערט די מאַמע — פאַר די ווייבער מיט מיין דאַליע.

אויף דעם צווייטן טאָג אָבער (נאָך דעם, ווי דער טאַטע איז אַוועק קיין אַמעריקע) גייט די מאַמע אַליין נאָך אַ ברויט צום בעקער:

— דיר — זאָגט זי צו דעם זון וועגן דעם בעקער — וועט ער מסתמא ניט באָרגן. אַליין וועל איך אפשר אויסבעטלען.

האָט ער שוין ניט מיט וואָס צו זיין גוט צו דער מאַמען — און וואָס צו פאָלגן דעם טאַטן.

באַפאַלט אים, קאַבאַלקינען, אַ פרומקייט. אַ געפיל, וואָס ביז דער־מאָלט האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיך ניט געשפּירט. ער בעט גאָט, אַז ער זאָל דורכפירן דעם טאַטן בשלום איבערן ים.

אין זיין וואַנדרונג צו גאָט שפּילט אויך דעמאָלט אַ ראָל דער עפּיזאָד מיט זלאַטען.

עס איז אים געווען זייער פּוסט און אומעטיק, אין יענע טעג, דעם ניין־יאָריקן קאַבאַלקינען. ער האָט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. עס ווילט זיך אים מאָלן מענטשעלעך. עס ווילט־זיך אים שפּילן מיט יאַטלעך. שעמט ער זיך פאַר די שכנים צו טאָן אַזוינע זאַכן: זיי וועלן אויף אים טייטלען מיט די פינגער:

— זע נאָר, זע. ליישקע טרינקט זיך אין ים און זיין זונעלע באָדט זיך אין וואָילטאָג.

לאָזט ער זיך אַוועק אין אַ טאָג אַזאַ, פון פּוסטן אומעט, צו דער מומע באַסיען, דער מאַמעס שוועסטער, אויף פּיסקעוואַטיק. מאַכט ער זיין וויזיט צו דער מומען אויס ליבשאַפט צו דעם טאַטן. די מומע איז געבליבן ברוגז אויפן טאַטן דערפאַר, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט די מאַמען. זי האָט זיך דעריבער מיט אים אפילו ניט געזעגנט. וויל ער, קאַבאַלקין, איבערבעטן די מומען, אַז זי זאָל פאַרגעבן דעם טאַטן. ער איז אויסן, אַז די מחילה פון דער מומען זאָל ביישטיין דעם טאַטן, אין זיין סכנה אויפן ים.

די מומע באַסיע וואוינט אויף פּיסקעוואַטיק אין אַ געוועלב, וואָס איז פון דעם זעלביקן פאַרנעם ווי זייער געוועלב — אין פאַדלאָ. זי האַלט זיך אויף, די מומע באַסיע, מיט איר טאָכטער זלאַטע. קיין מאַנסביל פאַרמאָגט ניט דאָס געוועלב. די מומע איז אַן אייביקע אַלמנה, פון די יונגע יאָרן. זלאַטע איז אַ פאַרזעסענע מויד מיט גרויע האָר.

געפינט ער, קאַבאַלקין, בלויז זלאַטען אין געוועלב. ווי שטענדיק, שניידערט זי ביי דער מאַשין. די מומע איז ניטאָ אין דער היים. ווי אַלע מאָל, מסחר'ט זי אויף דעם מאַרק.

דערפרייט זיך זייער מיט אים די פאַרזעסענע קוזינע. זי טראָגט אים אונטער אַ מטבעה. זי זעצט אים אַריין אין שויס. זי גלעט אים. זי טוליעט אים צו זיך. זי שעפּטשעט צו אים:

— וועלוועלע, דו ביסט שוין אַ גרויסער. דו האָסט מיך ליב, וועלוועלע?

און בעת זי דריקט אים אַזוי צו זיך, די גרויע זלאַטע, דעם נייך־יאָריקן קאַבאַלקינען, טוט זי מיט אים אַפּ אַזאַ זאַך, וואָס וואַרפט אויף אים אַן אַ שרעק: זי אַנטבלויזט אַ ברוסט און גיט אים זויגן.

רייסט ער זיך אָפּ פון זלאַטעס ברוסט און כאַפּט זיך אַרויס פונם געוועלב. דער מאַמען דערציילט ער ניט וועגן דעם. ער שעמט זיך. ער דערציילט עס נאָר פאַר גאָט. ער בעט אים, אַז ער זאָל דאָס אים ניט פאַררעכענען פאַר אַ זינד און דערפאַר ניט באַשטראָפן דעם טאַטן אויפן ים.

דעם עפּיזאָד מיט זלאַטען וועט ער, קאַבאַלקין, אויפן גאַנצן לעבן טראָגן אין זיך, ווי אַ סימבאָל פון עלנט — פון דערשטיקטע מעג־לעכקייטן, פון ניט־אויסגעלעבטע באַגערן.

6

די בענקשאַפט נאָכן טאַטן דערגייט ביי קאַבאַלקינען צום העכסטן פונקט (אַזש צו אַ פיזישן ווייטיק), אַז עס קומט אָן דער פּסח. אין דער כראָניק פון זיין פאַמיליע איז יענער פּסח פאַררעכנט פאַר דעם יום־טוב פון טרערן.

עס איז ערבֿ־פּסח. דאָס איז דער זיבעטער מעת־לעת, זינט ער האָט געזען דעם טאַטן דאָס לעצטע מאָל. עס איז ריכטיקער זומער. עס איז ליכטיקער טאָג. פאַדלאָ רייניקט זיך לכבוד יום־טוב פונם פעל־גערוך, וואָס שטינקט דאָ שטענדיק — פון די גאַרבאַרניעס און שוסטאַרניעס: עס ווערן אויסגעלייטערט, דורכגעברענט די אויוונס אין די געוועלבן. עס ווערן אויסגעווייסט, איבערגעקאַלכט די ווענט פון די געוועלבן. דער הימל איז שוואַרץ פון רויך און שטויב. דער דרויסן איז פאַרשטעלט מיט ברוך און שמאַטעס. טאַטעס און עלטערע ברידער פירן נאַקעטע אינגלעך אין באָד. מאַמעס און עלטערע שוועסטער וואַשן ראַכיטישע מיידלעך די קעפּ. עס שמעקט מיט סמאַליענעס: עס סמאַליען זיך וואַנצן אין געלעגערס. עס סמאַליען זיך פיסלעך פון קעלבער, קעפּלעך פון ציגן.

פאַר קאַבאַלקינען איז אין זיין קינדהייט דער דאָזיקער סטיל — די וועלט, דער מענטש. שטייט זיין באַשאַף אויסער וועלט און מענטש אין דעם ערשטן פּסח אָן דעם טאַטן. ניט אין געוועלב, ניט אַרום געוועלב איז ביי זיי פאַראַן אַ סימן פון ערבֿ־פּסח, ווי זיי וואָלטן געווען גויים, וואָס וואוינען צווישן אידן.

שעמט ער זיך, דער האָנאָראָווער בחור׳עץ: לייט וועלן זאָגן:
פּערל ליישקעס איין פון צרות משוגע געוואָרן.

קומט עס אַרויס, דאָס נייך־יאָריק יאָטל, מיט אַ טאָן פון אַ דער־וואַקסענעם מאַנספּאַרשוין:

— מאַמע, עס איז שוין צייט צו פאַרשפּרייטן אַ טישטוך.

ענטפערט אים די דערשלאָגענע מאַמע מיט אַ דערשטיקטן געוויין:

— היי־יאָר, מיין זון, אַז דער טאַטע איז פאַרוואָרפן אויפן ים, וועלן מיר זיך באַגיין אָן אַ טישטוך.

פאַרקוועטשט אים, קאַבאַלקינען, דאָס הערצל פון פאַרדרוס אויף זיין גורל: אַלע קינדער האָבן טאַטעס. אַלע אידן פּראַוועז יום־טוב. און ביי זיי איז פּוסט און וויסט: ניט קיין טאַטע. ניט קיין יום־טוב. זיי זיינען די אָרעמסטע פון די אָרעמע. זיי זיינען די לעצטע אין פאַדלאַ. פון אַלע פיר נפשות אין געוועלב האָט זיך קיין איינער ניט באַנייט אויף פּסח אפילו מיט אַ קנעפּל.

פונדעסטוועגן פאַרלירט ניט קאַבאַלקין דעמאָלט דעם קאָפּ. זיין האָנאָר טרייבט אים צו אַ פאַרטל. ער שטעלט זיך אַרויס אין דרויסן מיט אַ שמאַטע. ער שטעלט זיך אַוועק קראַצן די וואַנט פון געוועלב. דאָס טוט ער, כדי צו באַשיצן די רעפּוטאַציע פון דער מאַמען. זאָלן די שכנים מיינען, אַז אויך די מאַמע גרייט זיך צום יום־טוב. איז דאָס אינגל אירס אַזאַ גאָלד, אַז ער פאַרשפּאָרט דער מאַמען אַ טרחה. מען וועט דער מאַמען מקנא זיין איר מזל, וואָס דער זון פאַרבייט איר דעם מאַן.

האָט ער זיך צו־שפּעט דערטראַכט צו דעם פאַרטל: פאַדלאַ שטייט שוין פאַרטיק פאַרן יום־טוב. דער ברוך, דאָס אַלטוואַרג, איז שוין אַריינגעשטעלט צוריק אין די געוועלבן. דער הימל איז שוין אָפּ־געריייניקט פונם רויך, פונם שטויב: די וועטשערעס האָבן זיך שוין אָפּגעקאָכט. די גלעגערס זיינען שוין אויסגעבעט. די נאַכט פאַלט באַלד צו. דער סדר רוקט זיך באַלד אָן. ער איז, קאַבאַלקין, אינם דרויסן פון פאַדלאַ, דער איינציקער איד מיט אַ שמאַטע.

אין געוועלבן ווייזן זיך פייערלעך. דאָס בענטשן ווייבער ליכט. און ביי זיי אין געוועלב איז נאָך וואָכעדיקער, ווי אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר. עס איז אפילו ניט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. עס איז ניט אָפּגעפּרישט דער זאַמד. אין דעם געהייצטן אויוון האָט די מאַמע צוגעשטעלט בלויז אַ טעפּל וואַסער. די מאַמע ליגט אין בעט. אויפן

שטערן — נאַסע קאָמפּרעסן.ביים צופוסן — די צוויי טעכטער. עס איז אים אומדערטרעגלעך אין געוועלב. עס איז אים אומהיימלעך אין גאַס: אין אַן ערב־פּסח׳דיקן פאַרנאַכט דרייט ער זיך אַרום, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער.

עס יאָגט אים אָן לייבקע דעם סטעלמאַכס. ער שטעלט זיך פאַר אים אויס מיט זיין היטעלע פון אַ וועליסאַפּעדיסט. דאָס היטעלע איז ניי. ערשט היינט, ערב־פּסח, איז עס געקויפט געוואָרן. לייבקע איז מיט אים, מיט קאַבאַלקינען, אין איינע יאָרן. נאָר ער האָט גרויע האָר. זיין גרויקייט איז פון געבורט. ער איז אַ קרענקלעכער, לייבקע. די אויערן פאַרשטאָפּט מיט וואַטע. דער האַלז אַרומגע־וויקלט מיט אַ פלאַנעל. ווערט ער דעריבער געשאַנעוועט פון זיין טאַטן, דעם סטעלמאַך. יעשיקע דער סטעלמאַך איז אַ קבצן, ווי אַלע אין פאַדלאַ. פונדעסטוועגן איז זיין אינגל לייבקע אין פאַדלאַ דאָס איינציקע קינד, וואָס טראָגט שיך דורכן יאָר, באַגייט זיך מיט אַ היטל אויף יעדן פּסח.

לייבקע וועט אָפּט באַגלייטן קאַבאַלקינען אויף די וועגן פון דער רעוואָלוציע: זיי וועלן אינאיינעם רופן צו אַן אויפשטאַנד די וויים־רוסישע פּויערים. זיי וועלן אינאיינעם וואַרפן פּראָקלאַמאַציעס אין דעם וויטעבסקער טעאַטער. זיי וועלן פאַרנעמען איין קאַמער אין דער ווילנער טורמע. בעת דעם בירגער־קריג וועלן זיי זיך ביידע באַגעגענען אויף דעם קרימער פראָנט קעגן דעם באַראָן ווראנגעל. זיי וועלן דינען אין איין רויט־אַרמייאישן רעגימענט. וועט קאַבאַלקין זייער ליב האָבן זיין יוגנטלעכן פאַדלאַ־חבר: ער וועט אים זיין איינ־געבאַקן אין האַרצן פאַר זיינע גרויע האָר, פאַר זיינע בלויע אויגן, פאַר זיינע געציילטע ווערטער, פאַר זיין העלדישן כאַראַקטער, און אפילו פאַר זיין פויגלשן געזיכט. דעמאָלט אָבער, אין יענעם ערב־פּסח, האָט ער אים ניט ליב: ער פאַרגינט אים ניט זיין יום־טוב׳דיקן אָנבליק, בעת ער, קאַבאַלקין אַליין, איז אַ לעבעדיקער יתום: פאַר־וואָס קומט לייבקען אַזאַ גליק, ווי אַ היטעלע פון אַ וועליסאַפּעדיסט?

רופט ער זיך אָפּ, קאַבאַלקין, מיט אַ געדריקטן געמיט:

— אויף וועמען וואַרטסטו, מאַמע, מיטן סדר?

קרעכצט זיך אויס די מאַמע דורך דעם נאַסן קאָמפּרעס:

— אויף דעם טאַטן, זונעלע.

די פּסח׳דיקע וועטשערע באַשטייט פון צעקראָכענער מצה און

לעבלעך וואַסער. נאָך דער לעמעשקע פון דער וועטשערע פּלאָנירט די מאַמע איר פּראָגראַם אויפן אָוונט. זי זאָגט צו די קינדער:

—מיר וועלן היינט ניט אָנצינדן דאָס לעמפל. זאָל זיין היינט פינצטער. זאָלן לייט ניט זען אונזער פּסח.

די מאַמע ברעכט אויס אין אַ יאָמער. דאָס איז איר ערשטער אויסברוך אויפן קול נאָך דעם טאַטנס אַוועקפאָר קיין אַמעריקע. האַלטן איר נאָך די קינדער אין דעם געיאָמער. קאַבאַלקינס קול איז דעמאָלסט די שטאַרקסטע שטים אין דעם וויינענדיקן כאָר.

פערטער קאַפּיטל

1

פון דעם טאַטן האָט זיך באַקומען דער ערשטער בריוו פון אַמעריקע. עס איז דעמאָלט געווען שוין פולער זומער.

אינאיינעם מיט דער בשורה איז אָנגעקומען פון דעם טאַטן אויך געלט: פינף דאָלאַר. פאַר די פינף דאָלאַר האָט די מאַמע גע־קראָגן אין פּאָסט אַ זשמענע זילבער. האָט די מאַמע אויסגעלייגט אין שויס דעם זילבער און צונויפגערופן דאָס קליינוואַרג וויזן זיי דעם אוצר.

— הלואי, קינדערלעך, — האָט די מאַמע צוגעוואונטשן, — זאָלט איר מער שוין ניט וויסן פון דלות.

— איך ביי מיין טאַטן, — האָט די מאַמע צוגעגעבן, — האָב קיינמאָל ניט געזען אַזאַ אייגנס.

האָבן זיך אָנגעהויבן פריילעכע טעג אין געוועלב: עס האָבן זיך באַוויזן פרישע קאַרטאָפל צו וועטשערע. פונדעסטוועגן טוט זיך ניט אָפּ פון דער מאַמען איר טרויער פון אַן עגונה. זי זיפצט אויף יעדן ביסן:

— ווער ווייסט, מיט וואָס דער טאַטע קומט דאָרטן אָפּ, אין דער פרעמד?

די מאַמע איז זיך מתודה פאַרן קליינוואַרג אויף אירע זינד קעגן טאַטן:

— איך, קינדערלעך, האָב אַרויסגענומען דאָס געזונט ביים טאַטן. איך בין אים שטענדיק געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז, ווי אַ שטיין

אין וועג. אַ פיינער תכלית וואָלט פון אייך געוואָרן, ווען אייער טאַטע פאָלגט אייער מאַמען און בלייבט אין פאַדלאַ.

— ביי אייער מאַמען, — אַנטפּלעקט זי זיך פאַר די קינדער, — זיצט אַ קליפּה אין דער נאַטור.

די מאַמע פאַרוואַנדלט דעם געוועזענעם שוסטער־וואַרשטאַט אין אַ שניידער־טיש. זי בייט מטבעות און קויפט רעשטלעך. דאָס באַ־קליידט זי דאָס קליינוואַרג, נאָכדעם ווי עס האָט זיך באַקומען דאָס געלט פונם טאַטן.

טוט זי עס אייגנטלעך ניט אַזוי צוליב די קינדער, ווי צוליב דעם טאַטן:

— פון אייערטוועגן, קינדער, — זינגט די מאַמע, — שניידט דער טאַטע די פינגער. אַז איר, קינדער, וועט זיין אויסגעקליידט, וועט עס ביים טאַטן זיין אָנגעלייגט.

פאַר דעם אייגענעם גאַנג זאָרגט ניט די מאַמע:

— איך אַליין, — רעדט זי וועגן זיך, — האָב ניט פאַרדינט ביים טאַטן אפילו אַ פאַדים.

אין דער באַקליידונג פונם קליינוואַרג פאַלט־אויס אויף קאַ־באַלקינס חלק די גרעסטע הוצאה: אים נייט־אויף די מאַמע אַ לייוונטן העמדל און קאָרטענע הויזן.

איז פאַר קאַבאַלקינען די דאָזיקע באַנייאונג — אַ געשעעניש: אים גייט שוין דעמאָלט דאָס צענטע יאָר. איז עס אין זיין לעבן דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער ציט־אָרויף אויף זיין לייב אַ ניט־איבערגעניי־צעוועט, אַ ניט־צונויפגעלאַטעט אָנטועכץ.

איידער ער שטעלט זיך אַריין אין העמד און הויזן, פאַרעט ער זיך אויס אין באָד אויפן פאָל. דאָס איז זיין אייגענער אויפטו, אָן דער מאַמעס עצה. ער איז אויסן מיט דער דאָזיקער סאַניטאַרישער אונ־טערנעמונג אַן עסטעטישן צוועק: פאַר אַזאַ ניי אָנטועכץ בעט זיך אַ ציכטיקער גוף.

עס איז פרייטיק. די באָד איז געפּאַקט מיט טאַטעס און יאַטן. אַז קאַבאַלקין שטעלט זיך אַריין נאָכן באָד אין דעם נייעם טואַלעט, קוקן אים אָן די יאַטן מיט קנאה.

ווער עס פרעגט אים:

— נייע שיך האָסטו אויך?

אפילו די טאַטעס זיינען אים מקנא:

— אַפּנים, — ריידן זיך איבער די באַלמעלאָכעס, — אַז אַמע־ריקע איז טאַקע ניט פאַדלאַ. ליישקע שיקט געלט. ער פאַרוואַרפּט מיט שטיקער גאָלד . . .

שבת פייערט די מאַמע דעם ערשטן בריוו פונם טאַטן מיט באָב פאַר וויבער. דעם אויבן־אָן (אונטער אַוורעמטשעס פאָרטרעט) פאַר־נעמט די מומע באַסיע. זי פירט זיך, די מומע באַסיע, ווי ביי אַ ריכ־טיקער שמחה: זי קושט זיך מיט דער מאַמען, זי קלאָגט זיך אויף איר מזל:

— פון לאַנד, — כליפּעט זי, — קומט מען. פון זאַמד קומט מען ניט.

דער בריוו פון דעם טאַטן האָט דערמאָנט דער מומען דעם טויט פון איר מאַן:

— ווען בערל, — דערציילט די מומע וועגן איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, — וואָלט דעמאָלט געווען כאָטש אַ חודש אין אַ סאָסנאָוון וואַלד, וואָלט איך ניט געבליבן קיין פינצטערע אַלמנה. נאָר ווי קומט אַ קראַנקער אָרעמאַן צו אַ סאָסנאָוון וואַלד?

— הלואי, — רעדט די מומע וועגן איר טויטן מאַן, — וואָלט ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט ער אפשר ניט דערגאַנגען צו דער מחלה.

קאַבאַלקינען איז בעת־מעשה גוט פון אַלץ: עס איז אים גוט, וואָס אין געוועלב קומט־פאָר אַ שמחה, וואָס מען עסט באָב צוליב דעם טאַטן. דערהויפּט איז אים גוט, וואָס דער טאַטע איז קליגער פון דעם פעטער: ער איז באַצייטנס אַוועק קיין אַמעריקע, וועט אים קיינמאָל ניט דערגרייכן די שווינדזוכט. דער טאַטע וועט לעבן אייביק.

נאָך דעם דאָזיקן פריילעכן שבת איז געקומען אַ גליקלעכע וואָך: אויף אַ צוגאָב צו די נייע הויזן האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַ ניי היטל. ער, ווען וואָלט דעם לאַטוטניקס, האָט זיך אויסגעגלייכט מיט לייבקע דעם סטעלמאַכס. פיל גליקלעכע וואָכן זיינען פאַר אים געקומען. דער טאַטע שיקט אָפט בריוו. אין יעדן בריוו שיקט ער געלט. אַמאָל — איין דאָלאַר, אַמאָל — צוויי דאָלאַרן. אין תלמוד־תורה ווייזט ער זיך ניט דעמאָלט: ער איז שוין ניט קיין היגער, ניט קיין פאַדלאָער. ער איז אַן אַמעריקאַנער. דער טאַטע שיקט שוין אַרויס די שיפס־קאַרטע. איז צו וואָס דאַרף ער די תלמוד־תורה?

2

דער טאַטע האָט צוגעשיקט די שיפס־קאַרטע. האָט ער אָנגע־זאָגט דער מאַמען, אַז דער עיקר זאָל זי צוגרייטן פאַר אַמעריקע די קעפּלעך פון די מיידלעך: אַמעריקע איז זייער שטרענג צו אַ פאַרך. פאַר אַן אויסשיט לאָזט מען דאָרטן ניט אַראָפּ פון דער שיף.

העלפט בינקין דער מאַמען אין דער מלאכה: די מאַמע וואַשט די קעפּ פון די שוועסטער מיט זייף. בינקין רייבט זיי מיט טראָן.

באַלוינט די מאַמע דעם וועגעטאַרישן בינקינען פאַר זיין דאָק־טאָריע מיט מילכיקע רייז. איז בעת ער זופּט די מילכיקע רייז, רעדט ער צו דער מאַמען אין זיין גויאישן אידיש:

— דיין לייקשע געטאָן צוויי מאָל ניט־גוט.

— איין מאָל, וואָס ער איז אָנגעקומען פאַר אַ מענטש צו הערטשן. אַ מענטש גאָר ביי אַ מענטשן. אַ מענטש דאַרף זיין אַ מענטש ביי גאָט. גיי אויס, דו מענטש, פון הונגער, און פון גאָט טרעט ניט אָפּ.

— דאָס צווייטע מאָל לייקשע געטאָן ניט־גוט, וואָס ער געפאָרן קיין אַמעריקע. אומעטום גאָט. גאָט פון פאָדלאָ איז דער גאָט פון אַמעריקע. אַ מענטש דאַרף ניט בייטן זיין אָרט. זיץ, מענטש, וואו דו זיצסט, און ריר זיך ניט.

דאָס לייגט ער אויס, בינקין, פאַר דער מאַמען די פילאָסאָפיע פון טאָלסטאָיען.

דעמאָלט אָבער נעמט ער אָן, קאָבאָלקין, די פילאָזאָפיע פון טאָל־סטאָיען פאַר אַן אָנפאַל אויף זיין טאַטן. איז ער זייער בייז אויף בינקינען.

דער אויסשיט אויף די קעפּלעך פון די מיידלעך איז געווען אַ פאַרהאַרטעוועטער, אַן איינגעקלאָמערטער: פריער האָט מען אים באַ־דאַרפט שמעלצן. נאָכדעם האָט ער זיך באַדאַרפט שיילן. און ערשט נאָכדעם האָט מען אים באַדאַרפט גלעטן.

וואָכן נאָך וואָכן זיינען ביידע מיידעלעך געשטאַנען מיט די קעפּלעך אין אַ קאָרעטע. איבער זיי — די מאַמע מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט. און איבער דער מאַמען האָט בינקין דער פעלד־שער געקאָמאַנדעוועט מיט זיין שעפּעליאַווער שטים:

— פעט אָנשמירן.

— פעסט איינרייבן.

די מאַמע האָט געפּאָלגט, וואָס דער רופא האָט געהייסן: זי האָט געשמירט, אַז עס האָט געדונען פון אירע הענט. זי האָט געריבן, אַז זי איז געפאַלן פון די כחות.

דאָך איז די ליקווידאַציע פון די פאַרכעס געווען אַ ניט־פול־שטענדיקע: פון דעם גרויען, געדיכטן אויסשיט איז פאַרבליבן אויף די קעפּ פון די מיידלעך אַ ראָזעווער, דורכזיכטיקער פלעק. די קעפּלעך זיינען געווען אָפּגעשוירן ביז דער הויט. דער פלעק האָט געגלאַנצט. ביז אויף דעם פלעק וועלן אָנוואַקסן האָר וועלן דורכגיין יאָרן. שרעקט דאָס די מאַמען. דער טאַטע פאַרוואַרפט מיט בריוו:

— האָב, פערל, אין זינען נאָר איין זאַך: עס זאָל זיך ניט אָפּ־שטעלן אַ סימן אויף די קעפּלעך.

רעדט זיך דורך די מאַמע מיט בינקינען, דעם געוועזענעם טע־ראַריסט פון די זיבעציקער יאָרן וועגן דעם פאַרבליבענעם פלעק פון דעם אויסשיט.

— קאָן דאָס זיין, אַז אַמעריקע זאָל זיך כאַפּן פון דעם פלעק, אַז פריער איז דאָ געווען אַן אויסשיט?

באַרואיקט דער רופא די מאַמען:

— דאָס איז גאָרנישט . . . אַ ראָזעווער פלעק קען זיך אַמאָל אָפּשטעלן אויך פון אַ שטאַרקן קלאַפּ, אָדער פון אַ זודיקן ברי . . .

די מאַמע אָבער באַרואיקט זיך ניט פון בינקינס מעדיצינישן דיאַגנאָז, זי האָט איר אייגענע סאָציאַלע דערפאַרונג:

— עס ציטערט — זאָגט זי — דאָס האַרץ: צום אָרעמאַן קלעפּט זיך . . .

3

עס איז געווען סוף האַרבסט, בעת די מאַמע האָט זיך אַרויס־געלאָזט מיט די דריי קינדער צום טאַטן אין אַמעריקע. דער טאַטע האָט צווישן פּוילן און דייטשלאַנד געשמוגלט די גרעניץ פון רוס־לאַנד. האָט ער אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר זיין פאַמיליע. אויך זיין ווייב און קינדער שמוגלען די זעלביקע גרעניץ.

דאָס איז געווען אין אַ נאַכט אין אָקטאָבער. וואָסערע פופציק אידן (מאַנסביל, ווייבער און קינדער) גנב׳ענען די גרעניצן פון צוויי מלוכות.

די פופציק אידישע עמיגראַנטן ווערן געפירט, באַגלייט פון פינף פוילישע פויערים. עס איז נאַס און פינצטער. זיי דרייען זיך אויף

געשלענגלטע וועגן. זיי שלעפּן זיך דורך טיפע זומפּן. זיי דראַפּען זיך דורך געדיכטע וועלדלעך. ניט קיין שאָרך. אפילו ניט קיין הוסט. עס לויערט דער שרעק פאַר אָנפּאַלער, פאַר נאָכיאָגער. ציטערט איעדער איינער פאַר דעם אייגענעם טראָט, פאַר דעם אייגענעם אָטעם. דאָס קליינוואַרג ווי די דערוואַקסענע. אַ שעה נאָך שעה אַזוי. די גרעניץ האָט ניט קיין סוף. די קאָנטראַבאַנדיסטן שטעלן זיך אָפּ, כדי אָנצוטאַפּן דעם ריכטיקן וועג. טאַפּן זיך צונויף די עמיגראַנטן משפחות־ווייז, כדי אָנצואוואַרעמען דאָס ציטערנדיקע לייב. אַזאַ אָפּשטעל גערויערט אַ סעקונדע. די קאָנטראַבאַנדיסטן מאַרשירן ווייטער. און די עמיגראַנטן שלעפּן זיך נאָך. ווידער זומפּן, וואו עס איז אַזוי טיף, אַז די פיס זינקען. ווידער וועלדלעך, וואו עס איז אַזוי שטעכיק, אַז דאָס פּנים בלוטיקט.

ענדלעך הויבט אָן צו טאָגן. די קאָנטראַבאַנדיסטן פירן אַרויס די עמיגראַנטן אויף אַ פּוסט פעלד ביי אַ קליין טייכל. עס אַנט־פּלעקט זיך פון יענער זייט וואַסער אַ סילועט פון אַ ישוב. אינם גרויען האַרבסט־באַגינען זעט ער אויס, דער ישוב, אַ פאַרנעבלטער קלויסטער־הויף. די פּוילישע פּויערים רופן אויס:

— אויף יענער זייט וואַסער איז שוין גערמאַניע.

און זיי גיבן אַרויס אינסטרוקציעס צו די אידישע עמיגראַנטן.

— אַריבערשפּרייזן צופוס דאָס טייכל. האַלטן זיך מיט די הענט אָן די פעלזן.

זיינען די אידן גרייט גלייך אַריינוואַרפן זיך אין וואַסער. זיי ווילן וואָס גיכער אַריינכאַפּן זיך אין דייטשלאַנד. די מאַנסבילן ציען אַראָפּ די שטיוול און זעצן אַרויף קליינוואַרג אויף די אַקסלען. די ווייבער ציען אַרויף די קליידלעך און דריקן־צו אַ זויג־קינד צו דער ברוסט. אויך ער, קאַבאַלקין, טיילט זיך איין מיט דער מאַמען אינם קליינוואַרג: ער טראָגט די עלטערע שוועסטער, חוה׳ן, אויף די פּלייצעס. די מאַמע טראָגט דאָס קלענערע מיידעלע, מוסיען, אויף די הענט. ער שפּילט, דער צען־יאָריקער קאַבאַלקין, די ראָל פון אַ דער־וואַקסענעם עמיגראַנט: ער שטעלט זיך אַריין מיט זיין פּעקל, מיט דער זיבן־יאָריקער חוה׳ן, צווישן די טאַטעס, וואָס מאַרשירן פאָראויס. די מאַמען מיט דער מעזינקע, מיט דער זעקס־יאָריקער מוסיען, לאָזט ער איבער צווישן די ווייבער, וואָס שפּאַנען פון הינטן. ער איז אומגעדולדיק: ער וויל שוין וואָס גיכער אָנקוקן דאָס ניי לאַנד. עס

מאַניעט אים צו דעם סילועט, וואָס האָט דעם אַנבליק פון אַ קלויס־טער. ער איז אַזוי דאַנקבאַר די פויערים פאַר זייער באַפעל:

— רוקט זיך, פּאַנעס. עס ווערט באַלד ליכטיק.

נאָר איידער די פּופּציק אידישע נפשות קריכן אַריין אין וואַסער, יאָגן זיי אָן דריי רוסישע זשאַנדאַרמען אויף פערד. זיי וואַרפן זיך אויף די עמיגראַנטן מיט שווערדן:

— איר צויגישע אידן. ווי מייז זייט איר אַרויס פון די לעכער גנב׳ענען די רוסישע גרעניצן. מאַרש אין קאַרדאָן. מיר וועלן אייך שוין ווייזן, וואו ראַקעס ווינטערן, ווי דעם צאַר נאַרן.

פאַלן די קאָנטראַבאַנדיסטן פאַר די זשאַנדאַרמען אויף די קני. זיי צלמ׳ען זיך מיט אַ געוויין, זיי יאָמערן אין פויליש:

— ברידערלעך אייגענינקע. פּאַנעס האַרציקע.

— „ראַב צע כצעש (טו וואָס דו ווילסט). — בעטן זיי זיך — די דאָזיקע אידעלעך אָבער לאָזט אָפּ.

הויבן זיך אָן די זשאַנדאַרמען דינגען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן: זיי ווילן אויסלייז־געלט פאַר די אידן־קעפּ. קומען זיי דורך אין דעם פּרייז. זיי קלאַפּן הענט:

— אַ רובל — אַ נפש.

טוען אויס די זשאַנדאַרמען זייערע היטלען. וואַרפן אין זיי אַריין די אידן־מטבעות. די סומע פון יעדן אידן איז לויט דעם אָפּמאַך צווישן די זשאַנדאַרמען און די קאָנטראַבאַנדיסטן. קאַבאַלקינס מאַמע וואַרפט אַריין אין אַ זשאַנדאַרמישן קאַרטוז פיר רובל: זיי זיינען פיר נפשות. זיפצט די מאַמע שטילערהייט צו די קינדער:

— אויף וואָס עס גייט אַוועק דעם טאַטנס בלוטיקע האָרעוואַניע. אויסשפּייען זאָלן זיי, די רוצחים, יעדן גראָשן מיט גאַל, מיט בלוט.

האַלט ניט אויס אַן עמיגראַנט און שרייט אויס צו אַ זשאַנדאַרם:

— רויבער.

באַליידיקן זיך די זשאַנדאַרמען פאַר אַזאַ וואָרט. האָבן זיי חרטה אויף דעם געשעפט: זיי פּאַכן ווידער מיט שווערדן אין די עמיגראַנטן:

— אַלע אין קאַרדאָן אַריין, איר צויגישע אידן, איר שאַכער־מאַכער.

פאַלן די קאָנטראַבאַנדיסטן אויף אַ שכל: זיי דערקלערן פאַר אַ

משוגע׳נעם דעם דאָזיקן עמיגראַנט, אַ בלאָנדער, לאַנגער יונגערמאַן אין בלויע ברילן. זיי טייטלען אויף אים מיט די פינגער.

— „עטאַט זשידאַק שאַליאַני. ווין שאַליאַני״ (אָט־דאָס אידעלע איז אַ משוגע׳נער. אַ משוגע׳נער איז ער).

דערווייל איז געוואָרן פולער טאָג. טראָגן זיך אָפּ די זשאַנדאַרמען אויף די פערד און לאָזן איבער די אידן. מאַכן די אידן מער ניט קיין שהיות און שפּרינגען אַריין מיט די ווייבער און קינדער אין וואַסער.

אַז די אידן שפּאַלטן דאָס טייכל, שרייען זיי נאָך די קאָנטראַ־באַנדיסטן פון דער יבשה:

— „ווין שאַליאַני״ (ער איז אַ משוגע׳נער).

עס איז אַפּנים געפעלן דער איינפאַל.

ענטפערן אָפּ די אידן, וואָס שפּאַנען אַריבער די קני אין וואַסער, מיט דעם זעלביקן שפּרוך:

— „ווין שאַליאַני״ (ער איז אַ משוגע׳נער).

דאָס חנפ׳ענען זיי די קאָנטראַבאַנדיסטן, איידער זיי זיינען נאָך אַריבער צו די דייטשן.

באַקומט זיך אַ דועט פון צוויי כאָרן: די אידן שרייען: „ער איז אַ משוגע׳נער״. די גויים שרייען: „ער איז אַ משוגע׳נער״. איז אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אָט־דעם דאָפּלטן כאָר טרעט דאָס קאַבאַלקין אַריין צום ערשטן מאָל אין דער גרויסער וועלט. פון ביידע זייטן הילכט פייערלעך, ווי אַ הימן:

— „ווין שאַליאַני״ (ער איז אַ משוגע׳נער).

אינם יאָר 1904, אַז קאַבאַלקין וועט אַריבערפירן צום ערשטן מאָל איבער דער זעלביקער גרעניץ אַ טראַנספּאָרט אומלעגאַלע ליטעראַטור, וועט ער טעלעגראַפירן אין דעם צענטער אין זשענעווע:

— „ווין שאַליאַני״ . . .

דאָס וואָרט פון באַליידיקונג וועט ער איינשטעלן פאַר אַ צייכן פון קאָנספּיראַציע — פאַר אַ שיפער.

רעוואָלוציאָנערע סימבאָליק וועט ווערן פאַר קאַבאַלקינען זיין צווייטע נאַטור. אפילו אין אַ צופעליקער קללה וועט ער פאַרקערפּערן אַן אייביקן טרוים: — די דערנידעריקטע זאָלן דערהויבן ווערן.

אַז די פינף צענדליק אידישע וואַנדערער שפּרייזן אַריבער דאָס טייכל, וואָס טיילט אָפּ דייטשלאַנד פון רוסלאַנד, קומען זיי אַרויס אין אַ דאָרף. דאָס איז שוין דייטשלאַנד. דאָס איז יענער ישוב, וואָס

קאַבאַלקין האָט אָנגענומען, אינם גרויען באַגינען אויפֿן רוסישן ברעג, פּאָר אַ קלויסטער. אין דעם נייעם לאַנד באַגעגנט זיי אַ זוניקער טאָג. די הייזער זיינען געדעקט מיט רויטס. די וועגן זיינען באַלייגט מיט אַספֿאַלט. עס איז אַרום און אַרום אַזוי ליכטיק, אַזוי ציכטיק, אַז דאָס אויג כאַפּט אפילו אַ קערעלע, אַ שפּרינקעלע. וואַליען זיך אַרויף די שאַטנס פֿון די פֿרעמדע וואַנדערער אויף די פּאַסן פֿון די זוניקע שטראַלן. וויפֿיל מאָל קאַבאַלקין וועט זיך דערמאָנען אין זיין לעבן, אָן יענעם אינדערפֿרי אין דייטשלאַנד, וועלן די אידן־וואַנדערער (און אויך זיין משפּחה און ער אַליין) פֿאַר אים אויסזען ווי קאַשמאַרן־פֿיגורן. דאָס טייכל האָט זיי דערגרייכט ביזן גאַרטל. ציטערן זיי פֿון קעלט. עס רינט פֿון זיי וואַסער. פּופּציק פֿאַרשווין קלאַפּן מיט די ציין. שטאַרקער פֿון אַלעמען טרייסלט זיך פֿון קעלט קאַבאַלקינס מאַמע. זי איז אַ קליינינטשקע אין וואוקס. איז זי שיר ניט דער־טרונקען געוואָרן אין טייכל, מיט דער מעזינקע, מיט מוסיען, אויף די הענט. געראַטעוועט האָט זיי דער עמיגראַנט, וואָס האָט זיך גע־שטעלט קעגן דעם זשאַנדאַרם — דער בלאָנדער בחור אין די בלויע ברילן. ספּאַזמירט די מאַמע ווי אַן עפּילעפּטיקערין. די מענער זיינען אָנגעלאָדן מיט זעק. אין די זעק געפֿינט זיך שפּייז. די זעק זיינען דורכגעווייקט. עיפּוש'ט פֿונם שפּייז. אויך קאַבאַלקין איז אָנגע־לאָדן מיט אַ שפּייז־זאַק, ווי אַ פֿאַמיליען־פֿאָטער. שטינקט אויך פֿון אים. ער אַליין פֿילט דעם גערוך, וואָס טראָגט זיך פֿון אים. גייט דורך אַ דייטש, לאָזט ער אַרויס אַ געלעכטער. הילכט אין דער לופֿט דאָס געלעכטער פֿונם דייטש, ווי אַ כוואַשטש מיט אַ בייטש: די וואַנ־דערער לאָזן אַראָפּ די קעפּ, בויגן־איין די רוקנס. פֿון שרעק פֿאַרן דייטש קומט די מאַמע צו זיך. זי עפֿנט די אויגן. זי הערט אויף צו קריצן מיט די ציין. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס זי רעדט אַרויס, אַז איר ווערט גרינגער, איז ניט וועגן זיך און אפילו ניט וועגן די קינדער, נאָר וועגן דעם טאַטן:

— איר זעט, קינדערלעך — זאָגט זי — וואָס פֿאַר צרות דער טאַטע איז אויסגעשטאַנען אויפֿן וועג.

אַ איד קומט אָן צום ברעג און נעמט צו פֿון דאַנען די וואַנדערער. דער אַראָפּגעקומענער איד איז אַ פֿאַרשוין אַ מיטל־יאָריקער, אַ פֿעסט־געבויטער, אַ שוואַרץ־בערדיקער, אַ דיק־לעפּצנדיקער. דער דאָזיקער איד דאַרף דאָס אָפּפֿירן די וואַנדערער אין אַ קאַראַנטין. דאָרטן וועט

מען זיי דעזינפעקצירן דאָס אָנטועכץ, צושטעלן פּאַקן, ווי זיי וואָלטן געווען שלוחים פון מגפות. בעת דער איד קומט אָן צום ברעג, זיצן די וואַנדערער אין אַ קרייז און טריקענען אויף זיך די מלבושים. אַנדערע לייגן אויס אויף דער זון די דורכגעווייקטע, פאַר׳עיפּוש׳טע מאכלים פון די זעק. צעשרייט זיך דער איד אויף די וואַנדערער:

— ווילדע ברואים. געפונען דאָס ריכטיקע אָרט, וואו צו לאָזן זיך וואוילגיין. שטעלט פיס, איידער דער דייטש האָט אייך משלח געווען צוריק צום צאַר.

פונם דאָרף (וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָך דער גרעניץ) ביז דעם קאַראַנטין, וואו זיי דאַרפן זיך שטעלן אויף דער דעזינפעקציע, פאָרן זיי אין אַן איזאָלירטן וואַגאָן. דער וואַגאָן איז פאַר פערד. ער איז פול מיט ניט־פאַרטריקנטן פערדן־מיסט. דער וועג ציט זיך לאַנג־זאַם. אָפּטע סטאַנציעס. נאָר די וואַנדערער טאָרן זיך ניט ווייזן אין דרויסן. דער וואַגאָן איז פאַרשלאָסן. קאַבאַלקינען גייט אויס דאָס חיות צו זען דאָס נײַ לאַנד אונטערוועגנס. קאָן ער עס ניט דערגרייכן. ער האָט ניט פון וואַנען אַרויסצוקוקן. דער וואַגאָן זייערער פאַר־מאַגט ניט קיין איין פענצטער. בלויז אויבן ביים דאַך איז פאַראַן אַ לאָך. קאָן דאָס צען־יאָריק יאָטל ניט דערלאַנגען די ווייטע לאָך. יענע נסיעה אין דעם דאַזיקן פינצטערן וואַגאָן איז זיין ערשטע שולע פאַר אַ צאַרישער טורמע. טראָץ דעם, וואָס די וואַנדערער זיינען אַלע אייגענע אידן, פירן זיי זיך, ווי זיי וואָלטן באַשטאַנען פון פיינטלעכע פעלקער. עס פאַלן שטעך־ווערטלעך פון אַלע זייטן:

— פּוילישע דריפּקע.

— ליטווישער צלם.

— בעסאַראַבער באַקלאַזשאַן.

— פּאַנישער קוואַס.

דאָס ציל־ברעט פון שטעך־ווערטלעך פאַר אַלע צדדים איז דער בלאָנדער יונגערמאַן אין די בלויע ברילן. צו אים איז פאַרבליבן אַ ספּעציעלע פיינטשאַפט פאַר זיין שטעלן זיך קעגן די זשאַנדאַרמען ביים אַריבערגאַנג צו די דייטשן. דערגייט מען אים די יאָרן. צווישן אַלע עמיגראַנטן איז ער דער איינציקער אָן דעם מינדסטן באַגאַזש. פירט זיך נאָכאַנאַנד וועגן אים אַ שפּאָטישער דיאַלאָג:

— וואו האָט ער עס אַהינגעטאָן זיינע חפצים, דער שלימזל?

— פרעגט איינער.

— וואָס דאַרף ער און וואָס האָט ער, דער צעדרייטער. — ענטפערט אַ צווייטער.

טוליעט זיך אָט־דער אויסגעלאַכטער, דורכגעוואַלגערטער בחור צו ליישקע דעם לאַטוטניקס משפחה. די מאַמע איז אים דאַנקבאַר, וואָס ער האָט זי אַרויסגעצויגן פונם טיכל. טיילט זי זיך מיט אים מיטן ביסן. זי שענקט אים אויך אַ העמד פונם וועש, וואָס זי פירט מיט זיך פאַר דעם טאַטן אין אַמעריקע. שטעלט זיך איין אַ נאָענט־קייט צווישן קאַבאַלקינען און דעם בחור. דער בחור שטעלט אים אַרויף אויף זיינע הויכע אַקסלען, כדי ער זאָל קאָנען אָנקוקן דורכן לאָך ביים דאַך די דייטשישע פעלדער.

פרעגט אים דער בחור, בעת ער האַלט אים אויף זיינע אַקסלען:

— וואָס זעסטו דאָרטן, ברודערל?

ענטפערט קאַבאַלקין פון דער לאָך מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ:

— אַ וועלט.

לאָזט אים אַראָפּ דער בחור פון די אַקסלען און שטעלט אים אַוועק צוריק אויפן מיסט. דערביי זאָגט ער בייז:

— ניט געדאַכט זאָל ווערן אַזאַ וועלט.

אינמיטן טאָג קומען זיי אָן אין דעם קאַראַנטין. אַן עסקאַדראָן פון פּאָליציי באַגעגנט דעם וואָגאָן מיט די וואַנדערער. אונטער אַ וואָך פירט מען זיי אָפּ אין אַ פּלאַץ. קאַבאַלקין האַלט זיך אָן דעם בחור. ער איז געבליבן אָן דער מאַמען. אין דעם ערשטן טאָג איז פאַר די ווייבער אַ באַזונדער קאַראַנטין. דער קאַראַנטין פאַר מאַנסבילן איז ווי זייער וואַגאָן אין וועג — אַ שטאַל פאַר בהמות.

— געדענק, ברודערל, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. — רעדט דער בלאָנדער בחור צו קאַבאַלקינען, ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן — דו זאָלסט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן:

„ניט געדאַכט זאָל ווערן אַזאַ וועלטעלע!“

5

אויסגעלאָזט האָט זיך די רייזע פון דער פאַמיליע צום טאַטן זייער טרויעריק. די מאַמע האָט זיך ניט אָפּגענאַרט מיט איר דער־פאַרונג, אַז צום אַרעמאַן קלעפּט זיך. דער דאָקטאָר פונם קאַראַנטין האָט אויסגעזוכט אויף די קעפּלעך פון די מיידלעך דעם אויסשיט, און זיי פאַרבראַקירט פאַר אַמעריקע.

ער, קאַבאַלקין, וועט דאָס גאַנצע לעבן געדענקען יענעם מאָ־מענט.

עס איז אַ האַרבסטיקער טאָג אין אַ פרעמד לאַנד. די איבעריקע וואַנדערער גרייטן זיך אין וועג אַריין: ווער עס לייגט לאַטעס. ווער עס שרייבט בריוו. אַלע ווילן זיך באַלד פאַנאַנדערפאָרן. בלויז פיר נפשות ווילן איבערבלייבן: די מאַמע, די צוויי פאַרפאַרכע־וועטע, באַליידיקטע שוועסטער און ער, קאַבאַלקין.

די מאַמע וויינט אויפן קול:

— אידן, לאָזט מיך ניט פאַלן מיט דריי פיצלעך קינדער. דאָס איז אַ בלבול!

— איך — שרייט די מאַמע — זאָל אַזוי ווייט זיין פון יסורים, ווי ווייט מיינע קינדער זיינען פון פאַרכעס.

דערביי באַנוצט זי זיך מיט דעם דיאַגנאָז פון פעלדשער בינקין:

— דאָס איז — זאָגט זי — אַ סימן פון אַ קלאַפּ, ניט אַ פלעק פון אַ פאַרך.

— טאַפּט, אידן — בעט זי זיך — מיט די אייגענע הענט די אומגליקלעכע קעפּלעך.

זי קלאַפּט מיט אירע האַרטע, פאַר׳צער׳טע פינגער די קעפּ פון אירע טעכטער, כדי צו דערווייזן, אַז זיי ברעקלען זיך ניט.

און די צוויי פיצעלעך מיידעלעך שטייען מיט געבויגענע קעפּלעך און וואַרטן, ווער עס זאָל זיי באַטאַפּן, ווער עס זאָל איבער זיי קלאַפּן. די פּנים׳לעך זייערע — פאַרגליווערטע, פאַרשולדיקטע.

אין קאַראַנטין שטעלט זיך אַריין דער מיטל־יאַריקער, פעסט־געבויטער, שוואַרץ־בערדיקער, דיק־לעפּצנדיקער איד, וואָס האָט איבערגענומען די וואַנדערער אינם דייטשן דאָרף, בעת זיי זיינען איבערגעקומען די רוסישע גרעניץ. ער איז אַ קאָנטראַבאַנדיסט פאַר אויסלאַנד. טרעט ער אַרויס, ווי אַן עקספּערט אויף אַן אויסשיט. ער קלאַפּט אָן מיטן ביינדל פון דיקן פינגער איבער דעם פלעק פון די מיידעלשע קעפּלעך און טראָגט אַרויס זיין ווערדיקט:

— פערכלעך ווי רויזן.

שעמט זיך קאַבאַלקין, וואָס זיין משפחה איז צו שפּאָט. די שוועס־טער צו שאַנד. ער איז בייז אויף דער מאַמען פאַר איר געוויין. עס איז אים שווער צו פאַרשטיין, וואָס עס האָט מיט זיי געטראָפן.

נאָך מער פאַרשעמט ער זיך, בעת דער בלאָנדער בחור רופט אויס:

— זייט ניט קאַרג, אידן. דאָס קאָן אויך אַמאָל טרעפן מיט אייערע ווייבער און מיט אייערע קינדער.

און ער מאַכט פון זיין צעקנייטשטער מאַרינאַרקע אַן אימפּראָוויזירטע פּאַטשיילע: ער קלייבט נדבות.

פאַרשטייט שוין קאַבאַלקין, אַז די נדבות זיינען פון זייערטוועגן: אויס טאַטע, אויס אַמעריקע. זיי זיינען בעטלער.

א־נם זעלביקן טאָג פירט זיי אַריבער דער קאָנטראַבאַנדיסט אי־בער דער גרעניץ צוריק מיט דער באַן.

זיי פאָרן צוריק אַהיים, אין וויטבאָניע. פון דעם גרויסן טרוים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ וויסטער חלום. אין וואַגאָן דריקט אים, קאַבאַלקינען, די מאַמע צו זיך. זי פרעגט אים:

— פאַרוואָס קומט דאָס אונז? . . .

6

אַז זיי קערן זיך אום פון זייער אומגליקלעכער רייזע צום טאַטן צוריק אַהיים, אין וויטבאָניע, קריכן זיי ווידער אַריין אין זייער אַלט־געזעסענעם געוועלב, אין פאַדלאָ. עס האָט זיי נאָך אָפּגעגליקט אין זייער אומגליק, וואָס בעת זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, האָט ביי זיי קיינער ניט אויסגעכאַפּט די נאָרע. זיינען זיי באַוואָרנט מיט אַ געלעגער אונטער אַ דאַך.

עס האָט זיי צוגעשפּילט די צייט. דער סעזאָן. הארבסט, נאָך סוכות, הויבן זיך דעמאָלט אָן די קעלטן אין רייסן. בייט ניט אין קעלט דער אָרעמאַן זיין נאָרע. ער בלייבט זיצן דאָרטן, וואו ער איז צוגעוואוינט פון זומער. דעריבער איז דאָס געוועלב געבליבן שטיין ליידיק. עס איז ניט געוועזן אויף דעם קיין אַנדער בעלן. האָט עס געוואָרט אויף זיי.

עס האָט זיי אויך אָפּגעגליקט, וואָס פאַרן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע האָט די מאַמע ניט פאַרקויפט דאָס באַלעבאַטישקייט. אפילו אין פאַדלאָ האָט אויף דעם אויסגעפעלט אַ בעלן. איז עס געבליבן שטיין אין געוועלב, ווי עס איז געשטאַנען פריער. זיינען זיי באַוואָרנט מיט אַ בעט צום שלאָפן, מיט אַ טאָפּ צום קאָכן.

די דעקאָראַציע פונם געוועלב האָט זיך כמעט ניט געביטן. נאָך

אַמעריקע איז דאָ די זעלביקע אויסשטאַטונג, וואָס פאַר אַמעריקע. נאָך אַמעריקע פעלן בלויז די דריי פּאָרטרעטן, וואָס זינט ער גע־דענקט, קאַבאַלקין, האָבן זיי באַצירט דעם אויבן־אָן פון געוועלב — די שפּיגל־וואַנט, וואָס האָט דעם אָנבליק פון אַ פּענצטער־לאָד.

די פאָטאָגראַפיעס פון די צוויי אידישע באַראָנען, פון דעם באַראָן ראָטשילד און פון דעם באַראָן הירש, האָט די מאַמע פאַרן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע אַוועקגעשענקט דער מומע באַסיען אויף אַן אָנדענק. די פאָטאָגראַפיע פון אָורעמטשען, פון דעם אַמעריקאַנער קרוב, וואָס איז אַלע מאָל געווען דער שטאָלץ פון דער משפחה און דער גלאַנץ פונם געוועלב, האָט די מאַמע איינגעפּאַקט מיט זיך אינם בעט־געוואַנט. צערייסט די מאַמע אויף שטיקלעך אָורעמטשעס פּאָרטרעט, בעת זי פּאַקט אויס די שמאַטעס פון די צוריקגעבראַכטע פּעקלעך. דאָס רעכנט זי זיך אָפּ, די מאַמע, מיט אָורעמטשען דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען דעם טאַטן קיין אַמעריקע:

— ווען ניט ער — קלאָגט זיך די מאַמע פאַר דעם קליינוואַרג אויף דעם פּאָרטרעט — וואָלטן מיר ניט דערגאַנגען צו די צרות. זאָל ער כאָטש ניט הענגען אויף די אויגן.

אויב אָבער די דעקאָראַציע פונם געוועלב איז פאַרבליבן כמעט די זעלביקע, וואָס „פאַר אַמעריקע", האָט זיך דער כאַראַקטער פון דער מאַמען אינגאַנצן געביטן „נאָך אַמעריקע". דער צען־יאָריקער קאַ־באַלקין האָט זיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין אויף זיין מוטער.

פאַר די פאַר וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דעם קאַראַנטין אין טאָרן, האָט זיך אין דעם געוועלב איינגעפרעסן שימל. קראַצט די מאַמע דעם שימל און רעדט אויפן קול:

— פון אָט־די פיר ווינקלען ריר איך זיך מער ניט. איינמאָל אָפּגעבריט זיך.

איז פאַר קאַבאַלקינען אַ נייעס די רעפּליקע פון דער מאַמען. ער האָט נאָך פון איר קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ לשון.

— האָט זיך דען די מאַמע ניט געקריגט אַלעמאָל מיט דעם טאַטן פאַר אַ בעסערן לעבן? זינט ער געדענקט, האָבן זיך ביידע, אי דער טאַטע, אי די מאַמע, שטענדיק געגרייט צו עפּעס. שטענדיק האָבן זיי געוואַרט, אַרויסגעקוקט, אַז עס וועט זיי ווערן גוט. איצט איז ביי דער מאַמען רעכט, אַז זיי זאָלן בלייבן אייביק אין פּאָדלאָ, קיינמאָל

זיך ניט רירן פון געוועלב. פאַרוואָס אַזוי?

— אַ שאָד, וואָס דער טאַטע איז ניטאָ דערביי. דער טאַטע וואָלט דערפאַר גוט אויסגעזידלט די מאַמען.

קאַבאַלקין אימיטירט אין געדאַנק דעם סטיל, ווי דער טאַטע וואָלט אָנגעשריען אויף דער מאַמען:

— דו ביסט אַ נאַר, פערל. דיינע אויערן הערן ניט, וואָס דיין מויל רעדט. דו פאַרשטייסט ניט, אַז אַ לעבעדיקער מענטש איז געגליכן צו אַ זומערדיקן טאָג: אָט קלאַפּט אַ דונער, און אָט שיינט די זון. נישקשה: ביי די טעכטער וועלן זיך אויסברעקלען די קעפּלעך. דאָס וועט ניט נעמען לאַנג. דעמאָלט וועסטו קומען צו מיר מיט דעם דריילינג. וועלן די קינדער ווערן לייט אין אַמעריקע. דעם גרעסטן נחת וועלן מיר דאָרטן דערלעבן פון אונזער איינציקן זון.

דער טאַטע אָבער דערוויטערט זיך אַלץ מער און מער. מיט יעדן טאָג סטאַיעט ער ניט אַלץ אויף אַ גרעסערן מהלך. ביסלעכוויז ווערט ער פאַרגעסן. דער טאַטע ווערט אַ לעגענדע. דאָס קליינוואַרג דערמאָנט זיך אויף אים דורך דער פּריזמע פון קונסט:

די שוועסטער אין די הייבלעך זינגען וועגן דעם טאַטן לידער. דערשלאָגענע, פאַרזינדיקטע פאַר זייערע קעפּ, פּישטשען זיי נאָכאַנאַנד אַ דועט:

— טאַטע, טאַטע. אַז דו פאָרסט אַוועק, אויף וועמען לאָזטו אונז איבער?

און קאַבאַלקין מאָלט פון דעם טאַטן בילדער. אין צווייערליי פּאָזעס מאָלט ער אים:

1)ביים וואָרשטאַט מיט אַ קאַפּול אין שויס.
2) ביים שיסל מיט אַ לעפל אין האַנט.

וויל די מאַמע ניט ליידן דעם קולט פונם קליינוואַרג צום טאַטן: זי בייזערט זיך אויף די טעכטער פאַר זייער געזאַנג:

— וואָס פאַרטאַטעוועט איר מיר דעם קאָפּ?

זי בייזערט זיך אויף דעם זון פאַר זיין מאָלעריי:

— דו וואָלסט זיך בעסער אויסגעלערנט אָנשרייבן אַן אַדרעס, איידער נאָכקרימען דעם טאַטן.

די מאַמע, וואָס האָט פריער ניט אַרויסגעלאָזט דעם טאַטן פון מויל, לאָזט איצט ניט די קינדער דערמאָנען אַפילו פאַרשטעלטערהייט זיין נאָמען.

איינמאָל הערט קאַבאַלקין אַ געשפּרעך צווישן דער מאַמען און דער מומע באַסיען.

די מומע רעדט מיט איר שטים אַן ציין:

— הלואי, פּערל, וואָלט אונז די מאַמע אונזערע, זאָל זי דאָרטן מיען, בעסער באַגראָבן קליינערהייט, איידער מיר זיינען אויסגעוואקסן אויף אַזאַ פינצטער לעבן.

— איך — זאָגט די מומע — בין אַן אלמנה. דו, מיין שוועסטער — אַן עגונה.

ענטפערט די מאַמע דער מומען:

— פאַר מיר, באַסיע, זאָרג זיך ניט. איך וועל שוין דורכשטופּן מיין שטיקל לעבן אָן ליישקען. ווען ער שטעלט זיך דאָ־אָ אַריין צו מיר, וואַרף איך אים אַרויס דורכן טיר. אַז ער האָט געקאָנט מיך איבערלאָזן אַליין, וויל איך מער ניט אָנקוקן זיין פּנים.

פינפטער קאַפּיטל

1

אין דעם ווינטער, וואָס נאָך דער נסיעה קיין אַמעריקע צום טאַטן, קומט דעמאָלט קאַבאַלקין אָן אויף דער לערע פאַר אַ שלאָסער.

דער אויסוואַל דוקא פון דעם שלאָסער־פאַך פאַר קאַבאַלקינס פּראָפעסיע איז געווען דער אויפטו פון כאַיוטין דעם שרייבער.

דער שרייבער כאַיוטין איז אין יענער צייט אין פאַדלאָ אַ פאַר צו דעם פעלדשער בינקין: זיי זיינען דאָביידע אָפּיציעלע הומאַניסטן. זיי זיינען צוויי פּריסטער פון איין גלויבן: זיי זיינען ביידע טאָלסטאָ־יאַנער. פאַדלאָ איז זייער טעמפּל: אין אָט־דעם קוואַרטאַל פון דער אידישער אָרעמשאַפט ריכטן זיי דאָס אָפּ זייער דינסט צו דער מענטשנליבע פון דעם גראַף טאָלסטאָי. פּונקט ווי בינקין איז אין פאַדלאָ דער אומזיסטער דאָקטאָר, אַזוי איז דאָ כאַיוטין דער אומ־זיסטער שרייבער. ער שרייבט פאַר דער אָרעמשאַפט בריוו, אַדרעסן קיין אַמעריקע, צו סאָלדאַטן. ער איז דאָ אויך דער אַדוואָקאַט.

זיי פאַרנעמען אין פאַדלאָ זאַלבעצווייט, בינקין און כאַיוטין, איין געוועלב: זיי זיינען ניט־באַווייבטע. ווי בינקין איז אויך כאַיוטין ניט קיין היגער: ער איז דער זון פון אַ מאָסקווער פאַבריקאַנט.

דערגאַנגען זיינען זיי, כאַיוטין און בינקין, צו זייער געמיינזאַמען

גלויבן דורך באַזונדערע וועגן, שיר־ניט פון צוויי פּאָלוסן: איינער דורך סיביר; דער צווייטער דורך פּאַלעסטינע.

דער מאָליווער בינקין איז געוואָרן אַ טאָלסטאָיאַנער אויף קאַ־טאָרגע, וואוהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן פאַר אַ טעראָר־אַקט אין דער עפּאָכע פון די „נאַראָדאָוואָלן״ — די רוסישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געהאָפט דורך אַ באָמבע־אָנגריף אויף די צאַרישע מאַכטהאָבער צו באַפרייען רוסלאַנד.

דער מאָסקווער כאַיוטין איז געוואָרן אַ טאָלסטאָיאַנער אין ירושלים, וואוהין ער האָט אויסגעוואַנדערט צוליב זיין ציון־ליבע אין דעם סטיל פון די „בילואים״ — די סטודענטן, וואָס האָבן געטרוימט דורך ביבל־פּאַרמעריי אין די אַראַבישע וויסטענישן אויסלייזן אידן.

קיין פּאַדלאָ האָט זיי געבראַכט, ביידע טאָלסטאָיאַנער, איין מאָ־טיוו: דאָס האָבן די רייכע קרובים זייערע מיט גוואַלד זיי באַזעצט אין וויטבאָניע, כדי (צוליב דער געאָגראַפישער נאָענטקייט) צו קאָ־נען בעסער אַכטונג געבן אויף זיי, אַז זיי זאָלן ווידער ניט פאַרקריכן אַהין פון וואַנען זיי זיינען קוים אַרויסגעקראָכן.

פיזיש זיינען זיי קעגנזעצלעכע טיפּן: כאַיוטין איז אַ בלאָנדער, אַ הויכער, אַ פולער, בעת בינקין איז אַ שוואַרצער, אַ קליינער, אַ דאַרער. דאָך האָבן זיי דעם אַנבליק פון גלייכע פיזיאָגאָמיעס. ביידע האָבן דעם שמייכל פון אַ בלינדן: אַזאַ ליכטיקער, שטראַלנדיקער, ניט־דאָאיקער שמייכל. זיי האָבן ביידע אויך איין גאַנג, וואָס דער־מאָנט אָן דעם טראָט פון אַ בלינדן: ניט זיי שפּאַנען, נאָר שאַרן זיך, טאָפּן. דאָס האָט זיי אַפּנים אויסגעגלייכט דער טאָלכטאָיאַנישער ריטואַל. דער דאָזיקער ריטואַל זעט זיך אָן אפילו אויף זייער טוא־לעט: ווי בינקין איז אויך כאַיוטין אַן אָפּגעלאָזענער, אַן אַרומגע־וואַקסענער.

חוץ דעם, וואָס כאַיוטין איז אין פּאַדלאָ דער שרייבער פון בריוו, איז ער דאָ דער שפּייזער פון אַלמנות: פאַלט אין פּאַדלאָ אַ בעל־מלאכה, נעמט אויף זיך כאַיוטין איבער די משפחה: ער שטעלט־צו האָלץ, ער טראָגט אַריין ברויט.

שטעלט ער אַריין, כאַיוטין, אין דעם צעטל פון זיינע אַלמנות, וואָס ער האַלט אויס, אויך זיין מאַמען, קאַבאַלקינס, נאָך דעם, ווי זיי דער־פאַרן ניט צום טאַטן.

כאַיוטין מאַכט ביי זיי אין געוועלב זיין ערשטן וויזיט. עס איז

אַ פּראָסטיקער פּאַרנאָכט. די מאַמע מיט די דריי קינדער טוליען זיך צו איין שטיקעלע אויוון־וואַנט, וואָס האַלט אָן וואַרעמקייט.

— ווי לעבט זיך עס, ליבע פריינט? — פרעגט כאַיוטין מיט זיין ניט־דאַאיקן שמייכל און ער צופּט דעם אייז פון זיין פאַרפרוי־רענער באָרד. אָנגעטאָן איז ער אין אַזאַ ברענענדיקן פראָסט אין אַ קאָלירלאָזן, פאַרשמוציקטן, לופטיקן כאַלאַט.

— אַ דאַנק פאַר נאָכפרעגן. — ענטפערט די מאַמע אַ פאַרשעמטע.

די שפּיץ אויערלעך פון דער מאַמען צערויטלען זיך, ווי פון היץ, טראָץ דעם, וואָס איבערן געוועלב גייט אום אַ ווינט.

כאַיוטין פאַרשווייגט דעם דאַנק.

— האַלץ — פרעגט ער — איז דאָ גענוג?

ענטפערט ווידער די מאַמע:

— אַ דאַנק.

— און וואָס איז מיט דעם אויוון? — לאָזט ניט אָפּ כאַיוטין. — דער פאָד פאַלט ניט? דער קוימען שטיקט ניט?

די מאַמע אָבער האַלט זיך ביי איר איינציק וואָרט:

— אַ דאַנק.

מוסר׳ט כאַיוטין די מאַמען:

— וואָס איז עס פאַר אַ לשון, מיין ליבער פריינט? „אַ דאַנק", „אַ דאַנק" . . . אַ מענטש אַ מענטשן דאַרף העלפן, ניט דאַנקען. אַ דאַנק — אויך מיר אַ געשעפט.

— דעם דאַנק — ווערטלט ער זיך — לייגט מען אַוועק אונטער אַ באַנק. דער קלענסטער געשאַנק איז בעסער פאַר דעם גרעסטן דאַנק.

און אויף זיין אויסגעבלייכטן געזיכט צעשפּילט זיך אַ ברייטער שמייכל. עס ווערט אַזש ליכטיק אין געוועלב. אויך די מאַמע שמייכלט:

— די בעסטע מתנה, פאַניע כאַיוטין, איז אַזאַ גאַסט.

פון יענעם אָוונט אָן האָט כאַיוטין אָנגעהויבן אָפּט אַריינקומען אין די אָוונטן אין געוועלב. די מאַמע האָט זיך ווידער פאַרבענקט נאָך דעם טאַטן. דער כעס אויף אים, פאַרוואָס ער האָט זי איבערגעלאָזן, איז אָפּגעגאַנגען. דיקטירט זי כאַיוטינען בריוו צום טאַטן. די בריוו קומען אַרויס אַזוינע האַרציקע. אַז כאַיוטין לייענט דורך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, בעט אים אָפּט די מאַמע:

— אַ רחמנות אויף אים דאָרטן. שרייבט אָן, פּאַניע כאַיוטין, אָן אַנדער בריוו: אַ פּראָסטערן.

פאָלגט כאַיוטין: ער שרייבט איבער דעם בריוו אויף פּראָסטער.

אַמאָל קומט כאַיוטין אין פּאַר מיט בינקינען. בינקין מיידט אויס צו קומען אַליין. ער פילט זיך אַפּנים שולדיק פאַר דעם, וואָס דער קאַראַנטין פון די דייטשן האָט אויסבראַקירט די קעפּ פון די מיידלעך.

— אַ מענטש, — רעדט ער צו כאַיוטינען, אַז די מאַמע זאָל הערן — אַ מענטש איז יענער, וואָס שטעלט ניט אויף זיך צו פיל.

— איך — באַשולדיקט ער זיך — האָב ניט געטאָרט זאָגן, אַז אַ פלעק פון אַן אויסשיט קאָן דורכגיין פאַר אַ סימן פון אַ קלאַפּ. אַ מענטש דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אַ צוזאָג.

אין אַן אָוונט אַזאַ, בעת אויך בינקין איז דערביי, קומט אַרויף כאַיוטין אין זיין געשפּרעך מיט דער מאַמען אויף אים, קאַבאַלקינען:

— עס איז ניט גוט — זאָגט כאַיוטין, — וואָס וועלוול (קאַבאַל־קינס דעמאָלטיקער נאָמען) דרייט זיך אַרום פּוסט איבער פּאַדלאָ.

— אַז ס'איז ניטאָ קיין טאַטע, דאַרף זיך אַריינמישן אַ פריינט.

— פאַרענטפערט ער זיך.

— מיין עצה איז — לייגט־פּאַר כאַיוטין — אַז דער בחור זאָל זיך לערנען אַ מלאכה.

— און די בעסטע מלאכה איז — גיט ער צו — שלאָסעריי.

— עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט —פילאָזאָפירט כאַיוטין — אַז אַלע מלאכות וועלן אונטערגיין: פאַר דעם מענטשן וועט אַרבעטן די מאַשין. נאָר שלאָסעריי וועט בלייבן. ווייל אַ מאַשין קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ שלאָסער.

פאָלגט די מאַמע די עצה פון כאַיוטין דעם שרייבער און גיט אָפּ קאַבאַלקינען פאַר אַ לערן־אינגל צו ביינוש דעם מעכאַניקער.

עלף יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען, קאַבאַלקין.

2

ביינוש דער מעכאַניקער איז געווען מער ווי אַן אייגנטימער פון אַ וואַרשטאַט. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַן עפּאָכע. דאָס איז די עפּאָכע פון די ניינציקער יאָרן אין רוסלאַנד.

דער רוסישער אינטעליגענט איז נאָך דעמאָלט ניט געקומען צו זיך פון זיין העראָאישער אָנשטרענגונג אינם פאָריקן יאָרצענדליק. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אויסגעמאַטערט פון זיינע טעראָריסטישע אַקטן, פאַרפייניקט פון די צאַרישע תליות. עס האָט נאָך געקלונגען דער לעצטער אַקאָרד פון זיינע העלדישע טאַטן — די דערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. האָט ער געזוכט, דער רוסישער אינ־טעליגענט, אַן אָפּוועקסלונג, אַ דערלייכטערונג פון זיינע גרויסע מעשים אין קליינע געבאָטן: אין פערזענלעכער טוגנד, אין שטי־ליטשקער הייליקייט. ער איז דעמאָלט געוואָרן אַן אָנהענגער פון אַלטערטימלעכע אַפאָריזמען, פון סקאָרבאָווע שפּרוכן. ער האָט זיך פאַר'פאָלק'עוועט, ער האָט זיך פאַרפראָסטעוועט. אַזוינע רוסישע אינטעליגענטן פון אָט־דער עפּאָכע זיינען געווען די צוויי אידישע טאָלסטאָיאַנער פון פאַדלאָ — כאַיוטין און בינקין. אַזאַ רוסישער אינטעליגענט איז געווען אין יענער צייט ביינוש דער מעכאַניקער. פּונקט ווי ביי כאַיוטינען די שרייבערײַ, ווי ביי בינקינען די מעדיצין, אַזוי איז ביי ביינושן די שלאָסערײַ געווען ניט אַ פאַך, ניט אַ פּרנסה, נאָר אַ סטיל, אַ אידייע.

אויך ווי די פאַדלאָער הומאַניסטן (כאַיוטין און בינקין) האָט ביינוש געשטאַמט פון גביר'ישע עלטערן. ער איז געווען אַ היגער, אַ וויטעבאָניער. זיין צווייטער נאָמען איז געווען רובינשטיין. דאָס איז אַ פאַמיליע אַרמיי־ליוועראַנטן פון דור־דורות. נאָך פונם קריג מיט נאַפּאָלעאָנען. נאָר ביינוש האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פאַמיליען־חזקה: אָנשטאָט צו זיין אַן אַרמיי־ליוועראַנט, האָט ער גע־טרוימט צו ווערן אַ קירכן־אַרכיטעקט. דאָס איז געווען אין זיין יוגנט זיין באַרוף. ער האָט געשטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע פון דער הויפּט־שטאָט. איז ער אין די 70־ער יאָרן אַרויסגעטראָטן פון דער אַקאַדעמיע און איז אַוועקגעגאַנגען אין פאָלק. ער איז געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדיסט אין דאָרף. האָט זיך גע־פירט פאַרצייטן אין רוסלאַנד, אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז אַ דאָרפישער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף דערביי קאָנען טאָן אַ ניצלעכע מלאכה: כדי אונטערהעלפן דעם פויער ווי אַ האַנטווערקער, ניט בלויז אַרויסטרעטן פאַר אים אַלס אַ שיינרעדנער. דאָס האָט באַ־דאַרפט צוגעבן פּרעסטיזש דער פּראָפּאַגאַנדע: אַרויסרופן צוטרוי ביים פויער. איז ביינוש צוליב דעם געוואָרן אַ שלאָסער. פאַר דער

דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע דורך שלאָסעריי איז ער דעמאָלט פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע אין סאַכאַלין. צען יאָר איז ער אָפּגעווען אויף דעם סאַכאַלין־אינזל. נאָכדעם איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן אין זיין היים־שטאָט. האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט צו זיין משפחה, צו די רייכע ליוועראַנטן. ער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן די מלאכה, וואָס ער האָט אויסגעלערנט צוליב די רוסישע פּויערים. די דאָזיקע מלאכה אָבער האָט ער איצט אָנגעווענדט דער עיקר אויף אידישע שניידער. ער איז געוואָרן אַ שלאָסער־לאַטוטניק פאַר ניי־מאַשינעס. אין זיין אַרבעט פאַרן אָרעמען שניידערטום האָט ער איינגעפירט די סיסטעם פון נאַטוראַלער ווירטשאַפט: פאַר דעם פּרייז פון זיין אַרבעט האָט ער איינגעשטעלט אַ צאָל פון פּראָדוקטן: פאַר יעדן טאָג אַרבעט אויף אַ מאַשין דאַרף ער קריגן צוויי מאָל אין טאָג עסן אין נאַטור. באַשטאַנען איז זיין טעגלעכע שפּייז פון איין פונט ברויט און פון אַ האַלבן הערינג. ביינוש רובינשטיין איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער טיי־טרינקער. נאָר דאָס האָט ער געטאָן אויף זיין אייגענעם חשבון. זיין טיי־געטראַנק האָט ער ניט אַריינגערעכנט אין מלאכה־געלט.

— טיי — האָט ער דערקלערט זיינע קונדן — איז אַ לוקסוס. און מיט לוקסוס איז דער שניידער ניט מחויב אויסצוהאַלטן דעם שלאָסער.

פון כאַיוטינען און פון בינקינען האָט זיך ביינוש אויסגעטיילט, אין דעם הומאַניטאַרישן סטיל, מיט זיין רוסיפיצירטן כאַראַקטער. דאָס האָט זיך אָנגעזען אין זיין הילוך. דאָס האָט אַרויסגעדרונגען פון זיין לשון: אַז קאַבאַלקין איז אָנגעקומען צו ביינושן פאַר אַ לערן־אינגל, איז יענער שוין געווען אַן עלטערער איד. אַ מאַן אַריבער די זעכציקער. דאָך האָט ער געהאַט דעם אָנבליק פון אַן עכטן רוסאַק: אַ ניט־הויכער, אַ היפּשלעך־דיקער. דאָס העמדל אַריבער די הויזן. געדיכטע גרויע האָר אין אַ פּריזור, ווי אַ קוואַדראַט. די שפּראַך בלויז רוסיש. אַז ביינוש האָט אַמאָל אויסגערעדט אַ אידיש וואָרט, האָט זיך געדאַכט, אַז די אידישע שפּראַך פאַרמאָגט נאָר איין בוכשטאַב — אַ „שין", וואָס קלינגט אויך אַמאָל ווי אַ „זש". אין אַלעם איבעריקן אָבער האָט ביינוש געלעבט, ווי די פאַדאָלער טאָלסטאָי־אַנער. זיין וואַרשטאַט איז געווען אין אַ קעלער. איז דער קעלער געווען זיין דירה. דאָ־אָ האָט ער זיך אויסגעלעבט איינער

אַליין. ווי כאַיוטין און ווי בינקין, איז ער אויך געווען אַן אַ ווייב און אַן אַ פאַמיליע.

פון דער אַרכיטעקטור אין זיין יוגנט איז ביי ביינושן פאַרבליבן אַ ליבע צו פאָרם. אַז ער האָט איינגעשטימט אָנצוגעמען קאַבאַל־קינען אויף דער לערע (דאָס האָבן ביי אים קוים גע׳פועל׳ט קאַ־באַלקינס אפיטרופסים, די צוויי טאָלסטאָיאַנער), האָט ער געלאָזט רופן זיין מאַמען און ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— יעדע פּראָפעסיע פּאַדערט אַ ספּעציעלע קליידונג. פאַר אַ שלאָסער פּאַסט זיך אַ גאַרניטער פון בלוי־געפאַרבטן לייוונט. אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל אויסלערנען דיין זון די מלאכה, דאַרפסטו פאַר אים אויפנייען אַזאַ גאַרניטער.

האָט די מאַמע געפאָלגט דעם מייסטער. זי האָט געמאַכט דעם זון אַזאַ גאַרניטער. ביינוש האָט איר געגעבן צושטייער אויף מאַטעריע. איז דאָס פאַר קאַבאַלקינען געווען אַ גרויסע פרייד. אַז ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דעם גאַרניטער פון בלויען לייוונט, האָט ער גע־פילט ווי ער וואָלט זיך אָנגעטאָן אין אַ סטודענטישער אוניפאָרם.

קאַבאַלקין, דער קליינער געזעל, איז געווען ביי ביינושן דער איינציקער אַרויסהעלפער. בעת ביינוש האָט אַריינגעלייגט זיין קאָפּ אין דעם איינגעווייד פון אַ ניי־מאַשין, איז קאַבאַלקין געשטאַנען ביי דער זייט און געשפּריצט אַהין אויל פון אַ בלעך־כלי. אין דעם איז אייגנטלעך באַשטאַנען זיין לערע ביים מייסטער. דערביי האָט דער מייסטער פאַר אים געזאָגט תורה:

— אַז מען אַרבעט פאַר דעם אָרעמאַן, דאַרף זיין זיס יעדע מלאכה.

קאַבאַלקין האָט אויסגעזען ביי דער דאָזיקער מלאכה ניט ווי אַ געזעל ביי אַ מייסטער, נאָר ווי אַ באַדינער ביי אַ פּריסט.

— אַ בעל־מלאכה איז געגליכן צו אַ דאלאי־לאמא, — זאָגט דער מייסטער אַן אַפאָריזם.

פאַרשטייט ניט קאַבאַלקין, וואָס דאָס מיינט. דערקלערט אים ביינוש:

— טאָן אַן אַרבעט הייסט דינען גאָט. דער הייליקסטער גע־באָט איז:

„מיט שוויס זאָלסטו עסן דיין ברויט״.

דעם קעלער האָט אָפּט באַזוכט דער טריאָ: כאַיוטין, בינקין און סטאַנקעוויטש.

דער דאָזיקער סטאַנקעוויטש איז געווען אַ פּאָליאַק. ער האָט געהערט צו דער זעלבער קאַטעגאָריע, וואָס בינקין, כאַיוטין און ביינוש. ער איז מיט זיי געווען איין טיפּ פון דער עפּאָכע. ער איז געווען אַ רוסישער אינטעליגענט פון יענער צייט. טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ פּוילישער שליאַכטעץ מיט אַ פּאַטריאָטישער פאַר־גאַנגענהייט. אין זיין יוגנט איז ער אויך געווען אַן אַרעסטאַנט. ער איז פאַרטריבן געוואָרן פאַר זיין פּוילישן פּאַטריאָטיזם אין וויטן סי־ביר. אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון סיביר, האָט ער זיך באַזעצט אין וויטבאָניע. דאָס איז געווען די רעזידענץ פון זיין גובערניע. דאָ איז ער געוואָרן אַ לערער פון לאַטיין און אַ שרייבער פון לידער. ער איז געווען אַ לאַנגער, אַ שלאַנקער, מיט אַ באָקיש בערדל. ער איז אויך געווען אַ טאָלסטאָיאַנער. פונדעסטוועגן האָט ער אין דעם פאַסאָן פון זיין קליידונג אָפּגעהיט דעם סטיל פון אַ שליאַכטעץ. זומער און ווינטער האָט ער אויף זיך געטראָגן איין־און־דעמזעלביקן מלבוש — אַ לאַנגן סורדוט פון גרויען געוואַנט. האָט ער זומער באַצויגן דעם סורדוט מיט אַ ווייסן כאַלאַט. און ווינטער האָט ער אויף אים אָנ־געהאַנגען אַ באַראַשקענע פעלערינע. מיט דעם אידישן טריאָ (מיט בינקינען, כאַיוטינען און ביינושן) האָט סטאַנקעוויטשן פאַרבונדן זייער געמיינזאַמער גורל פון דעם רוסישן אינטעליגענט און זייער גע־מיינזאַמע באַציאונג צו דער וועגעטאַרישער קיך. אויך סטאַנקעוויטש איז געווען אַ וועגעטאַריער.

אַז עס איז זיך צונויפגעקומען דער קוואַרטעט, איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען אַ דיספּוט. דיספּוטירט האָבן זיי מערסטנס די וועגעטאַ־רישע פראַגע. דעם טאָן האָט אָנגעגעבן דער פעלדשער בינקין. צווישן אַלע פיר איז בינקין געווען דער שטרענגסטער וועגעטאַריער. האָט ער געהאַט אַ טענה צו ביינושן פאַר זיין ליידנשאַפט צו הערינג. כאַיוטין און סטאַנקעוויטש האָבן בלויז טיילווייז געשטיצט בינקינען אין זיין אַרויסטריט קעגן ביינושן: זיי אַליין זיינען גע־ווען ניט אינגאַנצן ריין פון זינד. זיי האָבן געטראָגן אויף די פיס שיך פון לעדער.

ביינוש האָט אַנערקענט זיין מאָראַלישע שולד. ער האָט געשאָקלט זיין פוילערשע פריזור:

— וואָס דען, דער מענטש —איז ניט קיין פרעסער? אודאי איז דער מענטש אַ חיה.

דאָך האָט זיך ביינוש ניט אָפּגעזאָגט פון זיין ליידנשאַפט. ער האָט זיך ווייטער פאַסמאַקעוועט מיט דעם געזאַלצנס. געליטן האָט ער אָבער זייער פון דעם. ער האָט אָפט געקרעכצט:

— אוי, דאָס נאַטורעלע פון דעם מענטשעלע.

3

בעת ביינוש דער מעכאַניקער, דער רוסיפיצירטער איד, איז קאַבאַלקינס מייסטער אין שלאָסעריי — איז סטאַנקעוויטש דער לאַ־טייניסט, דער פוילישער פאַטריאָט, דעמאָלט געוואָרן זיין מעצענאַט אין מאַלעריי.

אַז דער טאָלסטאָיאַנישער קוואַרטעט (ביינוש, סטאַנקעוויטש, בינקין, כאַיוטין) נעמט זיך צונויף אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט אין ביינושעס קעלער צווישן די אויסגעעלטערטע, צעקאַליעטשעטע, ניי־מאַשינעס פונם וויטבאַניער אידישן שניידערטום, קומט עפּעס מערסטנס אַזוי אַרויס, אַז נאָך דעם ווי זיי דיספּוטירן זיך אָן וועגן דעם הומאַניטאַרישן מענטשן און זיין וועגעטאַרישער פליכט, שטעלן זיי זיך אָפּ אויף דעם רוסישן פאָלק און זיין היסטאָרישן וועג. דער איניציאַטאָר פון דער טעמע „רוסלאַנד" איז יעדעס מאָל—סטאַנקעוויטש.

סטאַנקעוויטש דער פּאָליאַק איז אַ פאַרביסענער רוסאָפאָב. טראָץ דעם, וואָס ער איז אַן איבערגעגעבענער טאָלסטאָיאַנער. די שאַרפסטע פיילן צילט ער אין רוסלאַנד:

— אונטער פוילנס פאַרטוך פאַרשטעלט זיך רוסלאַנד פאַר אַן אייראָפּייאיש לאַנד.

— רוסלאַנד וואָלט געווען אַ מאָנגאָליע, ווען עס האָט ניט פוילן פאַר אַ שכן.

— זאָל נאָר פוילן זיך באַפרייען פון רוסלאַנד, וועט זיך רוסלאַנד באַלד פאַרוואַנדלען אין כינע.

טרעפט סטאַנקעוויטש, אין ביינושן מיט די דאָזיקע פיילן, וואָס ער צילט אין רוסלאַנד. ביינוש איז דער עכטער רוסאַק פון דעם דאָזיקן טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט. שטעלט ער זיך איין פאַר דעם כבוד פון רוסלאַנד. ער מאַכט חוזק פון פוילן. ער וואַרפט די פיילן צוריק אין סטאַנקעוויטשן:

— אײדער גאַליציע איז שוין בעסער כינע.

— אַ כינעזער איז געװען בודא. פאַרמאָגט ניט פּוילן אין איר געשיכטע אַזאַ פּאַן װי דער פּאַן בודאַ.

— דער פּוילישער אינטעליגענט איז אַזױ װײט פון דעם רוסישן אינטעלעקטואַל, װי װײט עס איז אַ װאָרים אין כריין פון אַ שטערן אין הימל.

צעשפּילט זיך אין סטאַנקעװיטשן זײַן פּאַטריאָטיש בלוט, זײַן שליאַכטישער האָנאָר. ער שפּאַרט זיך אָן אויף זײַן שירעם און ער זאָגט אַרויס מיט צאָרן:

— אַ שאָד, פּאַן ביינוש, װאָס איך בין אַ טאָלסטאָיאָנער. װען איך װאָלט ניט געװען אַ טאָלסטאָיאַנער, װאָלטן מיר איצט געשטאַנען ביים באַריער. אַזאַ מאָסקװיט װי דו װאָלט איך אַרויסגערופן אויף אַ דועל.

לייגט זיך אַריין דער פעלדשער בינקין אין אַ שלום. אינם גע־געבענעם פאַל פּאַסט פאַר אים די ראָל פון אַן אַרבעטער, װייל ער איז דער קאָסמאָפּאָליט פונם קװאַרטעט.

— זאָל אײַך זײַן גענוג צו קריגן זיך — בעט זיך בינקין ביי ביינושן און סטאַנקעװיטשן. — אַן אונטערשייד: אַ פּאָליאַק צי אַ רוס, מאָנגאָל צי אַ איד. די גאַנצע מענטשהייט איז אַ סיאַמער צווילינג.

— און ניט בלויז די מענטשהייט — גיט ער צו, דער פעלדשער בינקין, װי אַן אַבסאָלוטער װעגעטאַריער. — יעדע באַשעפעניש, װאָס קאָן ליידן אַ פיזישן װייטיק, איז פאַר מיר, װי עס װאָלט אונז געבוירן איין מוטער. אַלץ, װאָס איז ביאָלאָגיש, איז מענטשיש. אפילו אַ טאַראַקאַן איז אַ מענטש.

כאַיוטין אָבער ברענגט אַריין אין דעם סלאַװישן קריג, װאָס קומט־פאָר אין ביינושעס קעלער, אַ אידישע נאָטע. כאַיוטין איז דער איד פונם קװאַרטעט. ער איז פאַרבליבן אַ נאַציאָנאַלער איד אויך אין זײַן טאָלסטאָיאַנישן פּעריאָד.

— דו מוזט צוגעבן, סטאַנקעװיטש — מישט זיך אַריין כאַיוטין — אַז דער שליאַכטיטש איז אַן אַנטיסעמיט. און דאָס פאַרשאַפט ניט קיין ערע דיין פאָלק.

שרייט־אויס סטאַנקעװיטש:

— ניין. איך װעל עס ניט צוגעבן: דאָס איז אַ ליגן.

לאָזט ניט אָפּ כּאַיוטין. ער פרעגט מיט זיין ליכטיקן שמייכל פון אַ בלינדן מענטשן:

— און וואָס איז דאָס „מה־יפית"? און וואו איז דער „בערן־טאַנץ"? דאָס אַלץ איז דען אידן־ליבע?

דעקלאַמירט סטאַנקעוויטש סאַרקאַסטיש פאַר כּאַיוטינען אַ ליד פון לערמאַנטאַוון:

„זאָג מיר. דו צווייגל פון פּאַלעסטינע,
וואו ביסטו געוואַקסן, וואו האָסטו געבליט?
וואָס פאַר אַ בערגלעך, וואָס פאַר אַ טאָלן
האָסטו באַצירט?"

דאָס שפּאָט ער, סטאַנקעוויטש, דורך לערמאַנטאָוון, פון כּאַיוטינען.

— אַ מענטש — ווייזט ער אויף אים אָן — וואָס האַלט זיך פאַר אַ אידן, ווייסט ניט די געשיכטע פון זיין פאָלק. „שליאַכטיטש", „מה־יפית". און דאָס ווייסטו, פאַן כּאַיוטין, אַז דער פּאַלאַץ פון דעם שליאַכטיטש איז געווען די קאָנסערוואַטאָריע פון דער געטאָ? ביי דעם שליאַכטיטש האָט זיך דער איד געלערנט זינגען. אָט־וואָס עס איז דאָס „מה־יפית". ביי דעם שליאַכטיטש האָט זיך דער איד דערלויבט צו טאַנצן. אָט־וואָס עס איז דער „בערן־טאַנץ".

— און ניט נאָר דאָס אידיש געזאַנג און דער אידישער טאַנץ — קנאַקט סטאַנקעוויטש מיט די פינגער, ווי אַ דעמאָנסטראַציע פון טריאומף, — אויב עס איז אין אַלגעמיין פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אידישע קונסט, האָט זי אויסגעכאָוועט דער פוילישער שליאַכטיטש. אַזוי פון אַמאָל ביז איצט.

— ווער — רופט ער אויס — האָט געמאַכט דאָס ווילנער אָרעמע אינגל מרדכי אַנטאָקאָלסקי פאַר אַ וועלט־באַרימטן סקולפּטאָר, אויב ניט דער פוילישער שליאַכטיטש פרינץ ראַדזיוויל?

קאַבאַלקינען גייען דעמאָלט ניט אָן די דאָזיקע גערעדערייען פון דעם קוואַרטעט. ניט ער פאַרשטייט זיך אויף זיי אין יענער צייט, ניט זיי אינטערעסירן אים דעמאָלט. בלויז די מעשה מיט דעם ווילנער אָרעמען אינגל, וואָס הייסט מרדכי אַנטאָקאָלסקי, האָט ביי אים דעמאָלט אַרויסגערופן אינטערעס. ביי קאַבאַלקינען האָט זיך באַפליגלט די פאַנטאַזיע. ער האָט געפונען אַ מוסטער פאַר זיין צוקונפט:

— אַט האָט געטראָפן, אַז אַ פּריץ האָט געמאַכט אַ ווילנער אָרע־מען אינגל, וואָס הייסט מרדכי אַנטאָקאָלסקי, פאַר אַ באַרימטן סקולפּ־טאָר. קאָן אויך טרעפן, אַז אַ פּריץ זאָל מאַכן אַ וויטעבסקער אָרעמען אינגל, וואָס הייסט וועלוול סאָנדלער, פאַר אַ באַרימטן מאָלער. יענער פּריץ איז געווען ראַדזיוויל. דער פּריץ וועט זיין — סטאַנקעוויטש.

כדי צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים, באַווייזט ער, קאַבאַלקין, סטאַנ־קעוויטשן, זיין מאָלעריי. ער שאַרט אים אונטער אויף מבינות דעם טאַטן, וואָס ער האָט אויסגעמאָלט מיט אַ בלייער אויף אַ טאָוול אין צוויי פּאָזעס:

1) ווי ער זיצט ביים וואַרשטאַט מיט אַ קאַפּול אין שויס.

2) ווי ער זיצט ביים שיסל מיט אַ לעפל אין דער האַנט.

דאָס זיינען געווען קינדערשע, אומבאַהאָלפענע מאָלעוואַנקעס. פונדעסטוועגן איז סטאַנקעוויטש אַזוי אַנטציקט פון זיי, אַז ער שטופּט דעם געמאָלענעם טאַטן אויפן קלאָץ דעם פאַרסאַזשעטן ביינושן אין פּנים. ער רייצט זיך מיט אים: ער באַנוצט זיך מיט דער דעמאָלטי־קער „קונסט" פון קאַבאַלקינען, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט ביינושן פאַר זיין שפּאָטישן פאַרגלייך צווישן דעם רוסישן אינטעלעקטואַל און דעם פּוילישן אינטעליגענט:

— עי, דו הימלישער שטערן, רוסישער אינטעלעקטואַל. פאַרוואָס קוקסטו זיך ניט אום אויף אַן אָרעמען יאַט, אויף אַ אידישן טאַלאַנט?

— דער דאָזיקער יאַט — ווייזט אַן ביינושן סטאַנקעוויטש אויף קאַבאַלקינען — האָט באַדאַרפט מאָלן פּאָרטרעטן אין אַקאַדעמיעס, ניט כליאָבען ביי דיר אויל אין די מאַשינדרעס.

אויך אין כאַיוטינען האָט סטאַנקעוויטש אַ נקמה צוליב דער מאָ־לעריי פון קאַבאַלקינען:

— אַט אַזוי, פּאַן כאַיוטין, — לאַכט ער מיט אַ דריבנע גע־לעכטערל — היטן דאָס אָפּ אידן זייערע געניעס.

— אַפּנים — זאָגט ער — דאָס איז שוין פאַר דעם פּאָליאַק אַ באַשערטע זאַך צו זיין פאַר דעם אידן אַ געשוואָרענער מעצענאַט.

קאַבאַלקין איז גליקלעך אין אָט דעם מאָמענט. ער האָט גע־פונען אַ דערלייזער פאַר זיין באַרוף. ווי אַנטאָקאָלסקי האָט ער גע־קראָגן אַ פּריץ (דער נאָמען אַנטאָקאָלסקי גייט ביי אים דעמאָלט ניט אַרויס פון זינען).

ער באַגלייט אים אַרויס, סטאַנקעוויטשן, פון ביינושעס קעלער

אויף סמאָלענסקער גאַס. עס איז פאַרנאַכט אין מערץ. עס איז ווינטיק. נאָר דער ווינט איז אַ מילדער, אַ לאַשטשענדיקער. ער טראָגט די בשורה פון פרילינג. פאַר אים, פאַר קאַבאַלקינען, טראָגט ער אַ גרוס פון זיין פאַר — פון אַנטאָקאָלסקין. עס איז פאַר אים אַ פרייד און אַ שטאָלץ, וואָס ער שפּאַנט מיט אַ גוי, ווי מיט אַ גלייכן. ער וואָלט וועלן, אַז פון די באַלקאָנען זאָל מען אויף זיי קוקן: וועלוול דעם לאָטוטניקס חבר׳ט זיך מיט סטאַנקעוויטשן, דעם שררה.

אונטערוועגנס האַלט סטאַנקעוויטש פאַר קאַבאַלקינען אַ לעקציע וועגן קונסט.

— די וועלט — לערנט אים דער פוילישער מעצענאַט זיינער — באַשטייט בלויז פון פאַרבן. ניט נאָר די נאַטור. אויך דער מענטש איז אַ קאָליר. און ניט נאָר דער איינציקער מענטש. יעדעס פאָלק איז אַ באַזונדער קאָליר.

סטאַנקעוויטש רעכנט אויס די פעלקער לויט זייערע קאָלירן:

— דאָס פויליש פאָלק האָט דעם קאָליר פון אַ בלויען פויגל.

— דאָס רוסיש פאָלק האָט דעם קאָליר פון אַ געבאַקטן לעבער.

— דאָס אידיש פאָלק האָט דעם קאָליר פון אַ געלער לאַטע.

4

נאָך דעם ווי סטאַנקעוויטש, דער בונטאַרישער זון פון דעם פוילישן פריץ, האָט זיך אים דערקלערט, דעם מינדעריעריקן קאַבאַלקינען, פאַר אַ מעצענאַט פון זיין מאָלעריי, ווייזט אים אַרויס ביינוש, דער רוסיפיצירטער זון פון דעם אידישן גביר, אַ ווידערווילן פאַר זיין קונסט. די דאָזיקע צוויי טאָלסטאָיאַנער פון די רייכע קלאַסן קאָנקורירן צווישן זיך פאַר אים, פאַר דעם אינגל פון דער פאַדלאָער אָרעמשאַפט. סטאַנקעוויטש וויל אים פאַר זיך — צוליב זיין פוילישן פאַטריאָטיזם: ער וויל אויף אים דעמאָנסטרירן די מעצענאַטישע טראַדיציע פון דער האַנאָראָווער שליאַכטע. ביינוש וויל אים, דעם יאַט, פאַר זיך — צוליב זיין יוגנטלעכן אידעאַל: ער וויל אין אים קאָנסערווירן די פרימיטיווע נשמה פון דעם פאָלקסטימלעכן טיפּ.

ביינוש נעמט איינפאַך אַרויס דאָס חיות ביי קאַבאַלקינען פאַר זיין טאַלאַנט. בעת קאַבאַלקין איז ביי אים אויף דער לערע פאַר אַ שלאָסער, איז ער ביי אים אויך אויף קעסט. צוליב קאַבאַלקינס קעסט איז אַזש פאַרגעקומען אַ שטיקל רעוואָלוציע אויף דעם וויט־

באַניער אַרבעטס־מאַרק. פריער, בעת ביינוש האָט געאַרבעט אַליין, איז זיין פרייז פאַר אַ טאָג אַרבעט געווען איין פונט ברויט מיט אַ האַלבן הערינג. זינט אָבער ער האָט אָנגעשטעלט קאַבאַלקינען פאַר אַ געהילף, האָט ער פאַרדאָפּלט דעם פרייז פאַר זיין אַרבעט. זיין טאָג־לוין איז געוואָרן צוויי פונט ברויט און אַ גאַנצער הערינג. אַ העלפט פון זיין איינקונפט, וואָס ער קריגט ביים שניידערטום, גיט ער אָפּ קאַבאַלקינען. ער טיילט זיך מיט אים אין ביסן. ער פאַראייניקט די סיסטעם פון נאַטוראַלער ווירטשאַפט מיט דעם גאַנג פון טאָל־סטאָיס קריסטענטום. שלאָפן אָבער שלאָפט קאַבאַלקין ביי זיין מאַמען אין געוועלב. ביי ביינושן אין קעלער פעלט פּלאַץ פאַר אַ צווייטן געלעגער. האָט ביינוש אינגאַנצן געענדערט זיין באַציאונג צו קאַ־באַלקינען נאָך דעם ווי סטאַנקעוויטש האָט אים אָנערקענט פאַר אַ מאַלער. אַז קאַבאַלקין קומט אַריין אויפן פרימאָרגן אין קעלער צו דער מלאכה, באַגעגנט אים זיין טאָלסטאָיאַנישער באַלעבאָס מיט שפּאַט. ער חוזק'ט פון אים אין זיין קאָמישן אידישן לשון, וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל מיט אַ שעפּעליאַווען קלאַנג פון „שין" און „זש".

— באַטיטשעלי! — פרעגט ער קאַבאַלקינען — וואָש האָשטו היינט געמאָלן? אַ פּאָרטרעט, צי אַ פּייזאַזש?"

פאַרלירט ער זיך דעמאָלט, קאַבאַלקין. ער פאַרשטייט ניט דעם שכל, וואָס דער באַלעבאָס רופט אים באַטיטשעלי, ניט וועלוול. פאַר אים איז דעמאָלט דער נאָמען פון דעם איטאַליענישן קלאַסישן מאָלער אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע אַ בייזווייליקער, שענדלעכער צונעמעניש: „באַטיטשעל גאָר„. ער פאַרשטייט אויך ניט די טערמינאָלאָגיע פון דעם חוזק — דעם אונטערשייד צווישן אַ פּאָרטרעט און אַ פּייזאַזש. דערהויפּט פאַרשטייט ער דעמאָלט ניט ביינושן אַליין. אַזאַ מאַן זאָל ווערן אַ לץ. עסן אַ הערינג איז ביי אים אַ זינד. פונדעסטוועגן מאַכט ער אַ מענטשן צום נאַר.

קאַבאַלקין הויבט אָן זיין אַרבעטס־טאָג. ער גיסט אַריין אויל אין אַ ניי־מאַשין. לאָזט אים ביינוש ניט אָפּ. ער דערלאַנגט אים ווידער מיט אַ שטעך־ווערטל:

— דאָס איז, אַנטאָקאָלסקיס קאָלעגע — זאָגט ער אים אַריין — זייער פיין פון דיר, וואָס דו נמאס'ט זיך ניט פון אַ פּראָסטער אַרבעט. די מענטשהייט וועט דיר דערפאַר בלייבן שולדיק אַ דאַנק.

דעם לעצטן שטאָך, וואָס ביינוש דערלאַנגט קאַבאַלקינען, טראָגט ער אים אונטער אין דער רוסישער שפּראַך. אים פעלט אויס פאַר זיין גיפטיקן אַפאָריזם אידיש לשון. איז ער, קאַבאַלקין, דעמאָלט זייער שטומפּיק אין רוסיש. פאַרגרעסערט די אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך נאָך מער דעם ווייטיק פון זיין באַליידיקטן כבוד: ווער ווייסט, וואָס ביינוש רעדט דאָרטן אויף אים.

אַז ביינוש חוזק׳ט פון קאַבאַלקינען אויפן פרימאָרגן, געפינען זיך דערביי די צוויי הומאַניסטן פון פאָדלאָ — בינקין און כאַיוטין. אַ בליאַסק אויף טאָג קומען זיי אין פאַר צו ביינושן אויף טיי. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ טבע צונויפקומען זיך זאַלבעדריט אין די פרימאָרגנס און דערציילן איינער דעם אַנדערן זייערע חלומות. ווייזט־אָן ביינוש בינקינען און כאַיוטינען אויף קאַבאַלקינען, ווי אויף אַן אילוסטראַציע צו זייער שיקזאַל.

— עך, מיינע טייערע אַלטיטשקע, אייגענינקע ברידערלעך, — זאָגט ער אין זיין אימיטירטן פויערשן סטיל צו די פאָדלאָער אידישע טאָלסטויאַנער — די געשיכטע האָט אונז אויסגעשטעלט אַ צונג מיט אַ טשיריק. מיר, די רייכינקע זינדלעך, האָבן אָפּגעגעבן דעם פאָלק אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, ביז דעם לעצטן זוים. צוליב דעם פאָלק האָבן מיר אָפּגעגעבן אונזערע טאַלאַנטן. צוליב דעם פאָלק האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון אונזערע ירושות. צוליב דעם אָרעמען מענטשן האָבן מיר זיך ניט פאַרגונען דעם מינדסטן פאַרגעניגן. ניט פיזיש, ניט גייסטיק. אונזער טואַלעט האָבן מיר דערפירט צו שמאַטעס. אונזער אינטעלעקט האָבן מיר רעדוצירט צו פּראָקלאַמאַציעס. ווי אַ לאַסט אויף אַ האָרב האָבן מיר געטראָגן אונזער חוב צום פאָלק. נאָר דאָס פאָלק לאַכט זיך אויס פון אונזער מאַרטירערטום. וואָס מיר האָבן אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט, האָט דאָס פאָלק אויפגעהויבן, ווי אַ מציאה. דאָס פאָלק איז אַ האַטענטאָט. די מאָראַל פונם פאָלק איז: „אַ נאַר גיט און אַ קלוגער נעמט״. און מיר האָבן אים נאָך געמאַכט, דעם האַטענטאָט, פאַר אַ גאָט.

— איך, — ווייזט ער אָן, ביינוש, אויף זיך — האָב געזאָלט זיין אַן אַרכיטעקט. דאָך בין איך געוואָרן אַ שלאָסער.

— דאָס פאָלק אָבער — ווייזט ער אָן אויף דעם קליינעם קאַבאַלקינען — וויל ניט זיין אַ שלאָסער. עס וויל דווקא זיין אַ קינסטלער.

5

אין דעם אומ׳חן, וואָס ביינוש דער מעכאַניק האָט דעמאָלט גע־וואָרפן אויף וועלוול דער עגונה׳ס (אַזוי האָט ער דעמאָלט געהייסן, באָריס קאַבאַלקין), האָט אויך געשפּילט אַ ראָל דער אידישער שבת, ניט בלויז קאַבאַלקינס קונסט.

זינט סטאַנקעוויטש האָט זיך דערקלערט קאַבאַלקינען פאַר זיין מעצענאַט, קומט ער צו אים אָפט מיט אַ וויזיט. מערסטנס באַזוכט ער אים אום שבת. שבת איז ביי דעם דרייצן־יאָריקן אינגל (ער איז שוין דעמאָלט, קאַבאַלקין, געוואָרן בר־מצוה) דער איינציקער פרייער טאָג אין וואָך. שבת פאַרפרי, בעת אידן גייען אין שול, שפּאַנט ער צו זיין מעצענאַט. סטאַנקעוויטש וואוינט ווייט פון שטאָט הינטער דעם וואָקזאַל, ביי אַ פּוילישן באַן־באַאַמטן. ער פאַרנעמט דאָרטן אַ קליין צימערל. ווייעט אינם צימערל מיט פּריסטערשאַפט: עס איז באַלייגט מיט ביכער, עס איז באַהאָנגען מיט בילדער.

סטאַנקעוויטש גיט אים אָפּ כבוד, דעם פּאַדלאָ־אינגל. בעת קאַ־באַלקין טרעט אַריבער די שוועל, וואַרפט סטאַנקעוויטש אויף זיך אַרויף די פּעלערינע. האָט ער באַמערקט, קאַבאַלקין, אַז סטאַנ־קעוויטש טוט זיך אָן אין דער באַראַשקענער פּעלערינע בלויז דעמאָלט, ווען ער נעמט־אויף אַ וויכטיקן גאַסט. דער גרעסטער כבוד פאַר קאַבאַלקינען איז וואָס סטאַנקעוויטש איז אים מכבד מיט מיטאָג ביים טיש פונם באַן־באַאַמטן, ביי וועמען ער האַלט זיין צימער. דער דאָ־זיקער מיטאָג איז דעמאָלט פאַר קאַבאַלקינען זייער אַ געהויבענער מאָמענט. דעם אויבן־אָן ביים טיש פאַרנעמט דער באַן־באַאַמטער — אַן עלטערער מאַן אין אַ אוניפאָרם. ביי ביידע זייטן טיש איז אויס־געזעצט דעם באַאַמטנס פאַמיליע. די פאַמיליע איז אַ גרויסע, אַ געלערנטע. סטודענטן. קורסיסטקעס. דאָס איז געווען אַ פאַמיליע (ווי קאַבאַלקין וועט זיך שפּעטער דערוויסן) פון געהיימע פּוילישע פּאַטריאָטן. די טשערווינסקיס האָבן זיי געהייסן. פאַר אים, קאַבאַל־קינען, און סטאַנקעוויטשן סערווירט מען באַזונדער ביים טיש. זיי ביידן דערלאַנגט מען וועגעטאַרישע שפּייז. סטאַנקעוויטשן — ווייל ער איז אַ טאָלסטאָיאַנער. קאַבאַלקינען — ווייל ער איז אַ איד. יעדע מעניו איז אין דעם דאָזיקן הויז אַ שטיק טאָלעראַנץ. אויף אַ צוגאָב צו דער טאָלעראַנטער אַטמאָספער הערשט ביים טיש אַן אידעאַ־

ליסטישער טאָן. סטאַנקעוויטש דערציילט וועגן די פּוילישע פּאַט־ריאָטן, וואָס מאַטערן זיך אין די סיבירישע טונדרעס. פילט ער זיך דער קליינער קאַבאַלקין, אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, אַלס אַן אויסדערוויילטער איד. ער פאַרגעסט אַזש אַמאָל ביים טיש זיין נאָמען. אַלע רופן אים: וולאַצלאַוו. דאָס איז געווען דעם מעצע־נאַטס איינפאַל. סטאַנקעוויטש האָט אים אָנגעזאָגט באַלד ביי זיין ערשטן וויזיט:

— פון איצט־אָן זאָלסטו הייסן: וולאַצלאַוו, ניט וועלוול. וועלוול איז אַ נאָמען, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ שענקער, פאַר אַ קרעמער, ניט פאַר אַ מאַלער, פאַר אַ קינסטלער.

איז ביינוש רובינשטיין, דער אַמאָליגער טעראָריסט, דער דע־מאָלטיקער טאָלסטאָיאַנער, בייז אויף דעם דרייצן־יאָריקן קאַבאַל־קינען פאַר זיינע שבתדיקע וויזיטן צו סטאַנקעוויטשן, צו די טשער־ווינסקיס: ביינוש, וואָס איז אינדערוואָכן אַ רוסיפיצירטער אינטע־ליגענט — איז שבת אַן אָרטאָדאָקסישער איד. פרייטיק פאַרנאַכט ציט ער פון זיך אַראָפּ די פּויערשע העמד אַריבער די הויזן, טוט זיך אָן אין אַן אידישלעכן פּידזשאַק ביז די קני און אַ גאַנצן מעת־לעת רירט ער זיך ניט צו צו אַ ניי־מאַשין. שבת איז ער אפילו אַ דאַוונער אין שול. דאָס איז ביי אים ניט אַן אויסדרוק פון פרומ־קייט, נאָר אַ צודעק פון פאָלקסטימלעכקייט. פאַר דער דאָזיקער מאַסקע האָט ער אויסגעטראַכט אַ ספּעציעלע טעאָריע, וואָס ער פּרעדיקט אָפט פאַר זיינע טאָלסטאָיאַנישע קאָלעגן, פאַר בינקיגעץ און כאַיוטינען, די פאַדלאָער הומאַניסטן.

— אַ קולטורעלער מענטש — לערנט ער — דאַרף טראָגן אויף זיך דעם פאָלקסטימלעכן אָנבליק פונם פאָלק צווישן וועמען ער לעבט. עס איז קיין אונטערשייד ניט צי אָט־דאָס פאָלק איז אַן אייגנס, צי אַ פרעמדס. פאָלקסטימלעכקייט איז אַ זאַך, וואָס קומט ניט פון געבורט, פון בלוט. פאָלקסטימלעכער סטיל שטייט העכער פונם לעבעדיקן פאָלק. דאָס פאָלק איז בלאָטע. זיין סטיל איז גאָלד.

— ווען איך — רעדט ביינוש וועגן זיך — וואָלט געלעבט צווישן אַ פאָלק פון מלאכים, וואָלט איך געווען אַ מלאָך. פונקט ווי ווען איך וואָלט געלעבט צווישן אַ פאָלק פון מענטשן־פרעסער, וואָלט איך גע־ווען אַ מענטשן־פרעסער.

— איך לעב אָבער — פירט ער אויס — אין אַ אידישער שטאָט,

דאַרף איך זיך פירן, ווי אַ אידישער מענטש. און דאָס מיינט — אָפּהיטן שבת.

אַז קאַבאַלקין איז אָנגעקומען צו ביינוש צו אויף דער לערע פאַר אַ שלאָסער, איז ער אויך געוואָרן זיין געהילף אין פּאַלקסטימלעכקייט. ער האָט יעדן שבת באַגלייט זיין מייסטער אין שול. האָט ער, דער דרייצן־יאָריקער קאַבאַלקין, שוין דעמאָלט ניט געהאַט קיין נחת פון דער סקאַרבאָווער פאָלקס־ליבע. דער רוסיפיצירטער ביינוש האָט ליב געהאַט צו זיצן אין בית־המדרש דוקא ביי דער טיר, צווישן די קבצנים. בעת אים, קאַבאַלקינען, איז געווען ניט גוט ביים אויוון, צווישן די קבצנים. אים האָט גאָר געצויגן צו דער בימה, צווישן די משוררים. דעריבער, אַז עס קומט שבת אינדערפרי, איז קאַבאַלקינען ליבער צו באַזוכן סטאַנקעוויטשן אין זיין היים, איידער צו באַגלייטן זיין באַלעבאָס אין בית־המדרש.

האָט אים ביינוש ניט געקאָנט פאַרגעבן אַזאַ פאַרראַט. ער האָט אים פאַר זיין פאַרראַט דעמאָלט געגעבן אַזאַ צונעמעניש, וואָס זיין זין וועט קאַבאַלקין פאַרשטיין מיט פיל יאָרן שפּעטער, ווי דעם זין פון אַלץ, וואָס ביינוש האָט דעמאָלט גערעדט.

דער צונעמעניש איז געווען:

„די פאַרשוועכטע פּאָלקסטימלעכקייט".

6

אַזוי האָט ער דאָס, באָריס קאַבאַלקין, קליינערהייט דערוואָרבן פאַר זיך די אָנגעזעענסטע פּאָזיציע פון אַן אויסדערוויילטן אידן: ער עסט ביי איין טיש מיט גוי'אים. דערצו זיינען די גוי'אים — פּאָליאַקן. באַאמטע.

לאַנג אָבער האָט קאַבאַלקין די דאָזיקע פּאָזיציע ניט אָנגעהאַלטן ביי די געהיימע פּוילישע פּאַטריאָטן.

טראָץ דער טאָלעראַנטער אַטמאָספערע, וואָס די טשערווינסקיס האָבן איינגעשטעלט ביים טיש צום עסן און דעם אידעאַליסטישן טאָן, וואָס סטאַנקעוויטש האָט צוגעגעבן דער אַכילה מיט זיינע מעשות פון קאַטאָרגע — איז זעלטן־ווען דורכגעגאַנגען אַ מאָלצייט, וואָס צווישן דעם פּאַטער, דעם ניט־יונגן, אוניפאָרמירטן באַן־באַאַמטן, און זיין טאָכטער וואַנדאַ, די בלאָנדע, געשוירענע מעדיצין־קורסיסטין, זאָל ניט פאָרקומען אַ שאַרפער איבעררייד וועגן פּוילנס צוקונפט.

טשערווינסקי — דער פאָטער — איז געווען אַ לאַנגיאָריקער אַלמן. וואַנדאַ, זיין טאָכטער, איז געווען זיין באַליבט קינד. זי איז אויך געווען די באַלעבאָסטע פון הויז. האָט זיך דער פאָטער מסתמא געשראָקן פאַר איר גורל. ווייל חוץ איר געשווירענער פריזור פון אַ מאַנסבילשן פאַסאָן, האָט זי נאָך געטראָגן אַ מאַנסבילשע בלוזע פון שוואַרצן סאַטין. זיינען דאָס געווען אין יענער צייט די צוויי אויסגע־שפּראָכענע סימנים פון אַ ראַדיקאַלער פרוי. איז דאָך סיביר געווען דער וועג פון אַזאַ פרוי. און וואַנדא האָט זיך נאָך געמאַכט אַ מאָדע צו זיצן ביים מאַלצייט דוקא אין אָט־דעם טואַלעט. די בחור׳שע בלוזע האָט איר צוגעגעבן חן, פאַרגרעסערט איר פרעסטיזש. פאַר דעם פאָטער אָבער איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אַ פּיין צו זען די טאָכטער צווישן מענטשן אין איר ראַדיקאַלן גאַרדעראָב.

נאָך פאַר דעם ערשטן געריכט דערלאַנגט ער אַ ברום:

— נאַר משוגעים קאָנען גלויבן, אַז פּוילן וועט אַמאָל קריגן צוריק דעם אָדלער.

ענטפערט אים וואַנדא אויפגערעגט:

— ניין, פּאַפּאַ. די, וואָס גלויבן אין דעם אָדלער פון פּוילן, זיינען פּאַטריאָטן, ניט משוגעים.

נאָך אַזאַ ענטפער הויבט זיך אויף וואַנדא אַ ברוגז׳ע פון טיש. דערשרעקט זיך אַפּנים דער פאָטער פאַר דער טאָכטער. ער האָט מורא, זי זאָל אים ניט פאַרלאָזן. כדי איבערצובעטן זי, הויבט ער זיך אויף פון זיין פּאַטריאַרכישן אויבנאָן און הויבט אָן צו זינגען דעם פּוילישן הימן:

„נאָך איז פּוילן ניט פאַרפאַלן״ . . .

שטעלן זיך אַלע אָנוועזנדע אויף די פיס. אויך ער, קאַבאַלקין, שטייט צוגלייך מיט אַלעמען אויף די פיס. סטאַנקעוויטש אַקאָמפּאַ־נירט מיט פאַרמאַכטע אויגן. לאָזט זיך וואַנדא איבערבעטן. זי פאַר־נעמט צוריק איר פּלאַץ — דעם מיטן פון טיש. זי טיילט אויס פאַר יעדן אַ חלק. נאָך דעם געזאַנג פונם הימן איז די שפּראַך ביים טיש פּויליש. ער, קאַבאַלקין, פילט זיך ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ קלויסטער. ער שרעקט זיך. אַז עס ענדיקט זיך דער מאָלצייט פון דער משפחה, זינגט מען דאָ אין כאָר „וואַרשאַוויאַנקאַ״. אַלע ביז איינעם פאַלן אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז זיי שטעלן זיך אויס אויף די קני. דער אַלטער טשערווינסקי צלמ׳ט זיך. קאַבאַלקין באַטייליקט

זיך אויך אין דעם עקסטאַז פון כאַר. ער מאַכט נאָך סטאַנקעוויטשן דעם מעצענאַט. סטאַנקעוויטש שטייט אויף די קני און האַלט אויס־געשטרעקט די רעכטע האַנט. קוקט אויך קאַבאַלקין צו דער ערד און שווערט צו פוילן. ענדיקן ענדיקט זיך די צערעמאָניע מיט דער סטראָפּע:

„נאָך איז פוילן ניט פאַרפאַלן״.

דאָך, אַז עס קומט צו אַ צווייטן מאַלצייט, חזר׳ט איבער דער אַלטער טשערווינסקי וואָרט־אין־וואָרט זיין פריערדיקן פּראָגנאָז וועגן פוילנס צוקונפט.

— נאָר משוגעים קאָנען גלויבן, אַז פוילן וועט אַמאָל קריגן צו־ריק איר אָדלער.

קומט נאָך דעם דאָזיקן פּעסימיסטישן פּראָגנאָז ווידער פון דאָס־ניי די גאַנצע פריערדיקע פּראָצעדור.

נאָר איינמאָל איז דער פּעסעמיזם פון דעם אַלטן טשערווינסקין צו דער צוקונפט פון פוילן אויסגעגאַנגען צו קאַבאַלקינס קאָפּ. דאָס איז געווען אין אַ יום־טוב׳דיקן טאָג פון דער צאַרישער דינאַסטיע.

דער אַלטער טשערווינסקי איז אין יענעם טאָג געזעסן ביים טיש אין זיין פולער אוניפאָרם מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט זיך ניט צוגערירט צום מאַלצייט. ער האָט אונטערגעברומט אַ זידל־וואָרט:

— פּשאַקרעוו (צויגישער זון) — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר זיין הויז־געזינד.

— דער מאָסקאַל, — האָט ער פאַרגאָסן אַ טרער אין זיינע לאַנגע, גרויע וואָנצעס, — דער מאָסקאַל וועט שוין באַלד ווידער קרוינען אַן אייגענעם צאַר, און פוילן האָט נאָך אַלץ ניט, אפילו קיין אייגענעם גובערנאַטאָר.

האָט וואַנדא געטרייסט איר פאָטער:

— דו ניט זאָרג, פּאַפּאַ. נאָך אין דיינע טעג וועט פוילן אויפגע־ריכט ווערן.

דער אַלטער אָבער האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן:

— ווי אַזוי, טאָכטער, קאָנסטו אַזוי ריידן?

— פוילן — כליפּעט ער אויפן קול — האָט פאַרלוירן די אָר־לאַנען. און דער מאָסקאַל איז פאַרפלייצט מיט קאָזאַקן.

— אויך די פּאָליאַקן זיינען ניט דאָס וואָס געווען. אַמאָל זיינען געווען קאָסטיושקאָס. און איצט . . .

— און איצט . . . — ווייזט ער אָן מיט אַ פינגער אויף סטאַנ־קעוויטשן — איצט פריינטלען זיך פוילישע פּאַטריאָטן מיט זשידישע אידיאָטן. אַנשטאָט צו זיין קאַטאָליקן, ווערט מען טאָלסטאָיאַנער.

— אויף די פוילישע פּאַנענקע . . . — לייגט ער אַרויף אַ האַנט אויף וואַנדאַ׳ן — די פוילישע פּאַנענקע מאַכט איצט נאָך דער גע־שוירענער זשידאָווקע.

דערביי האָט ער נאָך אַ טענה, דער אַלטער טשערווינסקי, אינם טאָג פון צאַרישער פרייד, וואָס איז פאַר אים דער טאָג פון נאַ־ציאָנאַלן חשבון, פון פּוילנס טרויער:

— וואָס — פּאָכעט ער מיט דער פויסט צו קאַבאַלקינען — האָט איר מיר דאָ־אַ אַוועקגעזעצט אָט־דעם זשידיק אונטער דער נאָז. איך וויל אויף אים ניט קו־ו־קן, — ציט ער אויס זיין שנאה — אויף דער קיקי־מאָרע.

— פון מיין עס־טיש — איז ער באַליידיקט, — האָט מען געמאַכט אַ קונקל־מונקל, אַ טאַלאַמוד־טאָרע.

און ער וואַרפט זיך אויף אים, אויף קאַבאַלקינען:

— אַרויס פון דאַנען, יאַנקל־שמיל.

נאָך אָט־דעם אינצידענט האָט זיך קאַבאַלקין שוין מער ניט גע־וויזן צו די טשערווינסקיס. פון דעמאָלט־אָן האָט ער אויך אויסגעמידן סטאַנקעוויטשן. פון פאַדלאַ האָט ער עס פאַרשוויגן. ער האָט ניט דערציילט וועגן דעם אינצידענט דער מאַמען. ער האָט אפילו ניט אויסגעזאָגט וועגן זיין באַליידיקונג די אידישע טאָלסטאָיאַנער — בינקינען, כאַיוטינען, ביינושן.

פאַר קאַבאַלקינען איז דאָס געווען דער גרעסטער פאַרלוסט אין זיין דרייצן־יאָריקן לעבן. ער האָט זייער ליב געהאַט וואַנדאן. וואַנדא איז אייגנטלעך געווען פאַר אים מער מאַגנעט, איידער דער מעצענאַט. ער האָט זי ליב געהאַט פאַר דעם ווי זי איז. אויך פאַר איר מאַנס־בילשער פריזור, פאַר איר מאַנסבילשער בלוזע. און וואַנדא צו אים איז אויך געווען גוט. וואַנדא האָט אַביסל געמאָלן. האָט ער פאַר איר פאָזירט. איינמאָל אין אַ שבת איז געווען אַ פאַל, וואָס וואַנדאַ האָט אים אָנגענומען פאַר דער גאָמבע און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. זי האָט אים דעמאָלט געזאָגט:

— או האָסט אַן אַזיאַטישן בליק.

דאָס איז געווען זיין ערשטער ראָמאַן.

זעקסטער קאַפּיטל

1

דער קוואַרטעט האָט קאַבאַלקינען ניט געבראַכט צו אַ תכלית: ניט ער האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון שלאָסעריי, ווי כאַיוטין, דער אידישלעכער טאָלסטאָיאַנער, האָט אים געראָטן, ניט ער איז דערגאַנגען צו דער קונסט פון מאַלעריי, ווי סטאַנקעוויטש, דער פּוילישער פּאַטריאָט, האָט אים פאָראויסגעזאָגט. ער איז געווען ביים קוואַרטעט אַ שפּילצייג. פאַר ביינוש דעם מעכאַניקער איז זיין שלאָסער-וואַרשטאַט געווען דער סטיל פון אַן עטישער אידייע. ניט אַ מאַטעריעלע פּראָפעסיע. דעריבער האָט אים ניט געאַרט, אַז קאַבאַלקין זאָל זיך ניט אויסלערנען דעם שלאָסער-פאַך. וואָס אים האָט יאָ געאַרט איז, אַז קאַבאַלקין זאָל זיך האַלטן פאָלקסטימלעך: דאָס האָט געשטימט מיט זיין עטישער אידייע; פאַר סטאַנקעוויטשן דעם פּאָליאַק איז זיין קונסט-מעצענאַטנטום געווען דער סימבאָל פון אַ שליאַכטישער טראַדיציע. ניט אַ פערזענלעכער דראַנג. דעריבער האָט אים ניט געאַרט, אַז פון קאַבאַלקינען זאָל ניט אַרויסקומען קיין קונסט-מאַלער. וואָס אים האָט יאָ געאַרט, דעם שליאַכטיטש, איז, אַז קאַבאַלקין זאָל זיך רעכענען פאַר זיין פּראָטעזשע: דאָס האָט האַרמאָנירט מיט דער שליאַכטישער טראַדיציע.

אין געוועלב האָט זיך ווידער אַ הויב געטאָן דער דלות, ווי אין די ערשטע וואָכן, ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע: זינט זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דייטשלאַנד, האָט דער טאַטע באַמבאַרדירט מיט בריוו. ער האָט אַריינגעשיקט דאָלאַרן. ער האָט פאַרגאָסן טרערן: „אַן דער פאַמיליע איז זיין לעבן קיין לעבן ניט אין אַמעריקע". ער האָט זיך געבעטן, אַז די מאַמע „זאָל איינרייסן וועלטן און אויסהיילן די מיידלעך". האָט אים די מאַמע געענטפערט דורך כאַיוטינען, אַז „אַ מאַמע איז ניט אַ טאַטע: אַ מאַמע ריזיקירט ניט מיט אירע קינדער". די מאַמע איז דאָס געווען אַנגעברוגז'ט אויפן טאַטן: זי האָט געבעטן כאַיוטינען, ער זאָל אַריינשרייבן אין דעם ענטפער נאָך אַ שורה, אַז „זי האָט אים געוואָרנט, אַז אַ מאַן לאָזט ניט איבער אַליין אַ ווייב". האָט זיך פון דעם טאַטן אָפּגעשטעלט די פּאָסט. זיינען זיי פון דאָס-ניי פאַרבליבן אָן ברויט.

די מאַמע האָט זיך געהאַלטן ביי איר וואָרט, וואָס זי האָט געגעבן

דער מומען, אַז זי וועט זיך קאָנען באַגיין אָן דער הילף פון דעם טאַטן. זי האָט אויך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט ניט אָנקומען צו לייטן נאָך צדקה. זי האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַן אייגענער פּרנסה. די פּרנסה אירע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט בייגל און עפּל. די בייגל טראָגט זי פאַנאַנדער אינם פריען באַגינען איבער די וואַרשטאַטן. מיט די עפּל שלעפּט זי זיך אַרום דעם גאַנצן טאָג איבער די קראָמען. האָט זי זיך דערטראַכט צו אַ טריק אין איר געשעפט.

— די בעסטע סגולה צו אַ קונה — זאָגט זי דער מומע באַסיען — איז אַ קינד. ברענגסטו די סחורה מיט אַ קינד, ציילט ניט דער קונה די מטבעה. וואָס ער נעמט — נעמט ער אין צווייען: צוויי עפּל, צוויי בייגל. און צאָלן צאָלט ער, ווי פאַר איינציקוויין. פאַר אַ קינד שעמט מען זיך צו זיין קאַרג.

ציט די מאַמע אַריין דאָס קליינוואַרג אין דעם מסחר, כדי צו וועקן דעם אַפּעטיט ביי דעם קונה. צוליב דעם קאָמערציעלן טריק אירן צעטיילט זי די דריי קינדער אין צוויי שיפטן: איין שיפט פאַר די בייגל, אינדערפרי; דעם צווייטן שיפט פאַר די עפּל, בייטאָג. פאַר דעם עפּל־שיפט נעמט זי די מיידלעך. זיי זיינען צו ־שוואַך פון דעם קאַראַנטין אין דייטשלאַנד, איז ביי זיי פאַרבליבן אַ מיחוש אויף שטענדיג. האָט די מאַמע קיין האַרץ ניט אויפצוהויבן זיי פאַרטאָג פונם געלעגער. לאָזט זי זיי איבער אויף בייטאָג, צו באַגלייטן זי מיט די עפּל אין די קראָמען; פאַר דעם בייגל־שיפט האָט די מאַמע באַשטימט אים, קאַבאַלקינען. ער האָט דערפאַרונג אין העלפן דער דער מאַמען טראָגן דעם יאָך.

ער האָט שוין געהאָלפן דער מאַמען טראָגן אין די פרעסט דעם טאַטן דעם קרופּניק צו ברונימען אין שוסטאַרניע, בעת ער איז נאָך אַלט געווען ניין יאָר. איצט איז ער שוין אַ מאַנסביל, אַ בעל־מלאכה. לאָזן זיי זיך אַרויס פאַרטאָג אין פאָר (די מאַמע מיט דעם זון) אויף זייער מאַרשרוט מיט די בייגל אין די וואַרשטאַטן. דעם דאָזיקן גע־שעפט האָט די מאַמע אָנגעהויבן שפּעט, אין האַרבסט. שפּאַנען זיי דורך זאַלבענאַנד אינם פריען באַגינען אַ האַלבע שטאָט אין בלאָטע. דער מאַרשרוט זייערער מיט די קרענצלעך בייגל אויף די אָרעמס (און אין אַ רעגן אונטער די פּאָלעס) ציט זיך פון די גאַרבאַרניעס אין פּאַדלאַ צו די שוסטאַרניעס אין פּיסקעוואַטיק ביז די סטאָלאַרניעס

אין זאַרוטשעוויע. עס איז אַזוי פינצטער, אַז אין די וואַרשטאַטן אַרבעט מען פאַר לאָמפּן.

ער, קאַבאַלקין, האָט דעמאָלט זייער ליב אַט־דעם פאַרטאָג־מאַרש איבער די אַרבעטס־וואַרשטאַטן. ער האָט הנאָה צו קוקן, ווי די אויס־געהונגערטע געזעלן וואַרפן זיך אַרויף אויף אַ פרישן בייגל. ביי יעדן ביס — אַ פריילעך ווערטל. דאָס איז פאַר אים אַן אָפּוועקסלונג פון די אָנגעצויגענע טאָלסטאָיאַנער אין ביינושעס קעלער. עס גלוסט זיך אים אויך צו זיין אַ געזעל צווישן געזעלן.

2

פון אַלע געזעלן, וואָס ער טרעפט, קאַבאַלקין, אין די אַרבעט־וואַרשטאַטן אויף זיינע פאַרטאָג־מאַרשן מיט די בייגל, איז אים ליבער איין געזעל אין דעם וואַרשטאַט פון ליפּע דעם סטאָליער. דער דאָ־זיקער ליבלינג זיינער הייסט: מאָטקע, וואָס האָט אויך אַ צונעמעניש: דער האַרציקער.

מאָטקע דער האַרציקער איז געווען ניט קיין היגער. ער איז גע־ווען אַ יונג פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, פון מיטעלן וואוקס. ער האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס. זיין פּנים איז געווען פאַרזייט מיט זומער־שפּרענקלעך, ווי מיט גאָלד־פּינטלעך. שטענדיק אַן אָקור־ראַטנער אין אָנטועכץ. שטענדיק אַ שמייכלענדיקער פון צופרידנקייט. בעת ער שטייט אין פאַרטוך און פירט מיט אַ הובל איבער אַ ברעט, איז ער אַזוי ערנסט, ווי אַ דאָקטאָר וואָלט געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף אַ מענטשן. פונדעסטוועגן ווי נאָר ער קערט זיך אָפּ אַ סעקונדע פון אַרבעט, וואַרפט ער זיך באַלד אַריין אין שפּיל. שטיפן איז זיין חיות. אפילו מיט דער מאַמען האָט מאָטקע ליב אַ שטיף צו טאָן. די מאַמע האַלט די סחורה אויף איר־אָרעם. קלייבט מאָטקע כלומרשט אויס אַ בייגל אין קראַנץ. גיט ער דערווייל אומגעריכט אַ וויש־אָפּ דער מאַמען די נאָז מיט אַ ווערטל:

— אַז מען האָט, מאַדאַם — זאָגט ער — שיינע אויגן, דאַרף מען אויך האָבן אַ שיינע נאָז.

און אויף זיין פּנים, אויף מאָטקעס, קוועלן זיך פאַנאַנדער חן־גריבעלעך, וואָס פילן זיך אָן מיט גאָלד־פּינטלעך — פון זיינע זומער־שפּרענקלעך. דערביי לייגט זיך אויס מיט אַ ציטער אַ שמייכל אויף זיין אונטערשטער ליפּ, וואָס איז אָנגעשפּאָלטן, פאַרריסן.

איז ער, קאַבאַלקין, אַזוי איינגעליבט אין מאָטקען, אַז עס אַרט אים ניט, וואָס ער פאַרשפּילט זיך מיט דער מאַמען. אויך די מאַמע האָט דערפאַר אויף אים קיין פּאַראיבל ניט. אדרבא, זי לויבט אים נאָך. בעת זיי קומען אַרויס אינם טונקעלן פאַרטאָג פון ליפּעס וואַר־שטאַט, האַלט זיך ניט איין די מאַמע און זי גיט אַ זאָג אַרויס צום זון איר מיינונג וועגן מאָטקען:

— אַ בריליאַנט, ניט קיין מענטש.

ער האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן, קאַבאַלקין, אַז דער מאַמען ציט צו ליפּען אין וואַרשטאַט ניט בלויז דער פּדיון פון בייגל. אַז זי קומט אַריין אַהער, רוט זי זיך דאָ אויס, גיט זיך דאָ נאָך: ליפּע אַליין איז קיינמאָל ניטאָ פאַרטאָג אין וואַרשטאַט. אַ באַלעבאָס שטייט ניט אויף אַזוי פרי. אויסער מאָטקען געפינען זיך אין וואַרשטאַט נאָך פינף געזעלן. זיינען זיי אַלע ווי אַ צוגאָב צו אים, ווי זיי וואָלטן געווען מאָטקעס געהילפן. טראָץ דעם וואָס זיי זיינען אַלע עלטער פון אים. ער, מאָטקע, איז דאָ די ערשטע האַנט, דער בעסטער בעל־מלאכה. עס איז האַרבסט, עס איז ווינטער. די מאַמע פאַרקלאָגט זיך אין אַ פאַר־טאָג פאַר מאָטקען, אַז עס איז איר נאַס, אַז ס'איז איר קאַלט. אין וואַרשטאַט איז פאַראַן אַן אויוועלע פאַר אָנוואַרעמען קלעפּעכץ. וואַ־רעמט אַן מאָטקע דאָס אויוועלע פאַר דער מאַמען. ער מאַכט אַ פייער פון סטרוזשקעס. דער פייער איז אַ העלער. די סטרוזשקעס ברענען, ווי ראַקעטן לייכטן. עס שמעקט מיט סמאָלע.

קאַבאַלקינען, וואָס איז צוגעוואוינט צו דעם ריח פון פעל, איז זייער אָנגענעם דער גערוך פון סמאָלע. דאָס פאַר'שיכור'ט אים. אויך די מאַמע פאַרוואַרפט מיטן קאָפּ. די מאַמע זיצט אויף אַ קלאָץ, בעת זי וואַרעמט זיך ביים אויוועלע. די קלאָץ איז אַ שווערע. איז מאָטקע אַזאַ גבור, אַז ער הויבט אויף די קלאָץ אינאיינעם מיט דער מאַמען און שפּאַנט מיט דעם אַרום איבערן וואַרשטאַט, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ קינד אויף אַ בענקעלע. די מאַמע רייט אין מאָטקעס הענט אויפן קלאָץ און לאַכט אין מאָטקעס פּנים אויפן קול. האָט ער, קאַבאַלקין, נאָך קיינמאָל ניט געהערט פון דער מאַמען אַזאַ הילכיק געלעכטער. אים שטעקט מאָטקע אַריין אַ מטבעה. שמייכלט ער צו אים, מאָטקע, מיט זיין אָנגעשפּאַלטענער, פאַררריסענער אונטער־שטער ליפּ:

— נעם. שעם זיך ניט. מיר זיינען צוויי לייבלעכע ברידער: מיר זיינען ביידע קבצנ׳ישע קינדער.

עס איז געווען אַזאַ קאַלטער פאַרטאָג, אַז ער, קאַבאַלקין, און די מאַמע האָבן זיך קוים לעבעדיק דערשלעפּט מיט די בייגל אויף די אָרעמס צו מאַטקען אין וואַרשטאַט. רופט זיך אָפּ מאַטקע צו דער מאַמען נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אַביסל אַטעכאַיעט פון פראָסט:

— פערל! איך האָב פאַר אונז אַ פּלאַן . . .

איז די מאַמע געוואָרן שפּילעוודיק. זי שלאָגט אים איבער, מאַטקען:

— זאָג מיר ניט אויס, וואָס דו מיינסט. איך וויל אַליין טרעפן.

— אַהאַ — כאַפּט זי זיך כלומר׳שט — איך ווייס שוין, וואָס פאַר אַ פּלאַן דו האָסט דאָס. ווילסט מיר ראַטן — איך זאָל אָנטאָן וואַלענע זאָקן מיט אַ וואַטאָוון לייבל.

— אמת, מאַטקע,—רייצט זיך די מאַמע—אַז איך האָב געטראָפן?

גייט דורך אַ ציטער איבער מאַטקעס אונטערשטער פאַרריסענער ליפּ. אויף זיין פּנים קוועלן זיך פאַנאַנדער די חן־גריבלעך, וואָס פילן זיך אָן מיט די גאָלד־פינטלעך פון זיינע זומער־שפּרענקלעך. ער שמייכלט:

— נאָר אויף אַ העלפט געטראָפן.

האָט די מאַמע פאַרגעסן דאָס קליינוואַרג, וואָס איז אַליין אין גע־וועלב, די בייגל וואָס הענגען אויף איר אָרעם. זי איז אַריין אין אַן אָזאַרט מיט מאַטקען. זי וויל וויסן:

— און וואָס איז די צווייטע העלפט?

ענטפערט מאַטקע מיט אַ רעטעניש:

— אַ וואָרעם געקעכץ.

איז קאַבאַלקינען זייער אומאַנגענעם דער שפּיל צווישן מאַטקען און דער מאַמען. ער שעמט זיך פאַר די געזעלן: אַ בליאַסק אויף טאָג שטעלט זיך אַוועק אַ מאַמע פון דריי קינדער שפּילן מיט אַ שנעק פון 23 יאָר. עס איז ניט שיין. וואָס וועלן לייט זאָגן? . . .

דער מאַמען אָבער געפעלט וואָס ווייטער אַלץ מער דער שפּיל צווישן איר און מאַטקען. זי הויבט אָן דעם שפּיל פון אָנהויב, ווי קאַבאַלקינען דאַכט זיך, כדי צו פאַרציען אים אין טאָג אַריין:

— פאַר וועמען — „פאַר אונז” — איז, מאַטקע, דיין פּלאַן? — פּעשטשעט זיך די מאַמע.

— מיין פּלאַן איז פאַר אונזביידן, פּערל! פאַר מיר מיט אייך.
שמייכלט די קליינינטשקע מאַמע ווי אַ קרענקלעך מיידעלע, וואָס הערט וועגן זיך אַ גוט וואָרט. זי קאָקעטירט, די מאַמע:
— וואָס פאַר פּלענער — זאָגט זי — קאָנען זיין צווישן אַן אַל־טער אידענע און אַ יונגן בחור?
כאַפּט־אונטער דער מאַמעס צווידייטיק ווערטל די כאַפּטע פינף געזעלן. איינער פון זיי, דער לאַנגער, דאַרער שלמה־יאַשע, מאַכט כלומרשט אַ וואָרענענדיקע מינע צו מאָטקען:
— קריך ניט אין פייער, בחור׳עץ. די בייגעלניצע איז אַן עגונה.
גייט אים דורך, דעם 13־יאָריקן קאַבאַלקינען, אַ סקרוך איבערן לייב, אַז ער דערהערט די דאָזיקע חכמה פונם געזעל: די מאַמען מאַכט מען צו בלאַטע. עס פלאַמט אים דאָס פּנים פון בושה.
פאַרגיטיקט מאָטקע קאַבאַלקינען פאַר זיין שאַנד מיט אַ ברום:
— נאָך איין וואָרט — סטראַשעט ער שלמה־יאַשען — און דו קריגסט אין באָק . . .
און צו דער מאַמען זאָגט מאָטקע ערנסט:
— מיין פּלאַן איז, פּערל, צו דינגען ביי אייך קעסט.
— דאָס וועט זיין גוט פאַר אַלעמען, — רעדט ער איר איין. — מיר וועט פון דעם אַרויסקומען אַ טובה פאַר מיין מאָגן, און פאַר אייך וועט פון דעם אַרויסקומען אַ טובה פאַר דער הוצאה.
גלויבט זיך עס ניט דער מאַמען:
מאָטקע — פרעגט זי — דו לאַכסט ניט?
שווערט זיך מאָטקע:
— זאָל איך וויינען — פאַרזיכערט ער — אויב איך לאַך . . .
איז מאָטקע נאָך דעם דאָזיקן שפּילעוודיקן דיאַלאָג אין יענעם ווינטערדיקן פאַרטאָג געוואָרן ביי זיי אַ קעסטניק. איז ער געוואָרן אין געוועלב דער טאַטע: די מאַמע טראָגט אים יעדן טאָג אַ קרופּניק אין ליפּעס סטאָליאַרניע, פּונקט ווי זי האָט געטראָגן אַמאָל דעם טאַטן יעדן טאָג אַ קרופּניק אין הערטשעס שוסטאַרניע. אויך אין אָוונט וואָרט זי אויף מאָטקען צו וועטשערע. ווי זי האָט געוואַרט אויפן טאַטן ביינאַכט, ווען ער האָט זיך אָנגעשטעלט פאַר אַ „מענטש".
אַז מאָטקע פאַרשפּעטיקט זיך אַמאָל, איז זי אומרואיק, ווי ווען דער טאַטע האָט זיך פאַרשפּעטיקט. זי קלעפּט זיך צו צום פענצטער און פרעגט זיך נאָך ביי די קינדער, ווי זי האָט זיך אַמאָל נאָכגעפרעגט

ביי זיי אויפן טאַטן:

— וואָס קאָן זיין, וואָס מאָטקע איז נאָך ניטאָ?

אויך ווי פאַרן טאַטן, פוצט זיך די מאַמע פאַר מאָטקען. זי באַגעגנט אַלע מאָל מאָטקען, ווי זי האָט באַגעגענט דעם טאַטן — אין אַ ווייסן פאַרטוך, וואָס זי ציט אַרויף אויף איר פאַרשמאַדערטן לייבל. פאַר מאָטקען פלייסט זי זיך נאָך מער ווי פאַרן טאַטן. זי פאַרפוצט אויך דאָס געוועלב, ניט נאָר זיך. אויפן לעמפּל האָט זי אָנגעטאָן אַן אַבאַזשור פון פּאַפּיר, איז דער אַבאַזשור פון ראָזעווען קאָליר.

אַז מאָטקע קומט־אָן צו וועטשערע, ווערט נאָך פריילעכער אין געוועלב, ווי ווען דער טאַטע זאָל זיך האָבן אַריינגעשטעלט אין דער דאָזיקער צייט צו דער פאַמיליע. די שוועסטערלעך לויפן אים אַנטקעגן. מאָטקע ברענגט זיי אָפט מתנות: קעמלעך, בענדלעך. דערביי ווינשט ער זיי:

—— וואַקסט אויס שיינע מוידן, אויף צעפּוקעניש די רייכע דאַמען.

אויך קאַבאַלקינען ברענגט מאָטקע אָפט אַ מתנה — שרייב־פּאַפּיר, בלייפעדער. פאַר אים האָט ער אויך אַ ברכה:

— דו זאָלסט זיין אַזוי געבילדעט, אַז דו זאָלסט פאַרשטעקן די רייכע סטודענטן.

4

וואָס ווייטער ער האָט זיך, קאַבאַלקין, מיט מאָטקען איינגעלעבט, אַלץ מערער האָט ער אים באַוואונדערט. באַוואונדערט האָט ער אים דערהויפּט פאַר דעם, וואָס ער רופט צו זיך אַרויס אַכטונג.

מאָטקע איז פאַר דער פאַמיליע דער שפּייזער. פאַר דער מאַמען איז ער אַ נס. זי זאָגט וועגן אים אָפט:

— ניט אַ בחור האָט זיך ביי אונז איינגעקוואַרטירט אויף קעסט, נאָר אַ מלאך האָט זיך צו אונז אַראָפּגעלאָזט פון הימל. ווי וואָלטן מיר איצט אויסגעזען אָן מאָטקען?

דאָס געוועלב איז געוואָרן דורך מאָטקען פולער, רייכער. ער האָט אויפגעהאַנגען אַ וואַנט־זייגער אויף דעם זעלביקן פלאַץ, וואו אַמאָל, אין די צייטן פון דעם טאַטן, איז געהאַנגען דער אורעמטשע־פּאָרטרעט. ביז אים איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין זייגער אין געוועלב. קאָן זיך מאָטקע אַליין באַגיין אָן אַ זייגער. ער שלאָפט

ביי ליפּען אין וואַרשטאַט. מיט דעם זייגער איז ער אויסן, אַז דער מאַמען זאָל זיין פריילעכער. ער שמייכלט:

— אַ שטוב אָן אַ זייגער איז ווי אַ חתונה אָן קלעזמער, ווי אַ ווייב אָן אַ קינד.

זאָגט די מאַמע:

— אַלץ ווייסטו, מאָטקע!...

שמייכלט ער ווידער:

— זאָל דאָס צוקומען דעם אָרעמאַן אין טאָפּ, וואָס מיר פעלט אין קאָפּ.

שטענדיק שמייכלט ער, מאָטקע. ניטאָ אַזאַ ווייטיק, וואָס זאָל פון אים אָפּטאָן דעם שמייכל: ער מייסטרעוועט איינמאָל אין געוועלב אַ טיש. דאַרף ער צעהאַקן אַ ברעטל. האָט ער ניט וואו אָנצושפּאַרן דאָס ברעטל. דאָס געוועלב איז שוואַך. ער וועט אַראָפּלאָזן אַ קלאַפּ, וועט אַרויספליען אַ וואַנט. מאַכט ער אַ קני פאַר אַ קלאָץ. טרעפט ער מיט דעם שאַרף אין דער קני. עס רינט בלוט. דער זאַמד פון געוועלב (דער דיל) איז רויט פון זיין בלוט. דאָס פּנים איז בלייך. די גאָלדענע שפּרענקלעך זעען אויס ווי גרויע פּליאַמעס. די הענט האַלט ער צונויפגעשטשעמעט. דאָך גייט ניט אַוועק פון זיין פאַרריסענער ליפּ זיין אנגענעמער שמייכל. די מאַמע שטילט אים דאָס בלוט מיט שפּינוועבס. ווערטלט ער זיך אין אַזאַ אַנגסט מיט דער מאַמען:

— פּערל, אַז איר וועט אַראָפּנעמען די גאַנצע פּאַאוטינע, איז וואָס וועט בלייבן פון געוועלב?

אין דער זעלביקער צייט אָבער, וואָס מאָטקע איז אַזאַ גוטער, איז ער ניט־זעלטן זייער אַ בייזער. בייז איז ער דעמאָלט, ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אַן אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן ניט געגוג פּאַכמעניש, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ניט גענוג קינסטלעריש. אין אַזאַ פאַל איז מאָטקע ווילד.

דאָס איז געווען אין אַ פרימאָרגן אין אַפּריל. די מאַמע האָט צוגעשיקט מיט קאַבאַלקינען אַ קרופּניק פאַר מאָטקען. אין וואַרשטאַט האָט געשיינט דער פרילינג. און אין דעם פרילינג לייכט מאָטקע. ער איז אָן אַ העמד. דאָס לייב זיינס איז ווייס. זון־שטראַלן בלאַנקען אויף זיינע זומער־שפּרענקלעך. זיין פּנים איז אַ שטיק גאָלד. ער איז גוט אויפגעלייגט, מאָטקע. דער באַלעבאָס איז, בעת־מעשה,

ניטאָ אין וואָרשטאָט. צעשפּילט זיך אין אים דער שטיפער. ער זעצט אַרויף דעם דרייצן־יאָריקן קאַבאַלקינען אויף זיינע ברייטע נאַקעטע פּלייצעס. פון שטיפערישער פרייד לייגט ער אים פאַר אַ לוסטיקן פּלאַן:

—— היינט — זאָגט ער אים — וועסטו מיט מיר אויך עסן. מיר וועלן אינאיינעם אָפּריכטן אַ מאָלצייט, ווי אויף אַ פּיקניק.

מאָטקע מאַכט אַ בערגל פון סטרוזשקעס. ביידע ציען זיי זיך אויס אויף דעם בערגל פון סטרוזשקעס, ווי אויף אַ בערגל פון גראָז. ער רוט ניט איין, מאָטקע. ער רופט־אויס כלומר׳שט אַ באַפעל צו די געזעלן:

— עי, באַדינער, לײַדאַקעס, סאַרווערט פאַר די פּריצים: אויפן ערשטן געריכט דעם קאָניאַק מיט דעם מארינאַט. דערנאָך — דעם געבראָטענס מיטן קאָמפּאָט.

דער לאַנגער דאַרער שלמה־יאָשקע, וואָס האָט אויך ליב אַ שפּיל, דערלאַנגט זיי אויפן סטרוזשקעס־בערגל דאָס קרופּניק־טעפּל. פּילן זיך אָן די חן־גריבלעך אויף מאָטקעס געזיכט מיט די גאָלד־פּינטלעך פון זיינע זומער־שפּרענקלעך.

נאָך איידער מאָטקע פאַרזוכט אַ קאַרטאָפל, פאַרקוקט ער זיך אויף אַן אַלמער. דער אַלמער איז שוין כמעט אַ פאַרטיקער. שלמה־יאָשקע לאַקירט אים. די איבעריקע געזעלן שרויפן איין אים איין הענ־גערס. דאָס איז געווען אַ קליידער־שאַפע. קוקט ער אַזוי נאָך, מאָטקע, דעם קליידער־אַלמער, ביז ער שפּרינגט־אויף, ווי פון אַ שלאַנגען־ביס:

— כאָליערעס! — צעשרייט ער זיך אויף די געזעלן. — אָט אַזוי מייסטערעוועט מען עס אויס אַ שטיקל מעבל? דאָס האָט דאָך דעם אָנבליק פון אַ נאַכט־טאָפּ מיט אויערן, ניט פון אַ קליידער־שראַנק מיט קאַרניזן.

פאַרענטפערט זיך שלמה־יאָשע מיט אַ קאָמפּלימענט, וואָס ער מאַכט מאָטקען:

— ניט אַלע סטאָליאַרעס — זאָגט ער — האָבן מאָטקעס הענט.

וואַרפט אָפּ מאָטקע דעם קאָמפּלימענט: ער בייזערט זיך אָן אויף שלמה־יאָשען:

— פאַררייד מיר ניט די ציין. אַ האַנט איז ניט פון גאָט. אַז מען לייגט צו דעם קאָפּ, קריגט מען אַ האַנט.

גיט־אָן שלמה־יאָשע אַן אַנדער תירוץ:

— אַ דאגה האָסטו, מאָטקע. זאָל דער באַלעבאָס קראַפּעיען.

ווערט מאָטקע נאָך מער אויפגערעגט:

— דעם באַלעבאָס — ענטפערט ער — מעגסטו אַריינלייגן אין דר׳ערד. זיך אַליין אָבער טאָרסטו ניט אַרויסשטעלן פאַר אַ פּאַרטאַטש. אַ חיה איז אַ פּאַרטאַטש. אַ מענטש דאַרף זיין אַ מייסטער.

ער סטראַשעט די געזעלן:

— סיידן נאָך מיין טויט — זאָגט ער — וועט דער וואַרשטאַט, וואו איך שטיי, אַרויסגעבן אַזאַ מיאוס׳קייט.

און ער צעקלאַפּט מיט אַ האַמער דעם אַלמער.

וואָגן ניט די געזעלן צו זאָגן אים אַ וואָרט אַנטקעגן. אַזוי גרויס איז דער רעספּעקט צו מאָטקען.

און פּונקט ווי מאָטקע פאַרטראָגט ניט אַן אַרבעטער אַ פּאַרטאַטש, אַזוי פאַרטראָגט ער ניט אַ גביר אַ צדיק (דאָס איז אַפּנים פאַר אים אויך געווען אומעסטעטיש): די מאַמע דערמאָנט וועגן עפּעס די טאָלסטאָיאַנישע פאַר פון דעם פּאַדלאָער קוואַרטאַל — בינקינען און כאַיוטינען.

— גוטע מענטשן — זאָגט זי וועגן זיי — ווייכע הערצער.

שרייט־אָן מאָטקע אויף דער מאַמען:

— איר רעדט נאַרישקייטן, פּערל. איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן אויף די פרומינקע ריידעלעך פון די גביר׳ישע קינדערלעך. פון אַ גביר׳ישן „פלאָד״ (פּרוכט) קאָן ניט אַרויסקומען קיין גוטס. ביז דעם צענטן דור דאַרף מען אים קוקן אויף די פינגער. זיי שפּילן דאָס אין אָרעמקייט. עס הויבט־אָן צו שטעכן אין הינטן פון דעם האָבער, פאַרגלוסט זיך אויף אַן איבערבייט מיסט. עס וועט זיי דער־עסן די מיסט, וועלן זיי ווידער אַריבערגיין אויף האָבער. דאָס איז אַ תענית צוליב אַפּעטיט.

מאָטקע ווייזט דעמאָלט אָן דער מאַמען אויף קאַבאַלקינען.

— עס איז, — זאָגט ער, — ניט קיין תכלית, וואָס וועלוול דרייט זיך אַרום ביי ביינושן. ביינוש רובינשטיין דאַרף זיך אויסשטעלן פאַר דער וועלט, איבערנעמען זיך פאַר זיין משפחה. רעמאָנטירט ער פאַר אַ שניידער אומזיסט אַ מאַשינדל און לעבט אויף ברויט מיט טיי. אַז עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן אַן אַנדער לעבן, וואַרט אויף אים דעם טאַטנס ירושה. וועלוול סאַנדלער אָבער (דאָס מיינט מאָטקע אים, קאַבאַלקינען) דאַרף זיך ניט אויסשטעלן פאַר פּאַדלאָ און ניט איבער־

נעמען זיך פאַרן געוועלב. אים וועט ניט פאַרשאַדן פלייש מיט יויך. זיין טאַטנס ירושה איז זיין אייגן געזונט. דער אָרימער מענטש דאַרף ווייכן פון דעם רייכן צדיק, ווי פון אַ פעסט.

5

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער האָט אויף זיך דערפילט, קאַבאַלקין, דעם שטאַרקן איינפלוס פון מאַטקע דעם סטאָליער. ער איז דעמאָלט געווען אַן עדות פון אַזאַ פּאַסירונג, וואָס איר זין, איר באַדייט וועט ער פאַרשטיין און אָפּשאַצן ערשט אין פיל יאָרן אַרום. די דאָזיקע פּאַסירונג איז — דער פאַנאַנדערפאַל פון דעם טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט.

דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון דעם קוואַרטעט, איז געווען סטאַנקעוויטש.

דאָס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט פון אַפּריל. ווי איז יעדן פאַר־נאַכט, איז זיך דער טאָלסטאָיאַנישער קוואַרטעט צונויפגעקומען אויף טיי אין ביינושעס וואַרשטאַט. דער פאַרנאַכטיקער טיי איז ביי זיי געווען אַ רעליגיעזער אַקט — אַן אָנדענק פאַר די שותפות׳דיקע מאָל־צייטן פון די ערשטע קריסטן. ווי שטענדיק, אַז זיי זיינען זיך צונויפ־געקומען זאַלבעפערט אין קעלער, האָט סטאַנקעוויטש פאַרנומען דעם אויבנאָן. דער צייכן פון אויבנאָן איז אָט־דאָ געווען דער פאָרטרעט פון טאָלסטאָיען. איעדער פונם קוואַרטעט — אַ באַזונדער טיפּ. סטאַנקעוויטש און בינקין האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער זומערדיקן גאַנג: סטאַנקעוויטש איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט איבער זיין שליאַכטישן סורדוט; בינקין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמד אַריבער זיינע פּויערשע הויזן. האָבן זיי ביידע, מיט דער ווייס־קייט פון זייער אָנטועכץ, אויסגעזען אין דער טונקלקייט פון דעם קעלער, ווי צוויי קראַנקע אין אַ שפּיטאָל. כאַיוטין און רובינשטיין (די צווייטע העלפט פון דעם קוואַרטעט) האָבן אויסגעזען ווי צוויי פיגורן אין צוויי קאָנטראַסטן. זיי האָבן פאַרנומען אין קעלער איין באַנק. האָבן זיי זיך אויסגעזעצט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן געזיכט צו געזיכט. ביידע האָבן געשוויגן: דער הויכער, בלאָנדער און פולער כאַיוטין איז געווען פאַר׳דבקה׳ט, פאַרגאַפט. זיין פליכיקן, גלאַנציקן שאַרבן האָט ער פאַרוואָרפן אויף אַן אַקסל און דאָס געזיכט זיינס האָט געשטראַלט פון זיין ניט־דאָ׳איקן שמייכל; דער קיילעכ־

דיקער, דיקלעכער פעסטער ביינוש מיט דעם אָנבליק פון אַן עכטן רוסאַק איז געווען פּאַרטראַכט, אַריינגעטאָן אין זיך. זיין גרויען, געדיכט־האָריקן קאָפּ מיט דער פריזור פון אַ פויער (אין דער פאָרם פון אַ קוואַדראַט) האָט ער אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און די ליפּן זיינע האָט ער צונויפגעשטשעמעט אין דער פּאָזע פון אַ פאַרצווייפלטן צו־שטאַנד. און צווישן די פיר פאַרגאַפטע הייליקע פון דעם אַנגעצווי־גענעם קוואַרטעט, האָט זיך אַרומגעפּלאָנטערט ער, דער פופצן־יאָרי־קער קאַבאַלקין, דאָס קינד פון דעם אומפאַרשטעלטן דלות. עס האָט דאָ געוויעט, אין ביינושעס שלאָסער־וואַרשטאַט, מיט אַ דרייפאַכן אומעט: מיט דעם אומעט פון אָנהויב־פרילינג; מיט דעם אומעט פון אינמיטן־פאַרנאַכט; און מיט דעם אומעט פון נאָך אַ שריפה. דער אומעט פון נאָך אַ שריפה האָט דאָ געוויעט פון דעם פייכטן קעלער, וואָס איז געווען באַלייגט מיט צעבראָכענע ניי־מאַשינעס, מיט ברוך פון אייזן־אַלט וואַרג. און אין דעם דאָזיקן דרייפאַכן אומעט האָט געסקריפּעט סטאַנקעוויטשעס מאַנאָטאָנע שטים:

— דאָס לעבן, דאָס געזונט אָפּגעגעבן די עטאַפּן, דער קאַטאָרגע. איצט איז געקומען די עלטער. איצט דערנעענט זיך דער טויט. ווער ווייסט וויפיל עס איז נאָך געבליבן צו זיין אויף דער ערד. כאָטש די לעצטע שטונדע טרעטן אויף יענעם פוילישן באָדן, וואו עס צאַפּלט נאָך אַ גליד פון דעם פוילישן קעניגרייך. אין גאַליציע איז די אָפיציעלע שפּראַך פויליש. אין גאַליציע איז דער פּאָליציי־אישער אַפּאַראַט פויליש.

בעת סטאַנקעוויטש דער טאָלסטאָיאָנער רעדט אַרויס די לעצטע ווערטער (וועגן אַ פוילישער פּאָליציי), גייט אַריבער זיין מאָנאָטאָנע שטים אין אַ וויברירנדיקן קלאַנג.

— פאַר אונז, פאַר פּאָליאַקן — שפּרייט ער אויס די הענט — איז איצט אַ פוילישער זשאַנדאַרם — אַ קינסטלערישע פיגור, אַ דיכטע־רישער טרוים.

צעכליפּעט זיך בינקין, דער קאָסמאָפּאָליט פונם קוואַרטעט:

— מען דאַרף ניט, ברודערל, זיך צעלויפן. מען דאַרף ניט, אייגענינקער, זיך צעשיידן. פיר קאַטאָרזשאַנעס זיינען מיר געווען. פיר טאָלסטאָיאָנער זיינען מיר געבליבן. דאַרפן מיר זיך האַלטן אַלע פיר אינאיינעם. ניט אָפּטרעטן איינער פון דעם אַנדערן. מיר דאַרפן זיין איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם.

— מען דאַרף ניט קיין זשאַנדאַרם, — וויינט בינקין פאַר סטאַנקעוויטשן — ניט קיין פּוילישן און ניט קיין רוסישן, ניט קיין דייטשישן און ניט קיין טאַטערשן. צו וואָס אַ זשאַנדאַרם!? ווייניק זייגען מיר דען אויסגעשטאַנען פון זיי, פון די זשאַנדאַרמען? עס וועט ווערן ליכטיק אין רוסלאַנד, וועט ווערן ליכטיק אין פּוילן. האָסטו ווען געזען, אַז די זון זאָל פאָדערן אַ פּאַספּאָרט?

— גלויב, סטאַנקעוויטש! האָף, סטאַנקעוויטש! — בעט ער זיך, בינקין — עס וועט קומען אַ צייט, ליבינקער, אַז מיר אַלע וועלן זינגען דאָס געזאַנג פון דעם שענסטן געזאַנג פון אַלע געזאַנגען: „אָוועקגעגאַנגען איז דער ווינטער. אָנגעקומען איז דער פרילינג". דאָס וועלן זינגען פּאָליאַקן און אידן, טשוקטשעס און יאַקוטן. און ווער דען ניט?

רופט זיך אָפּ סטאַנקעוויטש פון זיין טאָלסטאָיאַנישן אויבנאָן (פון יענעם ווינקל וואו עס הענגט אין ביינושעס וואַרשטאַט טאָלסטאָיס פּאָרטרעט):

— נייך, בינקין! דעם מאָסקאָלס געזאַנג איז פון אַן אַנדער אָפּערע. „די זון גייט אויף. די זון גייט אונטער. און אין דער טורמע מיינער איז פינצטער". אָט דאָס איז רוסלאַנד'ס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען. אין רוסלאַנד וועט אייביק זיין פינצטער. רוסלאַנד וועט אַלע מאָל זיין אַ טורמע. דאָס וואָס פאַר דעם פּראָפעט איז געווען עמלק, איז פאַר דעם פּאָליאַק — רוסלאַנד.

— דער מאָסקאָל איז אַ מאָנגאָל. — צעזינגט זיך סטאַנקעוויטש מיט אַ טענאָר — דאָס איז אַ פאָלק פון סיפיליס. אַ פאָלק פון אַל־קאָהאָל. כדי פּוילן זאָל באַפרייט ווערן, מוז רוסלאַנד אָפּגעמעקט ווערן. אַנדערש קאָן עס ניט זיין.

סטאַנקעוויטשעס שטים וויברירט איצט מיט פרייד, בעת ער רעדט וועגן רוסלאַנדס אונטערגאַנג, פּונקט ווי פריער, בעת ער האָט גערעדט וועגן דעם פּוילישן זשאַנדאַרם.

— רוסלאַנד וועט זיין וויסט. — טרייסט ער זיך. — דאָס מוז געשען. דאָס וועט געשען. אויף דעם האָף איך. אין דעם גלויב איך.

— איך — גיט ער צו — וועל דאָס מסתמא ניט דערלעבן. רוסלאַנד איז זייער גרויס. עס דאַרף נעמען צייט, ביז אַזאַ גרויס לאַנד וועט אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם. ביז די גאַנגרען וועט אַרומ־

נעמען אַלע הונדערט־און־זעכציק מיליאָן רוסן און זיי וועלן פּיזיש אָוועקפּאַלן, ווי פליגן, די מאָסקאַלן.

— פּוילן אָבער — רופט ער אויס — וועט דאָס דערלעבן.

דאָס איז געווען ביי דעם טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט דער לעצטער עוואַנגעלישער טיי. דער אידישער טריאָ האָט זיך עס געזעגנט מיט דעם פּוילישן פּערטלינג: אין יענער נאַכט איז סטאַנקעוויטש אַנטלאָפן פון דער פּאָליצייאישער אויפזיכט אין וויטבאָניע, כדי צו דערלעבן די יאָרן, ווי אַן עכטער פּאָליאַק, אין גאַליציע.

כאַיוטין, דער חובב־ציון פונם קוואַרטעט, האָט זיך אין יענעם פאַרנאַכט ניט געשטעלט אויף דעם צד פון בינקינען. און ביינוש, דער רוסאָפיל פונם קוואַרטעט, האָט דאָס מאָל ניט באַשיצט רוסלאַנד פון סטאַנקעוויטשן.

6

די פאַרבליבענע טריאָ איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט די זעלביקע טאָלסטאָיאַנישע פונקציעס, ווי פריער. פונקט ווי דעמאָלט, בעת זיי זיינען געווען אַ קוואַרטעט (אינאיינעם מיט סטאַנקעוויטשן) קומען זיי זיך צונויף זאָלבעדריט יעדן פאַרנאַכט אין ביינושעס וואַרשטאַט און ריכטן־אָפּ דעם טאָלסטאָיאַנישן „חצות״: זיי זעצן־פאָר דעם שותפות׳־דיקן טיי, וואָס איז ביי זיי אַן אָנדענק נאָכן עוואַנגעלישן מאָלצייט. בינקין האָט נאָך איצט צוגעטראַכט פאַר דעם טאָלסטאָיאַנישן חצות אַ נייע עבודה: דעם פּלאַן פון סטאַנקעוויטשן פילט ער אָן מיט אַ לייענעניש פון טאָלסטאָיען. אַמאָל לייענט ער טאָלסטאָיס באַשרייבונג פון קאַטיושעס משפט. מערסטנס לייענט ער טאָלסטאָיס „ווידוי״. לייענען לייענט ער טאָלסטאָיען אויפן קול מיט אַ געזאַנג.

אַקאָמפּאַנירט אים כאַיוטין אין דער שטיל מיט אַ קרעכץ.

לאַנג אָבער האָט זיך אויך דער טריאָ ניט געהאַלטן. נאָך סטאַנקעוויטשן קומט רובינשטיין. באַלד ווי סטאַנקעוויטש האָט ניט געסטאָיעט, האָט זיך רובינשטיין שטאַרק פאַרענדערט. מיט די צוויי פּאַדלאָער הומאַניסטן (מיט בינקינען און כאַיוטינען) האַלט ער נאָך אָן אַ שטיקל צייט דעם טאָלסטאָיאַנישן פּאַסאַן: ער טרינקט מיט זיי דעם פאַרנאַכטיקן טיי, ער הערט פון בינקינען קאַטיושעס משפט, טאָלסטאָיס „ווידוי״. אַז ער איז אָבער אויג־אויף־אויג מיט אים, מיט קאַבאַלקינען, זיין לערן־אינגל אין שלאָסער־פאַך, האַלט ער איצט, זינט

סטאַנקעוויטש האָט ניט געסטאַיעט, אַזוינע דרשות, וואָס פּאַסן זיך שוין גאָרניט. ניט פאַר דעם אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן פּראָפּאַגאַנדיסט צווישן דעם רוסישן פויערטום, ניט פאַר דעם שפּעטערדיקן פילאַנטראָפּישן מאַשיניסט צווישן דעם אידישן שניידערטום און אפילו ניט פאַר זיין אָרטאָדאָקסישן שטעל אין אַ שבת׳דיקן טאָג. דער מייסטער גיט אים, דעם געזעל, אַן עצה צו בייטן דעם פאַך. די עצה וויקלט ער איין אין אַ תורה:

— מענטשן — דרשנ׳ט ער פאַר אים — דאַרפן זיין צעטיילט אין מלאכות. די מלאכות דאַרפן אָנהאַלטן דורות. אַ מלאכה דאַרף אַריבערגיין פון טאַטעס צו זין, פון זין צו אייניקלעך, פון אייניקלעך צו אור־אייניקלעך. אַזוי אָן איבעררייס, אָן אַ סוף. די וועלט דאַרף זיין פאַר מענטשן. אַ צעך פון פאַכן.

נעמט רובינשטיין קאַבאַלקינען פאַר אַ קאָמענטאַר צו זיין תורה: ער וויזט אים אָן אויף זיין משפחה און אויף אים:

— דיין טאַטע, וואָלף, איז אַ שוסטער. (רובינשטיין דער רוסאַק האָט אַלע מאָל גערופן קאַבאַלקינען וואָלף אַנשטאָט וועלוול). דיין זיידע איז געווען אַ שוסטער. דיין עלטער־זיידע איז געווען אַ שוסטער. דאַרפסטו, וואָלף, אויך זיצן ביים קאָפּול, ניט מייסטרעווען אין אַ שלאָסאַרניע.

דעם דאָזיקן אויספיר באַצירט ביינוש מיט אַ גראַם:

— אָל — זאָגט ער — פּאַרט זיך ניט מיט שטאָל.

דערפילט זיך קאַבאַלקין באַליידיקט, וואָס זיין שטאַם איז פאַרשעמט. גיט אים צו זיין האָנאָר קוראַזש. ער פרעגט זיין מייסטער מיט חוצפה:

— און פאַרוואָס זייט איר דאָס געוואָרן אַ בעל־מלאכה, אַ שלאָסער? אייער פאָטער איז דאָך אַן אַרמיי־ליוועראַנט אַ גביר.

פאַרענטפערט זיך רובינשטיין: — עס איז ניט מיין שולד. — זאָגט ער — געווען אַ צייט אַזאַ, וואָס האָט מיך אַראָפּגעפירט פון וועג.

ווי כדי צו פאַרהיטן אים, קאַבאַלקינען, אַז אויך אים זאָל עפּעס אַ צייט ניט אַראָפּפירן פון וועג, גיט אים ביינוש נאָך אַן עצה, אויף אַ צוגאָב צו דער ערשטער עצה — וועגן דעם, אַז ער זאָל ווערן אַ שוסטער. די צווייטע עצה איז, אַז ער זאָל בלייבן אַ קבצן. וויקלט ער איין, ביינוש רובינשטיין, אויך זיין צווייטע עצה אין אַ ספּעציעלער תורה:

— מענטשן — דרשנ׳ט ער פאַר אים ווייטער — דאַרפן ניט זיין גלייך. ווען אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך, וועלן מענטשן זיין שעפּסן, ניט מענטשן. די מענטשהייט דאַרף זיין פאַנאַנדערגעטיילט אין אָרעם און רייך, ווי די נאַטור איז איינגעטיילט אין טאָג און נאַכט. די אָרעמע דאַרפן ניט אַרויפקוקן צו די רייכע, און די רייכע דאַרפן זיך ניט אַראָפּלאָזן צו די אָרעמע. אַז ניט וועט דער מענטש ניט וויסן וואו־איין, וואו־אויס.

די דאָזיקע לערע פון ביינושן (וועגן דער נויטווענדיקייט פון אומגלייכהייט צווישן מענטשן) דערציילט ער דעמאָלט איבער, קאַבאַלקין, אין געוועלב צו וועטשערע — פאַר דער מאַמען מיט מאַטקען. טריאומפירט מאַטקע איבער דער מאַמען מיט זיין ווייטזיכט:

— איך האָב אייך שטענדיק געוואָרנט, פּערל: גלויבט ניט אין די ליבינקע שטיק פון די רייכינקע קינדער. אָט איר זעט: ביינושן ציט שוין ווידער צום האָבער . . . דער הינטן האָט ביי אים אויסגעדאַרט, ביי דעם רייכן צדיק, אויפן מיסט, וויל ער צוריק דעם רייכן קעסט פון דעם טאַטעלע. און דאָס קבצנ׳דל זאָל אים ניט קאַליעמאַכן דאָס אַפּעטיטעלע.

זינט סטאַנקעוויטש האָט ניט געסטאַיעט, פאַרענדערט זיך רובינשטיין אַזוי, אַז עס איז אים ניט צו דערקענען ניט פיזיש, ניט גייסטיק. די ענדערונג קומט אין אים פאַר ביסלעכווייז, שטופּנווייז. אָנהויבן הויבט ער אָן פון דעם, וואָס ער סקראַבעט פון זיך אַראָפּ דעם פויערשן אָנבליק פון זיין רוסיפיצירטער פיזיאָנאָמיע: ער צירקלט אויס זיין רוסאַקישע באָרד מיט אַ פראַנצויזישן שפּיץ. ער שאַרט אַרויף די האָר מיט אַ לאַק. פון דער פריזור גייט ער אַריבער צום טואַלעט: ער שטעקט אַריין דאָס העמד אין די הויזן; ער טוט אָן אויפן העמד אַ זשאַקעט. פון דעם טואַלעט גייט ער אַריבער צום וואַרשטאַט: ער וואַרפט אַרויס פון קעלער די מאַשינעס; ער שליסט צו די טיר פאַר די שניידער. ער ענדערט זיך און ענדערט זיך אַזוי לאַנג, ביינוש רובינשטיין, ביז ער דערגייט צו דעם, אַז פאַר בינקינען און כאַיוטינען אין די אויגן רייסט ער פון זיך אַראָפּ דעמאָנסטראַטיוו דעם לעצטן שפּור פון זיין טאָלסטאָיאַנישן פּאָסאָן. דעם דאָזיקן פינאַל פירט ער דורך זייער סצעניש, דראַמאַטיש.

דאָס איז געווען אין אַ מאַיאָוון פאַרנאַכט. דער טריאָ האָט אָפּגעריכט דעם סקאַרבאָוון טיי. בינקין האָט געלייענט פון טאָלסטאָיען

נעכליודאָווס חרטה אויף זיינע מאַנסבילשע זינד. שלאָגט אים איבער רובינשטיין, בינקינען, מיט אַ ציניִשער פראַגע:

— אַבראַם, זאָג דעם אמת, דו האָסט ווען עס איז פאַרזוכט אַ ווייב?

ער ווערטלט זיך, רובינשטיין:

— ליעוו טאָלסטאָי האָט געָ'נואפ'ט און אַבראַם בינקין כליפּעט. ווער עס זינדיקט און ווער עס טוט תשובה.

פאַרשטאָפּט בינקין זיינע אויערן מיט זיינע קולאַקלעך. ער שלוקערצט מיט אַ געוויין:

— גאָט איז מיט דיר, רובינשטיין. אי־הי־הי, וואָס איז פון דיר געוואָרן, ליבינקער, אי־הי־הי? . . .

קומט אַרויס רובינשטיין מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס איז קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן צווישן דעם קוואַרטעט:

— אויב — שרייט ער אויס — איך האָב געלעבט ווי אַ נאַר, וויל איך ניט שטאַרבן ווי אַ נאַר. צען יאָר אָפּגעווען אויף קאַטאָרגע אין סאַכאַלין. צען יאָר אָפּגעזעסן אין אַ קעלער אויף פּאַדלאַ. אַלץ צוליב דעם אָרעמען פאָלק. דאָס איז גענוג פאַר אַ מענטשן. איך וויל אַליין אויך אַ לעב טאָן. דאָס פאָלק לעבט אייביק. אַ מענטש לעבט איינמאָל. איך בין דעם פאָלק גאָרנישט ניט שולדיק.

— עס קריכט מיר שוין פון האַלז די מאָראַל, — דראָעט ער מיט די פויסטן — איך וויל אויף דער עלטער אַ מיידל, אַ יונג מיידל, צום טייוולס מאַמען. אַ מיידל, ניט אַ הערינגל. איך וויל מער ניט זיין קיין מאַנאַך צוליב דעם קבצן. דאָס פאָלק איז אויך ניט קיין מאַנאַך.

דערביי פאַרבייסט ער, ביינוש רובינשטיין, דעם טאָלסטאָיאַנישן טיי מיט אַ געבראָטענעם עוף. דאָס האָט ער אָפּנים מיט דער פליי־שיקער אכילה אָפּגעטאָן בינקינען דעם עקסטרעמען וועגעטאַריער.

כאַיוטין, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, פאַרוואַרפט, ווי זיין שטייגער איז, דעם קאָפּ און קוים וואָס ער רעדט אַרויס מיט אַ דערשטיקטן אָטעם אין אַ פאַררוסישטן אידיש:

— ברידערוקעס: — עס האָט זיך אָפּגעריסן עפּעס אינעווייניק...

* * *

איז דער דאָזיקער פאַרנאַכט אין מאַי געווען דער סוף פון דעם טריאָ.

רובינשטיין איז באַלד נאָכדעם אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך. ער

האָט זיך אומגעקערט צו זיין קירכן־אַרכיטעקטור. און באַלד נאָך רובינשטיינען איז אויך כאַיוטין אָפּגעפאָרן אין אויסלאַנד. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין ציון־ליבשאַפט. ער איז אַוועק אין דער שווייץ, אין באַזעל.

אין כאַיוטינען, דעם טאָלסטאָיאַנער, האָט אין יענער צייט ווידער אויפגעוואַכט דער „בילוי״ער. דאָס איז ער דעמאָלט אַוועק קיין באַזעל, כדי צו באַטייליקן זיך אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. און אפשר האָט ער זיך דאָס פאַרקוקט אויף סטאַנקעוויטשן דעם פוילישן פּאַטריאָט.

צווישן דער אַרעמשאַפט אין פאַדלאָ איז פון דעם טריאָ פאַרבליבן אין בינקין.

זיבעטער קאַפּיטל

1

עס איז געווען אַ צייט, ווען זלאַטע, קאָבאָלקינס פאַרזעסענע קוזינע, איז געוואָרן אַ כלה. דאָס איז געווען דעמאָלט, בעת זיי, די מאַמע מיט די דריי קינדער, האָבן זיך געקליבן אין וועג צום טאַטן. דער חתן איז געווען חיים־מאַניע. דאָס איז געווען אַ איד אויף די עלטערע יאָרן, אַ קינדערלאָזער אַלמן. פון פאַך איז ער געווען אַ טעפּער־לאַטוטניק. אויף אַ צוגאָב איז ער נאָך געווען אַ דרדקי־מלמד. איז פּונקט ווי אין טעפּעריי, אַזוי איז ער געווען אין מלמדות פון קליינעם קאַליבער. ער האָט געלערנט עברי מיט מיידלעך. דערצו איז ער ניט געווען קיין פאַרשוין: זייער אַ קורצער און זייער אַ דיקער. נאָר השגות האָט ער דוקא געהאַט גרויסע: ער איז געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין אַמעריקע. איז ער איינגעגאַנגען אויף דעם שידוך מיט זלאַטען מיט דעם תנאי, אַז ער וועט אַריינקריגן אין נדן אַ שיפסקאַרטע. האָט די מאַמע אויף זיך גענומען, אַז ווי נאָר זי וועט אָנקומען צום טאַטן אין אַמעריקע וועט זי באַלד אַרויסשיקן פאַר חתן־כלה (פאַר דעם אַלמן מיט זלאַטען) שיפס־קאַרטעס. דערוויייל האָט מען געשריבן חתונה־תנאים. און אין די חתונה־תנאים האָט מען אַריינגעשטעלט דעם פּונקט וועגן די שיפס־קאַרטעס, וואָס די מאַמע דאַרף אַריינשיקן.

באַלד נאָך די תנאים איז ער געוואָרן, דער אַלמן דער טעפּער און מלמד, אַן אייגענער אין דער משפּחה. אינאיינעם מיט זלאַטען,

ווי פּאַרטיקע מאַן און ווייב, האָט ער זיי באַגלייט צום באַן אויפן וועג קיין אַמעריקע. מיט דעם קליינוואַרג איז ער זיך באַגאַנגען, ווי אַ פּעטער: ער האָט זיי געגעבן לעקעך אויפן וועג. אפילו דעם טאַטן האָט ער ניט פאַרגעסן: ער האָט אים געשיקט אַ מתנה קיין אַמע־ריקע — „אַ תהלים" אין אַן איינבונד. אַז זיי האָבן זיך אָבער אומ־געקערט צוריק אַהיים פון דעם קאַראַנטין אין דייטשלאַנד, (צוליב די פּאַרכעס פון די שוועסטער), האָט דער חתן דער טעפּער אָפּגעשיקט זלאָטען צוריק די תנאים: ווי באַלד די מאַמע איז ניט אין אַמעריקע, קאָן זי דאָך ניט סילוק׳ן די שיפס־קאַרטע. און ווי באַלד אַן אַ שיפס־קאַרטע, וויל ער ניט די כלה.

קאַבאַלקין איז דעמאָלט בייגעווען, ווי די לאַנגע מומע באַסיע מיט דעם פּוסטן מויל האָט געוויינט פאַר דעם דאָזיקן אידן. דאָס איז פאַרגעקומען ביי זיי אין געוועלב, בעת זיי זיינען נאַר־וואָס געקומען פון וועג.

— חיים־מאַניע! — האָט זיך ביי אים געבעטן די מומע באַסיע — פאַרגיס ניט דאָס בלוט פון אַ יתומה און זאָל מען שטעלן אַ חופה. גאָט איז אַ פאָטער. ביי די קינדער — וויזט זי אַן אויף די צוויי פאַרשעמטע מיידעלעך — וועלן זיך אויסשטיין די קעפּלעך. מיין שוועסטער — וויזט אַן די מומע אויף דער פאַרשטומטער מאַמען — וועט קומען בשלום צו מיין שוואָגער, און דו וועסט נאָך קריגן אַ דרשה־געשאַנק אויף אַ צוגאָב צו דער שיפס־קאַרטע. מיט רחמנות, חיים־מאַניע.

נאָר דער חיים־מאַניע איז געווען אַ האַרטער אַלטער. ער האָט געענטפערט דער מומען, ווי עס וואָלט זיך גערעדט וועגן אַ צווייטן אידן און ער שטעלט זיך דאָס איין בלויז פאַר יושר פון יענעמס־וועגן:

— איך וועל ניט לאָזן אַריינגנאַרן אַ אידן אין זאַק. — בלאָזט זיך דער חתן, דער זקן. — די וועלט איז ניט הפקר.

— מיט וואָס — פרעגט ער די מחותנת׳טע — בין איך עס אַזוי זיכער, אַז דער שוואָגער אייערער האָט זיך דאַרטן ניט איזניוכעט, אין אַמעריקע, מיט אַ פרעמדער אידענע? עס קאָן זיין, אַז ער טראַכט שוין ניט וועגן אַריבערנעמען צו זיך זיין אייגן ווייב מיט די קינדער, שוין אָפּגערעדט וועגן דער ווייבס פלימעניצע מיט אירע חתנים.

— ניין, — איז דער חתן ביי זיך אַנטשלאָסן — איך וועל זיך ניט לאָזן פאַרפירן.

— וואָס בין איך עפּעס, אַ אינגעלע? — איז ער באַליידיקט, חיים־מאַניע — זאָל מען פריער שיקן אַ שיפס־קאַרטע, וועט מען דערנאָך שטעלן אַ חופּה.

פונדעסטוועגן האָט די מומע ביי אים גע׳פּועל׳ט, ביי דעם האַרטן טעפּער, אָפּצוואַרטן מיטן ברעכן די תנאים נאָך דריי חדשים. דאָס איז געווען דער לעצטער טערמין, וואָס ער האָט געגעבן דער מאַמען פאַר איר צווייטער נסיעה אין אַמע־ריקע, כדי זי זאָל קאָנען אים שיקן אַ שיפס־קאַרטע. האָט זיך די מאַמע פאַר׳עקשנ׳ט קעגן דעם טאַטן. האָט זיך דער חיים־מאַניע אָפּגעקערט פון דעם שידוך. האָט זיך די פאַרזעסענע זלאַטע דעמאָלט פאַרשוואוירן קיינמאָל ניט אָנצוקוקן דער מאַמעס פּנים: דערפאַר, וואָס די מאַמע (דורך דעם וואָס זי איז ניט אַוועקגעפאָרן צו איר מאַן, צו ליישקען) האָט פון איר אָפּגעריסן איר חתן, איר חיים־מאַניען.

2

זלאַטע האָט אָנגעהאַלטן דעם ברוגז מיט דער מאַמען, ביז מאָטקע האָט זיך ביי דער מאַמען איינגעקוואַרטירט אויף קעסט. זינט מאָטקע האָט זיך באַוויזן אין געוועלב, האָט זיך זלאַטע אַליין איבערגעבעטן מיט דער מאַמען: עס גייט ניט דורך אַ פאַרנאַכט, וואָס זי זאָל זיך ניט אַריינשטעלן מיט אַ וויזיט. זי וואַרט אויך, אינאיינעם מיט דער מאַמען, אויף מאָטקען. זי קומט אָן אַן אויסגעפּוצטע אין אַ טערקישן שאַל, ווי אַ ציגיינערין. דער שאַל דערגרייכט ביי איר פונהינטן ביז די קנאָפל. זי איז געראָטן אין דער מומען, אין איר מאַמען: זי איז אַ לאַנגע, אַ דאַרע. נאָר אַז מאָטקע באַווייזט זיך, בלאָזט זי זיך אָזוי אָן, פאַלדעוועט צונויף אויף זיך דעם שאַל, אַז זי זעט אויס קירצער, דיקער. געפעלט ניט דער מאַמען זלאַטעס מאַניפּולאַציעס מיט דעם שאַל:

— דו הויבסט שוין אָן — זאָגט זי איר אַריין, די מאַמע, דער פאַרזעסענער פלימעניצע — צו מאַכן דיינע שטיק מיט דעם בוזעם...

ענטפערט ניט זלאַטע דער מאַמען. זי טוט אירס: אַז מאָטקע זעצט זיך אַוועקביים טיש צום קרופּניק, זעצט זי זיך אַוועק אים אַנטקעגן אין שאַל. זי נעמט פון אים ניט אַראָפּ די אויגן. זי שפּילט

זיך מיט מאַטקען, טשעפּעט זיך צו אים: זי וואַרפט אין אים ברעק־לעך, שאָלעכצלעך. זי שיילט פאַר אים ניסלעך, קערלעך. זי רוקט אים אַראָפּ זיין דאַשעק איבער דער נאָז. זי הענגט זיך אָן אויף אַ מוסקול פון זיין האַנט. אַז זלאַטע נעמט אָן מאַטקען אונטער דער פאַכווע, לויפט די מאַמע אַרויס פון געוועלב. שטופּט־אָפּ מאַטקע פון זיך זלאַטען און ער לאָזט זיך אַוועק די מאַמען דעריאָגן. פירט ער אַריין צוריק די מאַמען. ער פירט זי אַריין אונטער דער האַנט. פאַרגייט זיך זלאַטע אין אַ געלעכטער און פאַלט־צו צו אַ קינד. אַמאָל — צו דער קלענערער, צו מוסיע׳ן, אַמאָל — צו דער עלטערער, צו חוה׳ן. מערסטנס פאַלט זי צו, בעת זי פאַרגייט זיך אינם געלעכ־טער, צו אים, צו קאַבאַלקינען. די מאַמע רוקט זיך אָפּ פון מאַטקען, בעת איר פאַרזעסענע פלימעניצע ברעכט אויס אין דעם היסטערישן געלעכטער.ביידע שוויגן. און קאַבאַלקינען איז שווידערלעך אומ־היימלעך פון דעם געלעכטער, וואָס זלאַטע לאַכט אין אים אַריין דאָס מיט אַ רעווען, דאָס מיט אַ קוויטש.

אַ פּאָר וואָכן איז אַזוי זלאַטע אין די אָוונטן ניט אָפּגעטראָטן פונם געוועלב. יעדע נאַכט האָט זי אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע: אָנ־געהויבן פון אַ שטיפעריי מיט מאַטקען און פאַרענדיקט מיט אַ היס־טעריקע פאַר קאַבאַלקינען. דערנאָך האָט זי ווידער ניט געסטאַיעט, זלאַטע.

האָט אים פון יענער צייט אָן די מאַמע פאַרבאָטן אַריינגיין צו דער מומען. זי האָט אים אָנגעזאָגט, דעם זון, מיט אַ שטאָך אין זלאַטען — אויף דעם צונעמעניש פון דעם טעפער, ווי זי וואָלט געוועזן זיין וויבּ:

— איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זי אפילו אָנקוקן, די חיים־מאַניכע.

האָט קאַבאַלקין אָפּגעהיט דעם דאָזיקן געבאָט פון דער מאַמען, ביז עס איז אָנגעקומען דער סוף פון דעם טריאָ. די טאָלסטאָיאַנער זיינען זיך צעלאָפן. איז ער געבליבן פאַרלאָזן. עס איז זומער. דרייט ער זיך סתם אַרום איבער די גאַסן אין דער שלאָסערישער אוניפאָרם, וואָס רובינשטיין האָט פאַר אים באַשטימט, בעת ער איז צו אים אָנ־געקומען אויף דער לערע — אין דעם בלויען לייוונטענעם גאַרניטער, וואָס איז פאַרשמאָלצן פון אויל. עס איז אים פּוסט, דעם פּופּצן־יאָריקן מאַנסביל, אומעטיק. באַפאַלט אים אין זיין פּוסטן אומעט אַ סעקסועלע לוסט. שפּאַנט ער אַוועק אין אַ טאָג אַזאַ צום געסל היינ־

טערן וואָקזאַל, וואו עס געפינט זיך דאָס הויז פון די טשערווינסקיס. ער האָפט צו באַגעגענען די געשאָרענע וואַנדאַן, די פּוילישע פּאַט־ריאָטין, וואָס איז זיין ערשטער ראָמאַן. טשאַטעוועט ער לאַנג ביי דעם הויז פון וואַנען ער איז פאַרטריבן געוואָרן פאַר זיין אידישן אַנבליק און עס ווייזט זיך פאַרט ניט זיין פּוילישע געליבטע. טרייבט אים די אויפגעוואַכטע לוסט: צו זיין פאַרזעסענער קוזינע. ער דערמאָנט זיך, ווי מיט זעקס יאָר צוריק, אין דער וואָך, וואָס דער טאַטע איז אָפּגעפאָרן אין אַמעריקע, האָט אים זלאַטע אַריינגענומען אין איר שויס און אים אָנגעזויגן פון איר ברוסט. האַלט ער ניט אויס דער מאַמעס באַפעל (ניט צו טרעפן זיך מיט זלאַטען) און ער לאָזט זיך אַוועק אין דער מומעס געוועלב, אויף פּיסקעוואַטיק. האָט זיך דער מומעס געוועלב ניט געביטן פאַר די פאַרגאַנגענע זעקס יאָר. עס איז אינמיטן טאָג. פּונקט ווי דעמאָלט, איז די מומע ניטאָ אין דער היים. זי מסחר׳ט אויפן מאַרק. און זלאַטע שניידערט ביי דער מאַ־שין. נאָר אָנשטאָט זלאַטע זאָל אים, ווי דעמאָלט, צודריקן צו איר ברוסט, באַרעדט זי איצט פאַר אים זיין מאַמען:

— דו ביסט שוין אַ קאַוואַליער — זאָגט צו אים זלאַטע — מיט דיר קאָן מען שוין וועגן אַלץ רעדן:

— וועגן דיין מאַמען — דערציילט זי אים — רעדט די גאַנצע שטאָט. דיין מאַמע איז אַן אשת־איש: זי לעבט מיט מאָטקען.

זי רייצט זיך, די פאַרזעסענע זלאַטע, מיט דעם פּופּצן־יאָריקן אינגל:

— מאָטקע איז דיין שטיפטאַטע.

3

מאָטקע איז געווען מער ווי אַ וואוילער יונג אַ בחור. דער דאָ־זיקער דריי־און־צוואַנציק יאָריקער סטאָליער־געזעל רעפּרעזענטירט אין יענער צייט (דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1899) אַן אומפאַר־גלייכלעכן פּיאָנערן־דור אין אַ וועלט־מאַסשטאַב. ער האָט געהערט, מאָטקע מיט דער אָנגעשפּאַלטענער אונטערשטער ליפּ, צו יענעם וואונדערלעכן דור אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מאָל דערפילט און דערקלערט, אַלס שטאָלצע פּראָלעטאַריער. עס איז פאַראַן אויף וואָס צו חידוש׳ן זיך ביז היינטיקן טאָג: געזעלן פונם פּרימיטיוון, פאַרצייטיקן וואַרשטאַט אין געטאָ, זיינען געוואָרן

אַפּאָסטאָלן פונם מאָדערנעם, היינטצייטיקן סאָציאַליזם אין דער וועלט. באַשטאַנען זיינען זיי דעמאָלט פון זייער אַ קנאַפּער מינדערהייט, אַט די וואונדער־קינדער פון דער אידישער געטאָ. נאָר זיי האָבן אויף זיך גענומען אַ קאָלאָסאַלע מיסיע.

ווי קליין זיי זיינען געווען אין צאָל, די אַפּאָסטאָלישע געזעלן, דאָך איז מיט זיי געווען פול אין אַלע צאַרישע טורמעס. און די, וואָס האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן אויף דער פריי, זיינען ניט איינגע־זעסן אויף איין אָרט. שטענדיק האָבן זיי זיך געפונען אונטערוועגנס. אומגעוואַנדערט האָבן זיי פון שטאָט צו שטאָט און פון שטעטל צו שטעטל, איבער דער אידישער געטאָ פון דער רוסישער אימפּעריע (אין יענע צען גובערניעס, וואו עס איז געווען דאָס פאַרשיקונגס־אָרט פאַר דעם „אידן־שבט"). אומעטום האָבן זיי, די וואַנדערנדיקע אַפּאָסטאָלן פון יענעם וואונדערלעכן דור, געמונטערט דעם דערשלאָ־גענעם געמיט פון דער אידישער אָרעמשאַפט און געוועקט אין איר דעם פאַרשטיקטן האָס צו די רייכע לייט. אַזאַ וואַנדערנדיקער אַפּאָס־טאָל איז דאָס געווען דער האַרציקער מאָטקע, וואָס האָט צו אַלץ און צו אַלעמען געפינקלט מיט זיינע זומער־שפּרענקלעך, געשמייכלט מיט זיינע חן־גריבלעך.

אין וויטבאָניע האָט דעמאָלט קיינער ניט געוואוסט, ווער מאָטקע איז און פון וואַנען ער איז. אויך ער, קאַבאַלקין, ווייסט ניט ביז היינטיקן טאָג ניט מאָטקעס פאַמיליען־נאָמען, ניט מאָטקעס גע־בורטס־שטאָט. פונדעסטוועגן איז אין יענער צייט אין וויטבאָניע, אין די צוויי קוואַרטאַלן פון דעם אידישן דלות (אויף פּיסקעוואַטיק און פּאַדלאָ), ניט געווען נאָך איינער אַזאַ, וואָס זאָל זיין אַזוי ווי מאָטקע באַליבט ביי די געזעלן און ביי די בעלי־מלאכות. מאָטקען איז מען נאָכגעגאַנגען. מאָטקען האָט מען נאָכגעמאַכט. זינט ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי דער מאַמען אויף קעסט, האָט זיך צוליב אים, אין די נעכט און אין די שבתים, דאָס געוועלב ביסלעכוויז פאַר־וואַנדלט אין דעם צענטער פון פּאַדלאָ — אין אַ קלוב פאַר דעם דלות. עס שטעלן זיך אַריין צוליב מאָטקען גאַרבער און שוסטער מיט ווייבער און מיט קינדער. אַנדערע געסט ברענגען פאַר מאָטקען כיבוד: בראַנפן מיט גריוונס, הערינג מיט קאַרטאָפל. ביי אַזאַ שמחה קומט מאָטקע אַרויס מיט געזאַנג. זיין באַליבט ליד איז: „וואָס מער קבצן — מער הוליאַקע; וואָס מער נגיד — מער סאָבאַקע". מערסטנס

אַקאָמפּאַנירט ער זיין געזאַנג מיט אַ טאַנץ. בעת ער באַזינגט דעם „הוליאַקישן", פרייילעכן קבצן, טאַנצט ער אויף די שפּיץ פינגער. בעת ער זינגט וועגן דעם „סאָבאַקישן", הינטישן נגיד, קריכט ער אויף אַלע פיר.

אינגערע געזעלן האָבן חשק צו קאָנקורירן מיט מאָטקען אין קאַ־ריקאַטורן אויף גבירים: ווער עס סימולירט אַ פעטן בויך; ווער עס סימולירט אַ זויערע גרימאַסע. אפילו די מאַמע איז זיך מתקנא אין מאָטקען. אויך זי וויל זיין אַן אַרטיסטין: זי פאַרשטעלט זיך פאַר אַ גביר׳טע מיט אַ גוידער. נאָר די עלטערע בעלי־מלאכות ווילן זען בלויז מאָטקען אין גביר׳ישע פּאָזעס. הויבן זיי אים אויף צו דער סטעליע, און ער זינגט אויף ביס. אַז ער קומט אין זיין ביס צום נגיד, בילט ער ווי אַ הונט. מאַכט עס אַ פּוראַר. עס ברעכט־אויס אַ ווינטשעוואַניע:

— וואָס עס האָט געזאָלט זיין, מאָטקע, דיר אין דיין מינדסטן נאָגל — זאָל דאָס אויסגיין צו אַ גביר אין זיין דיקן קאַרק.

קאַבאַלקין האָט אַזוי ליב דעמאָלט מאָטקען, אַז ער קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן אַזאַ זאַך, וואָס ער זאָל ניט טאָן, אויב נאָר דאָס זאָל מאָטקען געפעלן: טראַץ דעם, וואָס ער איז נאָך אַ קינד, פאַרשטייט ער שוין דעמאָלט פאַרוואָס זלאַטע באַרעדט פאַר אים אַזוי די מאַמען. דאָס פאַרגינט זי איר ניט, די פלימעניצע, מאָטקען. שטייט ער, דער זון, אויף דעם צד פון דער מאַמען אין איר קריג פאַר דעם בחור. ער האָט ליב זיין טאַטן. ער בענקט אָפט נאָך אים. פונדעסטוועגן אַרט אים ניט, וואָס די מאַמע בייט־אויס דעם טאַטן אויף מאָטקען. ווי ליב ער האָט זיין טאַטן, האָט ער מאָטקען נאָך ליבער. עס איז אים אַזוי גוט, וואָס מאָטקע וועט זיין דער צווייטער פאָטער זיינער.

ניט מאָטקע, ניט די מאַמע באַהאַלטן זיך שוין ניט מער מיט זייער ראָמאַנס פאַר דעם קליינוואַרג: נאָך אַן אָוונט אין געוועלב גייט מאָטקע אַוועק אויף נאַכטלעגער אין זיין סטאָליער־וואַרשטאַט. באַ־קלאָגט ער זיך ביי זיין אַוועקגיין פאַר דער מאַמען:

— שוין צייט, פערל, אַז מיר זאָלן איבערבייטן דאָס געוועלב אויף אַ דירה און אָנהויבן לעבן ווי אַלע מענטשן . . .

מאָטקע זאָגט דאָס מיט דעם זעלביקן טאָן, ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן דער מאַמען:

— שוין צייט, פערל, אַז מיר זאָלן האָבן נאָך אַ בעט און די

קינדער זאָלבעדרדיט זאָלן שלאָפן באַזונדער און מיר, זאָלבערנאַנד, באַזונדער.

ענטפערט אים די מאַמע, מאַטקען.

— ניין, מאַטקע, פריער דאַרפן מיר אַרויסקריגן אַ גט פון אַמע־ריקע. ערשט נאָכדעם וועלן מיר זיך אויסגלייכן מיט לייטן.

לויבט שטאַרק מאַטקע די מאַמען פאַר דעם דאָזיקן ענטפער פאַר אידן:

— דערפאַר אַליין, פערל, — מאַכט ער איר אַ קאָמפּלימענט — מעג פאַר דיר אפילו דאָס אינגסטע מיידל איינגעמען די שענסטע כפרה: דו ביסט אַ אידענע, וואָס לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע.

— אַז אָך און וויי — גיט־צו מאַטקע — איז צו יענעם אָרעמען מענטשן, וואָס שטעלט זיך ניט איין פאַר זיין אָנגערירטן כבוד.

אַפּנים דערפאַר האָט זיך דאָס דער דריי־און־צוואַנציק יאָריקער יונג, וואָס איז געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון די ערשטע אידישע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער, אַזוי צוגעבונדן צו דער דרייסיק־יאָריקער מאַמען, וואָס איז געווען אַ מוטער פון דריי דערוואַקסענע פאַר־יתום״טע קינדער: ער האָט זי ליב־געקראָגן פאַר איר האַנאַראָוון כאַראַקטער, פאַר איר שטאָלצער באַנעמונג.

און פּונקט ווי ער, קאַבאַלקין, איז געווען צו מאַטקען, אַזוי איז מאַטקע געווען צו אים: באַלד נאָך דעם, ווי רובינשטיין לאָזט זיך אַוועק אין פּאַריז, נעמט מאַטקע אַריין קאַבאַלקינען אונטער זיין שוץ: פון זיין לערע אויף אַ שלאָסער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ שפּיל פון אַ קאַפּריז. ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט צווישן דער הומאַניטאַרער טראַיקע אפילו צו פאַרריכטן אַן איבערגעדרייט שלעסל. עפּעס אַ טיפע עלטער איז אויף אים אָנגעפאַלן, אויף דעם פּופּצן־יאָריקן יאַט. אים דאַכט זיך, אַז ווי לאַנג ער וועט לעבן, וועט ער זיך שוין קיינמאָל ניט צעשיידן מיט דעם בלוי־געפאַרבטן און מיט דעם אויל־פאַרפלעקטן לייוונטענעם גאַרניטער. אין זיין פּוסטן אומעט ווערט ער פאַרצערט פון סעקסועלער לוסט. שעמט ער זיך פאַר דער מאַמען. נאָך מער שעמט ער זיך פאַר מאַטקען. נאָר מאַטקע ווייסט אַפּנים, וואָס ביי אים טוט זיך אויף דער נשמה. ער לייגט אים פאַר אַ פּלאַן, וואָס דערהויבט אים, וואָס באַפליגלט אים:

— דו, וועלוול, — גיט ער אים אַן עצה — נעם זיך בעסער בילדן, מאָלן, וועסטו צו עפּעס דערגרייכן.

— קיין בעל־מלאכה — דערוויזט ער אים — וועט סיי־ווי פון דיר ניט אַרויסקומען: דיין שכל איז ניט פאַר אַ געציײַג. יעדער מענטש האָט זיין נאַטור. מלאכה איז ניט דיין טאַלאַנט.

— דיין בילדונג — זאָגט ער אים צו — וועל איך שוין באַזאָרגן. איך וועל דיך באַזאָרגן מיט אַלץ, וואָס אַ אינגל דאַרף.

— נאַר געדענק, וועלוול — בעט זיך מאָטקע ביי קאָבאַלקינען — פאַרשעם ניט פאַדלאַ, פאַרגעס ניט דיין שטאַם: באַווייז דער וועלט, וואָס אַ קבצן קאָן.

4

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר מאָטקען איז, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט צו דערפרייען דעם אָרעמען מענטשן מיט אַן אומגע־ריכטן סורפּריז. דאָס איז ביי אים געווען פון זיינע שטאַרקסטע ליידנשאַפטן, פון זיינע גרעסטע פאַרגעניגנס. דעם דאָזיקן שטריך פון זיין כאַראַקטער האָט ער אויך אַרויסגעוויזן ביי דער אַרבעט אין וואַרשטאַט. טראָץ דעם, וואָס ביי דער אַרבעט האָט ער אַליין שטרענג אָפּגעהיט די דיסציפּלין און שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף די געזעלן, אַז זיי זאָלן זיין געטריי זייער באַרוף: ניט צונויפּמישן די מלאכה מיט דעם באַלעבאָס.

ער מאַכט, מאָטקע, אַ בענקל אָדער אַ טישל. איז אויב דאָס איז אַ באַשטעלונג פון אַן אָרעמאַן, טוט ער אָפּ אַ שפּיצל דעם באַלע־באָס: ער באַפּוצט דאָס אָרעמאַנסקע שטיקל מעבל מיט אַן אָרנאַ־מענטל. באַהאַלט ער דאָס ניט פאַר די געזעלן. ער דערקלערט זיי נאָך דעם מיין פון זיין קונסט:

— דער קבצן, אַ געזונט צו אים, — רעדט מאָטקע צו די געזעלן — אַז דער קבצן וועט דערזען די מאַלעוואַנקע אויפן ברעטל, וועט זיך אים דאַכטן, אַז דאָס איז צו אים אַראָפּגעפאַלן אַ טעלערל פון הימל. וועט זיך עס דאָרטן אָפּטאָן אַביסל אַ שמחה, ביי דעם קבצן.

אַמאָל גייט־דורך ביי מאָטקען גלאַט אַט־דאָס שפּיצל. אַמאָל אָבער פּאַקט אים דער באַלעבאָס. מאַכט דער באַלעבאָס אַ גוואַלד:

— ווי ווערט דאָס ביי דיר רעכט, גזלן, צו שטעלן אַ אידן בדיל־הדל? ניט געפונען קיין נויטיקערע מלאכה, ווי צו שניצן צאַצקעס פאַר שלעפּערס. אויף דעם ברענגט דאָס אויס אַ פּועל מיין צייט...

מאַכט מאַטקע אַ תמ׳עוואַטן אָנשטעל. ער פֿאַרענטפֿערט זיך כלומרשט פֿאַר דעם באַלעבאָס:

— איך בין — זאָגט ער — ניט שולדיק: איך האָב גערעכנט, אַז אַט־דאָס שטיקל מעבל גייט פֿאַר דעם זאַל פֿון אַ גביר.

דער באַלעבאָס פֿונם וואַרשטאַט, ליפֿע, איז אַ דאַרער איד מיט שמאָלינקע לעפּצעלעך. נאָך דעם דאָזיקן ענטפֿער פֿון מאַטקען (וועגן דעם טעות, וואָס ער האָט כלומרשט געמאַכט אין זיין אַרבעט מיט דעם, וואָס ער האָט פֿאַרביטן אַ קבצן אויף אַ נגיד), שטשעמעט ליפֿע אַזוי צונויף זיינע שמאָלינקע לעפּצעלעך, אַז פֿון זייערע ווינקלען שפּאַרט אַרויס אַ רויטלעך שוים. אַ פֿאַרכלינעטער רעדט ער קוים אַרויס צו מאַטקען:

— קראַנק ביסטו געווען צו פֿרעגן, פֿילאָזאָף, פֿאַר וועמען דאָס איז: פֿאַר אַ נגיד צי פֿאַר אַ קבצן?

איז מאַטקע צו־שטאַלץ צו פֿאַרשווייגן אַזאַ טאָן. האַקט ער אָפּ דעם באַלעבאָס מיט אַ ווערטל:

— אויב, — זאָגט ער, — פֿרעגן ביי יענעם, איז וואָס וועט זיין מיט דעם אייגענעם שכל?

ער קריכט אַריין דעם באַלעבאָס אין די ביינער: ער דערלאַנגט אים אויף אַ צוגאָב נאָך אַ ווערטל:

—— אַ פֿאַרטיקער מאָדעל — —שטעכט ער זיך — איז אַן עסק פֿאַר אַ פֿאַרטאַטש.

גיט דער באַלעבאָס אַ מאַך מיט דער האַנט:

— איך זאָל אַזוי וויסן, מאַטקע, פֿון דיר, ווי איך ווייס וואָס דו רעדסט.

— ווען ניט דיינע גאָלדענע הענט, — דראָעט ער אים, — וואָלט איך דיך שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפֿן צום שוואַרצן יאָר.

טריאומפֿירט מאַטקע. ער רוימט איין אַ סוד די געזעלן:

— פֿאַר דעם אָרעמאַן, חברה, איז אַ ריכטיקער פֿאַרגעניגן נאָר אַזאַ פֿאַרגעניגן, וואָס קומט צו אים אומגעריכטערהייט.

אין געוועלב גייט ניט דורך אַ טאָג, וואָס מאַטקע זאָל ניט מאַכן אַ סורפּריז — אַמאָל דער מאַמען, אַמאָל דעם קליינוואַרג. אין זיינע סורפּריזן פֿאַר דער מאַמען איז ער זייער רייך אויף איינפֿאַלן. צוויי אַזוינע סורפּריזן פֿון מאַטקען וועלן זיך קאַבאַלקינען צום שאַרפֿסטן איינקריצן אין זכרון.

אין אַ ווינטערדיקער נאַכט שטעלט זיך מאָטקע אַריין אין געוועלב מיט אַ זיסן אוגערעק צו וועטשערע. אין וויטבאָניע, אין רייסן, איז אום ווינטער אַזאַ פרישער פרוכט זייער אַ טייערער ביסן. אַ מאכל פאַר גבירים; עס וואַקסט אין אראנזשערייען. אין דעם דאָזיקן גרינס האָט מאָטקע אַריינגעלייגט אַ האַלבע וואָך שכירות, וואָס ער האָט גע־קראָגן פונם באַלעבאָס אין יענער נאַכט.

רעדט אויס די מאַמע מאָטקען פאַר זיין אויסברייגגערייי:

— פאַר דעם איין אוגערקל — זאָגט זי אים אַריין — וואָלסטו געקאָנט האָבען צוויי העמדער...

קוועלן זיך פאַנאַנדער אויף מאָטקעס פנים די חן־גריבלעך, וואָס פילן זיך אָן מיט גאָלד־פינטעלעך פון די זומער־שפּרענקלעך.

— זאָג דעם אמת, פערל, — שמייכלט ער צו דער מאַמען — דו האָסט זיך וועגן עס איז אויסגעמאָלט, אַז אין דיין ווינטערדיקן געוועלב וועסטו אַמאָל פאַרזוכן אַ פרישן אוגערעק?

ברוגז'ט זיך אָן די מאַמע אויף מאָטקען פאַר דער דאָזיקער פראַגע:

— איך בין דאָך ניט קיין משוגענע. — איז זי באַליידיקט — ווי אַזוי קאָן איך זיך אויסמאָלן אַזאַ זאַך, ווי גרינס אויפן פראָסט? וואָס בין איך, אַ גביר'נטע?

נעמט מאָטקע אַרום מיט זיינע לאַנגע, ברייטע הענט די גאַנצע פאַמיליע אויף איין מאָל, אַלע פיר — די מאַמען מיט די דריי קינדער. ער רייצט זיך כלומרשט מיט דער מאַמען:

— דיר — זאָגט ער — פערל, אויף צו להכעיס וועסטו ביי מיר דווקא זיין אַ גביר'נטע. שפּיי זיך אויס אויף דער מטבעה. צעשנייד בעסער דעם אוגערעק און לאָמיר אַלע הנאה האָבן פון דער וועלט.

— ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל האָבן אַזאַ ווערט — גיט מאָטקע צו פאַרשטיין דער מאַמען, — ווי אַ זאַך אויף וואָס מען ריכט זיך ניט.

און ער פאַרגייט זיך, דער ברייט־פלייציקער בחור'עץ, אין אַ קינדעריש־הילכיקן געלעכטער.

דער צווייטער אינצידענט פון מאָטקעס אַ סורפּריז, וואָס קאַבאַל־קין וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, איז פאַרגעקומען אין אַ סוף האַרבסט:

דאָס איז געווען אינמיטן טאָג. דרויסן איז געווען אַ גוס־רעגן. אין געוועלב איז געווען שטאָק־פינצטער. דער דיל אין געוועלב איז נאָך אַלץ פון זאַמד, ווי אין די צייטן פון דעם טאַטן. פון דער סטעליע

רינט נאָך אַלץ אַריין אינעווייניק. עס איז נאָס. באַשיצט זיך די גאַנצע משפּחה (די מאַמע מיט די דריי שוין־דערוואַקסענע קינדער) אין בעט פון דער נעץ. אַ שווערער אומעט ליגט אויף דעם טונקעלן גע־צעלט. עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין מאָטקע. דערשרעקט זיך די מאַמע, וואָס מאָטקע איז געקומען פון וואַרשטאָט אינמיטן טאָג, אין אַזאַ געוויטער. שפּרינגט זי אויף:

— מאָטקע! וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?

שטראַלט מאָטקע פון פרייד. טראָץ דעם וואָס ער איז דורכגע־ווייקט פון רעגן.

— עס האָט גאָרנישט געטראָפן. — ענטפערט ער דער מאַמען, — איך האָב זיך מיר אויסגעמאָלט, ווי אומעטיק עס איז דיר און די קינדער אין געוועלב אין אַזאַ שלאָקס־רעגן, האָט זיך מיר פאַרגלוסט דערפרייען אייך אומגעריכט מיט אַ גאָט־העלף. דאָס אַלץ.

— אַהאַ, ניט געריכט זיך אויף אַזאַ גאַסט, — טריאומפירט מאָטקע איבער דער מאַמען.

די מאַמע איז געפּלעפט, אַנטשטומט. קוים וואָס זי שטאַמלט אויס:

— איך ... איך ... איך פאַרשטיי זיך ניט, מאָטקע, אויף דיר...

צעלאַכט זיך מאָטקע:

— וועגן דעם — לאַכט ער — וועלן מיר רעדן ביים טיש צו וועטשערע. איצט דאַרף מען לויפן צוריק אין וואַרשטאָט צו פּראַצע. אַ מענטש איז ביי דעם באַלעבאָס אין די הענט . . .

— עס וועט זיך — זאָגט ער — כאַפּן דער באַלעבאָס, אַז אים פעלט אַ האַנט, וועט זיך טאָן חושך.

און פּונקט ווי ער איז אָנגעקומען מיט דעם מבול, אַזוי פאַרשווינדט ער אין דעם מבול.

די מאַמע מורמלט צו זיך אַליין:

— אַ ליכטיקער דימענט.

קאַבאַלקינען מאַכט מאָטקע דעם גרעסטן סורפּריז נאָך דעם, ווי ער האָט אים צוגעזאָגט צו באַזאָרגן אים מיט דער הוצאה אויף אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף — מיט דעם תנאי, אַז ער, קאַבאַלקין, זאָל אויף זיך נעמען צו באַווייזן דער וועלט מיט זיין בילדונג, וואָס אַ קבצן קאָן: ער קויפט אים דעמאָלט אַ נייעם גאַרניטער בשתיקה פון דער מאַמען.

ביי קאַבאַלקינען איז דאָס דער צווייטער נייער גאַרניטער אין זיין פופצן־יאָריקן לעבן. (דעם ערשטן נייעם גאַרניטער האָט ער אויף זיך אָנגעטאָן מיט פיר יאָר צוריק, בעת דער טאַטע האָט אַריינ־געשיקט צום ערשטן מאָל דאָס אַמעריקאַנער געלט).

אַז די מאַמע דערזעט אויף איר בן־יחיד דעם גאַרניטער, צע־וויינט זי זיך. צוליב דעם דאָזיקן גאַרניטער האָט מאַטקע געהאָ־רעוועט עטלעכע וואָכן אויך אין די זומערדיקע נעכט. כליפּעט זי, די מאַמע, צו מאַטקען, אַ פאַרשולדיקטע:

— איין מענטש האָרעוועט — זאָגט זי — אויף דער גאַנצער וועלט.

טרייסט מאַטקע די מאַמען:

— נישקשה, פערל, דאָס איז ניט קיין אַרויסגעוואָרפן געלט.

— וועלוול — ווייזט אָן מאַטקע אויף קאַבאַלקינען, — וועט נאָך אַמאָל אָפּצאָלן דער וועלט מיט פּראָצענט.

5

אין אַ טאָג אַזאַ אין אַ זומערדיקן, בעת מאַטקע דער סטאָליער רעדט־אַריין אין זיין שטיף־זון, אין דעם פופצן־יאָריקן קאַבאַלקינען, וועגן דער היסטאָרישער צוקונפט, וואָס אים שטייט פאָר (צו ווייזן מיט זיך דער וועלט אַ ביישפּיל, וואָס אַן אָרעם קינד קאָן אויפטאָן מיט בילדונג), טרעט קאַבאַלקין דעמאָלט אַריין אין אַ נייעם עטאַפּ פון זיין לעבנס־וועג: דאָס איז דער פּעריאָד פון זיין קונסט — מאַלעריי.

געווען איז דאָס ביי אים, ביי דעם פאַדלאָער יאַט, איינער פון יענע טעג, וואָס וועלן זיך פיל מאָל איבער׳חזר׳ן אין זיין שטורמישער ביאָגראַפיע: אַ טאָג פון אינעווייניקסטן חשבון — פון אַ הייסן פאַר־לאַנג אונטערצופירן אַ סך־הכל פון דעם אַלעם, וואָס האָט מיט אים געטראָפן ביז דעם דאָזיקן מאָמענט פון חשבון. אַ באַגער אַריינצו־דרינגען אין די גורלות פון מענטשן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין די פּראָצעסן פון געשעענישן, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען. יענער טאָג (צו פופצן יאָר), וואָס איז ביי קאַבאַלקינען דער ערשטער טאָג פון זיין פּראָפעסיאָנעלער קונסט, איז ביי אים אויך דער ערשטער טאָג פון אַזאַ אינטימען חשבון: אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט און וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אינם פאַרלויף פון זיין קורצן לעבן, האָט פון אים אין יענעם טאָג צום ערשטן מאָל געפאָדערט אַ קלאָרע רעכענונג: פון

דעם טאַטנס פאַרטאָג אויפן קלאָץ ביז דעם טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט אין קעלער. נאָר ער קאָן דעמאָלט ניט דורכקריכן אין דער רעכענונג, וואָס ער מאַכט: עס באַפאַלן אים אָן אַ צאָל „פאַרוואָסן״, וואָס צעפּלאָנטערן אַלע זיינע חשבונות: פאַרוואָס איז דאָס אַזוי אַרויסגעקומען, אַז דער טאַטע זאָל זיך מוזן אָפּטראָגן קיין אַמעריקע? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי אויסגעפאַלן, אַז די מאַמע זאָל זיך דאַרפן צעשיידן מיט דעם טאַטן? פאַרוואָס איז מאַטקען שטענדיק אַזוי גוט און זלאַטען איז שטענדיק אַזוי שלעכט? פאַרוואָס האָט זיך עס אויסגעלאָזט אַזאַ וויסטער תל פון רובינשטיינס וואַרשטאַט? פאַרוואָס זיינען עס די פיר טאָלסטאָיאַנער ניט גלייך צו אַלע מענטשן? פאַרוואָס זיינען עס דריי פון די פיר (סטאַנקעוויטש, רובינשטיין, כאַיוטין) זיך צעלאָפן איבער דער וועלט און דער פערטער, בינקין, איז פאַרבליבן אין פאַדלאַ? פאַרוואָס?

אַז עס קומט צו בינקינען, פאַרלירט קאַבאַלקין דעם חשבון: עס פאַלט אויף אים אָן אַזאַ בענקשאַפט, עס נעמט אים אַרום אַזאַ וואַרעמקייט: ער דערמאַנט זיך, דער פופצן־יאָריקער יאַט, אַט דעם גליקלעכסטן מאָמענט פון זיין פריער קינדהייט, אָן זיין ווינטערדיקער פאַרקילונג, בעת ער קריגט אַ געשווילעכץ אין העלדזל. ער איז דעמאָלט אין געוועלב די צענטראַלע פיגור — דער איינציגער חולה. ער איז דער אַליין־הערשער איבער דעם פאַמיליען־געלעגער. מיט אים אין בעט איז בינקין. דער רופא גלעט זיין לייב. ער איז, קאַבאַלקין (דעמאָלט וועלוול), אַזוי וויכטיק, אַז בינקין באַפעלט דער מאַמען צו געבן אים טרינקען הייסע מילך. די מאַמע פאַרזעצט צוליב איר איינציקן זון דעם לעצטן משכון. קאַבאַלקין דערמאָנט זיך אָן דער צייט, ווען די פאַמיליע האָט זיך געגרייט צו דער נסיעה צום טאַטן אין אַמעריקע: אַזאַ גרויסער מענטש, ווי בינקין, אַ רופא וואָס רעדט אַ גוי׳אישן אידיש, האָט זיך ניט גע׳נמאס׳ט מיט זיינע אייגענע הענט צו שמירן און צו גלעטן דעם פאַרהאַרטעוועטן אויסשיט אויף די קעפּלעך פוןביידע מיידעלעך. נאָך וואַרעמער איז זיין געפיל צו בינקינען, בעת ער דערמאָנט זיך אָן זיין ראָל אין דעם לעצטן חודש פון דעם טאָלסטאָיאַנישן פערטלינג: בינקין בעט זיך ביי סטאַנקעוויטשן, אַז אַלע מענטשן זאָל זיין גוט און סטאַנקעוויטש וויל נאָר, אַז זיינע פאַליאַקן זאָל זיין גוט; רובינשטיין פּרעסט דעם געבראָטענעם עוף, און בינקין באַוויינט דעם אָרעמען מענטשן.

ווי אין זיין פריער קינדהייט דערפילט קאַבאַלקין צו בינקינען אַ טיפע ליבשאַפט — אַ דאַנקבאַרקייט פאַר זיין גוטסקייט. לאָזט ער זיך אַוועק אים געוואויר ווערן. ער האָט דערביי נאָך אַ מאָטיוו פאַר דעם דאָזיקן וויזיט: ער וויל זיך אויסשטעלן פאַר בינקינען מיט דעם אויפגאַבע, וואָס מאַטקע האָט אים געגעבן אויף זיין בילדונג — מיט דעם נייעם גאַרניטער.

איז ער ביי בינקינען זייער אַן אַנגעלייגטער גאַסט: ער דער־פרייט זיך מיט אים:

— ווי לאַנג — באַגעגנט ער אים — איז עס, אַז דו ביסט נאָך געווען, וועלוול, אַ קינד. איצט ביסטו שוין אַ מאַן. די וועלט שטייט פאָרט ניט אויף איין אָרט. דאָס אַלטוואַרג פאַלט־אָפּ. דאָס יונגוואַרג קומט־אויף. ווי אין אַ גייענדיקן טייך: נאָך אַ מוטנער גרוב קומט אַ ריינער קוואַל. די וועלט איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי מען קאָן מיינען.

טראָץ דעם אָבער, וואָס בינקין איז אַזוי צופרידן פון דער וועלט, איז ער זייער פאַרטרויערט מיט זיין בליק: נאָך מער ווי שטענדיק איז ער איצט געוואָרן אָפּגעלאָזן, אָרומגעוואַקסן, אויסגעדאַרט, איינ־געהויקערט. עס שמעקט ביי אים מיט שימל, מיט פּרעלע. וואו מען לייגט אַוועק אַ האַנט — איז שטויב. וואו מען שטעלט אַריין אַ פוס — איז מיסט.

בינקין באַקלאָגט זיך פאַר אים אויף זיין איינזאַמקייט, אויף זיין שיקזאַל:

— ריכטיק — זאָגט בינקין — איז געזאָגט געוואָרן אין דער ביבל: „עס איז ניט גוט פאַר דעם מענטשן צו זיין אַליין". אין דעם פּונקט איז גערעכט די ביבל, ניט טאָלסטאָי. די פאַרצייטיקע זיינען געווען אָפּגעהאַרציקער אין זייער מאָראַל, ווי די איצטיקע, ווי די היינטיקע.

— אַז כאַיוטין איז געווען מיט מיר אָט־דאָ אין געוועלב, איז דאָך געווען אַן אַנדער לעבן, שמייכלט בינקין. — כאַיוטין איז געווען אַ בריה אַ מאַנסביל. בין איך אַן אים, ווי אַ בריה אַ אידענע.

— איך בין ניט קיין הויז־מענטש. — באַשולדיקט בינקין זיך אַליין — צו פּופּצן יאָר האָב איך פאַרלאָזן די היים. צען יאָר אָפּ־געזעסן אויף קאַטאָרגע. האָט זיך פאַרלוירן דער געשמאַק פאַר אַ שטוב. ניט דערוויזן אויסצובילדן אין זיך די געוואוינהייט פאַר באַלעבאַטישקייט. איז עס ניט קיין קלייניקייט: ווער ווייסט, צי

איז גאָר פֿאַראַן אַזאַ זאַך, ווי ליבע צו מענטשהייט, אויב עס פעלט ליבע צו באַלעבאַטישקייט.

בינקינען ווילט זיך דעמאָלט אָפּנים אויסרעדן דאָס האַרץ. האָט ער ניט פֿאַר וועמען איז פֿאַדלאָ. ריכט ער אָפּ זיין קאָנפעסיע פאַר אַ קינד.

— אייגנטלעך — רעדט בינקין — איז דאָך דער מענטש ניט מער ווי אַ פּאַסאַזשיר אויף דער וועלט. ער פאָרט דורך אַ שטיקל שטרעקע אין לעבן און באַלד סטאַיעט ער ניט אויף אייביק, ווי ער וואָלט גאָרניט געווען. פונדעסטוועגן רייסן זיך די פּאַסאַזשירן פאַר די נעז, ממית׳ן זיך איינע די אַנדערע ביז בלוט, פונקט ווי עס וואָלט זיי פאַר־געשטאַנען קיינמאָל ניט אַרויסצושטעלן זיך פון וואַגאָן: „מיין פּלאַץ. מיין באַנק״.

— אַ נאַרישע באַשעפעניש — דער מענטשלעכער מין.

— און אפשר, זאָגט בינקין — בין איך דאָס דער נאַר, ניט די מענטשהייט:

— אַ גאַנץ לעבן האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם נאַרישן געדאַנק, אַז אויב יעדער מענטש באַזונדער וועט זיין לייטיש, וועט שוין פון זיך אַליין אַלע מענטשן אינאיינעם זיין וואויל. ווייזט זיך אַרויס, אַז אויף יעדן מענטשן באַזונדער קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן. אַזאַ טבע האָט שוין דער מענטש: היינט איז ער אַזוי און מאָרגן איז ער אַנדערש. אָט איז רובינשטיין געווען גוט־גוט און אויף דער עלטער האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּייג טאָלסטאָיען. אָפּנים, אַז עס דאַרף זיין פונקט פאַרקערט: ניט פון דעם מענטשן דאַרף מען אָנ־הויבן, נאָר פון דער מענטשהייט. אַז אַלע מענטשן אינאיינעם וועט זיין וואויל, וועט אויך יעדער מענטש באַזונדער זיין לייטיש.

דערביי זאָגט בינקין דער רופא אַ וואָרט, וואָס דעמאָלט קלינגט עס פאַר קאַבאַלקינען ווי אַ וואָרט פון מאָטקע דעם סטאָליער:

— ווארהאַפטיק: — זאָגט בינקין — פונקט ווי אַ קעמל קאָן ניט דורכקריכן דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, אַזוי קאָן אַ רייכער ניט אַריינ־קריכן אין דער נשמה פון אַן אָרימאַן. אָרעם און רייך איז פייער מיט וואַסער, הימל און ערד.

איז אין דעם דאָזיקן טאָג פון רעכענונג (פון דער אייגענער און פון בינקינען) קומט ער דאָס אָן, קאַבאַלקין, צו לעוויטן דעם מאָלער, טיילוויז פאַר אַ באַדינער אין סטודיאָ, טיילוויז אויף דער לערע פון מאָלעריי.

אַכטער קאַפּיטל

1

דער מאַלער לעוויט, צו וועמען דער פופצן־יאָריקער קאַבאַלקין האָט זיך (אויף דער אינספּיראַציע פון זיין שטיף־פאָטער, פון מאַטקע דעם סטאָליער, און אויף דער רעקאָמענדאַציע פון זיין פאַמיליע־פּאַטראָן, פון בינקין דעם רופא) דערשלאָגן טיילוויז פאַר אַ שיק־אינגל אין סטודיאָ, טיילוויז פאַר אַ לערן־אינגל פון מאַלעריי, אָט דער מאַלער לעוויט איז אין דער אייגענער שטאָט געווען אַ לעגענ־דאַרע פיגור. ער האָט געהערט צו דער סינאַגאָגאַלער ריכטונג פון דער אידישער קונסט. דער עיקר איז ער געווען אַ פּאָרטרעטן־מאַלער. זיינען די פּאָרטרעטן זיינע באַשטאַנען מערסטנס פון גאָטס־פּאַרכטיק־דעקאָרירטע אידן — פון אידן אין טליתים מיט לולבים, פון אידן מיט שופרות און סידורים. און האָט ער זיך אַמאָל פאַרמאָסטן אויף אַ „נאַטור־מאָרט" — איז דאָס געווען אַ ספר־תורה. איז די סי־נאַגאָגאַלע קונסט ביי אים ניט געווען דער אָנהויב פון זיין קינסט־לערישער קאַריערע. אָנגעהויבן האָט ער, לעוויט, זיין מאַלעריי פּונקט פון אַ פאַרקערטער ריכטונג: זיין קינסטלערישער דעביוט איז גאָר געווען — פון אַן אָרטאָדאָקסישן קריסט.

ווי אַ גייסטיקער טיפּ איז לעוויט דער מאַלער געווען געפּורעמט פון דעם זעלביקן מאַטעריאַל, וואָס דער קוואַרטעט פון די טאָלסטאָ־יאַנער: ער איז אויך געווען אַ בעל־תשובה. דער אונטערשייד צווישן זיי (צווישן דעם קוואַרטעט און לעוויטן) אויף דעם וועג פון תשובה איז געווען מער אַ פּראָפעסיאָנעלער, ווי אַ אידעאָלאָגישער: דער קוואַר־טעט האָט חרטה געקראָגן אויף די זינד, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען מיט טעראָריסטישע אַקטן. דעריבער איז די תשובה ביי זיי געווען די וועגעטאַרישע קיך (די פאַרעווע מעניו האָט דאָס באַדאַרפט אָפּווישן פון זיי דעם בלוטיקן פלעק). לעוויט האָט חרטה געקראָגן אויף דעם חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען מיט פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס. דעריבער איז זיין תשובה געווען די סינאַגאָגאַלע קונסט: די בית־מדרש׳דיקע מאַלעריי האָט דאָס באַדאַרפט פון אים אָפּטאָן די פּראַוואָסלאַוונע שאַנד. דעם קוואַרטעט איז געקומען צו הילף טאָלסטאָיס מאָראַל. לעוויטן איז געקומען צו הילף הערצל׳ס ציוניזם.

געווען איז ער, דער מאַלער לעוויט, אַ היגער, אַ וויטבאָניער.

ווי דער טאָלסטאָיאַנער קוואַרטעט האָט ער געשטאַמט פון אַ גביר׳ישער משפחה. זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַ האַלבע דווינע אין אייביקער אָרענדע. ער האָט טראַנספּאָרטירט געהילץ איבערן וואַסער פון רייסן אין פּרייסן. איז דער מאָלער לעוויט, דער יורש פון דעם רייכן געהילץ־טראַנספּאָרטיסט, געוואָרן דער פאַוואָריט פון דער אָרטאָדאָקסישער קריסטוס־קיך; נאָך אַלס סטודענט אין אַקאַדעמיע האָט ער געמאַכט פאַר זיין קינסטלערישער טעמע דווקא די פּראַוואָסלאַוונע איקאָנע. ער איז געוואָרן אַ קאָנקורענט פון וואַסנעצאָוו׳ן — דעם גרויסן רוסישן איקאָנען־מאָלער. אין איין פּונקט האָט לעוויט נאָך אַריבערגעשטייגט וואַסנעצאָוון אויף דעם איקאָנען־געביט: ער האָט זיך אין די פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס דערהויפּט ספּעציאַליזירט אויף הייליקע ווייבער. האָט ער אַזוי אויסגענומען מיט זיינע ווייבער־געמעלן ביי די קירכן־פאָטערס, אַז דער מיטראָפּאָליט פון מאָסקווע האָט פאַר אים איינגעשטעלט אין זיין קלויסטער־פּאַלאַץ אַ קונסט־סטודיאָ. דער געמיש פון קונסט און קירך איז אָפּנים געווען ביי לעוויטן אַ שטריך אין דער פאַמיליע. די לעוויטס זיינען געווען קרובים מיט די רובינשטיינס. דאָס זיינען געווען צוויי אַלטע נגיד׳ישע חסיד׳ישע משפחות, וואָס האָבן זיך אינם פאַרלויף פון אַ יאָר־הונדערט משדך געווען בלויז צווישן זיך. האָט דאָך אויך ביינוש רובינשטיין (ביי וועמען ער, קאַבאַלקין, האָט זיך געזאָלט אויסלערנען דעם שלאָסער־פאַך) אָנגעהויבן ווי אַ קירכן־אַרכיטעקט, איידער ער איז געוואָרן אַ דאָרפס־פּראָפּאַגאַנדיסט.

אַז אידן אָבער זיינען אין דער צייט פונם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 3טן פאַרטריבן געוואָרן פון מאָסקווע, האָט דער מאָסקווער מיטראָפּאָליט אַרויסגעשיקט לעוויטן פון קלויסטער. האָט זיך לעוויט דעמאָלט געגעבן אַ נדר מער קיינמאָל ניט צו מאָלן אַן איקאָנע. ער האָט זיך דעמאָלט פאַרשוואוירן בכלל קיינמאָל ניט צורירן זיך צו אַ גוי׳אישער טעמע: ער האָט זיך אָנגע׳ברוגז׳ט אויף רוסלאַנד. האָט ער זיך אומגעקערט צום אידנטום. פון איצט־אָן (אויף להכעיס דעם פּראַוואָסלאַוונעם סינאָד) וועט ער זיין בלויז אַ אידישער קינסטלער.

אין יענער צייט (ווען כדי אָפּטאָן דעם מאָסקווער מיטראָפּאָליט האָט דער מאָלער לעוויט אויף זיך גענומען צו ווערן אַ ריינער איד) האָט ער זיך דאָס באַזעצט אין וויטבאָניע — אין זיין אייגענער שטאָט. אויך די אידעאַליזירונג פון זיין פּראָווינציעלער געבורט־שטאָט איז

אַריינגעגאַנגען אין זיין נייעם, אין זיין אידישלעכן אידייען־קרייז:

— פונקט ווי אמת׳ע קונסט איז נאַציאָנאַל — האָט זיך לעוויט דערטראַכט — אַזוי איז דער אמת׳ער קינסטלער אַ פּראָווינציאַל.

אין וויטבאָניע האָט זיך לעוויט אַריינגעקליבן אין הויז פון זיין רייכן טאַטן און האָט דאָ אָנגעהויבן שאַפן אידישע קונסט. דאָס הויז פון זיין פאָטער איז געשטאַנען אויפן ברעג פון דער דווינע אַנטקעגן אַ פּאַנאָראַמע פון בערג. דאָס איז געווען אַ צוויי־שטאָקיגער זייער ברייטער מויער. האָט ער דעם גאַנצן אויבערשטן שטאָק פאַרוואַנדלט אין זיין קינסטלערישער סטודיאָ. געביטן אָבער האָט ער אינדער־אמת׳ן בלויז די דעקאָראַציע פון זיין מאַלעריי, ניט דעם כאַראַקטער פון זיין קונסט. ער איז, לעוויט, אין עצם ווייטער פאַרבליבן דער אײ־קאָנען־מאַלער אין אַ קלויסטער־סטודיאָ, נאָר — אין אַ פּאַראידישטער פאָרם: זיין קונסט־סטודיאָ האָט ער איצט איינגעריכט אין דעם סטיל פון אַ בית־המדרש: ער האָט אין איר אַריינגעשטעלט אַן אָרון־קודש מיט אַ קרוין, אַן עמוד, מיט אַ מנורה. די ווענט האָט ער אַרומגעהאָנ־גען מיט קאַפּאָטעס, מיט סאַמעטענע שטריימלעך. און אַנשטאָט צו מאָלן פאַרטרוימטע גוי׳עס האָט ער זיך גענומען מאָלן פאַרגאַפּטע אידן. זיך אַליין פאַרגרימירט ער, לעוויט, אין אַ „סופר״, אין אַ שרייבער פון הייליקייטן, בעת ער מאָלט בילדער. ער איז אַ קליינער אין וואוקס. האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד ביזן גאַרטל. די באָרד זיינע איז אַ שוואַרצע, אַ פּעכיקע. מיט אַ פּינזל אין האַנט, איז ער אָנגעטאָן אין אַ קיטל און אַ יאַרמעלקע. און כדי אויסצוהאַלטן דעם פולן סטיל פון אַ הייליקייט־שרייבער, מאָלט ער זיינע בילדער ניט אויף לייוונט, נאָר אויף פּאַרמעט. לעוויט רעדט אויך אידיש — איז זיין אידיש־לשון, ווי פון טייטש־חומש.

איידער לעוויט האָט אַריינגענומען קאַבאַלקינען אין סטודיאָ, האָט ער פריער אויסגעפּרובירט זיין טאַלאַנט. ער לייגט אים פאָר:

— שטעל דיר פאָר אַ מענטשן און מאָל אים אויס אויפן זכרון.

דערביי איז געווען בינקין. בינקין האָט דעמאָלט, אַלס דער לעצטער טאָלסטאָיאַנער, פּאָזירט פאַר לעוויטן אין אַ פּאָרטרעט אונטער דעם נאָמען: „דער לעצטער מאָהיקאַנער״. האָט קאַבאַלקין אין זינען, אין דעם עקזאַמען, אויך בינקינען. מאָלט ער אָפּ זיין טאַטן ביים וואַרשטאַט מיט אַ קאַפּול אין דער האַנט: אין דער זעלביקער

פּאַזע, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף סטאַנקעוויטשן, אַז יענער האָט אים פאַרגליכן מיט אַנטאָקאָלסקין.

געפעלט ניט לעוויטן דער טאַטע:

— עס איז — זאָגט ער — פאַראַן אין דער צייכענונג קאָמפּאָזיציע. עס פעלט אָבער אין איר פּערספּעקטיוו.

— עס איז ניט ריכטיק — לערנט אים לעוויט — צו ווייזן אַ אידישן שוסטער אין אַ פאַרטוך ביים וואַרשטאַט. אַ אידישן שוסטער דאַרף מען ווייזן אין אַ טלית ביים דאַוונען.

—— אָפּמאָלן אַ אידן — גיט ער אים צו פאַרשטיין — הייסט: אויסזינגען די „עקידה", אָפּריכטן די „עבודה".

אַז לעוויט האָט אָנגענומען קאַבאַלקינען פאַר אַ תלמיד, האָט ער מיט אים אויסגענומען אַ תנאי: דער תנאי איז געווען, אַז אויך ער זאָל אין דער קונסט־סטודיאָ זיין אָנגעטאָן, ווי אַ כלי־קודש. ער האָט פאַראויס אויסגעטיילט פון זיין סינאַגאָגאַלן רעקוויזיט אַ יאַרמעלקע מיט אַ קיטל, אַלס די אוניפאָרם פון אַ אידישן קינסטלער. ווייל לעוויט איז געווען אַ קליינער און קאַבאַלקין אַ געוויקסיקער, איז אויף אים דער רעקוויזיט געווען צו דער מאָס. נאָר דער מייסטער איז געווען אַ קאַרגון. די יאַרמעלקע, וואָס ער האָט אים געגעבן, איז געווען אַן אָפּגעריבענע און דער קיטל — אַן אויסגעטראָגענער.

פאַר דער קונסט האָט קאַבאַלקין געצאָלט מיט זיין דינסט. ער איז געווען ביי לעוויטן: 1) אַ שמש, 2) אַ שליח.

זיין שמשות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויפן פרימאָרגן האָט ער באַדאַרפט אויסרייניקן דעם בית־המדרש אין דער קונסט־סטודיאָ: אָפּפּוצן דעם אָרון־קודש, די קרויז, דעם עמוד, די מנורה; אָפּבערשטן דעם רבנ׳ישן גאַרדעראָב — די זיידענע קאַפּאָטעס, די סאַמעטענע שטריימלעך.

און די שליחות זיינע, קאַבאַלקינס, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זייער אָפט באַדאַרפט אויסזוכן פאַר לעוויטן אַ אידן פאַר אַ מאָדעל. דער איד דער דאָזיקער (כדי צו זיין אַ קינסטלערישער מאָדעל) האָט באַדאַרפט האָבן אַ קרומען רוקן. פאַר דעם רוקן האָט ער געקראָגן האָנאָראַר. וואָס קרומער עס איז געווען דער רוקן, אַלץ גרעסער איז געווען דער האָנאָראַר:

דעם מאָלער לעוויטס טענה איז געווען:

— אַ גלייכע פּלייצע איז ניט קיין אידישער טיפּ.

קאַבאַלקין האָט זיך דערפילט זייער אומהיימלעך אין דער געזעל־שאַפט און אין דער סטודיאָ פון דעם מאַלער לעוויט. טראָץ דעם, וואָס אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך געפילט איבערגליקלעך פון דעם, וואָס עס איז דערפילט געוואָרן זיין העכסטער באַגער, וואָס האָט אים נאָך באַהערשט אין זיין פריער קינדהייט (בעת ער איז אין די ווינטערדיקע טעג געלעגן אָ באָרוועסער, אַ האַלב־נאַקעטער אונטער דעם טאַטנס וואַרשטאַט און צווישן דעם פוילן אָפּפאַל זיך פאַרגע־שטעלט אַ פרישן שניי): — ענדלעך לערנט ער זיך מאָלן ביי אַ ריכטיקן מאָלער! און דער מאָלער, דער דאָזיקער, זיין לערער, איז לעוויט, וואָס איז דער באַרימטסטער מאָן אין שטאָט און וועמען עס קומען אָנקוקן באַוואוסטע מענטשן פון דער פרעמד.

יענע צייט, ווען קאַבאַלקין איז אָנגעקומען צו לעוויטן אויף דער לערע פון מאָלעריי, איז פאַר לעוויטן געווען די גרעסטע צייט אין זיין קאַריערע פון אַ אידישן קינסטלער. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער נאָמען פון לעוויטן איז דעמאָלט דערמאָנט געוואָרן אויף דעם קאָנגרעס פון דער טריבונע. זיין סינאַ־גאָגאַלע ריכטונג אין דער אידישער קונסט איז דערמאָנט געוואָרן אין אַן אָפיציעלן רעפעראַט, אַלס אַ באַווייז אויף דעם נאַציאָנאַלן רע־נעסאַנס פון דעם אידישן פאָלק. איז לעוויט דעמאָלט געוואָרן שטאַרק פאָפּולער אויף דער וועלט.

אומהיימלעך איז קאַבאַלקינען מיט לעוויטן פון זיין שטענדיקער אָנגעצויגנקייט, אָדער (ווי קאַבאַלקין וועט מיט יאָרן שפּעטער אָנ־רופן דעם דאָזיקן צושטאַנד ביי לעוויטן) — פון זיין סטיליזירטער פרומקייט. אָנהויבן הויבט זי זיך ביי אים אָן — אָט־די סטיליזאַציע — פון דרויסן, פון דעם פאַסאַד: אויף דעם מויער פון זיין טאַטן האָט ער אויפגעהאַנגען אַ שילד אין העברעאיש: „משכן לעוויט”. און מיט איר, מיט דער סטיליזאַציע, איז פול אינעווייניק די סטודיאָ.

קאַבאַלקין איז שוין דעמאָלט אַ מבין אויף סטיליזאַציע, ווען אפילו ער האָט נאָך ניט דעם באַגריף פון אַזאַ טערמינאָלאָגיע. ער, דער יאָט פון פאַדלאָ, דער בן־יחיד פון ליישקע דעם לאָטוטניק, איז נאָך ניט אַלט געווען קיין דרייצן יאָר, בעת ער האָט אָנגעהויבן צו אָטעמען מיט דער סטיליזירטער לופט פון דעם טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט. פונ־דעסטוועגן איז ניט צו פאַרגלייכן די סטיליזאַציע פונם קוואַרטעט מיט דער סטיליזאַציע פון לעוויטן: דער קוואַרטעט האָט סטיליזירט גוטס־

קייט. האָט דאָס פאַרנומען ביי די טאָלסטאָיאַנער בלויז אַ פּאָר שעה אין טאָג, דער עיקר — דעם פאַרנאַכט, בעת זיי האָבן אָפּגעריכט דעם וואָנגעלישן טיי. לעוויט אָבער סטיליזירט פרומקייט. פאַרנעמט דאָס ביי אים 24 שעה אין מעת־לעת. אפילו איין סעקונדע גייט ביי אים ניט דורך אַ גלאַטע, אַ ניט־סטיליזירטע. ער איז דורך־און־דורך ניט אַ לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ סטיליזירטער איד.

ביי לעוויטן אין סטודיאָ פּירט זיך קאַבאַלקין אַנדערש, ווי ער האָט זיך געפּירט ביי רובינשטיינען אין קעלער. ביי רובינשטיינען — איז ער געשלאָפן ביי דער מאַמען און געגעסן אין קעלער. ביי לעוויטן, פאַרקערט, עסט ער ביי דער מאַמען און שלאָפט אין סטודיאָ. איז פאַר אים אין סטודיאָ דער שלאָף אַ קאַשמאַר. ער קאָן זיך ניט צוגעוואוי־נען צו דער דעקאָראַציע, וואָס איז אַ געמיש פון קלויסטער און שול: דער עמוד און דער מאַלבערט; די בילדער און די שטריימלעך; דער אָרון־קודש און אַ פּרויען־פּאָרטרעט. דערהויפּט איז קאַבאַלקינען אומ־היימלעך פון דער דאָזיקער געמישטער דעקאָראַציע (שול און קלויס־טער) אינם איינזאַמען באַגינען. עס איז האַרבסט. עס איז אומעטיק. קאַבאַלקין שטייט־אויף זייער פרי. ער דאַרף מאַכן צו־רעכט די סטודיאָ, איידער לעוויט קומט־אָן.

לעוויט וואוינט מיט זיין פרוי אינם זעלביקן הויז, וואו עס איז די סטודיאָ. די סטודיאָ איז דער אויבערשטער שטאָק. די וואוינונג איז דער אונטערשטער שטאָק. קיין קינדער האָט ניט לעוויט. שטאָלצירט ער מיט דעם, מיט זיין קינדערלאָזיקייט: „מיינע יורשים — זאָגט ער אָפט — זיינען מיינע בילדער: זיי וועלן מיך איבערלעבן". האָרע־ וועט ער שטאַרק פאַר די דאָזיקע געבענשטע „יורשים" זיינע — אויף זיין מאַלעריי: פאַרטאָג איז ער שוין ביים מאַלבערט מיט אַ פּינזל איבערן פּאַרמעט. סטראָיעט ער זיך פריער אויס אין זיין רבנ'ישן אָנבליק איידער ער טרעט־צו צו זיין קינסטלערישער אַרבעט: לעוויט שטעלט זיך אַריין אין קונסט־סטודיאָ, ווי אַ רב צום וותיקין־דאַוונען: מיט שטילע, מיט געמאָסטענע טריטעלעך; און צום מאַלבערט טרעט ער צו, ווי אַ חזן צום עמוד: ער טוט זיך פריער אָן אין קיטל און יאַרמעלקע, איידער ער נעמט זיך צום פּינזל און פּאַרמעט.

קאַבאַלקין מאַכט נאָך, בעת־מעשה, זיין קונסט־מייסטער: ער סטראָיעט זיך אויך אויס, ווי אַ כלי־קודש — אין דער אָפּגעריבענער יאַרמעלקע און אין דעם אויסגעטראָגענעם קיטל, וואָס לעוויט האָט אים

אַרויסגעגעבן פון זיין רעקוויזיט, ווען ער האָט אים אָנגענומען אויף דער לערע. נאָך דעם וויביידע (דער רבי און דער תלמיד) זיינען שוין פאַרטיק מיט זייער טואַלעט (אין קיטלען און יאַרמעלקעס), פאַרגייט זיך לעוויט מיט אַ קרעכץ. און אין סטודיאָ הויבט זיך אָן דער טאָג. דער קרעכץ פון לעוויטן שטעלט דאָס אָן אויפן טאָג דעם טאָן פון שאַפונג. ווי דער סיגנאַל: „אידן אין שול אַריין", הילכט אָפּ אויפן פרימאָרגן אין סטודיאָ דער קרעכץ פון לעוויטן.

לעוויט איז זייער שטרענג אין קונסט, בעת עס האַנדלט זיך וועגן אידישקייט אין פאָרם. אין אַזאַ פאַל לאָזט ער ניט דורך אָן אומפינקטלעכקייט אפילו אין אַ קלייניקייט: ער, קאַבאַלקין, האָט אים צוגעשטעלט, דעם מייסטער, פאַר אַ מאָדעל דעם אַלטן חיים־מאַניען, דעם טעפּער־לאַטוטניק, דעם געוועזענעם חתן פון זלאַטען, זיין פאַרזעסענע קוזינע. טראָגט חיים־מאַניע אַ צעפּאַטלטע באָרד און קוקט מיט אַ גלייכגילטיקן בליק. געפעלט ניט לעוויטן, ווי דער מאָדעל, חיים־מאַניע, פירט זיך מיט דער באָרד און מיט דעם בליק:

— רעב איד! — שרייט ער אָן, דער מייסטער, אויף דעם קורצן און דיקן חיים־מאַניען — רעב איד, מאַכט זיך אַביסל צו־רעכט. דאָס איז אַ הילוך פאַר דעם קבצן, ניט אָן אויסדרוק פון דעם גלות. אַ איד דאַרף שיינען און ברענען. ביי אַ אידן דאַרף די באָרד זיין אויסגעקעמט, און דער בליק — אָנגעשטרענגט . . . יחוס און דלות! — מאָנט לעוויט ביי חיים־מאַניען.—אַזוינע זיינען די קינדער פון ישראל.

גלעט לאַנג חיים־מאַניע די באָרד און גלאָצט די אויגן, ביז לעוויט געפינט אין זיין אָנבליק דעם אויסדרוק פונם גלות און דעם שטאָלץ פון ישראל.

אויך צו קאַבאַלקינען איז דער מייסטער זייער שטרענג, בעת עס קומט צו אידישקייט. ביי קאַבאַלקינען איז דעמאָלט דער יום־טוב פון פאַרבן. ער האָט ערשט אָנגעטאַפּט דעם סוד, ווי צו באַהעפטן פאַרקערטע פאַרבן, אַז פון זיי זאָל אַרויסקומען אַ האַרמאָנישער קאָליר. דעמאָלט האָט ער ליב קאָלירן פאַרטראַכטע, דורכזיכטיקע. דעמאָלט האָט ער ניט ליב צו מאָלן מענטשן מיט חפצים. אַ פאָרטרעט האָט ער ליב פון אַזאַ מענטשן, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער רוט זיך אָפּ פון אַ לאַסט. רופט זיך דאָס אָפּ אויף זיינע אָנגעצייכנטע ליניעס. ער מיידט־אויס צוגעשפּיצטע פּאָזעס. דערלאַנגט לעוויט אַ קוק אויף זיינס אַ געמעל, מאַכט ער פון אים חוזק:

— דיין מאָלעכץ — זאָגט ער אים אַריין — איז פאַר אַ גוי, פאַר אַ שילד: ניט פאַר אַ אידן, ניט פאַר קונסט. אידישע קונסט — דער־קלערט ער אים — איז ניט אַ פרייער פויגל. אידישע קונסט הייסט באַלעבאַטישע איינגעזעסנקייט: פעטע קאָלירן, פולע בעבעכעס.

פאַרשטייט זיך ניט קאַבאַלקין, דער פאַדלאָער יאַט, אפילו קליי־נערהייט אויף דער לעוויטישער סטיליזירטער אידישקייט. און אים איז אומהיימלעך.

נאָך אומהיימלעכער איז קאַבאַלקינען געוואָרן מיט דעם מייסטער מיט זיינעם, זינט ער האָט אים באַליידיקט אין דער אַנוועזנהייט פון דעם דאָקטאָר ראַטנער: ווי דער מאָלער לעוויט איז אויך דער דאָק־טאָר ראַטנער אַ סטיליזירטער איד: ער איז, דער דאָזיקער דאָקטאָר, אַן אַלטער בחור, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט גרויע, קוטשעראַווע, לאַנגע האָר, מיט פיס פון אַ קעמל און מיט אַ געזיכט פון אַן ענגלענדער. ער איז אַ ציוניסט. אויף דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס איז ער געווען אַ וויטבאָניער דעלעגאַט. באַזוכט ער אָפט די סטודיאָ. ער איז אַ ציִנישער טיפּ. יעדעס מאָל שטעלט ער זיך אַריין מיט אַ צווײדייטיק וואָרט: „וואָס טוט זיך — פרעגט ער — מיט דער מוזע? ווי גייט עס איר אין טראָגן? דאַרף זי שוין באַלד האָבן?״ . . . באַקלאָגט זיך איינמאָל פאַר אים פאַר דעם דאָקטאָר ראַטנער, דער מאָלער לעוויט אויף דעם אידישן פאָלק: „הערצל — זאָגט ער — איז טאַקע גרויס, אָבער אידן זיינען קליין. ביי דעם אידישן פאָלק איז פאַרטעמפּט גע־וואָרן דער קינסטלערישער חוש, דאָס הייסט — דער פערזענלעכער אידישער כאַראַקטער״ . . . און ווי אויף אַ ביישפּיל, ווי אויף אַ מוס־טער פון דער היינצייטיקער, אידישער קליינקייט, פון דער היינטציי־טיקער אידישער כאַראַקטערלאָזיקייט ווייזט ער אָן, דער לאַנג־יאָריקער מאָלער פון פראַוואָסלאַוונע איקאָנעס, אויף קאַבאַלקינען, דעם פאַד־לאָער יאַט.

— אָט איז — דעמאָנסטרירט ער אים פאַר דעם דאָקטאָר ראַט־נער — אַ קינד פון פאָלק. דאָס האָט אין זיך אפילו אַ פונק טאַלאַנט. נאָר דאָס פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין סימן אידישקייט. עס איז אין אים אַזוי ווייט ניטאָ עטוואָס עכטס, אייגנס, אַז פאַר אים, אַ אידיש קבצנ׳יש אינגל, איז אַלץ איינס: איד, צי ניט־איד. זיין נאַקעטקייט פון אידישקייט זעט זיך אָן אין דער לופטיקייט פון זיין קאָלאָריט.

נעמט דעמאָלט קאַבאַלקין אָן אַזאַ אַטעסטאַט פאַר אַן אומ׳כבוד.

3

די גאַנצע אַטמאָספּערע אַרום־און־אַרום דעם מאָלער לעוויטן איז געווען דורך־און־דורך אַ געקינסטלטע, אַ נאָכגעמאַכטע. אַזוי איז געווען ניט בלויז זיין סטודיאָ, זיין קונסט, נאָר אויך זיין פאַמיליע, זיין ווייב.

געשפּילט האָבן זיי (מאַן און ווייב) באַזונדערע ראָלן—פּונקט פאַרקערטע. דער מאָלער לעוויט איז שטענדיק געווען פאַרגרימירט אין דעם סטיל פון אַ שול־אידן, וואָס לעבט אין געטאָ; די מאַדאַם לעוויט (פון די ווילנער ראָמס) איז שטענדיק געווען פאַרגרימירט אין דעם סטיל פון אַ סאַלאָן־דאַמע, וואָס שטאַמט פון אייראָפּע. דער דאָזיקער קעגנזאַץ אין זייערע ראָלן האָט זיך אויסגעדריקט אפילו אין זייערע נעמען: דער נאָמען פון דער מאַדאַם לעוויט איז געווען ניט־אידיש און ניט־רוסיש, נאָר אַל־אייראָפּייאיש: דייטש־פראַנצויזיש. זי האָט זיך גערופן: גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ; בעת דער מאָלער לעוויט האָט זיך גערופן דוקא מיט זיין ברית־נאָמען, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן. ער האָט געהייסן: יעקב־אפרים.

גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ, די מאַדאַם לעוויט, האָט באַדאַרפט זיין אין איין עלטער מיט איר מאַן, מיט דעם מאָלער לעוויט. זי האָט דעמאָלט אויסגעקוקט ווי אַ פּרוי אין די פערציקער. זי האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיע. מיט איר פיגור האָט זי געהאַט דעם אָנבליק פון אַן איבערגעטאָגנעם מאַנסביל. זי איז געווען אַ לאַנגע. לעוויט האָט איר דערגרייכט ביזן אַקסל. זי איז געווען אַ דאַרע מיט אַ קוואַדראַטנעם געזיכט. דערפאַר אָבער האָט פון איר פריזור געשלאָגן מיט ווייבלעכן רייץ. זי האָט געטראָגן לאַנגע, בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון איר פּלייצע איבער דער טאַליע, ווי אַ געוועב פון איין שטיק. האָבן אירע לאַנגע האָר געבלאַנקט מיט אַ גאָלדענעם קאָליר, טראָץ דעם, וואָס זי איז שוין געווען אין אַ היבשן עלטער. אויך איר אומעט האָט איר צוגעגעבן רייץ. צו יעדער צייט האָט פון איר געווייעט מיט בענקשאַפט, מיט אומצופרידנקייט. דאָס האָט זי אונטערגעשטראָכן מיט אַ בליק אין ערגעץ־ניט.

די מאַדאַם לעוויט האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מאַרטירערין. זי האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קינסטלערין. זי האָט געשפּילט פּיאַנאָ. זי האָט דעקלאַמירט לידער. איז פאַר איר דאָס לעבן אין דער

פראָווינץ געווען אַן אַפּקומעניש, וואָס זי שטייט אויס צוליב איר מאַן. האָט זי געשטילט איר בענקשאַפט נאָך דער גרויסער וועלט מיט דער פריינטשאַפט פון צוויי פאַררערער: פון דעם אינזשינער בערמאַן, דעם משומד, און פון דעם דאָקטאָר ראַטנער, דעם ציוניסט. זיי זיינען ביידע געווען אַלטע בחורים. האָט פאַר זיי גרעטא אריס־טידאַוונא אין די נעכט געגעבן מוזיקאַלישע קאָנצערטן. די דאָזיקע צוויי פאַרערער זיינען געווען אירע איינציקע צוהערער. דעם איי־גענעם מאַן האָט זי ניט אַריינגענומען אין איר אינטימען קרייז. בעת די מאַדאַם האָט דעקלאַמירט אין בודואַר, האָט זיך לעוויט געכמורעט אין סטודיאָ. זיי זיינען געווען, מאַן און ווייב, צווישן זיך פונדער־ווייטנס. זיי זיינען זעלטן־ווען געווען אינאיינעם. זיי האָבן בלויז גע־האַט איין דינסט. זיי האָבן אָבער געוואוינט אין צוויי העלפט. און אין איר אייגענער העלפט איז גרעטא אריסטידאַוונא געגאַנגען שלאָפן אַ בליאַסק אויף טאָג. זי האָט אַרויסגעוויזן דעם גייסט פון אַן אַרטיסט. אויפגעשטאַנען איז זי פון בעט שפּעט פאַרנאַכט. זי האָט אויסגעמידן די ליכט פון דער זון.

מיט לעוויטן האָט זיך די מאַדאַם געטראָפן נאָר איין מאָל אין טאָג. און דאָס — אַ קורצע ווײלע: פאַרנאַכט, אַז זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איר טואַלעט פאַר דעם קאָנצערט (איידער עס זיינען צו איר געקומען די פאַרערער), איז זי אַרויפגעקומען מיט אַ וויזיט אין דער סטודיאָ. האָט זי אויסגעזען קאַבאַלקינען אין דעם דאָזיקן מאָמענט ווי אַ פאַנטאַסטישע געשטאַלט: עס איז ווינטער פאַרנאַכט. כאַפּט אָפּ קאַבאַלקין אַ קוק דורכן פענצטער פון סטו־דיאָ אויפן גליטשיקן גלאַנץ פון דער פאַרפרוירענער דווינע. דער זון־אונטערגאַנג רוט אויף דער בערג־פּאַנאָראַמע. די סטודיאָ איז פול מיט אומהיימלעכע שאָטנס: פון דעם אָרון־קודש מיט דער קרוין, פון דעם עמוד מיט דער מנורה, פון די קאַפּאָטעס און שטריימלעך, וואָס הענגען דאָ אויף די ווענט פון אינספּיראַציע־וועגן און צווישן אָט־די סטיליזירטע בית־המדרש׳דיגע שאָטנס זיי זאַלבענאַנד — דער לאַנגבערדיקער מייסטער און ער, דער פּופּצן־יאָריקער קאַבאַלקין. ביידע, אין קיטלען און יאַרמעלקעס, פאַרמעסטן זיך מיט פּינזלען אויף פאַרמעטן. דערשיינט בעת־מעשה גרעטא אריסטידאַוונא, די מאַדאַם לעוויט.

זי איז אָנגעטאָן אין אַ שמאָלן גרין־סאַמעטענעם קלייד מיט

אַ לאַנגן שלייף פונהינטן. זי טראָגט שוואַרצע אוירינגלעך, לאַנגע, געשלייפטע אין דער פאָרם פון שוואַרצע טרויבן־צווייגלעך. עס פינקלט דער גאָלדענער געוועב פון אירע לאַנגע האָר. זי שיינט מיט אַלערליי קאָלירן. נאָר אין דער אַטמאָספער פון דער סטודיאָ פאַרוואַנדלט זיך אויך די מאַדאַם אין אַ שאָטן. זי באַגריסט זיך ניט מיט איר מאַן. און דער מאַן הויבט ניט אויף דעם קאָפּ פונם פּאַרמעט. אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע שטעלט זיך אַוועק גרעטא אַריסטידאַוונא ביים פענצטער פון סטודיאָ און קוקט אויף דעם אייז פון דער דווינע. שטייט זי אַ פּאָר אַזוי אַ קורצע ווײַלע און שלייכט זיך צוריק אַרויס מיט איר אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט איר נאָכגעשלעפּטן שלייף. לעוויט גראָבט נאָך טיפער אײַן זײַן באָרד אין דעם מאָלבערט, אין דעם פּאַרמעט. די שטומקייט איז אַזאַ שווערע.

ביי יעדן זון־אונטערגאַנג, כמעט טאָג־טעגלעך, די זעלביקע שפּיל. בלויז איין מאָל האָט קאַבאַלקין געהערט אַ וואָרט פון דער מאַדאַם לעוויט, בעת איר באַזוך אין סטודיאָ. דאָס איז ביי איר געווען אַן אויסברוך פון היסטעריע:

— אויב דו וועסט זיך ניט אָפּראַזירן די באָרד, — האָט זי אויסגעשריען צו לעוויטן, — וועל איך זיך אומברענגען אויף טויט.

פאַר קאַבאַלקינען איז די מאַדאַם אין יענער צייט געוואָרן אַ מאַניע. זיין איינגעבוירענער נייגיר האָט זיך דעמאָלט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף דער דאָזיקער עקסטראַוואַגאַנטער דאַמע. עס האָט אים רוען ניט געלאָזט: „ווער איז זי? וואָס איז זי?“ . . . ער האָט זייער געגאַרט אָנצוקוקן זי אין איר בודואַר, בייזיין אויף אירן אַ קאָנצערט. אַ געוויסע ראָל האָט אין דעם געשפּילט, אין דעם דאָזיקן באַגער אין זיינעם, וואָס אים האָט זיך זייער געוואָלט אָנקוקן אַ רייך הויז פון אינעווייניק. אין זיין פּופּצן־יאָריקן לעבן האָט ער געזען בלויז פירערליי אַרכיטעקטורן (אויסער די פּאָר שבתים, וואָס ער איז געווען ביי די טשערווינסקיס, ביי די פּוילישע פּאַטריאָטן, אויף די פּאַרעווע מאָלצייטן). די פיר אַרכיטעקטורן, וואָס ער האָט געקענט, זיינען באַשטאַנען: 1) פון אַ געוועלב; 2) פון אַ קעלער; 3) פון אַ בית־המדרש; 4) פון אַ וואַרשטאַט. אויך לעוויטס סטודיאָ איז דאָך געווען טיילווייז אַ בית־המדרש, טיילוויז אַ וואַרשטאַט. האָט ער געוואָלט אָנקוקן די אַרכיטעקטור פון אַ בודואַר. דערהויפּט אָבער האָט אים געצויגן צו דער מאַדאַם לעוויט פאַר איר אַליין.

נאָר גרעטא אַריסטידאַוונא, אין יעדן פאַרנאַכט אויף איר קורצן וויזיט אין סטודיאָ, האָט קאַבאַלקינען איגנאָרירט. האָט דאָס אים שטאַרק געקרענקט. שטילערהייט פון לעוויטן האָט ער זיך גענומען מאָלן דעם פאָרטרעט פון דער מאַדאַם. האָט אים דאָס ניט באַפרידיקט. דער פאָרטרעט האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. ער איז אַריינגעפאַלן אָדער אין זלאָטען, זיין פאַרזעסענער קוזינע, אָדער אין וואַנדאַן, די פוילישע פאַטריאָטין.

די אָנשטעלן פון דער מאַדאַם לעוויט זיינען אָפּנים ניט געווען פאַר דער איינפאַכקייט פון קאַבאַלקינס קאַלאַריט.

זיין באָגער, קאַבאַלקינס, אָנצוקוקן די גרעטא אַריסטידאַוונא אין איר אָפּגעזונדערטן בודואַר איז פאַרט דערפילט געוואָרן. די מאַ־דאַם לעוויט האָט געפייערט איר געבורטס טאָג. האָבן זיך מאַן און ווייב צוליב אַזאַ טאָג איבערגעבעטן אויף אַן אָוונט. דאָס מאָל איז צווישן דער ווייבס געסט אויך געווען דער אייגענער מאַן. האָט דער מייסטער מיטגענומען קאַבאַלקינען. ווערט קאַבאַלקין געדענקען דעם דאָזיקן אָוונט. ניט בלויז צוליב דער דאַמע, נאָר אויך צוליב דער דעבאַטע. די דעבאַטע וואָס איז פאָרגעקומען אינעם בודואַר צווישן די צוויי אַלטע בחורים, די שטענדיקע פאַרערער פון גרעטא אַריסטי־דאַוונא — צווישן דעם דאָקטאָר ראַטנער, דעם ציוניסט, און דעם אינזשינער בערמאַן, דעם משומד.

צווישן די געסט, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אָפּגעבן כבוד גרעטאַ אַריסטידאָוונאַן צו איר געבורטסטאָג, איז אויך געווען אַ היבשע צאָל סטודענטן און קורסיסטנס. דאָס איז געווען אינעם חודש יאַנואַר — קאַניקול־צייט, בעת עס פאָרן זיך צונויף סטודענטן און קורסיסטנס פון די ווייטע אוניווערסיטעטן צו די רייכע עלטערן.

אַגיטירט אינעם בודואַר דער דאָקטאָר ראַטנער פאַר דער דאָזיקער יוגנט דעם ציוניזם. ער דעמאָנסטרירט פאַר זיי דאָס בוך פון הערצלען: דעם „אידן־שטאַט".

— זאָל זיין — רעדט ער — אַז די אידישע מלוכה איז בלויז אויפן פאַפּיר. אַזאַ שטיקל פאַפּיר אָבער איז דאָך אויך עפּעס ווערט. שוין צוויי טויזנט יאָר, אַז דאָס אידישע אויער האָט ניט געהערט אַזאַ קלאַנג, ווי אי־די־שע מלוכה . . .

רייסט אים איבער דער שטאָטישער אינזשינער, בערמאַן, דער גע'שמד'טער איד, מיט אַ רעפּליק:

— צוליב וואָס, יאָסיף מאַנאַסעוויטש, אַ פּאַפּירענע אידישע מלוכה, אַז מיר האָבן אַן אייזערנע רוסישע מלוכה?

שטעלט זיך אָוועק דער דאָקטאָר ראַטנער אויף זיינע קעמל־פיס און זאָגט שאַרף אַריין דעם אינזשינער בערמאַן פאַר דער חוזק־רעפּליק:

— די אייזערנע רוסישע מלוכה — ציילט ער די ווערטער — איז פאַר אייך, אַפאַנאַסי ניקאָלאַיעוויטש, ניט פאַר דעם אידישן פאָלק. איר זייט אַ . . .

דער דאָקטאָר ראַטנער הויבט אויף אַ פינגער און לאָזט אַרויס אַ קוויטש:

— איר זייט אַ משומד!

הויבט זיך אויך אויף דער אינזשינער בערמאַן. ער גלייכט זיך אויס אין אַ מיליטערישער פּאָזע. ער לייגט אַרויף די דלאָניעס אויף זיינע אָפיצערן־עפּאָלעטן און ער ענטפערט אָפּ דעם דאָקטאָר ראַטנער מיט אַ זידל־וואָרט:

— און איר זייט אַ ליגנער, יאָסיף מאנאסעוויטש!

— איך בין, — רעדט ער מיט אַ טרער, דער קליינינטשקער, קיילעכדיקער, גרויאינקער, אַלטיטשקער, שטאָטישער אינזשינער, — איך בין ניט אָוועק ניט פון דעם אידישן גאָט, ניט פון דעם אידישן פאָלק. דאָס איז אַ פאַרלוימדונג. איך בין אַ איד. די פּראַוואָסלאַוויע איז פאַר מיר געווען און געבליבן בלויז אַ פּראַגע פון אַ גרעסערן גע־האַלט, פון אַ העכערן אַמט. איך בין געבליבן בכיון אַ בחור, כדי ניט איבערצולאָזן נאָך זיך אַ גוי. און פאַר אייער פאַרלוימדונג, יאָסיף מאַ־נאסעוויטש, וועט איר באַצאָלן מיט אַ דועל,—דראָעט ער דעם דאָקטאָר ראַטנער. — פאַר אַזאַ וואָרט, ווי משומד, איז ניטאָ קיין אַנדער ענט־פער, ווי אַ פּיסטאָליעט.

— איך טראָג אַ רוסישן מונדיר, דאַרף איך באַשיצן מיין פער־זענלעכע ווירדע. איך בין אייך ניט עפּעס אַ אידליק, וואָס מען קאָן מאַכן צו שפּאָט.

האָט זיך גרעטאַ אריסטידאַוונאַ אַריינגעמישט אין אַ שלום צווישן אירע צוויי פאַרערער. כדי צו באַרואיקן זייערע צערייצטע געמיטער, האָט זי זיך פאַנאַנדערדעקלאַמירט מיט רוסישע פערזן:

„מיר זיינען אַלע שיכור פון עקסטאַז,
און ניט קיין איינציקער פון ווייך".

4

באַלד נאָך דעם פייערלעכן געבורטסטאָג פון גרעטא אַריסטידאָוונאַ (בעת צווישן בערמאַנען, דעם שטאַט־אינזשינער, דעם משומד, און ראַטנערן, דעם פרויען־דאָקטאָר, דעם ציוניסט, איז שיעור געקומען צו אַ פּיסטאָלעטן־דועל אין זייער דעבאַטע וועגן אַ אידן־שטאַט) האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט קאַבאַלקינס פּאָזיציע אין לעוויטס הויז.

ער איז פון דעמאָלט־אָן געוואָרן אָפטער גאַסט אין דער מאַ־דאַמס בודואַר. דערצו — אַ גאַסט אָן אַנגעלייגטער, אָן איינגעלאַ־דענער, אַ נויטיקער. ער איז געוואָרן אין דעם בודואַר אַן עקספּערט אויף פאָלקסטימלעכקייט.

צווישן דעם מאַלער לעוויט און גרעטא אַריסטידאָוונאַ האָט זיך דעמאָלט (באַלד נאָך דעם פייערלעכן געבורטסטאָג) איינגעשטעלט אַ סטיליסטישער שלום. דער צייט־גייסט האָט זיך ענדלעך דערקליבן אויך צו דער סאַלאָן־דאַמע. זי איז געוואָרן אַ סטיליזירטע אידענע, פּונקט ווי איר מאַן לעוויט איז שוין פון פריער געווען אַ סטיליזירטער איד. אין דעם רייץ פון איר ווייבלעכער בענקשאַפט האָט זי אויך אַריינגענומען דעם חן פון דער אידישער מעלאַנכאָליע: זי האָט גע־ענדערט איר טואַלעט — זי האָט זיך אָנגעהויבן קליידן אין שוואַרצן, ווי זי וואָלט געווען איינגעהילט אין אבילות; זי האָט געענדערט איר פריזור: זי האָט זיך אָנגעהויבן פאַרקעמען אויף־אַרויף, ווי זי וואָלט געווען באַדעקט מיט אַ פּאַריק. דערהויפּט האָט זי געענדערט איר לידער־רעפּערטואַר: אירע מוזיקאַלישע קאָנצערטן אין די ווינטער־דיקע נעכט באַשטייען איצט בלויז פון אידישע נומערן אויף סינאַ־גאָגאַלע מאָטיוון. זי שפּילט און דעקלאַמירט פאַר אירע צוויי באַוואונ־דערער, פאַר דעם דאָקטאָר ראַטנער און פאַר דעם אינזשינער בערמאַן, „עוד לא אָבדה תקותנו”, „אַז דו פאַרסט אַוועק, אויף וועמען לאָזטו אונז איבער”, „אויפן מיטן וועג ליגט אַ בלום”. זי איז אָבער ניט שטאַרק אין דער אידישער שפּראַך. זי איז ניט זיכער אין דעם פאָלקסטימלעכן טאָן. און ווי זי אַליין, אַזוי זיינען אירע צוויי קאָוואַ־לערן שוואַך אויף די דאָזיקע צוויי געביטן. איז קאַבאַלקין, אַלס דאָס קינד פון פאָלק, געוואָרן דער דיריגענט אין בודואַר. עס גייט דורך זעלטן אַ נאַכט, וואָס ער זאָל ניט זיין ביי דער מאַדאַם אַ דריטער צו דער אייביקער פּאָר — צו בערמאַנען און ראַטנערן.

דעם אייגענעם מאָן נעמט נאָך די מאַדאַם לעוויט אַלץ ניט אַריין אין איר אינטימען קרייז. טראָץ דער האַרמאָניע, וואָס הערשט איצט צווישן זיי אין סטיליזירטער אידישקייט: דאָרטן סינאַגאָגאַלע קאָ־לירן; דאָ סינאַגאָגאַלע קלאַנגען. דווקא דער סטיליסטישער שלום צווישן דעם פאָר־פאָלק איז געוואָרן פאַר דעם ווייבערשן טייל פונם הויז אַ נייער קוואַל פון מאַרטירערישער אומצופרידנקייט. גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ קלאָגט זיך אָפט פאַר איר אינטימען קרייז אין קאָ־באַלקינס אַנוועזנהייט:

— ווען איך בין ניט פאַרשקלאָפט ביי לעוויטן, וואָלט איך נאָכ־געלאָפן הערצלען.

איינמאָל אין אַ שנייאיקער, שטורעמדיקער נאַכט איז גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ אַרויסגעטראָטן אין איר בודואַר מיט אַ נייעם אידישן נומער. זי האָט דעקלאַמירט דאָס פאָלקס־ליד: „אַמאָל איז געווען אַ מלך". אויסער דעם שטענדיקן פובליקום (בערמאַן, ראַטנער), איז דאָס מאָל אויך געווען אַ צוהערער דער אייגענער מאָן. האָט זי נאָך קיינ־מאָל אַזוי ניט אויסגענומען מיט אירן אַ סאַלאָן־קאָנצערט, ווי מיט דעם דאָזיקן פאָלקס־ליד. אַז עס איז געקומען צו דער סטראָפע „און די מלכה איז געשטאָרבן", האָט זיך דער משומד צעכליפעט אויפן קול. דער אייגענער מאָן האָט זיך פאַרטיפט אין זיין פאַטריאַרכאַלישער באָרד, און דער דאָקטאָר ראַטנער האָט זיך צעקנייטשט מיט זיין סאַ־טירישן שמייכל, וואָס איז בייביידן געווען אַן אויסדרוק פון גייסטיקער דערהויבנקייט. דאָס ליד איז דעקלאַמירט געוואָרן אויף ביס. דער־נאָך, אַז גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ האָט פאַרענדיקט אויף ביס, איז דאָק־טאָר ראַטנער אַרויפגעפאַלן דעם מאַלער לעוויט אויפן האַלז:

— מאַעסטראָ! — האָט ער אויסגערופן צו לעוויטן — אויב מיר קאָנען שטאָלצירן מיט דער זשעני פון אונזער פאָלק, קאָנסט דו שטאָל־צירן מיט דער גראַציע פון דיין ווייב. „און די מלכה איז גע־שטאָרבן" . . . — זינגט ער איבער אין אַ צעבראָכענעם אידיש מיט פאַרזשמורעטע אויגן.

קאָבאַלקינען דאַכט זיך דעמאָלט, אַז דער דאָזיקער עקסטאַז איז אַזאַ שפּיל. דער משומד אָבער קאָן ניט איינהאַלטן זיין געוויין. אין אים, אין דעם גע׳שמד׳טן אינזשינער, האָט די „פאַרשטאָרבענע מלכה" אַרויסגערופן אַ נאַציאָנאַלע חרטה. ער שטייט־צו מיט אַ פאַר־

שטיקטן אָטעם צו דעם דאָקטאָר ראַטנער. ער בעט זיך ביי אים רחמים, ביי דעם ציוניסט:

— יאָסיף מאַנאַסעוויטש, זיי אויף מיר ניט בייז. נידער אַראָפּ צו מיר דעם אומגליקלעכן, צו מיר, דעם פאַרשאָלטענעם, וואָס איז צו פּראַוואָסלאַוונע ניט צוגעשטאַנען און פון אידן ניט אָפּגעשטאַנען. אַז איך דערהער אַ אידיש ליד, ווער איך אַ צעבראָכענער שאַרבן. ווי דו קוקסט מיך אָן, יאָסיף מאַנאַסעוויטש, וואָלט איך ווי איך שטיי און גיי אַראָפּגעריסן פון זיך די אוניפאָרם און וואָלט באַלד אַנטלאָפן קיין פּאַלעסטינע. נאָר — ניט די יאָרן, ניט די כחות. איך בין שוין ניט קיין אינגעלע . . .

כאַפּט אונטער דאָקטאָר ראַטנער דאָס לעצטע וואָרט פונם אינ־זשינער בערמאַן און פּאַכעט איבער אים, ווי מיט אַ בלאַנקען מעסער:

— טאַקע, ווייל דו ביסט, אַפאַנאַסי ניקאָלאַיעוויטש, שוין ניט קיין אינגעלע, דאַרפסטו וואָס גיכער ווערן אַ איד. דו האָסט געהערט — ווייזט אָן ראַטנער בערמאַנען אויף דער מאַדאַם לעוויט — ווי דאָס פאָלק זינגט: „די מלכה איז געשטאָרבן" . . . איך קאָן דיר זאָגן, בערמאַן, ווי הערצל האָט געזאָגט ראַטשילדן: ביז עס איז נאָך ניט שפּעט, כאַפּ זיך אַריין, באַראָן, אין וואַגאָן.

דערשרעקט זיך אַפּנים דער משומד פאַר דער צודרינגלעכקייט פון דעם אַגרעסיוון ציוניסט. ער שטעלט אַרויס אַן אַנדער תירוץ (אָנ־שטאָט זיינע עלטערע יאָרן) פאַרוואָס ער קאָן נאָך ניט אויסטאָן די אוניפאָרם און אַנטליפן קיין פּאַלעסטינע:

— עס איז אויך שווער — פאַרענטפערט ער זיך — צו צעשיידן זיך מיט רוסלאַנד. זייער שווער. פאָרט אַ פאָטערלאַנד.

שפּאַנט דער דאָקטאָר ראַטנער איבער דעם בודואַר מיט זיינע האַמעטנע טריט און עס פליען פון אים שאַרפע אַפאָריזמען:

— רוסלאַנד איז אונזער פאַ־אָטער־לאַנד . . . — פאַרקרימט ער זיך מיט אַ גרימאַסע. — דאָס איז דאָך פאַר היינער צו שפּאָט. רוס־לאַנד איז פאַר אונז אַ האָטעל, ניט אַ פאָטערלאַנד. אייגער פון די הונדערטער האָטעלן, וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט געהאָט אויף זיין לאַנגן היסטאָרישן וועג. דערצו — ניט פון די בעסטע האָטעלן. אַ האָטעל מיט וואַנצן. אַ האָטעל מיט לייז. אַ האָטעל — אַ שטינ־קאַרניע.

— אַנטשולדיקט, גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ, פאַר מיין נאַטוראַליס־

טישן סטיל. — ווענדט זיך דאָקטאָר ראַטנער צו דער מאַדאַם לעוויט — אַז עס קומט צו אידישקייט, האַלט איך ניט פון דזשענטעלמע־נישקייט.

— מיר, אידן — קערט ער זיך אום צוריק צום משומד — דאַרפן אַנטלויפן וואָס גיכער פון דעם אומציכטיקן האָטעל, וואָס הייסט רוסלאַנד, אין אונזער פּולזוניקער היים, וואָס הייסט — יודייע.

דער אַלטיטשקער משומד, דער אינזשינער בערמאַן, קוקט מיט אַ בליק פון פאַרלוירנקייט. ווי אויף אַ שטרויעלע כאַפּט ער זיך אָן — אויף לשון:

— אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך — פרעגט ער — וועלן מיר רעדן אין אונזער מלוכה? מען קאָן דאָך ניט אויפנעמען אַן אַמבאַסאַדאָר, אָדער מושטירן אַן אַרמיי, אין זשאַרגאָן.

מישט זיך אַריין דער מאַלער לעוויט:

— פאַרוואָס עפּעס זשאַרגאָן? מיר האָבן אונזער שפּראַך. דאָס איז העברעאיש. די שפּראַך פון אונזערע געטלעכע געבאָטן. די שפּראַך פון אונזערע געזאַלבטע מלכים. דער 20טער יאָרהונדערט — רופט ער אויס — וועט זיין דער יאָרהונדערט פון העברעאיש, פּונקט ווי דער 19טער יאָרהונדערט איז געווען דער יאָרהונדערט פון פראַנצויזיש. העברעאיש איז אַריסטאָקראַטיש. העברעאיש איז נביא׳יש. נאָר העברעאיש איז באַרעכטיקט צו זיין די איינציקע וועלט־שפּראַך.

שלאָגט איבער דער דאָקטאָר ראַטנער:

— און אַז זשאַרגאָן איז וואָס? דער זשאַרגאָן — דאָס איז די אידישע נשמה. פרעגט מיך — אַן אַלטן אָקושאָר. ביי מיר איז שוין אין מיין לאַנגער פּראַקטיק אַ מעדיצינישער כלל — דערציילט דאָק־טאָר ראַטנער — אַז אַ דאַמעלע גייט צו קינד און זי קוויטשעט אין רוסיש: „באָזשע מאָי” — איז עס נאָך ניט דאָס. אַז זי הויבט אָבער אָן צו קרעכצן אין זשאַרגאָן: „מיין גאָט” — ווייס איך, אַז עס איז שוין דאָס . . .

דערביי קומט דאָקטאָר ראַטנער אַרויס מיט אַ דעקלאַראַציע:

— אַלץ, וואָס צוימט אָפּ אידן פון גוי׳אים, איז גוט. זאָל זיין אַ העברעאישער צוים. זאָל זיין אַ זשאַרגאָנישער צוים. דערהויפּט: עס זאָל נאָר זיין אַ צוים. שוין צוויי טויזנט יאָר, אַז די גוי׳אים, די

חזירים, פּרעסן־אויף אונזערע פּערל. מיר דאַרפֿן באַוואַכן פֿון די גוי'אישע חזירים די אידישע טאַלאַנטן.

דער גע'שמד'טער אינזשינער באַנוצט זיך מיט דעם דאָקטאָר'ס דעקלאַראַציע (וועגן אידישע טאַלאַנטן און גוי'אישע חזירים) כדי אָפּ־צוציען די גאַנצע אַטאַקע פֿון זיך, ווי אויף אַ משומד, און אַנווענדן זי אויף קאַבאַלקינען, ווי אויף אַ קינסטלער: ער דערלאַנגט אים אַ זילבערנע מטבעה. זאָגט ער אים אָן, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אויב פֿון דיר וועט אַמאָל אַרויסקומען אַ טאַלאַנט, זאָלסטו זיך קיינמאָל ניט אָפּקערן פֿונם אידנטום.

איז פֿון יענער נאַכט אָן געוואָרן ביי דעם משומד אַ געוואוינהייט אַזאַ: יעדעס מאָל, וואָס ער קומט צו די לעוויטס, באַלוינט ער קאַ־באַלקינען מיט אַ נדבה און דערמאָנט אים וועגן אידישקייט. דאָס איז ביי אים געוואָרן, ווי אַ כפּרה פֿאַר זיין שמד.

5

די לעוויטס האָבן זיךביידע וואָס ווייטער אַלץ מער פֿאַרפֿול־קאָמט אין סטיליזירטער אידישקייט. די פֿאַרפֿולקאָמונג זייערע אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער (אויסגערעכנטער) קונסט איז נאָכאַנאַנד געשטיגן אין דעם זעלביקן גראַד, וואָס עס איז געשטיגן די אויס־שפּרייטונג פֿון דער הערצעליאַנישער באַוועגונג. די העכסטע מייס־טערשאַפֿט אָבער אין דער סטיליזירונג פֿון אידישקייט האָט אָט־דאָס פֿאַר־פֿאָלק דערגרייכט אויף דעם געביט פֿון שבת. דעם זיבעטן טאָג (דעם אידישן שבת) אינסצענירן זיי אין טענער און קאָלירן פֿון אַ מעלאַנכאָלישן קאַרניוואַל. שפּילט די מאַדאַם לעוויט די הויפּט־ראָל אין דעם קאַרניוואַל.

זינט עס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דער סטודיאָ און דעם בודואַר (צווישן מאַן און ווייב) דער סטיליסטישער שלום, איז דאָס ביי גרעטאַ אַריסטידאָוונאַן דער צווייטער פּעריאָד פֿון יענער עפּאָכע. פּונקט ווי לעוויט, איז אויך די מאַדאַם ביסלעכווייז אַריבער פֿון סטיליזירטער פֿאָלקסטימלעכקייט צו סטיליזירטער גאָטספֿאַרכטיקייט. גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ האָט אָנגעהויבן פּרייטיק פֿאַרנאַכט צו בענטשן ליכט. פּירט זי זיך ביים ליכט־בענטשן, ווי אַ גראַנד־דאַם. זי שאַפֿט פֿאַר דער אַלטער טראַדיציע אַ ספּעציעלן טואַלעט: בעת די זון

זעצט זיך אַראָפּ אין רויטס, טוט זיך אָן די מאַדאַם אין ווייסן. דעם קאָפּ דעקט זי איין אין שוואַרצן. די ליכט, וואָס זי בענטשט, איז פון חלב. דאָס איז אויך מיט אַ חשבון: דאָס חלב־ליכט געהערט צו פאָלקס־טראַדיציע. אָנצינדן צינדט זי אָן די חלב׳נע ליכט אין אַ זילבערנער מנורה מיט צוועלף רערן. אין יעדער רער — אַ ליכט. איר ווייבערשע מצוה ריכט זי אָפּ אין איר אינטימען בודואַר. דער בודואַר קומט אַרויס צו דער דווינע. באַשטראַלן די פלאַמען פון דער שבתדיקער אילומינאַציע די שנייען פון דעם פאַרפרוירענעם טייך. ווערט דער שבת ראָמאַנטיש. די טראַדיציע באַקומט אַ פּעיזאַזש. אַן אַטמאָספער.

אַז גרעטא אַריסטידאָוונאַ פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דעם ליכט־בענטשן, שפּרייט זי אויס צוויי חלות אויף דעם אַמור־טישל. דאָס איז אַ טישל, וואָס איז באַמאָלט מיט עראָטישע בילדער. אויף די צוויי שבת׳דיקע חלות ליגט זי אויס אין עראָטישע פּאָזעס: אויף די זייטן, ברוסט צו ברוסט. דערנאָך לאָזט זי איבער דעם אונטן, דעם בודואַר, און שלייכט אַרויף אויבן אין סטודיאָ.

אין דער קונסט־סטודיאָ שטעלט זי זיך אַריין אין איר טואַלעט פון ליכט־בענטשן: איינגעהילט אין ווייסן. דעם קאָפּ באַדעקט מיט שוואַרצן. אין סטודיאָ איז בעת־מעשה מעריב־צייט. דאָס האָט דער מאָלער לעוויט איינגעפירט צו באַגעגענען פריייטיק פאַרנאַכט אין סטודיאָ דעם שבת מיט אַ מנין. דער מנין באַשטייט פון אינטעליגענטן מיט דיפּלאָמאַטן: אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אַפּטייקערס, דאַנטיסטן. זיי זיינען אַלע ציוניסטן. פאַרווירקלעכן זיי אין דער סטודיאָ פון לעוויטן דעם לאָזונג פון הערצלען: דאָס קערן זיי זיך אום צו דער נשמה פון פאָלק, איידער זיי ווענדן זיך אומקערן אין דעם לאַנד פון די פאָטערס. צווישן די נאַציאָנאַלע שבת־באַגעגענער געפינט זיך דאָ אויך בערמאַן, דער גע׳שמד׳טער שטאָט־אינזשינער. ער איז דאָ אַזאַ אָפּגעזונדערטער, אַזאַ פאַרוואָרלאָזטער. ער זיצט איינער אַליין ביי דער טיר פון דער סטודיאָ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף אַ וואָל־טערישער שטול: אים באַהעפט מען ניט צום מנין, ווייל ער איז פאַר־רעכנט פאַר אַ גוי. זיצט ער, דער משומד, ווי אַ מומיע. ער וואַרט אויף אַ פאַרגעבונג פון זיין פאַרברעך. קאַבאַלקין איז דער שמש פון סטודיאָ. שטעלט ער אָוועק פריייטיק פאַרנאַכט אַנטקעגן דעם אָרון־קודש אַ שפּאַניש ווענטל. דאָס סימבאָליזירט די ווייבערשע

שול. דאָס איז פּאַר גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ. די איינציקע פרוי איז זי דאָ ביי קבלת־שבת. קוקט זי אַריבערן וועגטל אויף די מאַנסביל מיט איר בליק אין ערגיץ־ניט. לעוויט דאַוונט פאַרן עמוד. ביי זיין רעכ־טער האַנט שטייט דער דאָקטאָר ראַטנער, אַלס דער גבאי. בלויז זיי ביידע דאַוונען אין אַ העברעאישן סידור. די איבעריקע קוקן אַריין אין אַ רוסישער איבערזעצונג. נאָך דעם מעריב אין סטודיאָ באַ־גלייטן אַלע די מאַדאַם אין בודואַר.

איבער דעם אַמור־טישל מאַכט לעוויט קידוש אויף כרמל־ווייַן. נאָך לעוויטס קידוש פאַרלאָזט דעם בודואַר די נאַציאָנאַלע אינטע־ליגענציע, וואָס האָט באַגעגנט דעם שבת אין סטודיאָ. מען געזעגנט זיך מיט דעם וואונטש צו באַגעגענען דעם קומענדיקן שבת אין ירושלים. מיט דער מאַדאַם בלייבט נאָר איבער איר אינטימער קרייז: איר אָפּגעפּרעמדטער מאַן, אירע איבערגעגעבענע פאַרערער. ער, קאַבאַלקין, עסט דאָ די שבת׳דיקע וועטשערע. דאָס גייט דאָ, ביי די לעוויטס, אויך אַריין אין דער סטיליזירטער אידישקייט: אַזוי האָט זיך געפירט פאַרצייטן צווישן אידן. אַ גביר נעמט אַ קבצן אויף שבת צום טיש.

גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ איז געוואָרן אַזוי אָפּגעהיט מיט דער טראַ־דיציע פון שבת, אַז פרייטיק־צו־נאַכט שפּילט זי ניט אויף דער פּיאַנאָ. אין דער דאָזיקער נאַכט מיידט זי אויס איצט אפילו צו דעקלאַמירן אַ ליד. דערפאַר גיט זי אָן דאָ, אין דעם שבת׳דיקן בודואַר, דעם אי־דייאישן טאָן. זי רעדט און אַלע האָרכן. איר הויפּט־טעמע אין דער שבת־אַטמאָספער איז: „מאַן און פרוי״. מיט אַ ספּעציעלן צו־גאָב: „די אידישע פרוי און דאָס אידישע פאָלק״.

— די טראַגעדיע פון דער פרוי — האַלט גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ — איז, וואָס עס פעלט פאַנטאַזיע ביי דעם מאַן. ווי אַ חיה פאַרשטייט ער זיך, דער מאַן, נאָר אויף נעמען, ניט אויף געבן. אַנדערש קאָן ער זיך ניט פאַרשטעלן. דער מאַנספאַרשוין איז, לויט זיין נאַטור, אַ בלוטזויגער.

— און די אומגליקלעכסטע פון אַלע פרויען איז די אידישע. — שטעלט אָן די מאַדאַם דעם לאַרנעט אויף לעוויטן. — די אידישע פרוי האָט דאָך ניט אַפילו אַ מאַנאַסטיר, וואו צו באַהאַלטן זיך מיט איר טראַגעדיע, מיט איר איבערלעבונג פון דעם מאַן, פון דעם וואַמפּיר.

— אפשר — טרוימט גרעטא אַריסטידאָוונאַ — אַז דאָס אידישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן און עס וועט האָבן זיין אייגן לאַנד, וועט אויך די אידישע פרוי אויסגעלייזט ווערן און זי וועט האָבן איר אייגענעם מאַנאַסטיר.

בעת די לעוויטס האָבן זיך אַזוי פאַרפולקאָמט אין סטיליזירטער אידישקייט, האָט דעמאָלט אין קאַבאַלקינען (מסתמא ווי אַ רעאַקציע קעגן די לעוויטס) אויפגעוואַכט זיין פאַדלאָער אידישקייט: יענע בעל־מלאכה׳שע אידישקייט, וואָס האָט אויסגעפורעמט זיין כאַראַקטער נאָך אונטער זיין פאָטערס דערציאונג. די אידישקייט אין פאַדלאָ איז מער אַ פיזיאָלאָגישע, ווי אַ גאָטספאַרכטיקע. דער שבת איז אין פאַדלאָ געגעבן געוואָרן פון הנאה־וועגן, ניט פון גאָטס־וועגן: כדי לענגער שלאָפן, כדי בעסער עסן. אויב ווער עס איז אין פאַדלאָ גיט אַמאָל שבת אַ דאַוון, איז עס בלויז פון יוצא־וועגן: אַ מורמל מיט די ליפּן, אַ שאָקל מיטן קאָפּ און פאַרטיק. אַ תפילה איז דאָרטן אַ לאַסט, וואָס מען וויל וואָס גיכער פון זיך אָראָפּשליידערן. איז ווייל זיין אידישקייט איז געקומען צו קאַבאַלקינען פון פאַדלאָ, פאַרשטייט ער זיך ניט אויף די לעוויטס. ער גלויבט ניט, אַז דער מייסטער זאָל זיין אַ צדיק און די מאַדאַם — אַ צדקניות. די פרומקייט זייערע איז ביי זיי מסתמא אַזאַ שפּיל. פאַרוואָס אָבער האָבן זיי זיך דוקא גענומען צו אַזאַ שפּיל און ניט צו אַן אַנדערער — צו אַ פריילעכער?

קאַבאַלקין דערמאָנט זיך, אַז ביינוש רובינשטיין האָט אויך ליב געהאַט אום שבת צו שפּילן אין אידישקייט: ביינוש רובינשטיין, וואָס איז געווען אַ גביר׳ישער זון. דערביי קומט אים אויפן זינען אַ ווערטל פון מאָטקען: „מען טאָר ניט גלויבן אין די פרומינקע ריידעלעך פון די רייכינקע קינדערלעך”.

דער מייסטער, לעוויט, שטייט־צו דעמאָלט צו קאַבאַלקינען, אַז אויך ער זאָל זיך נעמען צו פרומקייט. ער רעדט אים איין דאָס צו טאָן אין דעם נאָמען פון קונסט:

— אַ גוי׳אישער קינסטלער — דערציילט ער אים — כדי צו מאָלן גוטע בילדער, זופּט אַלקאָהאָל אויף דעם ניכטערן מאָגן פון אינספּיראַציע־וועגן. אַ אידישער קינסטלער, כדי צו שטייגן אין זיין קונסט, דאַרף זיך מאַכן אַ געוואוינהייט יעדן טאָג צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים אין דעם פריען באַגינען פון אינספּיראַציע־וועגן.

נאָר קאַבאַלקינען איז געוואָרן דערווידער די סטודיאָ מיט דער

שמשות און חזנות מיט דעם קיטל און יאַרמעלקע. די אַטמאָספּערע פון דער סטודיאָ שלאָגט ביי אים אָפּ דעם חשק צו מאַלעריי. מאַנקירט ער מיט דער קונסט. ער בענקט נאָך די זייניקע: דאָס לויפט ער אין פּאַדלאָ. דאָס לויפט ער צו מאַטקען. דאָס כאַפּט ער זיך אַריין געוואויר ווערן זלאַטען, וואָס איז אין יענעם ווינטער קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט.

6

אין פרילינג איז געשטאָרבן זלאַטע, קאַבאַלקינס פּאַרזעסענע קוזינע. די איינציקע טאָכטער פון זיין מאַמעס איינציקער שוועסטער, פון דער מומע באַסיען, די אייביקע אַלמנה. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם ערשטן אָנהויב־פרילינג, וואָס נאָך יענעם סוף־האַרבסט, ווען קאַבאַלקין איז אָנגעקומען צו לעוויטן אויף דער לערע פאַר אַ קינסט־לער, פאַר אַ מאַלער.

דער טויט פון זלאַטען איז אויסגעפאַלן אין דער וואָך פאַר פּסח. ביי די לעוויטס, ביי דעם פאַר־פאָלק פון גביר׳ישע קינסטלער־גייסטער, איז דאָס געווען די האָניג־וואָך פון דעם הויז־פרידן, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן זיי אויף דעם געביט פון סטיליזירטער אידיש־קייט, זינט עס איז געפייערט געוואָרן דער מאדאמס לעצטער געבורטס־טאָג. זיי האָבן אין אָט־דער וואָך ביידע גענומען אויף זיך אויסצו־שטאַטן דעם היי־יאָריקן פּסח זייערן אינם טאָן פון אַ טראַגישן פּסח אין דער אידישער געשיכטע. האָבן זיי געזוכט אַ שיינעם מאָדעל פאַר אַזאַ סטיליזירטן פּסח. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מאַראַ־נישן סטיל, ווי אויף דעם שענסטן מאָדעל. דעריבער האָבן זיי באַ־שלאָסן אָפּצוריכטן די פּסח׳דיקע סדרים אין דעם גרויסן קעלער פון זייער צוויי־שטאָקיגן מויער. אַ סדר אין אַ קעלער: דאָס איז דער ריכטיקער טאָן. דאָס האַרמאָנירט מיט דעם סטיל פון אַ מאַראַנער. דאָס רעסטאַווּרירט דאָס אידנטום, בעת דער אינקוויזיציע. איז וואָס קאָן נאָך זיין שענער, דערהויבענער? די אינקוויזיציע אין וויטבאָניע.

די לעוויטס האָבן באַצייטנס שוין איינגעלאַדן צו זיך די ציוניס־טישע אינטעליגענציע פון שטאָט אויף די מאַראַנישע נעכט פון פּסח. איז דאָס פּאָר פאָלק אין יענער וואָך שטענדיק געווען אינאיינעם. פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט טרעטן זיי ניט אַרויס זאַלבענאַנד פון קעלער, טראָץ דעם, וואָס אין קעלער איז היבשלעך קאַלט. דער ווינטער האָט

נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט. און די לעוויטס זײַנען בײדע זײער ציטעריקע.

דאָס האָבן זײ, גרעטא אַריסטידאָוונאַ און דער מאָלער לעוויט, סטיליזירט אין דעם קעלער פון זײער מויער דעם פּסח פון אַ מאַראַ־נער: דער מײסטער האָט דאָ באַצירט די װענט מיט בילדער. די מאַדאַם האָט דאָ סאָרטירט דעם סערוויז פון זילבער. די בילדער זײַנען געווען אויף טעמעס פון הגדה. דאָס זילבער איז געווען ירושות פון משפּחה. אויך קאַבאַלקין האָט זיך באַטײליקט אין דער דאָזיקער סטיליזירונג פון אַ מאַראַנישער אַטמאָספער. האָט אים אָפּגעריסן פון אַט־דער היסטאָרישער קונסט דער קוזינעס לויה.

* * *

געשטאָרבן איז זלאַטע פון שווינדזוכט. נאָך אינם פאַריגן האַרבסט האָט זי אָנגעהויבן צו שפּײַען מיט בלוט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַ שטיקל צײַט ניט אונטערגעגעבן דער קרענק. ביז אַרום חנוכה האָט זי נאָך אָנגעהאַלטן די שנײַדערײַ. דערנאָך איז זי אַרײַנגעפאַלן אין בעט. איז זי שוין ניט אויפגעשטאַנען פונם קראַנקן־בעט ביזן לעצטן אָטעם.

די גאַנצע צײַט, וואָס זלאַטע האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, האָט די מאַמע און מאָטקע געטראָגן אויף זיך איר גסיסה, ווי אַ פאַר־וואורף פאַר אַ פאַרברעך. בעת זײ זײַנען אַרויפגעקומען אין זײַערע רײד אויף זלאַטען, האָבן זײ ניט געקוקט אײנער דעם אַנדערן אין די אויגן. אין אַזאַ פאַל האָט זיך פון דעם האַרציקן מאָטקען אָפּגעטאָן זײַן ליכטיקער שמייכל. און פון דער קלײניטשקער מאַמען — איר לאַכנדיקע מינע. זײ האָבן זיך בײדע אָפּנים געפילט שולדיק פאַר זלאַטען. ווי מיט זײער ליבע וואָלטן זײ דאָס דערפירט זלאַטען צו שווינדזוכט.

— דו האָסט איר באַדאַרפט שיקן עפּעס אַ נאַשערײַ! — זאָגט מאָטקע צו דער מאַמען, און ער לאָזט אַראָפּ זײַן שווערן קאָפּ.

— הלואי וואָלט זי נאָר גענומען עפּעס פון מײַן האַנט! — ענטפערט די מאַמע מאָטקען, און זי קערט אָפּ איר קינדיש פּנימל.

דאָס מײנען זײ, מאָטקע און די מאַמע, זלאַטען. נאָר זײ רעדן וועגן איר פאַרשטעלטערהײט. זײ האָבן מורא אַרויסצוברענגען איר נאָמען פון זײערע ליפּן. דעריבער מסתמא האָבן זײ זיך אָפּגעהאַלטן די גאַנצע צײַט פון געוואויר ווערן זלאַטען.

קאַבאַלקין איז געווען אין דער פאַמיליע דער איינציקער, וואָס האָט באַזוכט אָפט די קוזינע. נאָך אָפּטער איז געוואָרן זיין קאָנטאַקט מיט דער קראַנקער זלאַטען, זינט עס איז אים געוואָרן דערווידער די אָנגעצויגנקייט אין לעוויטס הויז, דער ביי־געשמאַק פון דער סטיליזירטער אידישקייט. פילט אים אָן יעדער באַזוך אַזאַ מיט צער, מיט ווייטיק צו זיין פאַרזעסענער קוזינע.

מערסטנס באַזוכט ער זי בייטאָג. ווי נאָר די זון פאַרגייט, דאַרף ער שוין שטיין אויף זיין פּאָסטן אין דעם בודואַר פון גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ: אויף דעם פּאָסטן פון אַן עקספּערט אויף פאַלקסטימלעכקייט. אויף אירע קאָנצערטן פון אידישע לידער. איז בייטאָג זלאַטע איינינקע אַליין אין געוועלב. דאָס איז די צייט, וואָס די מומע איז אויפן מאַרק. זי האַנדלט דאָרטן מיט אונטערגעפוילטע פרוכט. זי דאַרף אויסהאַלטן, די אַלטע אַלמנה, די שווינדזיכטיקע טאָכטער. די ניי־מאַשין איז איצט פאַרדעקט מיט אַ טישטוך, זינט זלאַטע האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. פאַרגרעסערט דאָס נאָך מער די איינזאַמקייט, די פאַרוואָרלאָזטקייט אין געוועלב. זלאַטע איז אין בעט באַלייגט מיט שמאַטעס. ווינטער. עס איז קאַלט. האָלץ איז דווקא פאַראַן. מאַטקע שיקט אַריין בשתיקה שטיקלעך געהילץ פון וואַרשטאַט. נאָר עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איינהייצן. זלאַטע קאָן זיך ניט אויפהויבן פון בעט. און די מומע איז פאַרנומען אויפן מאַרק. עס איז טונקל אין געוועלב. פון דעם באַרג שמאַטעס איבער דער 40־יאָריקער זלאַטען זעט זיך בלויז אַרויס איר לאַנג געלב פּנים, וואָס האָט באַקומען אַ בלויען קאָליר. די דאַזיקע בלויקייט פון זלאַטען איז די איינציקע שיין אין געוועלב.

קאַבאַלקינען גייט אויס דאָס חיות פון רחמנות. עס ווילט זיך אים זיין צאַרט צו זלאַטען. טאָן פאַר איר עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר פון דעם ווערן גוט. זעצט ער זיך אַוועק ביי איר צופוסן אין בעט. לאָזט זי אַרויס אַ כליפּ מיט אַ כריפּ:

— וועלוועלע! קריך אַרויס פון בעט: דו קאָנסט זיך נאָך פון מיר אָנשטעקן. קריך בעסער אַרויף אויף דער מאַשין, וועל איך דיך בעסער קאָנען אָנקוקן. וועט מיר זיין פרייליכער. אָפּגעלעבט...

— פאַרהוסט זי זיך — פערציק יאָר אָן איין שמחה.

עס טוט קאַבאַלקינען אויך זייער ווי, וואָס זלאַטע איז אַזוי פאַרביטערט אויף זיין מאַמען. ביזן סוף פון איר לעבן האָט זי ניט

פאַרגעבן דער מאַמען פאַר מאָטקען: דאָס איז געווען אין דעם טאָג פון זלאַטעס לעצטער נאַכט. קאָבאַלקין האָט דעמאָלט געבראַכט דער קוזינע אַ מתּנה פון מאָטקען: אַן אַפּעלסין. האָט זלאַטע מיט צאָרן ניט אָנגענומען די דאָזיקע מתּנה פון מאָטקען. פון איר צונויפגע־פרעסטן מויל האָט אַ שטראָם געטאָן מיט פאַרבלוטיקטן שוים. דער־נאָך האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— זאָל ער (מיט דעם „ער" האָט זי געמיינט מאָטקען) באַהאַלטן דעם אַפּעלסין פאַר דיין מאַמען אויף נאָך מיין לויה.

זלאַטעס לויה איז געווען זייער אַ קליינע. טראָץ דעם, וואָס דער אָנהויב פרילינגדיקער טאָג איז געווען זייער אַ שיינער. איינזאַם איז זלאַטע געווען ביים לעבן. איינזאַם איז זי פאַרבליבן נאָכן טויט. בלויז פיר מענטשן האָבן זי באַגלייט צום קבר: די מומע די אַלמנה, די מאַמע די עגונה, מאָטקע און ער, קאָבאַלקין. דאָס איז געווען די גאַנצע משפּחה. ניט געווען וועך עס זאָל זי טראָגן אויפן אַקסל, האָט מען זי געפירט אויף אַ פורל. און ווי קליין די לויה איז געווען, אַזוי שטיל איז זי געווען. דאָס פערדל, וואָס האָט געפירט זלאַטען אין איר רו, האָט זיך ניט געאײַלט. און די מומע האָט שוין מער ניט געוויינט. אירע טרערן האָבן זיך אויסגעטריקנט. אירע כּחות האָבן זיך אויסגענומען.

אויפן בית־עלמין האָט אָפּגעוואַרט די לויה אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט זיך דערמאָנט אָן זלאַטען. דאָס איז געווען חיים־מאַניע: דער קינדערלאָזער אַלמן, דער עלטערער טעפּער, וואָס האָט געזאָלט זיין זלאַטעס באַשערטער, נאָר ער האָט געבראָכן די תּנאים, ווייל זלאַטע האָט ניט געקאָנט צושטעלן דעם נדן — די שיפס־קאַרטע אין אַמעריקע. חיים־מאַניע איז געוואָרן נאָך קירצער (איינגעבויגענער), נאָך דיקער, נאָך עלטער. ער האָט אָפּגעוואַרט די טויטע כּלה, מיט אַזאַ תּנועה, ווי ער וואָלט פאַזירט פאַר לעוויטן אַ היסטאָרישן איד. ער איז געווען אַן אויסגעצוואַגטער און אַן אָנגעכמורעטער.

אַז די מומע באַסיע האָט דערזען חיים־מאַניען (דעם זקן, וואָס האָט געזאָלט זיין איר איידעם), איז זי צוגעפאַלן מיט אַ יאָמער צו איר טויטער בת־יחידה:

— טאָכטער! דו זאָלסט ניט פאַרשווייגן דעם בלוטצאַפּער דיין בלוט־יוגנט.

נאָר חיים־מאַניע האָט זיך געהאַלטן רויִק, זאַכלעך. ער איז

געקומען פֿאַנאַנדערדערכענען זיך מיט זיין כלה, ניט אויס׳טענה׳ן זיך מיט דער מחותנת׳טע; אַז מען האָט זלאַטען אַראָפּגעלאָזן אין קבר, האָט ער ביי איר אָן אַ טרער געבעטן מחילה; אַז מען האָט זי באַשאָטן מיט ערד, האָט ער נאָך איר מיט אַ ניגון געזאָגט קדיש.

7

אין יענעם פרילינג, וואָס זלאַטע איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, איז בינקין געשטאָרבן פון האָרץ־שלאָג.

פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס קאַבאַלקין האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען זאַכן, האָט ער אויף איין סעקונדע ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן בינקינען. פאַר אים האָט ניט עקזיסטירט נאָך איינער אַזאַ ווי בינקין. ער איז פאַר אים געווען אַן אומפאַרגלייכלעכער, אַ לעגענדאַרישער.

יעדע זאַך, וואָס האָט זיך מיט אים אָנגעקערט, מיט בינקינען פערזענלעך, איז אויף אים געלעגן, ווי אַ לאַסט. אפילו פאַדלאַ איז פאַר אים געווען אַ לוקסוס.

בינקין איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזינדיקטער. זיין ניט־דאָ׳איקער שמייכל האָט זיך שטענדיק געראַנגלט מיט אַ פאַרשולדיק־טער מינע. אַזאַ איז ער געווען אין פאַדלאָ אויפן מאַרק, בעת ער האָט זיך דורכגערעדט אין זיין פאַר׳גוי׳אישטן אידיש מיט די בעלי־מלאכות — מיט אַ גאַרבער, מיט אַ שניידער, מיט אַ שוסטער. אַזאַ איז ער געווען ביי רובינשטיינען אין קעלער, בעת ער האָט זיך אויס־גע׳טענה׳ט אין זיין פאַלקסטימלעכן רוסיש מיט די טאָלסטאָיאַנער — מיט סטאַנקעוויטשן, כאַיוטינען און רובינשטיינען.

בינקין האָט זיך אָפּנים געפילט שולדיק מיט דעם, וואָס ער איז בעסער, וואָס ער איז פיינער פון אַנדערע. ער איז געווען אויסגע־האַלטענער, ווי די איבעריקע אינם טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט, מיט זיינע אידייאישע פרינציפּן. ער איז געווען איינגעהאַלטענער, ווי אַלע מענטשן אין פאַדלאַ, אין זיינע ערדישע באַגערן. (טראַץ דעם, וואָס ער האָט געשטאַמט פון אַ גביר׳ישער משפחה און ער האָט גע־זאָלט זיין דער יורש פון זיין רייכן פאָטער). אים איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אומאַנגענעם, וואָס ער איז אַזוי דערהויבן מאָראַליש און דעריבער — אָפּגעזונדערט אין אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם. גע־וואָלט האָט ער זייער זיין ווי אַלע.

פונקט ווי קאַבאַלקין, האָט אויך מאָטקע אָנגעהויבן מיט דער צייט צו באַוואונדערן בינקינען. טראָץ זיין כלל „ניט צו פאַרלאָזן זיך אויף די פרומינקע גיינגעלעך פון די רייכינקע קינדערלעך". מאָטקע האָט געשאַפן וועגן בינקינען אַזאַ אַפּאָריזם:

— עך, ווען יעדער מענטש וואָלט געווען אַ בינקין. די גאַנצע וועלט וואָלט דעמאָלט געווען אַ ליאַלקע.

געשטאָרבן איז בינקין אין וואַסערע זיבן וואָכן אַרום נאָך זלאַטען. זלאַטע איז געשטאָרבן אַ וואָך פאַר פּסח. בינקין איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג שבועות.

באַלד נאָך דעם טויט פון זלאַטען האָט דער טאַטע פון אַמעריקע אַריינגעשיקט דער מאַמען אַ גט. אויף שבועות האָט זיך מאָטקע באַזעצט מיט דער מאַמען אין אַ דירה. ערב יום־טוב האָבן זיי פאַרלאָזן זייער איינגעזעסענעם געוועלב. זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן אין אַ ריכטיקע דירה: אין אַ דירה מיט אַ פענצטער אין וואַנט, מיט אַ פּאַדלאָגע פון האָלץ, מיט אַן אַלקער פאַר אַ פאַר־פאַלק.

אין דעם ערשטן טאָג שבועות האָט די מאַמע אויסגעפּוצט די נייע דירה מיט פרישן גרינס. זיי האָבן געגעסן אַ יום־טובֿדיקן מאָלצייט: די מאַמע מיט אירע דריי קינדער און מיט איר נייעם מאַן. פיש מיט כריין און אַ קוגל מיט צוקער. מאָטקע איז געזעסןביים יום־טובֿדיקן מאָלצייט אין אַ רויטער בלוזע. דאָס איז געווען זיין פאַראַדנער הילוך: זיין רעוואָלוציאָנערע אוניפאָרם. (אין אַ פרייען טאָג איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטער בלוזע). מאָטקע האָט ביי דעם יום־טובֿדיקן מאָלצייט געזונגען אַ ניי ליד. גאַנץ פּאָדלאָ האָט דעמאָלט איבערגענומען פון מאָטקען זיין ניי ליד: אין אַלע גאַרבאַרניעס, אין אַלע שוסטאַרניעס האָט געקלונגען:

„און דו אַקערסט און דיי זייסט,
און די פיטערסט און דו נייסט,
נאָר אַלץ פאַר יענעם, ניט פאַר דיר".

די מאַמע האָט מיטגעזונגען מיט מאָטקען און עס איז איר געווען פריילעך. אויך די צוויי שוועסטער האָבן מיטגעזונגען אין כאָר און עס איז זיי געווען גוט. בלויז קאַבאַלקין האָט ניט מיטגעזונגען מיט דער פאַמיליע און עס איז אים געווען אומעטיק. עס האָט אים פאַרדראָסן אויפן טאַטן: אויפן טאַטן איז עס געזאָגט געוואָרן: „אַלץ

פֿאַר יענעם, ניט פֿאַר אים". איינער אַליין איז ער דאָרטן אין אַמעריקע.

נאָכן מאַלצייט זיינען זיי זאַלבעפֿינפֿט (די גאַנצע משפּחה) אַוועק צו בינקינען. דאָס זיינען זיי אים געגאַנגען געוואויר ווערן. בינקין איז געלעגן קראַנק. ער האָט געהאַט אין דער פֿאַריקער שבֿועות־נאַכט אַ צווייטע האַרץ־אַטאַקע. קאַבאַלקין איז געווען זייער צופֿרידן צו באַזוכן בינקינען. אין אַט־דעם מאָמענט האָט אים בינקין פֿאַרביטן דעם טאַטן. זיין ליבשאַפֿט צו בינקינען נאָך פֿון זיין פֿריער קינדהייט איז איצט געוואָרן נאָך גרעסער. ער האָט אפֿילו בעת־מעשה, ניט פֿאַרגונען מאַטקען, וואָס ער האָט אויך די זכיה צו באַזוכן בינקינען.

בינקין איז געלעגן אויף זיין בעטל פֿון אַ סאָלדאַט. אין צימער איז געווען טונקל, ווי אין אַ קעלער. בלויז דורך אַ שפּאַלט אין סטעליע האָט אַריינגעשיינט אַ שטראַל פֿון זון. דער זון־שטראַל האָט געפֿלאַטערט איבער בינקינס באַוואַקסן טויט־בלייך פּנים. ביים צוקאָפּנס האָט געטשאַדעט אַ לעמפּל. עס האָט, קאַנטיק, בינקינען געפֿעלט כּח אויסצושטרעקן אַ האַנט און איינצולעשן דאָס לעמפּל. ער איז געווען זייער שוואַך. די ליפּן פֿאַרשמאַכט. די אויגן פֿאַרמאַכט. מיט אַן אָפּשטעל ביי יעדן וואָרט, האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט ווי פֿון שלאָף:

— גוט אַזוי... ליבינקע... וואָס איר זענט געקומען... אַדאַנק, האַרציקע... פֿאַר דעם... קליינוואַרג... אַלע אינאיינעם... אויף איין מאָל... זאַלבעפֿינפֿט... די מאַמע מיט די קינדער... די נשמה גייט אויס... נאָך.. אַ פֿאַמיליע... אין דעם ים פֿון דער מענטשהייט... ווי אַ שטראָם נאָך אַ שטראָם... אַ דור נאָך אַ דור... עס ווערט קיינמאָל ניט פּוסט... פֿאַר דער מענטשהייט די פֿאַמיליע... פּונקט ווי פֿאַר דער וועלט די זון... ליכט... לעבן...

נאָך די דאָזיקע קוים־אויסגעשטאַמלטע, כּמעט אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער האָט בינקין אַ קורצע ווילע געשוויגן. עס איז געווען קאַנטיק אין זיין שוויגן, אַז דאָס מאָביליזירט ער זיין לעצט ביסל כּח. אַז ער האָט צונויפֿגענומען די אָפּגעשוואַכטע כּחות, האָט ער אויפֿגעעפֿנט די פֿאַרטרערנטע אויגן. מיט אַ קלאָרער שטים (אין זיין געוויינלעכן, פֿאַרשולדיקטן, ווייַנענדיקן טאָן) האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן. ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם, פֿון וואָס ער האָט אָנגעהויבן, ווי אין שלאָף:

— אַ גרויסע זאַך — זאָגט ער — אַ פֿאַמיליע פֿאַר דעם מענטשן.

דער ריכטיקער מענטש איז יענער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, כדי איבערצולאָזן זיין סליאַד, כדי איבערצוגעבן זיין דערפאַ־רונג. די בענקשאַפט נאָך אַ קינד איז אין דער נאַטור פונם מענטשן: אין אַלע צייטן האָט דער מענטש געבעטן ניט צו פאַרשניטן ווערן איינזאַם.

— איך אָבער . . . — רעדט בינקין וועגן זיך — איך האָב זיך פאַרשפּילט מיט טאָלסטאָיען, האָב איך דורכגעלאָזט דאָס לעבן.

אויף דעם געבעט פון בינקינען זעצט זיך אויס דאָס יונגוואַרג מיט אים אין בעט — ער, דער פופצן־יאָריקער קאַבאַלקין און זיינע צוויי קלענערע שוועסטער. שמייכלט בינקין צום קליינוואַרג און ער רעדט צו מאָטקען:

— שוין לאַנג, מאָטקע, געוואָלט דיר דאָס זאָגן. דו ביסט אַ מענטשלעכער טיפּ פון דעם ריכטיקן סאָרט. אַזוינע, ווי דו, דאַרף די וועלט. דו דאַרפסט זיך פון מיר ניט באַהאַלטן. איך ווייס וואָס דו טראַכסט. איך ווייס וואוהין דו גייסט. וואָלט איך איצט פאַרבליבן צווישן די לעבעדיקע, וואָלט איך מסתמא נאָכגעגאַנגען נאָך דיר. מיט דעם שפּיל אין הייליקייט וועט מען ניט אויסראָמען פון דער וועלט די אומריינקייט. צוליב וואָס דאַרף אַ מענטש זיין אַ הייליקער, אַז ער קאָן זיין אַ מענטש? . . . הייליקייט איז אַמאָל אפילו אַ שטער צו מענטשלעכקייט.

קאַבאַלקין האָרכט און גאַפט. ער שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דעם, וואָס בינקין רעדט וועגן זיין נאָענטן טויט. דאָס גלויבט זיך אים ניט. ער גאַפט פון עפּעס אַנדערש: ווער איז דאָס אַזוינס מאָטקע, וואָס די וועלט נויטיקט זיך אין אים און בינקין בויגט זיך פאַר אים? וואָסערע סודות ווייסט מאָטקע און אין וואָסערע וועגן פירט ער? וואָס מיינט בינקין מיט דעם אַלעם וועגן מאָטקען?

נאָר ער שווייגט, קאַבאַלקין. ער מישט זיך נאָך דעמאָלט ניט אַריין אין דעם, וואָס ער הערט און זעט.

טרעפט בינקין, וואָס קאַבאַלקין טראַכט: ער פאַרענטפערט אים אויף וואָס ער וואונדערט זיך:

— און דו, וועלוול — ווענדט זיך בינקין אויף זיין טויטן־בעט צו קאַבאַלקינען — היט זיך פון דיינע לעוויטס. פוןביידן: פונם מאַן און פונם ווייב. הער זיך צו וואָס ווייניקער צו זייערע חכמות, לערן

זיך אָפּ וואָס ווייניקער פון זייערע אָנשטעלן. דאָס זיינען פּוסט־און־פּאַסניקעס, וואָס ווילן זיך אויסלעבן מיט שפּילצייג. היינט קניען זיי זיך פאַר איקאָנעס. מאָרגן שאָקלען זיי זיך אין טליתים. מייד זיי אויס, וועלוול! זיי וועלן דיך צו גוטס ניט דערפירן . . . — צו מאַטקען — זאָגט ער אים אָן — זאָלסטו זיך צוהערן. מיט מאַטקען זאָלסטו אַרומגיין.

דערשרעקט זיך אַפּנים אויך די מאַמע פון דעם טאָן, ווי בינקין רעדט וועגן מאַטקען: זי רופט אויס היסטעריש:

— איך וועל לויפן נאָך אַ דאָקטאָר.

פאַלט ווידער בינקינס שטים: ער שעפּטשעט:

— וואָס וועט דאָ העלפן, שוועסטער, אַ דאָקטאָר? עס איז פאַרפאַלן: דאָס וואָס די קאַטאַרגע האָט אַרויסגענומען, וועט די מעדיצין ניט אַריינשטעלן. עס איז געקומען דער סוף. מען דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין, אין דעם וויט־וויטן וועג.

— איך וועל דאַרטן, אויף יענער וועלט, חתונה האָבן מיט זלאַטען.

— ווערטלט זיך בינקין אין אַנגסט — מיר זיינען ביידע געווען אַ גלייכע פּאָר אויף דער וועלט: צוויי אויסגעטריקנטע צווייגן, וואָס וועלן קיינעם ניט אויספּעלן... אָרעמע זלאַטע, אָרעמער אַבראַם—רופט ער אָן, בינקין, זיך אַליין ביי זיין ערשטן נאָמען. — ניט מיר האָבן געהאַט וואָס איבערצולאָזן. ניט מיר האָבן געהאַט ווענען איבערצוגעבן.

די מאַמע ברעכט־אויס מיט אַ געוויין. שטילט מאַטקע זי איין אויפן וואונק. ער שאַנעוועט בינקינען. באַמערקט דאָס בינקין. מאַניעט ער צו זיך מאַטקען. קוים וואָס בינקין באַוועגט מיט די ליפּן. ער בעט זיך ביי מאַטקען. ער שטעלט זיך איין פאַר דער מאַמען:

— לאָז, ברודער, פּערלען אויסוויינען זיך. זאָל זי באַוויינען אומפּרוכטבאַרע לעבנס, זאָל זי באַוויינען אומדערפילטע פאַרלאַנגען. שטער ניט, ברודער, אַזאַ געוויין. דאָס איז גוט. דאָס איז רעכט. אַזוינע טרערן ווערן ניט פאַרפאַלן. זיי ווערן ערגעץ־וואו פאַררעכנט. פון אַזוינע טרערן, אַז זיי זאַמלען זיך אָן אין גרויסע מאַסן, קומען דאָס אַרויס יענע מבול׳ס, וואָס שווענקען פון דער ערד אַל־דאָס־בייז. ווער־ווער, נאָר דו, מאַטקע, באַדאַרפסט עס וויסן . . .

און בינקין איז אויסגעגאַנגען ביי די דאָזיקע לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט אַריינגעשעפּטשעט אין מאַטקעס אויער, ווי אַ צוואָה.

נײַנטער קאַפּיטל

1

די לעוויטס האָבן זיך אַרויסגעצויגען אויפֿן זומער אין סאָסאַניק. דאָס איז געווען באַלד נאָך שבֿועות. נאָך יענעם שבֿועות, וואָס קאַבאַלקינס מאַמע האָט חתונה געהאַט מיט מאָטקען און דער טאָלסטאָיאַנער בינקין איז געשטאָרבן פֿון האַרצשלאַג. אין דער דאָזיקער וואָך איז קאַבאַלקין אַלט געוואָרן פֿולע זעכצן יאָר. דאָס איז געווען אינם יאָר נײַנצן הונדערט.

מיט דעם נאָמען סאָסאַניק האָט זיך גערופֿן אַ וואַלד הינטערן שטאָט, אויף אַ באַרג. דער וואַלד סאָסאַניק איז באַשטאַנען פֿון דינע, הויכע בעריאָזעס. דער דאָזיקער וואַלד איז געווען דאָס אייגנטום פֿון דעם מאַלער לעוויט און פֿון הערטשע ברונים. (דאָס איז דער זעלביקער הערטשע ברונים, צו וועמען קאַבאַלקינס טאַטע, ליישקע דער לאָטוטניק, האָט זיך פֿאַרדונגען פֿאַר אַ „מענטש" אין שוסטאַרניע, זינט ער האָט אויפֿגעגעבן דעם אייגענעם וואַרשטאַט אין פּאַדלאַ, ביז ער איז אָפּגעפֿאָרן אין דער ווײַטער וועלט — אין אַמעריקע). אין דעם סאָסאַניק־וואַלד צווישן די ווײַסע בוימער זײַנען עס געשטאַנען זייערע ביידנס זומער־הײַזער — לעוויטס און ברונימס.

פֿאַרמעל איז דער וואַלד און די צוויי הײַזער געווען פֿאַרשריבן אויף דעם נאָמען פֿון בערמאַן דעם משומד, דעם שטאָט־אינזשינער. אויף אָט־דעם משומד׳ס נאָמען זײַנען אין יענער צײַט געווען פֿאַרשריבן פֿיל אַזוינע אומבאַוועגלעכע, אויסער־שטאָטישע גיטער פֿון אידישע גבֿירים אויך פֿון אַנדערע שטעט. די חתימה פֿון דעם משומד איז דאָס געווען אַ טריק פֿאַר דעם נאָטאַריוס. אין יענער צײַט האָט אַ איד אין רוסלאַנד ניט געטאָרט האָבן אַ נחלה אויסער דער שטאָט, אויב אַפֿילו די געגנט האָט געהערט צו דער געטאָ. אַזוי איז געווען דער געזעץ פֿון דער מדינה אין דער רוסישער אימפּעריע. דעריבער נאָך דעם צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַז דער משומד בערמאַן האָט זיך, אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון דעם דאָקטאָר ראַטנער, אַ קער געטאָן צוריק צו אידישקייט, האָבן זיך די אידישע גבֿירים באַנוצט מיט דער דאָזיקער געלעגנהייט (מיט בערמאַנ׳ס חרטה אויף זײַן שמד) און אָנגעהויבן אײַנקויפֿן פֿאַר זיך אויף זײַן משומד׳ישן נאָמען אויסער־שטאָטישע, אומבאַוועגלעכע גיטער. זײַנען צווישן די דאָזיקע אידישע

גבירים, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט בערמאַנ׳ס שמד־חרטה (כדי צו ווערן פעסטע גוט־באַזיצער), אויך געווען אַזוינע צוויי קעגנזעצלעכע גבירישע טיפּן, ווי לעוויט דער קינסטלער, דער מאָלער, און ברונים, דער פאַבריקאַנט, דער ליוועראַנט. זיי האָבן זיך ביידע צונויפגעפּאָרט אין איין וואַלד: ביי לעוויטן האָט דאָס אויסגענומען דער קאָליר פון דער לאַנדשאַפט; ברונים האָט דאָס אָפּגענומען פאַר אַ חוב ביי אַ פּריץ.

בערמאַן איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ נאַציאָנאַלן עקסטאַז, אַז ער האָט אונטערגעטראָגן יעדן אידן מיט דער פולער האַנט זיין נאָמען פאַר אַ נחלה. ער האָט געהאַלטן אַזאַ משומד׳ישע טובה פאַר זיין אידישער פליכט. דערהויפּט אָפּנים האָט ער געהאַלטן פאַר זיין אידי־שער פליכט צו טאָן אַזאַ טובה לעוויטן, דעם קינסטלער פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, און גרעטא אַריסטידאָוונאַ (דער מאַדאַם לעוויט), וואָס האָט אים, דעם אַלטן משומד, געמאַכט פאַר אַן אייגענעם מענטשן אין איר נאַציאָנאַלן בודואַר, אין איר סינאַגאָגאַלן סאַלאָן. ער האָט גע־קוקט, דער משומד, אויפן סאָסאָניק, ווי אַ בודיסט אויפן טעמפּל. נאָך פאַר פּסח האָט ער שוין געהאָלפן טרוימען דעם פאַר־פאַלק (לעוויטן און דער מאַדאַם) מיט אַזאַ ציטער אין שטים:

— דער פרילינג קומט. דער סאָסאָניק וואַרט . . .

די לעוויטס האָבן אויך קאַבאַלקינען מיטגענומען אויפן זומער אין סאָסאָניק. נאָר ער איז זיי נאָכגעגאַנגען אָן חשק. עס איז אים נמאס געוואָרן צו זיין מיט די לעוויטס.

אויף קאַבאַלקינס גורל איז אויסגעפאַלן אָפּצוגעבן זיין קינדהייט פאַר דעם שפּיל אין סטיל פון אויפגעבלאָזענע, אַנטוישטע אינטעלעק־טואַלן, אָן אונטערשייד פון ריכטונגען און אפילו פון פעלקער. אַזוי איז דאָס ביי אים געווען מיט דעם פּוילישן פּאַטריאָט סטאַנקעוויטש. אַזוי איז דאָס ביי אים געווען מיט דעם רוסישן פאָלקסטימלער רובינ־שטיין. אַזוי איז דאָס ביי אים געווען מיט דעם טאָלסטאָיאַנישן ציוניסט כאַיוטין. אַזוי איז דאָס אויך ביי אים געווען מיט דעם סינאַ־גאָגאַלן קינסטלער לעוויט. יעדער פון זיי האָט געשפּילט סטיל אויף דעם חשבון פון ליישקע דעם לאַטוטניקס בן־יחיד.

דער אַלזייטיקסטער סטיליזאַטאָר פון די דאָזיקע אַנטוישטע אינ־טעלעקטואַלן איז געווען לעוויט. ער האָט זיך ניט באַנוגנט אין זיין שפּיל בלויז מיט דעם סטיל פון אַ בית־מדרש־איד. ער האָט אויך

געשפּילט אין סטיל פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע: אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט יעדער גרויסער מייסטער געהאַט ביי זיך אויף דער לערע יונגוואַרג. האָט זיך לעוויט אָנגעכאַפּט אָן קאַבאַלקינען דעם פּאַדאָלער יאַט, כדי זיך אַריינצואוועבן דורך אים אין יענער איטאַליענישער טראַדיציע. לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי האָט געהאַט יונגע תלמידים. דאַרף יעקב־אפרים לעוויט אויך האָבן אַ יונגן תלמיד. ער איז מער אויסן געווען אַצוהאַלטן אין זיין סטודיאָ דעם רענעסאַנס־סטיל, ווי אויסצו־לערנען קאַבאַלקינען די קונסט־מאַלעריי. לעוויט האָט אויסגענוצט קאַבאַלקינען פאַר זיין שפּיל, ווייל ער איז געווען אין שטאַט דער איינ־ציקער יאַט, וואָס האָט געקאָנט האַלטן אַ פּינזל. וואָלט געווען אַן אַנדער יאַט אַזאַ, וואָלט לעוויט אויף יענעם דורכגעפירט זיין שפּיל אין סטיל פון אַ קונסט־מייסטער אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע.

אין יענער צייט האָט קאַבאַלקין נאָך ניט געהאַט דעם ריכטיקן אויסדרוק פאַר דער דאָזיקער באַנעמונג פון לעוויטן צו אים. דערזען און פאַרשטאַנען האָט ער עס אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט פאַר לעוויטס אָנשטעלן געקראָגן די פּאַסיקע טערמינען. דערפילט אָבער האָט ער שוין דעמאָלט, אַז ער איז פאַר די לעוויטס בלויז אַ צוגאָב צו זייער רענאָמע. ער האָט עס דערפילט פון דעם, וואָס ער האָט שטענדיק באַדאַרפט באַגלייטן דעם מייסטער אין גאַס, אַרויס־העלפן דער מאַדאַם אין גאַס. ער איז געווען אַ צווייענדיקער שקלאַף: אין סטודיאָ און אין בודואַר.

שאַרפער ווי פריער איז דאָס קאַבאַלקינען געוואָרן דערווידער, אָט־די שקלאַפישע ראָל, נאָך בינקינס טויט. נאָכאַנאַנד האָט אים געקלונגען אין די אויערן די צוואָה, וואָס בינקין האָט אים אָנגע־זאָגט אין דער לעצטער מינוט פאַרן טויט וועגן די לעוויטס:

— היט זיך פון זיי אָפּ! דאָס זיינען פּוסט־און־פּאַסניקעס, וואָס ווילן זיך אויסלעבן מיט שפּילצייג. זיי וועלן דיך צו גוטס ניט דער־פירן. מייד זיך פון זיי אויס! . . .

דאָך האָט קאַבאַלקין דעמאָלט ניט געקאָנט אויסמיידן די לעוויטס. ער האָט דעמאָלט געמוזט נאָכגיין נאָך זיי אין סאַסאַניק, ניט אַזוי צוליב זיין קונסט, ווי צוליב זיין איינזאַמקייט. ער, דער זעכצן־יאָריקער בחור, האָט זיך דעמאָלט ניט געהאַט וואוהין אַהינצוטאָן. ער האָט זיך ניט געקאָנט טרייסטן, וואָס בינקין איז געשטאָרבן. ער האָט שוין דעמאָלט געשפּירט, אַז אין זיין קינדהייט איז בינקין געווען דער

איינציקער אינטעלעקטואַל, וואָס האָט אים דערנענטט צו זיך צוליב אים אַליין, פון זיין, קאַבאַלקינס, טובה־וועגן, ניט צוליב אַ שפּיל אין אַ סטיל. ער האָט זיך ניט געקאָנט אויסמאָלן, אַז ער וועט שוין מער קיינמאָל ניט זען דעם אויסגעדאַרטן בינקינען מיט זיין ניט־דאַ׳איקן שמייכל. און אויף אַ צוגאָב צו בינקינס טויט האָט זיך נאָך אונטערגערוקט דער מאַמעס חתונה.

טראָץ דעם, וואָס מאַטקע איז צו אים אַזוי גוט געווען און ער האָט מאַטקען אַזוי ליב געהאַט און אויך בינקין האָט אים אָנגעזאָגט פאַרן טויט, אַז נאָר צו מאַטקען זאָל ער זיך צוהערן, אַז נאָר מיט מאַטקען זאָל ער אַרומגיין — איז אים פונדעסטוועגן דעמאָלט געווען שטאַרק פּריקרע, וואָס מאַטקע איז זיין מאַמעס מאַן.

האָט ער שוין בעסער אָנגענומען סאסאניק מיט די לעוויטס, איידער צו פאַרבלייבן אין פאַדלאָ, ביי דער מאַמען.

2

די צוויי זומער־הייזער פון די צוויי שטאָט־נגידים (פון לעוויט׳ן, דעם אָנגעסטראָיעטן, אויסגעסטיליזירטן קונסט־מאָלער, און פון ברו־נימען, דעם איבערגעפּרעסענעם, אויפגעקומענעם שטיוול־פאַבריקאַנט), וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויפגעשטעלט אין סאסאניק ווי לעבנס־מאָנו־מענטן צווישן די בעריאָזע־בוימער — זיינען געשטאַנען אויפן באַרג איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע, פּאַסאַד צו פּאַסאַד. אָפּגעטיילט זיינען זיי געווען איינס פון דאָס אַנדערע, די צוויי גביר׳ישע זומער־הייזער, מיט אַן אַלייע, וואָס האָט געפירט פון באַלקאָן צו באַלקאָן.

די אַלייע איז געווען דעקאָרירט פּריצ׳יש: בעראָזע־בוימער ביי די זייטן; בלומען־בייטן אין דער מיט. געווען איז זי, די פּריצ׳ישע אַלייע, אַ שותפ׳ישער שפּאַציר־וועג פאַרביידע אידישע שכנים. לעוויט און ברונים זיינען געוואָרן גלייכע באַלעבאַטים אויף דעם סאסאניקער וואַלד, וואָס איז געווען פאַרשריבן אויף דעם נאָמען פון בערמאַנען דעם אַלטן משומד.

די אַרכיטעקטור פון ביידע הייזער איז געווען פון איין פאַסאָן. דאָס איז געווען די אַרכיטעקטור פון אַ מיטל־אַלטערלעכער ווילע אין אַן אייראָפּייאיש לאַנד. און אויף אַ צוגאָב — אַ סינאַגאָגאַלער קופּאָל אָנשטאָט אַ דאַך, ווי אַן אויסדרוק פון אידישן סטיל אין אַרכיטעקטור. די באַציאונגען אָבער פון לעוויטן און ברונימען צווישן אַנאַנד איז

ניט געווען ווי פון גלייכע מענטשן. טראָץ דעם, וואָס זיי זיינען ביידע געווען רייכע לייט. לעוויט איז געווען פון אַ העכערן ראַנג, ווי ברונים. דאָס האָבן זיי ביידע באַוויזן מיט דעם, ווי זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער אַלייע. די בלומען האָבן געהערט בלויז צו לע־וויטן. ברונים האָט אין זיי ניט געהאַט קיין חלק. די אידעלערע פּלאַנץ, הייסט עס, קומט דעם שענערן שכן: דעם מיוחס, דעם קינסטלער.

ביי יעדער בלומען־בייט איז געלעגן אַ שטיין מיט אַן אויסגע־קריצטן אויפשריפט פון לעוויטס איניציאַלן. ברונים האָט אָפּנים אפילו ניט געהאַט קיין פּרעטענזיעס אויף די בלומען: ער, קאַבאַלקין, האָט יעדן פרימאָרגן באַגלייט לעוויטן אויף זיין קאָנטראָל איבער דער אַלייע. ער האָט אים געהאָלפן ציילן די בלומען. האָט זיך דער קונסט־מייסטער פאַר אים אָפּט געוואָרטלט וועגן דעם אַרמיי־ליוועראַנט:

— דאָס אויג פון דעם כאַמולע, — האָט לעוויט געזאָגט וועגן ברונימען — קען נאָך אָננעמען אַ נאַרציס פאַר אַ הושענא, אָדער אַ טולפּאַן פאַר אַ ציבעלע.

פאַר דעם זעכצן־יאָריקן קאַבאַלקינען האָט זיך דעמאָלט אין סאסאניק אַנטפּלעקט דער פולער פּראָצעס פון דער מענטשלעכער געשיכטע: אין פּאַדלאַ, אין שטאָט, האָט ער געוואוסט נאָר פון אַזוינע קלאַסן, ווי אָרעמע און רייכע. אין סאסאניק, אויף דאַטשע, האָט ער זיך דערוואוסט וועגן קלאַסן צווישן רייכע און רייכע. אויף דעם ביישפּיל פון לעוויטן און ברונימען האָט ער זיך צום ערשטן מאָל דערוואוסט דעם אונטערשייד צווישן צווייערליי גבירים — צווישן דעם איינגעפונדעוועטן און דעם אויפגעקומענעם.

לעוויט, וואָס איז אַ גביר פון דור־דורות, נעמט זיך איבער קעגן ברונימען, וואָס איז אַן אָפּשטאַם פון בעלי־מלאכות:

לעוויטן, דעם איינגעפונדעוועטן גביר, איז אויך ניט אָנגעשטאַנען וואָס ברונים, דער אויפגעקומענער גביר, האָט זיך מיט אים אויסגע־גלייכט אין דעם פאַסאַן פון זיין סאסאניקער זומער־הויז. ברונים האָט אים איבערגעכיטרעוועט. ער האָט אויסגעוואַרט ביז לעוויט האָט פאַרענדיקט זיין ווילע. דערנאָך האָט ער פון איר אַראָפּגענומען אַ קאָפּיע.

לעוויט האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט פאַרגעבן ברונימען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך מיט אים אויסגעגלייכט אין דער

אַרכיטעקטור פון זיין זומער־הויז. ער האָט זיך איינמאָל אויף דעם פאַרקלאָגט פאַר דעם דאָקטאָר ראַטנער, דעם ציוניסטישן פירער. האָט ער גערעדט וועגן דעם מיט טיפן טרויער, ווי וועגן אַ נאַציאָנאַלן אומגליק.

— וואָרהאַפטיק, עס האָט זיך איבערגעריסן דער קנוף פון דורות, — האָט ער געזאָגט, לעוויט, מיט אַן איבערגעהאַקטער שטים וועגן דעם אויפגעקומענעם הערטשען, — אַמאָל האָט איעדער איד געהאַט זיין באַשטימטן גאַנג. פונקט ווי אַ גוטער איד וואָלט זיך קיינמאָל ניט אָנגעטאָן אין אַ קאַשקעט, אַזוי וואָלט זיך אַ באַלעגאָלע קיינמאָל ניט אַריינגעשטעלט אין אַ שטריימל. מען האָט געוואוסט צווישן אידן ווער איז ווער. עס איז געווען בושה. איז געווען סטיל. איצט איז רעכט, אַז אַזאַ אידל, ווי הערטשע, זעצט זיך אַריין אין אַ ווילע. אַ שטיבל שטייט אים ניט אָן דעם אידל. וואָס איז? ער דאַרף שפּילן דעם גביר. דאַרף ער ווייזן חוצפּה. אַזאַ חוצפּה אָבער פון הערטשען מוז האָבן אַ וואָרצל אין פאָלק. און דאָס איז שוין אַ טראַגעדיע, חשבון מיט הערטשע׳ן.

האָט זיך דער דאָקטאָר ראַטנער איינגעשטעלט פאַר מערטשע ברונים:

— מיט דיר איז, מאַעסטרא, די צרה, וואָס דו רעדסט, ווי אַן עסטעט, ניט ווי אַ איד, — האָט ראַטנער געענטפערט לעוויטן אויף זיין טענה קעגן ברונימען — אויב דאָס אידישע פאָלק ועט אַמאָל אויסגעלייזט ווערן פון גלות, וועט דאָס דער טיפּ הערטשע ברונים זיין דער משיח. הערטשע איז אַן אַמביציעזער קולאַק. און נאָר אַמ־ביציעזע קולאַקעס בויען נייע לענדער. בפרט וועט זיך נויטיקן אין אַזאַ אַמביציעזן קולאַק אַזאַ לאַנד, ווי דאָס הייליקע לאַנד, וואָס איז אַ טרוקענער מדבר. די ברונימס זיינען ווילדע חיות, בעת זיי שטרעבן צו אַ צוועק. דאַרפן אידן איצט האָבן אַזוינע ווילדע חיות . . .

איז ער, קאַבאַלקין, דעמאָלט געווען אויף דעם צד פון דעם מאָלער לעוויט אין זיין באַציאונג צו הערטשע ברונים, ניט אויף דעם צד פון דעם דאָקטאָר ראַטנער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ראַטנער, דער ציוניסט, רעדט. אים איז ניט אָנגעגאַנגען אויף וואָס לעוויט, דער אַריסטאָקראַט, קלאָגט. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם חשבון מיט הערטשען.

דער חשבון האָט געשטאַמט פון יענער צייט, ווען זיין טאַטע איז געווען ביי הערטשען אַ „מענטש״.

ער געדענקט זייער גוט, קאַבאַלקין, ווי הערטשע האָט אים, דעם ניין־יאָריקן יאַטל, באַטאַפּט אויפן פּראָסט אונטער די מייטקעלעך אין די קיצלדיקסטע ערטער, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט דער מאַמען פון שוסטאַרניע, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַהין אַריינגעטראָגן פאַר דעם טאַטן דעם מאַלצייט — דעם קרופּניק. דאָס האָט דער אויפגעקומענער גביר געזוכט ביי דעם דערשלאָגענעם יאַטל אין די קיצלדיקע ערטער שטיקלעך לעדער. ער האָט אים חושד געווען אין גניבה. ער געדענקט אויך, קאַבאַלקין, ווי הערטשע האָט זיך מיט אים גע׳חכמה׳ט ביי דער אונטערזוכונג: „פון אַ קליינעם קבצן — האָט ער זיך פאַס־מאַקעוועט — קומט אַרויס אַ גרויסער גנב״.

גייט נאָך קאַבאַלקינען די דאָזיקע באַליידיקונג פון זיין פריער קינדהייט.

פרישט זיך ביי אים אָפּ די באַלידיקונג פון זיין קינדהייט נאָך שטאַרקער, זינט ער קומט אָן אין סאָסאַניק, אין ברונימס זומער־רע־זידענץ. האָט זיך זיין טרויער נאָך בינקינען פאַרוואַנדלט אין אַ האַס צו ברונימען.

אַמאָל שטעלט זיך דעמאָלט אַריין הערטשע ברונים צו לעוויטן מיט אַ וויזיט. מערסטנס קומט דאָס פאַר, בעת דאָקטאָר ראַטנער קומט אַראָפּ אין סאָסאַניק צו גאַסט. ס׳רוב איז עס שבת־נאַכט. נאָך לעוויטס סטיליזירטער הבדלה.

גרעטא אַריסטידאָוונאַ מוזיצירט פאַר דעם דאָקטאָר ראַטנער אויף דעם אָפּענעם באַלקאָן. זינט זי האָט זיך באַזעצט אין סאָסאַניק מוזי־צירט זי בלויז אויף אַ האַרמאָניק. זי איז אַריבער צו דעם דאָזיקן מוזיקאַלישן אינסטרומענט (ווי זי אַליין זאָגט) צוליב זיין דאָרפישן סטיל: דאָס קלינגט, ווי אַ פּאַסטאָראַל.

אויף דער מאַדאַם׳ס קאָנצערט געפינט זיך אויך הערטשע ברונים. צווישן די אינטעליגענטן איז ער זייער באַשיידן דער פעטער, דיקער פאַבריקאַנט פון שטיוול. ער שפּילט זיך נאָר מיט זיין מאַסיווער, גאָלדענער קייט איבערן בויך. אינם אַלעם איבעריקן האַלט ער זיך מיט אָפּשיי. ער זיצט אָן אַ זייט אין זיין שטענדיקער פּאָזע: דאָס אויג איז ביי אים צונויפגעזשמורעט. דאָס מויל אויסגעקרימט.

רופט אַרויס די דאָזיקע פּאָזע פון ברונימען נאָך מער שנאה

ביי קאַבאַלקינען. ער איז באַהערשט פון איין באַגער אָפּצוטאָן אים עפּעס, ברונימען.

איז אויף אַזאַ קאָנצערט האָט זיך קאַבאַלקין אָפּגערעכנט מיט הערטשען פאַר דעם אומ׳כבוד, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט אין זיין קינדהייט.

הערטשע בעט אים פאָלגן פאַר אים אַ גאַנג:

— לויף זיך דורך, בחור׳ל, צו מיר אַהיים — ווענדט ער זיך צו אים — און ברענג מיר אַ סיגאַר.

דערנעמט אים אַזוי, קאַבאַלקינען, ברונים׳ס טאָן („בחור׳ל", „לויף", „ברענג"), אַז ער האַקט אים אָפּ די פליגלען פאַר די אינטע־לעקטואַלן אין די אויגן. ער ענטפערט אים:

— רעב איד!... (ניט אפילו: „פאַניע ברונים" זאָגט ער אים, נאָר דוקא: „רעב איד!"). רעב איד!... און אַליין האָט איר קיין פיס ניט?...

האָט ער דאָס, קאַבאַלקין, צום ערשטן מאָל געעפנט אַ מויל קעגן דער וועלט.

3

אין סאסאניק איז דעמאָלט צוגעקומען אַ מענטש, וואָס האָט טייל־וויז געענדערט דעם טאָן פון דער „דאַטשע": פון אויפגעבלאָזענער קונסט אויף אָפּשפּאָטנדיקן ציניזם.

דאָס איז געווען דאַראַ, הערטשע ברונימס איינציקע טאָכטער.

דאַראַ ברונים האָט געשטודירט אין דער שווייץ, אין דער שטאָט בערן. זי איז געווען זייער אַ פלייסיקע סטודענטין. זי איז געווען געראָטן אין איר קולאַקישן טאַטן. פונקט ווי איר טאַטע האָט זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט געשעפטן, אַזוי האָט זי זיך ניט געקאָנט אָנ־זעטיקן מיט וויסנשאַפטן.

זי האָט דאָרטן געשטודירט, אין בערן, אין איין צייט אויף צוויי פאַקולטעטן — אויף אַ מאַנסבילשן און אויף אַ ווייבערשן: אויף דעם יורידישן און אויף דעם פּעדאַגאָגישן. דערצו האָט זי זיך שטענדיק געיאָגט נאָך זייטיקע קורסן. דאָס איז ביי איר אויך געווען אַ שטריך פון איר פאָטער: הערטשע ברונים האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די טאָנדעטנע שטיוול. ער האָט זיך שטענדיק געיאָגט נאָך זייטיקע פאַרדינסטן.

אין דעם לעצטן יאָר איז דאָראַס זייטיקער קורס געווען אַזאַ ווייטער קעגנשטאַנד, ווי דער אָריענטאַלישער איינפלוס אויף דער דייטשישער ליטעראַטור אין דעם לוטער־פעריאָד. אין דער וויסנ־שאַפט האָט זי געצויגן צו זעלטנהייט. איז זי דעמאָלט געקומען אויפן זומער אין סאָסאַניק צו איר טאַטן דעם שטיוול־פאַבריקאַנט, כדי אָפרוען פון איר אָנשטרענגונג אויף די פאַקולטעטן און אויף די קורסן.

דאָראַ ברונים איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק. זי איז געווען זייער ניט קיין שיינע. אַ קליינטשקע, אַ דאַרינקע, אַן איינגעהויקערטע, אַ שוואַרצינקע מיט פלעקן פון פאָקן אויפן פנים. דאָס קעפל האָט זי געהאַלטן שטענדיק אויף אַ זייט. ווי דאָס אויס־געדאַרט העלזעלע וואָלט עס אויף זיך ניט געקאָנט איינטראָגן. דער־ריבער האָט עס גענומען צו הילף דאָס איינגעפאַלן אַקסעלע, כדי עס אונטערצושפּאַרן, דאָס קעפּעלע.

פונדעסטוועגן האָט זי, דאָראַ, געהאַט אַ נאָמען אין שטאָט. טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען אַזוי ניט שיין אויפן פנים. זי איז געווען אַ לעבעדיקער מוסטער פאַר דער באַלעבאַטישער יוגנט, וואָס האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן רייסן פון דעם היימישן שטייגער צו דער גרויסער וועלט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דאָראַ אָפּגעשפּילט אַ מעשה, וואָס האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע: זי האָט געוואָלט שטודירן. האָט דאָס איר דער טאַטע פאַרבאָטן. האָט זי איבערגע־לאָזט דאָס הויז. און זי האָט זיך אָנגעשטעלט פאַר אַ דינסט. אַ דינסט איז זי נאָך געוואָרן ביי אַ גוי. איז הערטשען ניט אָנגעשטאַנען די חרפּה. האָט ער זיך אונטערגעגעבן דער טאָכטער. ער האָט איר אַרויסגעגעבן דעם פּראָצענט פון איר נדן. און זי איז אַוועקגעפאָרן שטודירן אין אויסלאַנד. דאָראַס העלדנמוט איז דעמאָלט פאַרצייכנט געוואָרן אין אַ העברייאישער צייטשריפט.

אפילו אַזוינע אַריסטאָקראַטן, ווי די לעוויטס, האָבן זיך געבויגן פאַר דעם אָרעאָל פון דאָראַן, אַז זי איז אָנגעקומען פון בערן אין סאָ־סאַניק. צוליב איר פערזאָן האָבן זיי זיך ניט גערעכנט מיט איר אָפּשטאַם.

לעוויטס הויז האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פריצישן פּאַ־לאַץ. ברונימס שטעל האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זאַטן בעל־גוף. פון לעוויטס דאַטשע האָט געוויעט מיט דער אַטמאָספער פון

שײנקײט — פון אינטעלעקט, פון קונסט: די מאַדאַם לעוויט ליגט אין האַמאַק און לײענט אַ בוך אונטער דעם לויטערן הימל; דער מאָלער לעוויט שטײט אויפן באַלקאָן און קאָפּירט אַ בוקעט פון דער בעראָזעווער אַלײע. בעת פון ברונימס דאַטשע האָט געשלאָגן מיט דעם גערוך פון קיך — פון געקעכץ, פון געפּרעגלטס. שטענדיק האָט דאָרטן געזאָטן און געבראָטן. דער באַלקאָן פון די ברונימס איז געװען באַלאַגערט פון פויערטעס מיט עופות. און די ברוני־מיכע, אַ אידענע, אַ מויער (אויסער דאָראַן איז די גאַנצע משפחה געװען אַ דעמבענע), האָט געטאָפּט די עופות אין די בײכלעך און גע־אָטעמט זײ אין די מאָגנדלעך.

אויך די פּערזענלעכע באַציאונגען צװישן די דאָזיקע צװײ אידישע דאַטשניקעס האָבן זיך פאָרמירט אין די קעגנזײטיקע באַציאונגען צװישן דעם פּריץ און דעם בעל־גוף. הערטשע ברונים האָט געהאַט פיר בנים. בחורים — ריזן. איז קײן אײנער פון זײ קײנמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די „פּריצ׳ישע ערד" — די בעראָזעװע אַלײע. און די ברוני׳מיכע איז זעלטן־װען צוגעגאַנגען צו דער „פּריצ׳טע" — צו דער מאַדאַם לעוויט. אפילו הערטשע אַלײן האָט אויפגעהערט אַזױ אָפט צו באַזוכן די לעוויטס. און בעת זײ האָבן געהאַט געסט, האָט ער זיך אײנגאַנצן ניט געװיזן.

דאָראַ אָבער איז, זינט זי איז געקומען אין סאסאניק, געװען מער בײ די לעוויטס, אײדער אין איר הײם. צוליב איר גראַטנקײט איז זי, „די בעל־גוף׳ישע טאָכטער", געװאָרן בײ די לעוויטס אַן אײגענער מענטש. מען האָט זי דאָ אפילו טיטולירט, דאָראַן, װי די מאַדאַם. די מאַדאַם לעוויט האָט מען גערופן: גרעטאַ אַריסטידאָװנאַ; דאָראַ ברונים האָט מען גערופן: דאָראַ גאַראַציאָװנאַ. זי האָט דערהויבן איר טאַטן צו אַ סטיל: פון הערטשע איז געװאָרן גאָראַץ.

װי ניט־שײן דאָראַ איז געװען, אַזױ צור־קלוג איז זי געװען. זי האָט געהאַט, די בעל־גוף׳ישע טאָכטער, אַן אומדערבאַרעמדיקע צונג. דער עיקר האָט זי אויסגעלאָזט איר אומדערמאַרעמקײט (מיט דער צונג) צו דעם מאַנסבילטום.

לעוויט מאָלט אין דרויסן. זײן מאָלבערט איז אין דער אַלײע. עס איז זײער אַ הײסער טאָג. עס האָט שוין לאַנג ניט גערעגנט. די בלומען קוקן־אויס פאַרװעלקט, אויסגעטריקנט. לעוויט װיל אָפּקאָ־פּירן אויפן פאַרמעט אַ פאַרװעלקטן טולפּאַן.

— מיין באַליבטסטער קאַליר — זאָגט ער — איז דער קאַליר פון גסיסה. אַלץ, וואָס האַלט ביים שטאַרבן, איז מיר צום האַרצן. נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס גרייטן זיך צום טויט — דער צוועק פון לעבן. נאָר פון אַלע אָגאָניזירנדיקע באַשעפענישן איז מיר צום נאָענטסטן דער אָפּשטאַרבנדיקער טולפּאַן. דער טולפּאַן האָט אין זיך עטוואָס פון אַ צדיק, פון אַ קינד. די אומשולד באַגעגנט זיך מיט דעם מלאך־המות. דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע פאַרבן־קאָמבינאַציע. שיין איז אַ פאַרוויאַנעטע פרוי! נאָך שענער איז אַ פאַרוויאַנעטער טולפּאַן...

איז בעת לעוויט לייגט אַזוי אויס זיין טעאָריע פון קונסט שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן אים דאָראַ מיט איר קעפּעלע אויפן אַקסעלע און זי מאַכט חוזק פון דעם מייסטער. זי פאַרזשמורעט אַן אויגל אויף איר טאַטנס מאַניער און צעלאַכט זיך דריבנע פון דעם סינאַגאָגאַלן קינסטלער:

— אַ שאָד, לעוויט, וואָס איר זייט ניט קיין קבצן.

שמייכלט לעוויט מיט זיין סאָלידן שמייכל אין זיין סטיליזירטער באָרד:

— וואָס איז, דאָראַ, איר האָט עפּעס צוגעלייגט צו מיין ירושה? אַ קבצן, טייערע, איז אַ שלימזל . . .

— ניין, — ענטפערט דאָראַ ערנסט — איר וואָלט דוקא ניט געווען קיין שלימזל, ווען איר זייט אַ קבצן. איר, לעוויט, וואָלט מסתמא געווען אַ פאָטאָגראַף. וואָלט איר געבראַכט נוצן דער וועלט. איר וואָלט פאָטאָגראַפירט מיידלעך. וואָלטן זיך געפּרייט בחורים . . .

שמייכלט נאָך אַלץ לעוויט. נאָר איבער זיין שמייכל שוועבט אַ פאַרדרוס. עס איז קאָנטיק, אַז ער פּרואווט אָנהאַלטן דעם שמייכל, ווייל ער וויל זיך ניט אַראָפּלאָזן צו אַ ברוגז. ער גיט דאָס צו פילן מיט אַ דיפּלאָמאַטישן טאָן: מיט דעם, וואָס ער רופט אָן דאָראָן, דעם האַלבן קריפּל, מיט אַ טיטולירטן נאָמען:

— און וואָס אַרט דאָס אייך, אייגנטלעך, דאָראַ גאַראַציאָוונאַ — פרעגט ער — אַז איך בין אַ קינסטלער?

פאַרזשמורעט דאָראַ ווידער אַן אויגל ווי איר פאָטער און זי צעלאַכט זיך ווידער דריבנע פון דעם מייסטער:

——— —אַז איר וואָלט געווען, לעוויט, אַ קינסטלער, וואָלט מיך שוין גאָר ניט געאַרט, וואָס איר זייט אַ קינסטלער. איר זייט דאָך אָבער ניט קיין קינסטלער . . . אַ קינסטלער דאַרף עפּעס אויסזאָגן,

וואָס מען ווייסט ניט, דערקלערן, וואָס מען פאַרשטייט ניט. וואָס זאָגט איר אויס, לעוויט? וואָס דערקלערט איר? אייערער אַ איד איז אַ איד, ווי אַלע אידן. אייערע אַ בלום איז אַ בלום, ווי אַלע בלו־מען. איר שמירט־אָן נאָך אַ גרוי בערדל, נאָך אַ געל בלעטל: ווי איז דאָס אייך ניט נודנע, לעוויט? דאָס איז דאָך אַ מעשה אָן אַ סוף: אָנ־געשמירט און איבערגעשמירט . . .

— איר וואָלט שוין בעסער פאַר מיר אויסגעפונען אַ שטיקל מאָנעלע, איידער ווידער אָנמאָליעווען אַ קליין אידעלע . . . — בעט זי זיך כלומרשט איבער, דאָרא, מיט לעוויטן מיט דעם, וואָס זי זאָגט וועגן זיך אַליין אַ ווערטל.

דאָך פאַרשוויגט לעוויט דאָראַן איר סאַטירישע טיראַדע. ער האָט פאַר איר מורא געהאַט, דער סטיליזירטער איד.

— דער גרעסטער גזלן — האָט ער אויף איר געזאָגט — איז אַ מיאוס׳ע מויד.

די זעלביקע זאַך איז אויך געווען מיט דעם דאָקטאָר ראַטנער: דאָרא האָט אים געמאַכט צו שפּאָט, אַז ער איז געקומען צו לעוויטן צו גאַסט. זי האָט ניט געשוינט זיין פערזאָן. זי האָט אויסגעלאַכט זיין ציוניזם.

— אידן — רופט זי זיך אָפּ איינמאָל צו ראַטנערן — דאַרפן אַזוי האָבן פּאַלעסטינע, ווי רוסן דאַרפן האָבן אַ קייסער.

האָט זיך ביי ראַטנערן צעפלאַמט דאָס פּנים. ער האָט דערלאַנגט דאָראַן אַ שטאָך.

— אַ מיידל, וואָס ווייסט אַלעמענס באַדערפעניש׳ן . . .

האָט די קלייניטשקע דאָרא אָפּגעענטפערט מיט גרויס ווירדע:

— אודאי ווייס איך אַלעמענס באַדערפעניש׳ן . . . איך ווייס וואָס רוסן דאַרפן. איך ווייס וואָס אידן דאַרפן. די רוסן דאַרפן זיך דער־שלאָגן צו אַן אייראָפּייאישער קאָנסטיטוציע. די אידן דאַרפן זיך אַסימילירן מיט דער רוסישער קולטור.

דערביי האָט זי דערלאַנגט ראַטנערן אַ שטאָך פאַר אַ שטאָך:

— אייער נאַציאָנאַליזם, דאָקטאָר, איז אַ פיזיאָלאָגישער: איר זייט אַ ליידנשאַפטלעכער ציוניסט, ווייל איר זייט אַן אַלטער בחור . . .

איז דאָס געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס דאָקטאָר ראַטנער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט דאָרא ברונים.

הינטער די אויגן האָט ער זי געמאַכט צונישט:

— דאָראַ — האָט ער אויף איר געזאָגט — איז אַן עלנדע קאַריקאַטור אויף טורגענעווס אַ ניהיליסטין.

אין די אויגן האָט ער אָבער פֿאַר איר געהאַט אָפּשיי. ער האָט זי אַלע מאָל גערופֿן אין די אויגן:

— דאָראַ גאַראַציאָונאַ.

בלויז צו קאַבאַלקינען איז דאָראַ געווען פֿריינטלעך, אַזש צערטלעך:

יעדן טאָג האָט זי זיך מיט אים אָפּגעזונדערט אין דעם סאָסאָניקער וואַלד. דאָרטן האָבן זיי זאַלבענאַנד פֿאַרגעלייענט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. מערסטנס פֿון די עלטערע קלאַסיקער. פּראָזאַיקער און פּאָעטן. ווי דאָראַ וואָלט דאָס אויף אים, אויף דעם פּאָדלאָער יונג, דורכגעפּירט די אידישע אַסימילאַציע מיט דער רוסישער קולטור: דעם אידעאַל אירן, וואָס זי האָט (אינאיינעם מיט דעם אידעאַל פֿון אַן אייראָפּייאישער קאָנסטיטוציע פֿאַר דער רוסישער אימפּעריע) מיטגעבראַכט פֿון אויסלאַנד און ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעשטעלט קעגן דעם אידישן נאַציאָנאַליזם פֿון דעם דאָקטאָר ראַטנער, קעגן דער סינאַגאָגאַלער קונסט פֿון דעם מאַלער לעוויט.

אין דעם פֿאַרלייענען פֿון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור האָבן זיי זיך אָפּט געביטן, קאַבאַלקין און דאָראַ, מיט דער דעקלאַמאַציע. אַמאָל איז ער געווען דער פֿאַרלייענער. אַמאָל — זי. עס האָט זיך געווענדט אַן דעם בוך. אויב עס איז געווען פּראָזע, איז ער געווען ס׳רוב דער פֿאַרלייענער. אויב עס איז געווען פּאָעזיע — האָט זי אַלע מאָל דעקלאַמירט.

4

פֿון דעם ערשטן טאָג, וואָס דאָראַ איז אָנגעקומען צו איר טאַטן אין דער גביר׳ישער דאַטשע, איז זי באַלד געוואָרן די לערערין פֿון קאַבאַלקינען אין דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס איז פֿאַרגעקומען פֿאַרביידן ווי אומבאַמערקט. דאָס האָט זיך איינגעשטעלט ווי פֿון זיך אַליין. נאָך איידער דאָראַ האָט אויסגערעדט אַ וואָרט מיט קאַבאַלקינען, האָט זי שוין דורכגעלייענט מיט אים אַ ליד פֿון פּושקינען. זיי האָבן זיך וועגן דעם ניט באַדאַרפֿט צונויפֿרעדן, אַז דאָראַ זאָל ווערן

זיין לערערין. דאָס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך: דאָס האָט דעמאָלט געהערט צו דעם סטיל פון דער עפּאָכע.

דעמאָלט אין רוסלאַנד האָט זיך געפירט צווישן דער רייכער שטו־דירנדיקער יוגנט פון די אידישע שטעט צו לערנען די רוסישע שפּראַך מיט אידישע אָרימע קינדער.

אפילו די ציוניסטישע רייכע יוגנט האָט פאַרשפּרייט צווישן דער אידישער אָרעמשאַפט די רוסישע שפּראַך. דאָס האָט געהאַט אַ ספּע־ציעלע טערמינאָלאָגיע. דאָס האָט געהייסן: „אַן אומזיסטער אוראָק". יעדער רייכער סטודענט האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו געבן אַזאַ אומזיסטן אוראָק. דאָס איז געווען פאַר דעם רייכן סטודענט אַ פראַגע פון הומאַניטאַרישן פּרעסטיזש: אַן אָנווייז אויף ראַדיקאַליזם, אַן אויסדרוק פון אידעאַליזם. אין יענער צייט (דאָס איז געווען אינם יאָר 1900) האָט שוין געשוועבט דער גייסט פון דער רעוואָלוציע. האָט זיך אַזאַ סטודענט געוואָלט איינקויפן אין חן ביי דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע מיט דעם, וואָס ער האָט אַ שעה אין טאָג (אין די זומערדיקע חדשים, ביי די רייכע עלטערן) געלערנט מיט אַן אָרים אינגל — אויף דעם באַרוף פון אַן אַפּטייק־קלוירק, אָדער אויף דעם באַרוף פון אַן ארמיי־וואָלונטיר . . . אַזוי האָט זיך געפירט יעדער סטודענט פון רייכן אַפּשטאַם. אַזוי האָט זיך אויך געפירט דאָראַ ברונים, די בערנער קורסיסטין. איז ער, קאַבאַלקין, געווען אויף דער סאַסאַניקער דאַטשע דאָס אָרים אינגל. האָט דאָראַ ברונים אים גע־ווידמעט דעם אומזיסטן אוראָק. און ווייל קאַבאַלקינס באַרוף האָט גע־זאָלט זיין מאַלעריי, איז דאָראַס אוראָק פאַר אים געווען — ליטע־ראַטור. געהייסן האָט עס: „אויסברייטערן זיין האָריזאָנט".

האָט דאָראַס אוראָק דעמאָלט געבראַכט קאַבאַלקינען גרויס פרייד. ער האָט דערפילט אַזאַ פרייד מיט דאָראַן, אַז עס האָט זיך פון אים אָפּ־געטאָן דער טרויער נאָך בינקינען. דאָס איז פאַר אים געווען אַ פרייד פון זיג. ער האָט דערלעבט אַ נקמה אין ברונימען. און די נקמה איז — זיין טאַטע. דער טאַטע, דער פאַבריקאַנט, האָט אים, קאַבאַלקי־נען, גערופן: „קליינער גנב". און די טאַטער, די סטודענטין, רופט אים: „יונגער קינסטלער". דאָס איז עפּעס מער, ווי אַריינזאָגן ברונימען אַ וואָרט. דאָס הייסט אַריינקריכן אים אין דער נשמה.

נאָך גרעסער ווי די פרייד פון דעם דאָזיקן מאָראַלישן זיג איז פאַר אים דעמאָלט געווען, פאַר קאַבאַלקינען, דער גענוס פון דער רוסישער

קלאַסישער ליטעראַטור. זי האָט פֿאַר אים דעמאָלט אַנטפּלעקט, די רוסישע ליטעראַטור, אַ נייע וועלט: זי האָט אים באַוויזן אַזוינע מענטשן, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט ניט געזען. זי האָט אים דער־ציילט אַזוינע זאַכן, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געהערט: ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיט דאָראַן האָט ער געלייענט בלויז אין אידיש. האָט אים ניט פֿאַראינטערעסירט, וואָס ער האָט געלייענט. די באַשריבענע אידן זיינען פֿאַר אים געשטאַנען ווי באַקאַנטע אידן אָדער פֿון בית־המדרש, אָדער פֿון פֿאַדלאַ. מיט קרעכצן און דאַוונען, צי מיט זאָרגן פֿאַר חיונה.

5

די פֿאַרשריבענע רוסן זיינען פֿאַר אים געשטאַנען ווי ריזיקע פֿיגורן פֿון עק־וועלט מיט סודות פֿון חכמה. אַ דערציילונג אין דער רוסישער שפּראַך איז פֿאַר אים געווען אַן אַנטדעקונג פֿון אַן אומבאַקאַנט לעבן. די רוסישע ליטעראַטור האָט פֿאַר אים אפֿילו אַנטדעקט די סאַסאַניקער נאַטור.

דאָראַ אָבער איז אויסן געווען ניט בלויז זיין בילדונג. זי האָט מיט איר „אוראַק" געהאַט נאָך אַ מאָטיוו. דאָראַ איז געווען אַ פּער־באַמען: דאָס שוואַרצינקע, דאָס קליינטשקע, דאָרינקע, איינגעהויי־קערט מיידעלע מיט דעם אויסגעדאַרט העלזעלע, מיט דעם פֿאַרוואָרפֿן קעפּעלע און פֿלעקן פֿון פּאָקן אויפֿן פּנים'ל, איז שטענדיק געווען אין אַן עקזאַלטירטן צושטאַנד. די עקזאַלטאַציע אירע איז געווען אַ צוויי־פּאַכע: אַן אינטעלעקטועלע און אַ סעקסועלע. האָט זי איר אינטע־לעקטועלן עקסטאַז אויסגעבראַכט אויף דעם דאָקטאָר ראַטנער און אויף דעם מאַלער לעוויט: זי האָט מיט זיי שטענדיק פּאָלעמיזירט. און איר סעקסועלן באַגער האָט זי אַנגעווענדט אויף קאַבאַלקינען. זי האָט אים שטענדיק געררייצט. טראָץ דעם, וואָס אין יענעס זומער איז ער ערשט אַלט געוואָרן זעכצן יאָר.

ער לייענט פֿאַר איר אַ בוך אונטער די ווייסע בעריאָזעווע בוימער. ער טרוימט בעת־מעשה וועגן די ווייטע רוסישע מענטשן. רייסט זי פֿון אים אַרויס דאָס בוך און שטעלט אויף אים אַן איר בליק. זאָגט זי אים גאָרנישט (בכלל האָט זי קיינמאָל מיט אים ניט גערעדט. אויסער דעם, וואָס זי האָט פֿאַר אים געלייענט פֿון אַ רוסיש בוך.

אָדער אים פאַרריכט דעם רוסישן אַקצענט). די אויגן אירע זיינען אַזוינע גרויע, קאַלטע. נעמט זי אים דורך אַזוי מיטן בליק און וואַרפט זיך אים אַרויף אויפן האַלז. זי אָטעמט אים אין געזיכט. דאָס קעפּעלע אירס צאַפּלט זיך אויף איר אַקסעלע.

אין אַזאַ מאָמענט איז אים געווען אומהיימלעך, קאַבאַלקינען. עס איז אים ניט איינגעגאַנגען דער זיג איבער דעם אַלטן פאַבריקאַנט. עס איז אים ניט איינגעגאַנגען דער גענוס פון דער רוסישער ליטעראַ־טור. ער האָט ניט אַנגעקוקט דאָראַ ברונים. ער האָט זיך פאַר־געשטעלט די וואנדא טשערווינסקי: די העלדין פון זיין ערשטן ראָ־מאַן — די פּוילישע פּאַטריאָטין. ער האָט זיך געשעמט מיט דאָראַן פאַר טויטע און פאַר לעבעדיקע. ער האָט זיך מיט איר געשעמט פאַר בינקינען. ער האָט זיך געשעמט מיט איר פאַר מאָטקען.

האָט דאָראַ פון קאַבאַלקינען דערגרייכט, וואָס זי האָט פון אים פאַרלאַנגט. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ פאַרנאַכט אין וואַלד. דאָס אינגל איז געוואָרן אַ מאַן . . . נאָר דער דאָזיקער איבערגאַנג, וואָס קאַבאַלקין האָט אַזוי געגאַרט אין זיין פּריצייטיקער רייפקייט, האָט ביי אים ניט אַרויסגערופן די מינדסטע באַפרידיקונג. אומגעקערט: ער האָט זיך דערפילט אַ צעביילטער, אַ פאַרלוירענער, אַ פאַרלאָזטער.

עס האָט זיך אַנגערוקט די נאַכט. דאָראַ האָט אים אַרויסגעפירט פון וואַלד. ביידע האָבן זיי געשוויגן. נאָר אַז זיי זיינען דורכגע־גאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט צו אים דאָראַ געזאָגט:

— דו זאָלסט קיינעם ניט אויסזאָגן . . .

געקומען זיינען זיי פון וואַלד צו די לעוויטס. די לעוויטס האָבן אין דער דאָזיקער נאַכט געהאַט זייערע שטענדיקע געסט: דעם דאָקטאָר ראַטנער און דעם משומד בערמאַן. דאָס איז געווען די נאַכט פון תשעה־באָב. די דאָזיקע צוויי געסט זיינען דאָס געקומען צו די לעוויטס אין יענער נאַכט אין סאָסאַניק צו דערמאָנען אינאיינעם דעם חורבן פון דעם בית־המקדש.

ווי יעדן אידישן יום־טוב, האָבן די לעוויטס אויך סטיליזירט דעם אידישן „חורבן". דער באַלקאָן איז געווען דראַפּירט אין שוואַרצן. לעוויט האָט ראַפּסאָדירט די „קינות". און די מאַדאַם האָט אַקאָמ־פּאַנירט דאָס געזאַנג פון „איכה" מיט דעם קלאַנג פון האַרמאָניק.

ווי אַלע מאָל אין אַזאַ מאָמענט (פון סטיליזירטער אידישקייט) איז דאָקטאָר ראַטנער געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, אין אַן אַראָ־

טאָרישן עקסטאַז. דער עקסטאַז איז געווען זיין רוטין. ער האָט גע־רעדט, דער אַלטער דאָקטאָר מיט דער ענגלישער פיזיאָגנאָמיע, וועגן דער גרויסקייט פון דעם אידישן פאָלק, וועגן דער שיינקייט פון דער אידישער לעגענדע. אויך ווי אַלע מאָל האָט ער גערופן די שטודירנ־דיקע יוגנט צום נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. די דאָזיקע יוגנט האָט דאָ פאַרגעשטעלט דאָראַ ברונים. רופט ער זיך אָפּ צו איר:

— איר ווייסט, דאָראַ גאַראַציאָוונאַ, וואָס פאַר אַ נאַכט היינט איז? . . . דאָס איז די נאַכט, וואָס משיח איז געבוירן געוואָרן . . .

5

קאַבאַלקין, וואָס האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט אויף זיין פּנים דעם ערשטן פוך, האָט זיך דערפילט פאַר אַ באַווייבטן מאַנסביל. ער האָט אָנגענומען דעם סעקסועלן אָנפאַל פון דאָראַן אויף אים, ווי זי וואָלט אים געהאַלטן פאַר איר באַשערטן. דעריבער האָט זי זיך דאָס דערלויבט צו טאָן מיט אים אַזאַ זאַך פאַר זייער חתונה . . .

איז אים, דעם זעכצן־יאָריקן אינגל, דאָראַ ניט געפעלן געווען פאַר אַ ווייב: ניט קיין שיין מיידל. דערפאַר איז אים דאָראַ געפעלן גע־וואָרן פאַר אַ שידוך. עס האָט ביי אים אויסגענומען דער תכלית: אַ שווער — אַ פאַבריקאַנט.

נאָך דעם טאָלסטאָיאַנישן קוואַרטעט און נאָך בינקינס צוואָה האָט אין קאַבאַלקינען פונדעסטוועגן אויפגעוואַכט דער אייביקער טרוים פון דער פאָדלאָ׳ער עילוי: אַז אין פאָדלאָ האָט זיך אין אַן אָרעמער משפחה אַרויסגעשטעלט אַ גרעאָטענער בחור, האָט מען געוואַרט אויף אַן אויפגעקומענעם גביר, וואָס וועט אים אויסכאַפּן פאַר אַ ניט־שיינער טאָכטער. אַז אַ גביר איז געווען דער הערטשע ברונים. אַזאַ טאָכטער איז געווען די דאָראַ גאַראַציאָוונאַ.

קאַבאַלקינס געלעגער ביי די לעוויטס איז געווען אין דעם קעלער פון דער ווילע. דער דאָזיקער קעלער איז געווען געבויט ווי אַ קאַ־טאַקאָמב. דאָס האָט געהערט צו דעם מיטלאַלטערלעכן סטיל פון לע־וויטס דאַטשע. אין יענער נאַכט אָבער, ווען קאַבאַלקין איז פון אַ אינגל געוואָרן אַ מאַן, איז ער געווען גליקלעך אויף זיין געלעגער אין דעם קאַטאַקאָמב. פאַר אים האָט שעמערירט זיין נאָענטע צו־קונפט אין אַ העלדישער באַלויכטונג!

קאַבאַלקין האָט זיך פאַרגעשעטעלט, ווי ברונים דער פאַבריקאַנט וועט זיך דאָס צעבריקן, בעת ער וועט זיך דערוויסן, אַז זיין דאָראַ איז די שנור פון ליישקע דעם לאַטוטניק . . . קאָן מען זיך אויף דאָראַן פאַרלאָזן: זי וועט איינברעכן איר טאַטן און וועט שטעלן מיט קאַבאַלקינען אַ חופה. פונקט ווי זי האָט איינגעבראָכן איר טאַטן און זיך געשטעלט פאַר אַ דינסט ביי אַ גוי, און דערנאָך געפאָרן אין אויסלאַנד אין אַן אוניווערסיטעט. דערפאַר וועט קאַבאַלקין זיך דאָס נוקם זיין אין דעם שווער נאָך דער חתונה. ער וועט אים גאָר ניט רופן, דעם פאַבריקאַנט: „שווער". ער וועט אים רופן סתם: „רעב הערץ". און בעת ער וועט זיך ביי אים באַזעצן אויף קעסט, וועט ער דאָס אים אַמאָל אָפּטאָן אַ שפּיצל: דווקא בעת געסט וועלן זיך אַוועקזעצן אַרום טיש, וועט ער דאָס אַריינזאָגן ברונימען מיט אַ געעלכטער: „איר זעט, רעב הערץ, ווי אַ מענטש קאָן זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיין וואָרט: אַז איך בין געווען אַ קינד, האָט איר מיך גערופן: „גנב". און אַז איך בין אויסגעוואַקסן אַ בחור, האָט איר מיך אַריינגענומען פאַר אַן איידים" . . . דערצו וועט ער, קאַבאַלקין, זיך לאַנג ניט איינהאַלטן פאַר אַן איידעם אויף קעסט, ער וועט אַוועקפאָרן מיט דאָראַן אין אויסלאַנד. וועט ער דאָרטן אָנקומען פאַר אַ סטודענט אין אוניווערזיטעט.

נאָך יענער נאַכט האָט זיך קאַבאַלקין פרי אויפגעהויבן פון זיין געלעגער אין קאַטאקאַמב. עס איז געווען אַן אָנהויב באַגינען אינמיטן אויגוסט. ער איז דורכגעגאַנגען דעם וואַלד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ דאָרף.

האָט ער דאָ, אין דעם דאָזיקן דאָרף, דערזען אַזוינס, וואָס ער האָט ביז אָט דעם באַגינען קיינמאָל ניט באַמערקט: ער האָט דערזען די שווערקייט פון רייפקייט. אַלץ האָט זיך דאָ געבויגן אונטער דער לאַסט פון צייטיקייט; די זאַנגען אויף די פעלדער, די פרוכטן אין די סעדער. ווי זיי וואָלטן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אָנגעלאָדנקייט פון דער רייפקייט און געוואַרט אויף אַ דערלייכטערונג פון דעם שניטער. ער האָט דערזען, ווי פרוכטן דערוואַרטן זיך ניט דעם שניט און פאַלן אַליין אַראָפּ פון בוים. האָט זיך אים אַזוי איבערגעגעבן די אָנגעלאָדנקייט פון רייפקייט, אַז ער האָט דערפילט אויך זיין אייגענעם קערפּער, ווי אַ שווערע לאַסט, און אַז עס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט די שניטער, האָט ער

זיך פאַרבענקט נאָך דאָראַן. טראָץ דעם, וואָס אין דער זעלביקער צייט איז דאָראַ פאַר אים געווען אַ בושה.

קאַבאַלקין האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד. ער האָט אָפּ־געזוכט אין וואַלד דעם פּלאַץ, וואו ער איז נעכטן אין אָוונט געוואָרן פון אַ אינגל — אַ מאַן. האָט ער זיך דערפילט אַזוי איינזאַם אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, אַז ער האָט זיך געלאָזט לויפן ווי אַ פאַרוואונדעטער פון וואַלד צו דער אַלייע. אויף דער אַלייע האָט ער זיך געשטעלט וואַרטן אויף דאָראַן. איז ער לאַנג געשטאַנען ביי דעם איינציקן דעמב, נאָר דאָראַ האָט זיך ניט באַוויזן אויף דער בעריאָזעווער אַלייע. איז ער אַוועק פון דער אַלייע צו דער ווילע. ווי יעדן טאָג ליגט די מאַדאַם לעוויט אין האַמאַק און לייענט אַ פּאָעמע. און דער מייסטער לעוויט שטייט אויפן באַלקאָן און קאָפּירט אַ בוקעט. דאָראַ אָבער איז ניטאָ. מאַכט קאַבאַלקין ווידער דעם זעלביקן טור. און דאָראַן געפינט ער אין ערגעץ ניט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אַזוי אַרומגעוואַנדערט אַהין און צוריק פון אַלייע אין ווילע, פון ווילע אין וואַלד, און דאָראַן האָט ער ניט אָפּגעזוכט. זי איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן. האָט ער זיך גע־טרייסט, אַז דאָראַ פירט דאָס מסתמא צוליב אים אַ מלחמה מיט איר טאַטן. דעריבער ווייזט זי זיך ניט.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען דאָראַ האָט זיך אַריינגעשטעלט צו די לעוויטס. דאָראַ האָט אַזאַ אומעטיקע מינע. זי איז געווען אָנ־געטאָן אין אַ מענערשן רעקל, וואָס איז אויף איר געלעגן ווי אַן אויסדרוק פון ווייבערשן טרויער. דער זומער האָט זיך שוין גערוקט צום סוף. אין די נעכט איז געווען קאַלטלעך. אין דער דאָזיקער נאַכט האָט געבלאָזן אַ ווינט. אויך די לעוויטס זיינען געווען שלעכט אויפגעלייגט. די מאַדאַם איז איינגעוויקלט אין אַ רעטאָנדע. דער מייסטער פאַרגייט זיך אין אַ קרעכץ:

— דער זומער — קרעכצט ער — קריכט שוין פון האַלז. איך צייל שוין די סעקונדע, עס זאָל זיך ענדיקן די דאַטשע . . .

פאַרקלאָגט זיך גרעטא אַריסטידאָוונאַ פאַר דאָראַ גאַראַציאָוונאַ אויף דעם קרעכץ פון איר מאַן:

— שוין צוואַנציק יאָר — רייבט די מאַדאַם איר שטערן — אַז איך דאַרף שטענדיק הערן, ווי ער ציילט די סעקונדן . . .

פאַרגלעט לעוויט זיין קרעכץ מיט אַ פילאָזאָפיע. דאָס האָט ער, מסתמא, געוואָלט אָפּהיטן זיין פאַמיליען־ערע פון דאָראַס צונג.

— יאָ, מיין טייערע, — שמייכלט ער עלעגאַנט צו זיין ווייב. — כל־זמן אַ מענטש לעבט, ציילט ער די סעקונדן. דאָס איז דער זין פון דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. אַזוי וויל גאָט. און קעגן גאָט קאָן זיך ניט שטעלן — אפילו די פרוי . . .

און די דאָזיקע פילאָזאָפיע לייגט ער פאָר צו פאַרוואַנדלען אין אַ שפּיל:

— איר ווייסט וואָס, — זאָגט לעוויט צו ביידע פרויען — זאָל יעדער איינער פון אונז דרייען דערציילן זיין שטאַרקסטן פאַרלאַנג, וואָס כדי צו דערגרייכן, ציילט ער די סעקונדן (אים, קאַבאַלקינען, לאָזט אויס דער מייסטער פון שפּיל).

— אין אַזאַ וועטער אויף אַ דאַטשע — פאַרענטפערט זיך לעוויט — שפּילן פּראָסטע לייט אין קאָרטן און אינטעלעקטועלע מענטשן פאַר־ברענגען אין אַפאָריזמען.

— איך — הויבט ער אָן פון זיך — צייל שוין די סעקונדן צו דערלעבן דעם האַרבסט. עס זאָלן קומען די רעגנס. מיין סטיכיע איז — דער מבול. אָפט האָב איך אַ געפיל, אַז מיין מאַמע איז פאַרגאַנגען מיט מיר אין טראָגן אין נח׳ס קאַסטן . . .

— וואָס טוט זיך מיט דיר, גרעטאַ? . . . — גייט לעוויט אַריבער פון זיך צו זיין ווייב,—אין אַ שפּיל, מיין טייערע, טאָר מען ניט באַ־האַלטן דעם אמת: דו האָסט עפּעס אַזאַ אויסקוק, אויף וואָס דו וואַרטסט שטענדיק מיט אומגעדולד? . . .

— אודאי האָב איך! — ענטפערט גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ — איך צייל די סעקונדן צו זיצן אויף אַ קאָנצערט מיט הערצלען און הערן די מוזיק פון בראַמסן.

— און איר, דאָראַ גאַראַציאָוונאַ?—ווענדט ער זיך צו דאָראַ ברונים — איר האָט עפּעס אַזאַ באַגער, וואָס איר ווילט וואָס גיכער דער־לעבן? . . .

פאַרוואַרפט דאָראַ דאָס קעפּל און צעלאַכט זיך דריבנע:

— איך — זאָגט זי — צייל די סעקונדן צו הייראַטן מיט אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט ניט ווינציקער ווי פופצן ווייבער און איז ניט אינגער ווי פופציק יאָר . . .

קאַבאַלקין איז אין יענער נאַכט געלעגן אין קאַטאַקאָמב און גע־פּלאָנטעט פון בושה. ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם, וואָס ער האָט

זיך אונטערגעגעבן דאָראָן אין וואַלד. ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם, וואָס ער איז נאָכגעלאָפן דאָראָן איבער סאַסאַניק. דאָראָס ענטפער וועגן איר באַגער צו אַן אַלטן באַשערטן האָט אים אויס־געניכטערט פון זיין טרוים וועגן אַ רייכן שווער.

אין זיין שאַנד איז אויך געווען האַס. געהאַסט האָט ער אויך זיך אַליין. ער האָט צו זיך געהאַט טענות דערפאַר, וואָס ער דרייט זיך אַרום צווישן גבירים אויף דאַטשעס. ווי בינקין האָט אים אָנגעזאָגט, אַז די רייכע פוסט־און־פּאַסניקעס וועלן אים צו גוטס ניט דערפירן.

ער האָט אין זיין בושה אויך געטראַכט, אַז יעדער מענטש דאַרף אַליין פאַרדינען זיין ברויט.

6

אָנהויב סעפּטעמבער האָבן זיך די לעוויטס אַריבערגעצויגן פון דאַטשע — פון זייער ווילע אין דעם וואַלד סאַסאַניק — צוריק אין שטאָט, אין זייער הויז אויף דעם ברעג דווינע. דאָס איז געווען אַ טאָג פאַר ראש־השנה.

גראָד זיינען דעמאָלט אויסגעפאַלן זייער שיינע טעג. ווי דער פרילינג וואָלט זיך אומגעקערט: דער סאַסאַניקער וואַלד האָט זיך ווידער צעגרינט; די ביעראָזאָווע אַלייע האָט זיך ווידער צעבליט. עס איז געווען אַזאַ ליכטיקע שטילקייט, אַז לעוויט, דער סטיליזירטער איד, האָט זיך באַקלאָגט פאַר די צוויי ווייבער — פאַר גרעטאַ אַריס־טידאָוונאַ און פאַר דאָראַ גאַראַציאָוונאַ, אויף זיין היסטאָרישער אידישקייט:

— אַ שאָד — האָט ער געזאָגט — —וואָס איך בין אין דעם אויפגעוואַכטן פרילינג ניט קיין געבוירענער בודיסט. דאָס איז די צרה מיט דעם מענטשן, וואָס ער זעט ניט, וואָס עס טוט זיך ביי אים אונטער דער נאָז. דער סאַסאַניקער וואַלד בעט זיך איצט פאַר נירוואַנע ניט ווינציקער, איידער אַ הימאַלאַיער באַרג.

פונדעסטוועגן האָט די סטיליזירטע אידישקייט גובר געווען אין לעוויטן זיין בודיסטישע בענקשאַפט:

— אַלס אַ פאָלקס־קינסטלער אָבער מוז איך שטיין אין די פּאַרכטיקע טעג מיט דעם פאָלקס־אידנטום. — האָט לעוויט דערקלערט

פאַר וואָס אין אַזאַ שיינעם וועטער לאָזט ער איבער זיין ווילע אין וואַלד און קערט זיך אום אין זיין סטדיאָ ביים טייך.

האָט דאָס מאָל די מאַדאַם צוגעשטימט צו איר מאַן: איר מאַטיוו איז געווען ניט אַ בודיסטישער, נאָר אַ מוזיקאַלישער:

— שוידערלעך, ווי איך האָב ליב דעם בלאָז פון שופר. אין דעם בלאָז פון שופר איז פאַראַן די קאָמפּאָזיציע פון וואַגנער. — האָט גרעטאַ אַריסטידאָוונאַ, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן האַמאַק, גענומען אויספייפן אַ „תרועה״: „טו־טו־טו״.

מיט אַ נאַכט פריער איידער די לעוויטס האָבן איבערגעלאָזט די דאַטשע, האָבן זיי דאָ אָפּגעריכט אַ באַל. די לעוויטס האָבן זיך בכלל ניט געגעבן דעם מינדסטן ריר, אַז זיי זאָלן דערביי ניט אָפּריכטן אַ פייערלעכן באַל. דער באַל איז געוואָרן זייער שטייגער. דאָס איז אַריין אין זייער בלוט. זיי האָבן זיך שוין ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַ פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייט, אָדער אַ געזעלשאַפטלעכע געשעעניש, וואָס זאָל זיך אָנהייבן און אויסלאָזן אָן אַ באַל. אַז לעוויט האָט פאַרטראַכט אַ בילד, האָבן זיי געפּראַוועט אַ באַל. אַז ער האָט פאַרענדיקט דאָס בילד, האָבן זיי ווידער אָפּגעריכט אַ באַל. בעלער צו יאָרצייטן. בעלער צו געבורטסטעג. און וואָס מער זיי האָבן אַריינגעלעבט אין יאָרן, אַלץ מער אורזאַכן האָבן זיי געקראָגן פאַר בעלער. דערהויפּט האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פון זייערע געפייערטע בעלער, זינט זיי האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם סטיל פון היסטאָרישע אידן.

ווייל אין דער זעלביקער צייט, וואָס די לעוויטס האָבן אָנגענהאַלטן דעם סטיל פון היסטאָרישע אידן, האָבן זיי ניט אָפּגעלאָזן דעם קולט פון פּאַטריאָטישע רוסן. זיי האָבן יערלעך געפייערט מיט אַ באַל דעם טאָג, ווען עס האָט זיך געעפנט דער ערשטער ציון־קאָנגרעס אין באַזעל. זיי האָבן אויך יערלעך געפייערט מיט אַ באַל דעם טאָג, ווען עס האָט זיך געעפנט די ערשטע קונסט־אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג. אַ באַל האָבן זיי אָפּגעריכט אין יעדן אידישן יום־טוב. אָן אַ באַל האָבן זיי אויך ניט דורכגעלאָזט קריסטוסעס געבורטס־טאָג. זייער אַ וויכטיקער באַל איז געווען פאַר די לעוויטס זייער לעצטער באַל אין סאָסאַניק. איידער זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן פון דאַטשע אין שטאָט. דאָס האָט זיך ביי זיי גערעכנט פאַר דעם

ערשטן באַל פונם ווינטער־סעזאָן. עס האָט זיך איינגעשטעלט דער טאָן אויף אַ יאָר: ביז דעם צווייטן האַרבסט, אָדער (לויט זייער אי־דישלעכן קאַלענדאַר) ביז דעם צווייטן ראש־השנה.

אין יענעם יאָר איז דער דאָזיקער באַל (דער לעצטער אין דאַטשע און דער ערשטער פון ווינטער) געפּראַוועט געוואָרן זייער ברייט. פון שטאָט איז זיך צענויפגעפאָרן די גאַנצע דיפּלאָמירטע אינטעליגענציע: דאָס מאָל איז אויך געקומען די אינטעליגענציע פון דעם קאָסמאָפּאָ־ליטישן פליגל, ניט בלויז פון דער ציוניסטישער „אגודה". אויך דאָרע ברונים האָט זיך באַטייליקט אין דעם באַל. ווי אויף יעדער שמחה ביי די לעוויטס, זיינען געקומען אויפן באַל דער אינזשינער בערמאַן, דער משומד, און דר. ראַטנער, דער ציוניסט — די צוויי איבערגע־געבענע און אומגעשיידטע פריינט פון דער מאַדאַם לעוויט, פון גרעטע אַריסטידאָוונאַ.

דער העלד פון באַל אָבער איז געווען קאַבאַלקין. געווען איז דאָס דער אויפטו פון דאַראַן.

אין יענעם זומער אין סאָסאָניק האָט זיך קאַבאַלקין דערטראַכט, ריכטיקער — פאַרליבט, אין אַ נייעם זשאַנער פון מאַלעריי. עס האָט אים געצויגן צו מאָלן מיניאַטורן פון אויסגעקליבענע, פאַרוואָרלאָזטע באַשעפענישן און קעגנשטאַנדן. ער האָט ניט דורכגעלאָזן מיטן פּינזל קיין איין זאַך, וואָס איז אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל. ער האָט קאָפּירט אַ צווייגל, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פונם אייגענעם בוים, אַ פּאַדקאָווע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ פערדישן פוס, אַן אייעלע, וואָס איז פאַרבליבן פון אַ פויגלשער נעסט, אַ שפּין, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אינם אייגענעם געוועב. ער האָט דעמאָלט אַליין ניט געוווּסט פאַרוואָס אים ציט צו אַזאַ זשאַנער. נאָר דאָס האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער סאָסאָניק, נאָכגעזוכט יעדע קלייניקייט, וואָס עס איז פאַרוואָרלאָזט און דאָס פאַרצייכנט אין אַן אַלבאָם. האָט זיך ביי אים אינם פאַרלויף פון די פאָר חדשים צו־נויפגענומען אַ היבשע קאָלעקציע פון אַזוינע מיניאַטורן. האָט דאָרע זיך אָנגעשטויסן אויף זיין אַלבאָם. האָט ביי איר אַזוי אויסגענומען דער זשאַנער פון זיינע מיניאַטורן, אַז זי האָט גע׳פּועל׳ט ביי דער מאַדאַם אויסצושטעלן זיי אויפן באַל, ווי אַ כיבוד פאַר די געסט.

האָט דער אַלבאָם פון קאַבאַלקינס מאַלעריי געמאַכט אַן איינדרוק

אויף דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענציע. זיין זשאַנער האָט אַרויס־גערופן אַ דעבאַטע. די דעבאַטע איז פאָרגעקומען צווישן דעם דאָק־טאָר ראַטנער און דעם קינסטלער לעוויט.

דער דאָקטאָר ראַטנער האָט געדעדנערט פון קאַבאַלקינען, וועגן דעם אַלבאָם ווי אויף אַן אסיפה פון ציוניסטן:

— וואָרהאַפטיק, ווי אחד־העם זאָגט: טרייב די נאַציאָנאַלע פּסי־כאָלאָגיע דורך דער טיר, וועט זי אַריינקריכן דורכן פענצטער. דער אידישער גייסט רעדט אפילו דורך אַן אומוויסנדיקן אינגל!... — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ זשעסט אויף קאַבאַלקינען.

— דאָס איז... — האָט דער דאָקטאָר ראַטנער געטרייסלט זיין גרויע שעוועליור און געבלעטערט קאַבאַלקינס אַלבאָם — דאָס איז אַ קאָלעקציע פון איינזאַמקייטן. איז דאָס עכט־אידיש. דאָס איז גלות: דאָס אידנטום צווישן פעלקער איז אַ קאָלעקציע פון איינזאַמקייטן...

דער מאָלער לעוויט אָבער האָט געהאַט אַן אַנדער בליק אויף קאַבאַלקינס זשאַנער:

— ערשטנס — האָט ער געשמייכלט מיט זיין שטענדיקן עלע־גישן פּעסימיזם — איז ניט ריכטיק, אַז ווען מען טרייבט אַרויס די נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע דרוך דער טיר, קומט זי אַריין דורכן פענצטער. אין דעם פונקט איז אחר־העם ניט גערעכט: אַז מען פאַרקלאַפּט שטאַרק דאָס פענצטער און די טיר איז פאַרשלאָסן, בלייבט זי איבער, די נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, אין דרויסן. ווערט זי צע־רונען אויף הפקר. די פּסיכאָלאָגיע גייט אַריבער אין אַסימילאַציע.

— צווייטנס... — האָט לעוויט אָנגעוויזן, אויף קאַבאַלקינס אַלבאָם — צווייטנס, איז אַזאַ זשאַנער פונקט דאָס פאַרקערטע פון עכט־אידיש: פון גלות. דאָס איז גאָר עכט־רוסיש: דאָס איז טשעכאָוו. ניט דער זוניקער מזרח, נאָר דער טרויעריקער סטעפּ. באַווייזט דאָס, אַז דוקא דורך אונזערע קבצנ׳ישע, אומוויסנדיקע אינגלעך רייסן זיך דאָס צו אונז אַריין די פרעמדע, די גוי׳אישע טענער. און אויך די פאָרם איז ניט־אידיש: אַלץ, וואָס עס איז עכט־אידיש, איז ניט־מיניאַטוריש. אידישקייט איז אַן עלפאַנט, ניט אַ פליג.

דערביי האָט זיך דער קינסטלער לעוויט פאַרקרימט:

— איבעריקנס, פירט מען ניט קיין דיספּוט וועגן אַ מאַלעוואַנקע...

האָט זיך דער דאָקטאָר ראַטנער פאַרענטפערט:

— דער דיספּוט איז ניט וועגן אַ מאַלעוואַנקע, נאָר וועגן אידנטום . . .

די דעבאַטע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ספּעקטאַקל: גרעטא אַריסטידאָוונאַ האָט געשפּילט אויף איר האַרמאַניק, ווי אַ בעטלער אויף אַ דודע. און דאָרא גאַראַציאָוונאַ איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געסט מיט אַ טעלער און געקליבן פון זיי נדבות. ביידע האָבן זיך פאַרשטעלט ווי אָרימע ווייבער — אין מאַנסבילשע שמאַטעס, מיט מאַנסבילשע שטימען.

דאָס האָט געהייסן אַ פילאַנטראָפּישער ספּעקטאַקל פאַר אַן „אויפ־גייענדיקן שטערן". די נדבות זיינען דאָס געגאַנגען פאַר קאַבאַלקינען, דעם יונגן קינסטלער. ער האָט שוין דעמאָלט געטראַכט, אַז דאָרא באַצאָלט דאָס אים מיט דעם פילאַנטראָפּישן ספּעקטאַקל פאַר דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן זיי אין דעם סאָסאַניקער וואַלד . . .

פון קאַבאַלקינען האָט זיך אָפּגעטאָן דאָס ביסל פרייד פון דעם, וואָס זיין אַלבאָם האָט אַרויסגערופן אויפן באַל אַן אינטערעס — אַ דעבאַטע. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך. די גאַנצע געזעלשאַפט איז אים געווען דערווידער.

זיין נחמה און נקמה אויף יענעם באַל איז געווען, וואָס פון דעם צדקה־ספּעקטאַקל האָט זיך אויסגעלאָזט אַ פאַמיליען־דראַמע.

ביים געזעגן־מאַלצייט (דאָס איז שוין געווען פאַרטאָג) איז דאָרא ברוגזים געווען אָנגעשיכור'ט. האָט זי געמאַכט שיכור'ערהייט דער מאַדאַם לעוויט אַ קאָמפּלימענט:

— גרעטא! — האָט זי אויסגערופן מיט עקסטאַז — ווען איך האָב כאָטש אַ פערטל פון דיין פיגור, וואָלט די גאַנצע וועלט געלעגן אונטער מיין קנאָפּל.

האָט גרעטא אַריסטידאָוונאַ געענטפערט אויף אַזאַ קאָמפּלימענט מיט אַ זויערער מינע:

— וואָס — האָט זי געזאָגט — קאָן איך האָבן פון מיין פיגור, אַז איך האָב אַזאַ מאַן . . .

האָט דאָס קאַבאַלקינען זייער דערפרייט, וואָס לעוויט האָט געכאַפּט אַזאַ אַפּשניט פון דער מאַדאַם. קיין גרעסערע פרייד האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט.

צענטער קאַפּיטל

1

אויף ראש־השנה איז קאַבאַלקין אָנגעקומען פון סאסאניק. אויף יום־כיפור איז זיין שטיפטאַטע אַריינגעפאַלן אין טורמע.

מאַטקעס אַרעסט איז פאַרגעקומען צו כל־נדרי ביים שטאָט־זייגער. ער האָט דאָ געזאָלט אָנקלעפּן אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן צאַר, אַלס אַן אַפּיש פון טעאַטער. דאָס האָט ער זיך מסתמא געוואָלט באַנוצן מיט דער דאָזיקער שעה, ווען די קראָמען זיינען פאַרמאַכט און אין גאַס איז פּוסט, כדי דורכצופירן זיין קאָנספּיראַציע אומבאַמערקט. האָט זיך אים ניט איינגעגעבן זיין קאָנספּיראַציע־פּלאַן. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון אַ פּאָליציי־מאַן.

אינאיינעם מיט מאַטקען דעם שטיפטאַטן איז אַרעסטירט געוואָרן קאַלעצקי דער סטודענט. אויך אין טורמע זיינען זייביידע פאַרשפּאַרט געוואָרן אין איין צעל. ווערט דער דאָזיקער געמיינזאַמער אַרעסט (און נאָך מער די געמיינזאַמע טורמע־צעל) זיין דער אַנטשיידנסטער מאָמענט אין קאַבאַלקינס לעבנס־וועג.

די קאַלעצקיס זיינען געווען אַ פאַמיליע זאַלבעדריט: דער פאָטער, דער בלינדער באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, און זיינע צוויי קינדער: דער זון זשעליאַב, אַ צוואַנציק־יאָריקער סטודענט (דאָס איז דער קאַלעצקי, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אינאיינעם מיט מאַטקען) און די טאָכטער פּערא, אַ זיבעצן־יאָריקע גימנאַזיסטין.

בלויז דאָס גרויסע רוסלאַנד אינם לאַנגן (הונדערט־יאָריקן) פּראָצעס פון רעוואָלוציאָנערן מאַרטירערטום האָט דאָס געקענט אויסכאַוועןמענטשן־טיפּן פון אַזאַ קאַליבער, ווי קאַלעצקי דער בלינדער מיט זיינע צוויי קינדער. דאָס זיינען געווען ניט סתם לייבלעכע מיטגלידער פון אַ משפּחה, נאָר היסטאָרישע מאָמענטן פון אַן עפּאָכע.

דער בלינדער קאַלעצקי איז געווען פון דעם זעלבן שניט, וואָס דער כאַרשטאַרבענער בינקין. ער איז געווען אַ טיפּ פון די אינדיווידועלע טעראָריסטן אין די זיבעציקער יאָרן. נאָך אינגלווייז האָט ער זיך שוין פאַרנומען מיט באָמבעס. אין זיין פריער יוגנט איז זיין ספּעציאַליטעט געווען — דינאַמיט. אין זיין לאַבאָראַטאָריע האָט אים אַרויסגעהאָלפן אַ גימנאַזיסטין. דאָס איז געווען בינקינס אַ קוזינע. זי האָט געהייסן ראָזע שיינער.

אַז קאַלעצקי איז געווען אַ סטודענט פונם 1טן קורס, האָט מיט אים געטראָפן אַן אומגליק אויפן גאַנצן לעבן. עס האָט עקספּלאָדירט זיינע אַן אייגענע באָמבע און אים געמאַכט בלינד אויףביידע אויגן. דאָס איז געווען אינם יאָר 1875. פונדעסטוועגן איז ער בלינדערהייט פאַרשיקט געוואָרן אויף אַ פינף־יאָריקן טערמין אין אקאַטויער קאַ־טאָרגע. איז אים נאָכגעגאַנגען אין אקאַטוי ראָזע שיינער, בינקינס קוזינע. בינקין אַליין האָט שוין דאַמאָלט אָפּגעריכט קאַטאָרגע אין נערטשינסק.

אַז דער בלינדער קאַלעצקי האָט פאַרענדיקט זיין טערמין אויף קאַטאָרגע, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט ראָזע שיינער אין אַ קאַראַנטין ביים יעניסיי. דאָס איז געווען אינם סוף ווינטער פונם יאָר 1880. אין אַ יאָר אַרום איז ראָזע געלעגן געוואָרן פון דעם בלינדן מיט אַ זון. דאָס איז אויסגעפאַלן אין איין חודש מיט דעם מאָרד פון דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2טן. דער הויפּט־העלד פון דעם צאַרן־מאָרד האָט געהייסן זשעליאַבאָוו. פאַר זיין טאַט איז ער אויפגעהאַנגען גע־וואָרן אויף דער תליה. האָבן טאַטע־מאַמע אַ נאָמען געגעבן דאָס קינד נאָך דעם דאָזיקן העלד. כדי צו פאַרקאָנספּירירן דעם נאָמען האָבן זיי אים פאַרקירצט: זיי האָבן אָנגערופן דאָס קינד — זשעליאַב, אַנשטאָט זשעליאַבאָוו.

אין דריי יאָר אַרום נאָך דעם געבורט פון זשעליאַבן איז ראָזע אין דעם סיבירער קאַראַנטין ווידער געלעגן געוואָרן מיט אַ קינד פון דעם בלינדן קאַלעצקין. דאָס צווייטע קינד איז געווען אַ מיידל. ראָזע איז געשטאָרבן פון איר צווייטער קימפּעט. זי האָט נאָר דערוויזן פאַרן טויט צו געבן דער טאָכטער אַ נאָמען. איז אויך דער נאָמען פון דער טאָכטער געווען אַן אָנדענק נאָך אַ טעראָריסט. זי האָט אָנגערופן דאָס מיידעלע פּעראָ. דאָס איז אַ קאָנספּיראַטיווע פאַרקירצונג פון סאָפיאַ פּעראָווסקאַ, וואָס איז געווען זשעליאַבאָווס פרוי און איז אינאיינעם מיט אים אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף דער תליה פאַר דעם צאַרן־מאָרד.

אַז דער בלינדער קאַלעצקי איז פאַרבליבן אַן אַלמן מיט צוויי פּיצלעך קינדער, וואָס איינס פון זיי איז געווען אַ זויג־קינד, האָט אים די רעגירונג אַרויסגעלאָזן פונם קאַראַנטין און דערלויבט אויף זיין משפּחה׳ס ערבות אומקערן זיך אין זיין געבורט־שטאָט. אין דער זעלביקער צייט וואָס קאַלעצקי האָט זיך אומגעקערט פון קאַטאָרגע אין אָקאַטוי, האָט זיך בינקין אומגעקערט פון קאַטאָרגע אין נער־

טשינסק. נאָר אין וויטבאָניע האָבן זיי זיך איינער פון דעם אַנדערן דערווייטערט, אָפּגעפרעמדט. זייערע וועגן האָבן זיך צעטיילט. בעת בינקין האָט זיך צוגעטוליעט מיט זיין טאָלסטאָיאַנישן קריסטנטום צו דער אידישער אָרעמשאַפט, האָט זיך קאַלעצקי אָפּגעזונדערט מיט זיין טעראָריסטישער דעראינערונג אין אַ גוי׳איש הינטער־געסל. ער האָט בינקינען ניט צוגעלאָזן אפילו צום קליינוואַרג. טראָץ דעם, וואָס בינ־קינען האָט אַזוי געצויגן צו די קינדער פון זיין קוזינע, וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבן אויף קאַטאָרגע אין סיביר. דער בלינדער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז פאַר אים איז אַ טאָלסטאָיאַנער — אַ פאַררעטער. און אַ פאַררעטער קאָן ניט זיין פאַר אים אַ מחותן און פאַר זיינע קינדער אַ קרוב.

קאַבאַלקין האָט זיך אָט־דאָס אַלץ דערוואוסט נאָך פון בינקינען. איז שוין דעמאָלט (אַז בינקין האָט נאָך געלעבט) האָט ער ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער דאָזיקער משפחה, בעת ער האָט אין גאָס געטראָפן דעם דריילינג אויף אַ שפּאַציר — דעם בלינדן טאַטן אינ־מיטן און ביידע קינדער, אַלס זיינע אונטערפירער. קאַבאַלקין האָט זיך פיל מאָל פאַרמאָסטן (דעמאָלט און שפּעטער) צו פאַרקערפּערן דעם צווילינג אין אַ בילד.

זשעליאַב און פעראָ זיינען ביידע געווען בלאָנדע און צאַרטע. אָפּנים אַז זיי האָבן ביידע געטראָגן זייערע נעמען אין זייער באַוואוסט־זיין — אַז זיי זיינען לעבעדיקע דענקמעלער פאַר רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער (נעמען נאָך געהאָנגענע אויף דער תליה). דאָס איז געווען קאָנטיק אין זייער מאַניער, אין זייער טאַקט. זיי זיינען ביידע געווען אַזוינע באַשיידענע, אַזוינע פאַרבענקטע. דערהויפּט האָט זיך אויף זיי אָנגעזעען דער דאָזיקער דאָפּלטער שטריך, אַז זיי האָבן געפירט אונטער די אָרעמס דעם בלינדן פאָטער. דער אַלטער קאַלעצקי איז געווען אַ פּאַטריאַרכאַלע פיגור: אַ הויכער זקן מיט אַ לאַנגער באָרד. ער האָט געטראָגן בלויע ברילן מיט ברייטע גלעזער. האָט דאָס אָפּגעשאָטנט אויף זיין בלינדן פּנים אַ טויטן קאָליר. האָבן זיי אויסגעזען זאַלבע־דריט, ווי אַ גרופּן־סטאַטוע פאַר אַ געפאַלענעם העלד. דער בלינדער — אין צענטער. און זשעליאַב מיט פעראָן — ביי די זייטן. סימבאָלן פון עלעגישן טרויער. קאַלעצקיס הויז איז אַלעמאָל געווען קאַבאַלקינס טרוים.

האָט זיך קאַבאַלקין באַנוצט מיט דער סיטואַציע (וואָס מאַטקע

און זשעליאַב זיצן אין טורמע אין איין צעל) און האָט זיך אַריינגעשטעלט צו פּעראָן מיט אַ וויזיט. איז פון דעם באַזוך ביי פּעראָן אַרויסגעקומען דער גאַנג פון זיין ביאָגראַפיע.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער סטיליזירטער אידישקייט ביי די לעוויטס און איז אַריינגעטראָטן אין דעם רעוואָלוציאָנערן עפּאָס פון די קאַלעצקיס.

2

אין קאַלעצקיס הויז האָט געדריקט זייער אַ שווערע אַטמאָספער: אַן אַנגעצויגענע, אַ פאַרוואָלקנטע. געשטאַמט האָט דאָס פון דעם אַלטן, וואָס האָט בלינדערהייט אָנגעגעבן אין הויז דעם טאָן. ער איז געווען, דער בלינדער טעראָריסט, אַ שטרענגער מענטש. קאַבאַלקין האָט דאָס דערפילט אויף זיך, ריכטיקער, אויף זיין אייגענעם פּנים, ביי זייער ערשטער באַגעגעניש.

פּעראָ האָט אים פאָרגעשטעלט פאַרן בלינדן פאָטער. זי האָט אים רעקאָמענדירט מיט זיין דאָפּלטן יחוס: אַז ער איז דער שטיפזון פון דעם סטאָליער, וואָס זיצט מיט זשעליאַבן אין איין טורמע־צעל, און אַז ער איז אויף דער לערע ביי לעוויטן אין קונסט־סטודיאָ. האָט אים דער בלינדער זקן דורכגעטאַפּט דאָס פּנים מיט אַן אַנגעשוואָלענער דלאָניע (דאָס איז ביי אים פאַרבליבן נאָך פון דער אַקאַטויער קאַטאָרגע) און אים געשטעלט אַ מאָדנע שאלה:

— דו ביסט אַ בונדאַ־אָוועץ? . . . — מיט דעם טראָפּ אויף דעם „אַלעף״. — לייג אַרויס, יונגערמאַן, דיינע קאָרטען! . . .

קאַבאַלקין איז נאָך דעמאָלט (אין דעם אָנהויב ווינטער ביים סוף פונם יאָר 1900) ניט געווען געניט אין די נעמען פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אין יענער צייט האָט ער אָנגענומען דעם נאָמען „בונדאַ־אָוועץ״ פאַר דעם נאָמען פון אַ מלאכה, פון אַ פאַך. און פאַר ניט קיין שיינעם פאַך. ווייל, בעת דער אַלטער קאַלעצקי האָט פון אים געפאָדערט: „אַרויסצולייגן די קאָרטן צי ער איז אַ בונדאַ־אָוועץ״, האָט זיך זיין בלינד געזיכט פאַרקרימט מיט אַן אָפּשפּאָטנדיקער, אַרויסרופנדיקער גרימאַסע.

קאַבאַלקין האָט זיך זייער פאַרלוירן פון דער גרימאַסע. האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זיין ביאָגראַפיע — אַז צוויי יאָר האָט ער זיך געלערנט ביי רובינשטיינען פאַר אַ שלאָסער און אַז איצט איז שוין

דאָס צווייטע יאָר, אַז ער לערנט זיך ביי לעוויטן פאַר אַ מאָלער. דערציילט האָט ער עס אין רוסיש. האָט אים דער בלינדער איבער־געריסן מיט צאָרן:

— דו, יונגערמאַן, פאַררעד מיר ניט די ציין: „שלאָסער", „מאָ־לער"... דו רעד צו דער זאַך. איך הער דאָך פון דיין שפּראַך, אַז דו ביסט אַ בונדאַ־אָוועץ. פאַר די בונדאַ־אָווצעס איז דאָך דער זשאַר־גאָן דאָס זאַלץ פון דער ערד. און דיין אַקצענט אין רוסיש איז ווי פון אַ טערק... און דו לייקנסט נאָך, דו אָפּנאַרער, אַז דו ביסט אַ בונ־דאַ־אָוועץ.

— דער „יונגער דור" ... — האָט ער זיך אַזש פאַרכלינעט, דער אַלטער טעראָריסט — אַנשטאָט צו קלאָמערן זיך אָן דעם זשאַרגאָן, וואָלסטו זיך בעסער אויסגעלערנט האַמערן אין דינאַמיט. אַז וואויל איז צו מיר, וואָס איך בין בלינד און זע ניט דעם דור, וואָס איז געקומען נאָך מיר.

פּעראַ איז אַרויפגעפאַלן דעם פאָטער אויפן האַלז מיט אַ געבעט:

— פּאַפּאַ!...

האָט דער פאָטער אָפּגעשטופּט פון זיך די טאָכטער מיט אַ פאַר־וואורף:

— „פּאַפּאַ, „פּאַפּאַ"... דיר געפעלט ניט, אַריסטאָקראַטין, מיין עטיקעט. דיין אידעאַל איז אַ קאָמפּלימענט. אין דיינע יאָרן איז שוין דיין מאַמע לאַנג געווען אויף קאַטאַרגע געשמידט אין קייטן, ניט גע־זעסן אויף טשעכאָוון פאַרטיפט אין ראָמאַנסן.

און ווי כדי אונטערצושטרייכן זיין עגמת־נפש פון דעם, וואָס זיין טאָכטער איז שוין אַלט זיבעצן יאָר און זי איז נאָך אַלץ ניט אויף קאַ־טאָרגע, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעזונגען, דער בלינדער פאַטריאַרך, מיט אַן אַרעסטאַנטיש ליד. ער האָט געזונגען מיט אַ פאַרביסענער ליפּ, מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

ניט פאַר שיכרות, ניט פאַר גאַזלאָוואַניע,
נאָר פאַר דער וועלט, דער גאָרער
בין איך פאַרטריבן פון מיין אייגן לאַנד".

איז יעדער פּערז פונם ליד געווען אַ שטאָך אין פּעראַן. פּונקט ווי דער אַלטער קאָלעצקי האָט, אין זיין אומצופרידנהייט

מיט דעם יונגן דור, זיך ניט גערעכנט מיט זיין צאַרטער טאָכטער, אַזוי האָט ער ניט געשוינט אַפילו זיין אַרעסטירטן זון.

עס איז געווען אַ ווינטער־טאָג מיט זון־שיין. פּערל האָט זיך אומגעקערט פון גאַס מיט אַ בשורה פאַרן פאָטער. דער דאָקטאָר ראַטנער איז געווען ביי אַ פּאַציענט אין טורמע. האָט ער דאָרטן גע־טראָפן אין אַ צעל זשעליאַבן. האָט אים זשעליאַב געבעטן איבערגעבן דער פאַמיליע, אַז ער איז געזונט און אַז ער דערוואַרט אַ פאַרהער ביים פּראָקוראָר.

פּערל איז בעת־מעשה געווען אַנגעטאָן אין ווייסן. אין אַ ווייסן סוועטער. אין אַ ווייס היטעלע. אויף איר בלאָנד געזיכט האָט גע־שטראַלט אַ ראָזעווער גלאַנץ. זי האָט געשיינט פון פרייד, ניט בלויז פון פראָסט. נאָר דער פאָטער, אַנשטאָט צו דערפרייען זיך מיט דער בשורה פון זון, האָט אויסגעלאַכט מיט סאַרקאַזם די טאָכטער:

— ער וואַרט אויף דעם פּראָקוראָ־אָר . . . — האָט זיך דער אַל־טער פאַרקרימט מיט אַ גרימאַסע וועגן זשעליאַבן, ווי בעת ער האָט אויפגעוואָרפן קאַבאַלקינען, אַז ער איז אַ בונדאַ־אָוועץ. — אין אונזערע צייטן האָט מען געוואַרט אויף דער תליה. און ער וואַרט אויף דעם פּראָקוראָ־אָר. אַז דער רעוואָלוציאָנער איז אַ שטיליטשקער, איז דער זשאַנדאַרם אַ גוטינקער . . . אָן טעראָר וויל ער איבערמאַכן, דער „העלד", די וועלט. נאָר מאַרקס גייט אים אָן, דעם מנובל. ער וויל, זאָגט ער, רעוואָלוציאָניזירן די מחות פון די שקלאַפן, ניט האַקן די קעפּ פון די האַרן. ער האָט צייט. און דאָס איז מיין זון . . .

נאָך דעם ווי דער בלינדער האָט אַזוי אויסגעזידלט זיין זון, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין טורמע, האָט ער זיך אָוועקגעשאַרט צו זיך אין „יורטע". דאָס איז געווען דער נאָמען פון זיין צימער. „יורטע" האָט עס געהייסן, דאָס צימער, ווייל עס האָט ניט געהאַט קיין איין שטיקל מעבל. עס איז געווען פּוסט. בלויז דער דיל איז געווען באַלייגט מיט אַ פּעלץ. דאָס איז געווען ביי אים אַן אָנדענק אויף סיביר.

קאַבאַלקין און פּערל זיינען געבליבן אַליין. די טורמע, וואָס האָט פאַרברידערט זשעליאַבן מיט מאַטקען, האָט אויך פאַרברידערט פּערלאָן מיט קאַבאַלקינען. האָט זיך פּערל פאַרקלאָגט פאַר קאַבאַלקינען אויף איר פאָטער:

— דער פּאַפּאַ . . . — האָט זיך פּערל אַראָפּגערעדט פון האַרצן — דער פּאַפּאַ איז אַ גרויסער מענטש, אַ הייליקער מענטש. נאָר ער

הויזט ניט מיט זשעליאַבן. דערפֿאַר וואָס זשעליאַב איז פֿאַר פּראָפּאַ־גאַנדע, און ער איז פֿאַר טעראָר. שוין צוויי יאָר, אַז דער פּאַפּאַ האָט מיט אים ניט אויסגערעדט אַ וואָרט. ער וויל פֿון אים ניט אָננעמען אַ גרוס אַפֿילו פֿון טורמע. ליידן אַלע אַזוי פֿון דעם. דער פּאַפּאַ ליידט. זשעליאַב ליידט. און איך לייד פֿון זיי, פֿוןביידן . . .

ביי פּעראָן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. כּדי צו פֿאַרגרינגערן אירע ליידן פֿון דער פֿאַמיליע (אין דעם קאָנפֿליקט צווישן איר בלינדן פֿאָטער און איר אַרעסטירטן ברודער וועגן אינדי־ווידועלן טעראָר און פּראָלעטאַרישן קאַמף), האָט פּעראָ זיך געטרייסט מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון איר מוטער. צוויי אַזעלכע פֿאָטאָגראַפֿיעס האָט זי געהאַט. איין פֿאָטאָגראַפֿיע איז געווען פֿון איר מאַמעס גימ־נאַזיע־יאָרן. אַ בלאָנד, דין מיידעלע אין אַ פֿאַרטוכל און אַ קאַפּעָ־ליושל. די צווייטע פֿאָטאָגראַפֿיע איז געווען פֿון דער מאַמעס קאַ־טאָרגע־יאָרן — אין אַ כאַלאַט און קייטן.

אין דער אָנגעצויגענער אַטמאָספֿער פֿון קאַלעצקיס הויז האָט מסתּמא געהאַט אַ חלק די איבערגעטריבענע קאָנספּיראַציע פֿונם אַמאָליקן טעראָריסט. דער בלינדער איז שטענדיק געווען אויף דער וואַך. אין הויז איז געווען אַ דינסט. איז זי געווען אַ שטומע. איז דאָס ניט געווען קיין צופֿאַל. דאָס איז געווען צוליב קאָנספּיראַציע. אויך צו קאַבאַלקינען האָט דער אַלטער אַרויסגעוויזן זיין פֿאַרזיכטי־קייט, זיין וואַכזאַמקייט: אַז קאַבאַלקין האָט אָנגעהויבן אָפֿט צו באַ־זוכן פּעראָן, האָט ער אים איינמאָל שטרענג אָנגעזאָגט:

— אויב דו ווילסט, בחור׳עק, זיך באַפֿריינדן מיט מיין טאָכטער, איז טו אונז די געפֿעליקייט, נאָר פֿריער דאַרפֿסטו זיך אויסלערנען איינהאַלטן די צונג אונטער די ציין . . .

פֿון צייט צו צייט האָט דעם אַלטן באַזוכט אַ גאַסט. מערסטנס איז דאָס געווען אין אָוונט. דער גאַסט איז געווען אַ מאַן אין דעם אָנהויב פֿון די מיטעלע יאָרן. אַ פֿעסטער, אַ בלאָנדער מיט אַ שפּיציק בערדל און זייער אַ הויכן שטערן. האָבן זיי זיך יעדעס מאָל זאַלבענאַנד פֿאַר־פֿאַרט אין יורטע אונטער אַ שלאָס, און אַהין ניט אַריינגעלאָזט אַפֿילו פּעראָן, די טאָכטער.

בלויז איין מאָל האָט קאַבאַלקין אונטערגעהערט אַ געשפּרעך צווישן דעם אַלטן טעראָריסט און זיין אינגערן גאַסט. אייגנטלעך איז

דאָס נאָר געווען אַ פראַגמענט פון אַ געשפרעך. וועט ער וועגן דעם דאָזיקן פראַגמענט נאָכדענקען אַ לעבן.

דער בלינדער און דער גאַסט זיינען ביידע אַרויסגעקומען פון יורטע. דער גאַסט האָט זיך שוין אָפּגעזעגנט מיט דעם בלינדן. נאָר דער בלינדער האָט ניט אָפּגעלאָזט דעם גאַסט. ער האָט זיך נאָך אים נאָכגעשאַרט און אין אים אַריינגעג'טענה'ט:

— „אמת" ... „אמת"! ... דאָס איז, גרעגאָרי אַנדרעיעוויטש, אַן אָפּגעריבענע מטבעה. וואָס איז: „אמת"? די אַפּאָסטאָלן האָבן זיכער ניט געגלויבט אויף אַן אמת, אַז קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן נאָכן טויט. דאָס איז געווען אַ שקר. פונדעסטוועגן האָט דאָס קריסטנטום מיט דעם דאָזיקן שקר אויף טויזנטער יאָרן באַהערשט די וועלט. וויכטיק איז דווקא דאָס, וואָס אַ מענטש טראַכט־אויס, ניט דאָס וואָס אַ פלאָפּלער דערציילט־איבער. ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי שקר. אמת איז פלאַך. אמת איז אַריפמעטיק. שקר איז — גייסט. שקר איז — קונסט. דאָס, וואָס איז היינט שקר, וועט מאָרגן זיין — לעגענדע. און לעגענדע איז — מענטשהייט. לעגענדע איז — אייביקייט. אָן לעגענדע (און דאָס מיינט אָן ליגנס) ווערן ניט געמאַכט קיין רעוואָלוציעס.

3

— אַנו, מיין בונדאָוועץ! באַווייז דיין קאַלאַטור! ...

מיט דעם דאָזיקן סאַרקאַזם האָט דער בלינדער איינמאָל גענומען אויף אַ פאַרהער קאַבאַלקינען.

ער האָט אים נאָך אַלץ גערופן „בונדאָ־וועץ", טראָץ דעם, וואָס ער האָט שוין געוואוסט זיין ביאָגראַפיע.

— עס איז פאַראַן — האָט דער אַלטער דערקלערט קאַבאַלקינען — צוויי וועגן ווי אַזוי גרינטלעך צו דערקענען אַ מענטשן: צי דו קאָנסט זיך אויף אים פאַרלאָזן, אָדער ער וועט דיך פאַרראַטן. איין וועג איז דער בליק פון דעם מענטשן. דער צווייטער וועג איז די שטים פון דעם מענטשן. דער ערשטער וועג איז ניט פאַר מיר, ווייל איך בין בלינד. דעריבער וויל איך אויף דיר אויספּרובירן דעם צווייטן וועג. איך וויל אויסהערן, מיין טייערער בונדאָ־וועץ, דיין אינעווייניקסטע מעלאָדיע. דעמאָלט וועל איך באַשליסן: צי דו ביסט אַן ערנהאַפטער מענטש, אָדער דו ביסט אַ צווייפלהאַפטער פויגל ...

— איך האָב נאָך — דערציילט ער — מיט 25 יאָר צוריק, באַלד נאָך דעם ווי איך בין בלינד געוואָרן, באַווייזן אין טורמע, אַז מיך קאָן מען ניט אָפּנאַרן מיט אַ שטים. אַז מען האָט צו מיר אין צעל אַריינגעזעצט אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָב איך דערקענט דעם חזיר, לויט זיין קוויטש.

קאַבאַלקין האָט ניט פאַרשטאַנען, וואוהין ער צילט מיט דעם פאַרהער. נאָך ווינציקער האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט דעם איינפאַל. פרעגט ער דעם אַלטן:

— איר ווילט, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, אַז איך זאָל פאַר אייך עפּעס אויסזינגען ? . . . (קאַבאַלקין האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַ זינגער).

— ניין ! — ענטפערט דער אַלטער — איך דאַרף ניט קיין אַריע פון אַן אָפּערע. איך דאַרף אַ שטים פון האַרצן.

דער בלינדער ציט אַרויס פון אונטער זיין קאַמזויל אַ מאַנוס־קריפּט, און דערלאַנגט אים קאַבאַלקינען אין ברוסט:

— לייענט דורך אויפן קול — זאָגט ער אים — וואָס דאָ שטייט געשריבן. וועל איך שוין טרעפן דיין נשמה דורך דיין דעקלאַמאַציע.

דער מאַנוסקריפּט איז אַ פאַרשמאַלצענער. דער כתב איז אַן אָפּ־געריבענער. אויף קאַבאַלקינען פאַלט אַן אַן אימה: דער בלינדער סטראַשעט אים מיט אַ גראַם:

— אָט־דאָס קליין פּאַפּירעלע האָט אין זיך די מאַכט צו אַנט־בלויזן דעם דעקלאַמאַטאָר, אויב ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. דאָס איז דאָס גרויס וואָרט, וואָס פאַרטראָגט ניט דעם פאַלשן טאָן. אָדער לייען דורך, אָדער טראָג זיך אָפּ !

קאַבאַלקין נעמט זיך אָן מיט מוט נאָך אַזאַ אולטימאַטום. ער לייענט אויפן קול פונם מאַנוסקריפּט. דאָס איז געווען אַ באַשרייבונג ווי אַזוי סאָפיע פּעראָווסקאַ (נאָך וועמען פּעראַ קאַלעצקי איז געווען אַ נאָמען) איז געגאַנגען אויף דער תליה פאַר דעם וואָס זי האָט זיך באַטייליקט אין דעם טעראָריסטישן אַקט אויף דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

די דאָזיקע באַשרייבונג האָט געמאַכט אויף קאַבאַלקינען אַזאַ איינ־דרוק, אַז ער האָט זיך פאַרכלינעט בעת ער האָט פאַרגעלייענט. און אַז עס איז געקומען, אין דער באַשרייבונג, צו דעם ווי פּעראָווסקאַ

האָט זיך געבעטן פאַר דער תליה צו מאַכן לויזער אירע אָרעמס פון די פענטעס און דער אָפיצער האָט איר געענטפערט, אַז עס וועט איר נאָך מער דריקן, בעת די פענטעס וועלן אַרומנעמען איר גאָרגל, האָט ער זיך, קאַבאַלקין, אָפּגעשטעלט. ווייטער האָט ער ניט געקאָנט לייענען. ער האָט דערפילט, אַז דאָס וואָס עס האָט געטראָפן אַמאָל מיט סאָפיע פעראָווסקאַ וועט ווען עס איז פאַרקומען מיט פערע קאַ־לעצקי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דער באַשרייבונג פון פעראָווער־סקאַן פרובירט דאָס אויס דער בלינדער פאָטער די באַציאונג זיינע צו דער טאָכטער. פערע איז בעת־מעשה ניט געווען אין הויז. זי איז גע־ווען אין טורמע ביי איר ברודער. זי האָט אין יענעם טאָג געהאַט אַ זעאונג מיט זשעליאַבן. דער עקזאַמען איז פאַרגעקומען ביי דעם אַלטן אין „יורטע״. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ סאַד. עס איז געווען ווינטער. די פאַרשנייטע בוימער האָבן אויסגעזען קאַבאַלקינען ווי אויפגעשטעלטע תליות. האָט ער זיך געבעטן ביי דעם בלינדן טער־ראָריסט :

— באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, דעם סוף וועלן מיר אָפּלייגן אויף שפּעטער . . .

קאַבאַלקין האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. זיין שטים האָט אויסגענומען ביי דעם אַלטן. ער ענטפערט אים אויף זיין געבעט :

— רוק זיך צו נעענטער צו מיר, „בראַטאָק״ (ברודערל).

קאַבאַלקין האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט פון דעם, וואָס דער בלינ־דער רופט אים „בראַטאָק״, ניט בונדאָוועץ. דער בלינדער שטרעקט־אויס די הענט. מיט איין האַנט טאַפּט ער אָן זיין קאָפּ. מיט דער צווייטער נעמט ער אָן זיין גאָמבע.

דו, „בראַטאָק״ — זאָגט ער צו אים — ווערסט זיין אַ מענטש : דיין שטים איז אַן עדות. דיר איז שווער דורכצוקריכן מיט דער צונג. דאָס איז גוט. דו זאָלסט זיך נאָר ניט אַריינלאָזן אין טרערן. אַ טרער איז אויך גוט, אַז זי פירט צו נקמה, אַז זי איז אויל אויפן פייער, ניט אַ קראַץ פאַר אַ וואונד. אויף צוויי וועגן דאַרפן גיין אָרעמע מענטשן. איין וועג איז — קנאָה. דער צווייטער וועג איז — נקמה. פאַר דעם אָרעמען, פאַר דעם באַליידיקטן איז קנאָה — די שטרעבונג צו גלייכ־הייט. און נקמה — דער אויסדרוק פון גערעכטיקייט.

טראָץ דעם, וואָס די דאָזיקע פילאָזאָפיע איז געווען אַ הארבע, האָט

קאַבאַלקין אין איר דעמאָלט געפילט מער טרויער, ווי בייזקייט. טרויער פון אַנמעכטיקייט, פון הילפלאָזיקייט. דער אַלטער, בלינדער רעוואָלוציאָנער איז מיט אים געוואָרן אינטים. ער האָט אים אָנגעהאַלטן פאַר דער גאַמבע און אויסגערעדט פאַר אים דאָס האַרץ. ער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר אים אויף זיין גורל און אויף זיין משפחה:

— שווער, „בראַטאַק", צו זיין בלינד און איינזאַם. נאָך שווערער, ווי קייטן און קאַטאָרגע. איך האָב פיל דורכגעטראַכט אין מיין בלינדער וועלט. ווילט זיך דאָס דורכגעטראַכטע איבערלאָזן פאַר דעם נייעם דור, פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציע. האָב איך ניט וועמען צו דיקטירן, כדי דאָס צו פאַרצייכענען. אויף אַ פרעמדן מענטשן קאָן מען ניט אַלץ פאַרטרויען. און פאַר אַן אייגן קינד קאָן מען ניט אַלץ דערציילן. מיר האָבן זיך מיינע קינדער ניט איינגעגעבן. ניט וועגן אַזוינע יורשים האָב איך דאָס געטרוימט מיט מיין פאַרשטאָרבן ווייב אויף דער אקאטויער קאַטאָרגע. מיר האָבן געטרוימט וועגן קינדער־טעראָריסטן, וואָס וועלן אויפרייסן די וועלט. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער זון מיינער, זשעליאַב, איז צו־קלוג. און די טאָכטער מיינע, פעראָ, איז צו־גוט.ביידנס כאַראַקטערן זיינען ניט פאַר ריכטיקע רעוואָלוציאָנערן.

נאָך דעם, ווי דער בלינדער רעדט אַזוי אויס דאָס האַרץ, מאַכט ער קאַבאַלקינען אַ קאָמפּלימענט:

— דו, בראַטאַק, געפעלסט מיר . . .

דערביי מאַכט ער אים אַ פאָרשלאָג:

— מיין עצה איז, בראַטאַק, אַז דו זאָלסט זיך אַריינקלייבן צו מיר. מיר וועלן לעבן אינאיינעם. אַמאָל וועסטו פאַר מיר דורכלייענען עטוואָס פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. אַמאָל וועסטו פון מיר פאַרצייכענען עטוואָס פון מיין טעראָריסטישער פּראַקטיק.

— דאָס וועט זיין — זאָגט ער אים צו — פאַר ביידן גוט: איך וועל צוליב דעם אָוועקגיין אין קבר, ווי אַ מענטש. און דו וועסט דערווייל דורכגיין די שולע פון אַ רעוואָלוציאָנער . . .

און אין דעם אָוונט פון יענעם טאָג האָט זיך פאַר קאַבאַלקינען פעראָ באַגאָסן מיט טרערן. ווי דער פאָטער האָט אים דעמאָלט אָנגעהויבן רופן „בראַטאַק", אַזוי האָט אים די טאָכטער דעמאָלט אָנגעהויבן רופן „וואָלאָדיאַ".

— טייערער וואָלאָדיאַ, — האָט זי פאַר אים געוויינט, — קיינער

פֿאַרשטייט ניט מיין טראַגישע לאַגע. דאָס לעבן פֿליסט. און איך — גליווער. איך רייד ניט וועגן זיך, — האָט זי זיך צעשמייכלט אין איר געוויין — איך רייד וועגן דער רעוואָלוציע. דער פּאַפּאַ איז אויף מיר בייז. און ער איז גערעכט: איך בין שוין אַלט זיבעצן יאָר און האָב נאָך ביז איצט אַ פֿינגער אָן אַ פֿינגער ניט אַ קלאַפּ געטאָן פֿאַר דער רעוואָלוציע. די שענסטע יאָרן גייען אַוועק אין פּוסטע זאַכן. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז איך קאָן פֿאָרט ניט איבערלאָזן דעם פּאַפּאַ און אַוועקגיין אין טעראָר. זשעליאַבאָן איז גוט. ער איז אַ מאַן. ער איז שטאַרק. איך קאָן ניט, וואָלאָדיאַ, פֿאַרלאָזן דעם פּאַפּאַ בלינ־דערהייט איינעם אַליין אין איינזאַמקייט.

— ווען איך וואָלט ניט דאַרפֿן באַזאָרגן דעם פּאַפּאַ — האָט זיך פּערע אַזש צערעוועט — וואָלט . . . וואָלט איך שוין לאַנג דערשאָסן דעם גובערנאַטאָר.

4

מאָטקע זיצט אין טורמע. די מאַמע רעדט פֿון היץ. זי איז פֿאַר־בליבן פֿון מאָטקען אַ טראַגעדיקע. איז זי אַרומגעגאַנגען אין פּאַדלאָ אַ צעמישטע. זי האָט געקראָגן אַפּטע ספּאַזמעס. די קליינינטשקע מאַמע איז געוואָרן אַזוי דיק, אַז עס זעט זיך אַרויס בלויז איר פּנים. און אַז זי ספּאַזמירט, זעט זיך ניט אָן אויך איר געזיכט. עס הערט זיך נאָר איר קול. וויינט דאָס קול פֿאַר קאַבאַלקינען:

— דיין מאַמע, מיין זון, איז אַן אומגליק, ניט אַ מענטש. איין מאַן, דעם טאַטן דיינעם, האָב איך פֿאַרטריבן אין אַמעריקע. דעם אַנדערן מאַן, דעם ברילִיאַנט אונזערן, האָב איך פֿאַרשיקט אין טורמע. צוליב וואָס דאַרף דאָס אַזאַ פּרוי ווי איך לעבן אויף דער וועלט? אַ־אַ־אַ . . .

אין שטיבל האָט זיך אומגעקערט דער דלות, ווי אַמאָל איידער עס האָט זיך אַנטפּלעקט מאָטקע. דער דלות איז נאָך געוואָרן וויסטער ווי דע־מאָלט. די צוויי קליינע שוועסטער (וואָס איינע איז אַלט געווען צוועלף יאָר און די אַנדערע עלף יאָר) זיינען שוין געוואָרן דינסטן אין פֿרעמדע הייזער. ביז די מאַמע וועט אָפּהאָבן. אָדער ביז מען וועט מאָטקען אַרויסלאָזן.

פֿאַר קאַבאַלקינען אָבער האָט די ראָמאַנטיק פֿון דער רעוואָלוציע

פאַרשטעלט דעם ווייטיק פון דער מאַמען. ער לאָזט זי איבער אַליין און גייט אָוועק צום בלינדן. פונקט אַזוי האָט די ראָמאַנטיק פון רע־וואָלוציע ביי אים אָפּגענומען די נייגונג צו מאַלעריי. ער האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעריסן פון לעוויטן און זיין סטודיאָ און איז אינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען צו קאַלעצקין און זיין יורטע. בייטאָג און ביינאַכט איז ער ביי די קאַלעצקיס.

קאַבאַלקין האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דעם בלינדן: ער איז געוואָרן זיין פאַרלייענער פון אומלעגאַלער ליטעראַטור, זיין אויפצייכענער פון טעראָריסטישער פּראַקטיק.

בייטאָג האָט ער פאַרבראַכט מיט פערזאָן אַרום טורמע. זיי האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן דורך די גראַטעס זשעליאַבן און מאַט־קען, די צוויי פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. בלויז ווען־ניט־ווען האָבן זיי בייטאָג אינאיינעם געלייענט די רוסישע קלאַסיקער. און ביינאַכט האָט ער זיך פאַרשפּאַרט מיט דעם בלינדן אין יורטע, וואו ער האָט פאַר אים פאַרגעלייענט פון די געהיימע ביכער.

דאָס איז דער בלינדער באַשטאַנען אויף דעם, אַז דוקא ביינאַכט זאָל געהאַלטן ווערן די פּירזאַגונג:

— זינט איך האָב אָנגעוואוירן די ראיה, האָט זיך ביי מיר אַזוי פאַרשאַרפט דאָס געהער, אַז דער מינדסטער שאָרך קלינגט מיר אין די אויערן ווי אַ וואולקאַנישער בראַך — דערציילט דער בלינדער — נאָר ביינאַכט קאָן איך זיך קאָנצענטרירן אויף אַ געדאַנק. אין דער טיפער נאַכט פיל איך זיך, ווי אין טורמע אין אַן איינצעלנער קאַמער.

אין יורטע ברענט אַ לאָמטערן. אויפן דיל ליגט אַ פעלץ. אויפן פעלץ ליגט דער בלינדער. ער ליגט אויפן פעלץ, ווי אין אַ טרומנע. און קאַבאַלקין לייענט פאַרן שיין פון לאָמטערן אין דער שפּעטער נאַכט ביאָגראַפיעס פון רעוואָלוציאָנערן אין די זיבעציקער יאָרן. ער לייענט זיי, די ביאָגראַפיעס,ביים צוקאָפּנס פונם בלינדן, ווי ער וואָלט געזאָגט תהלים ביים צוקאָפּנס פון אַ טויטן.

דער בלינדער ווייסט די ביאָגראַפיעס אויף אויסווייניק. ער האָט געקאָנט די העלדן פון דערפאַרונג. איידער קאַבאַלקין הויבט־אָן אַ ביאָגראַפיע, מאָלט פאַר אים אויס דער בלינדער דעם פּאָטרעט: ווי דער רעוואָלוציאָנער האָט אויסגעזען, וואו ער איז אומגעקומען: אויף דער תליה, צי אויף קאַטאָרגע. אייניקע פון זיי לעבן נאָך. דערציילט

דער בלינדער, וואו זיי געפינען זיך: ווער עס איז פאַרמויערט אין שליסלבורג. ווער עס איז צוגעשמידט אין אַקאַטוי.

קאַבאַלקינען דאַכט זיך (בוכשטעבלעך), אַז ער הערט דאָ, אין יורטע, דאָס כאָרכלען־געוואָרג פון די געהאַנגענע, דעם קייטן־געקלאַנג פון די פאַרשמידטע. בלויז איינער פון זיי האָט זיך געראַטעוועט. און דאָס איז דער בלינדער קאַלעצקי.

— באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש — זאָגט ער צום בלינדן — באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש! ווען וועט דאָס שוין קומען די רעוואָלוציע? איז פאַראַן פאַר איר אַן אָפּגעשטעלטע צייט? ווי לאַנג קאָן עס זיך נאָך ציען?

הויבט זיך אויף דער בלינדער פון זיין געלעגער, וואָס איז אויס־געבעט, ווי אַ טרומנע. אויף אים פאַלט די שיין פון דער לאַמטערן. אויף זיין טויטן געזיכט באַוויזט זיך אַ ברייטער־שמייכל. איבער דער יורטע טראָגט זיך אַ געזאַנג: דאָס זינגט דער בלינדער זקן:

— זי וועט קומען, בראַטאַק, די רעוואָלוציע. זי רייסט זיך צו אונז, ווי מיר רייסן זיך צו איר. מיר קאָנען ניט באַשטימען דעם פּינקטלעכן טערמין. נאָר דאָס קאָן געשען יעדן טאָג. זי שטייט שוין נאָענט, די געבענטשטע, די געוואָרטע, די געגאַרטע.

— אויף קאַטאָרגע — דערציילט דער בלינדער אַ מעשה — אויף קאַטאָרגע אין אַקאַטוי האָב איך געהאַט אַ חבר אויף דער נאַרע, צוקערמאַן האָט ער געהייסן, דער חבר. זיין ערשטער נאָמען איז געווען לייזער. ער איז געווען אַ שקלאָווער דרוקער. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער רעוואָלוציאָנער: אַ געלערנטער העברעיער. אַ מור־טיקער טעראָריסט. האָב איך אין אַ פאַרצווייפלטער מינוט געשטעלט צוקערמאַנען אויך אַזאַ אומגעדולדיקע פראַגע:

„לייזער, לייזער! ווען וועט דאָס שוין קומען די רעוואָלוציע? ווי לאַנג קאָן עס זיך נאָך ציען?"

— ענטפערט מיר צוקערמאַן מיט אַ משל:

„עס האָט אַמאָל, באָריס, געלעבט אַ צדיק, וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעשלאָפן אין שטיוול. האָט מען אים געפרעגט: רבי, פאַרוואָס צית איר פון זיך ניט אַראָפּ די שטיוול, איידער איר לייגט זיך אַריין אין בעט? האָט דער צדיק געענטפערט: „און ווי וועט זיין, אַז משיח קומט, בעת איך שלאָף? זאָל משיח אָפּלייגן די אויסלייזונג ביז איך וועל אַנטאָן די שטיוול? . . ."

— יעדער רעוואָלוציאָנער, בראַטאַק, דאַרף זיך נעמען פאַר אַ מוסטער אַזאַ צדיק. מיר דאַרפן שטענדיק זיין גרייט: די רעוואָלוציע איז נאָענט.

אין אַ ווינטערדיקער נאַכט אַזאַ (בעת ער לייענט, קאַבאַלקין, פאַר דעם אַלטן קאַלעצקין אַ רעוואָלוציאָנערע ביאָגראַפיע) שטעלט זיך אַריין אין יורטע דער גאַסט, וואָס קומט צום בלינדן פון צייט צו צייט און פאַרשפּאַרט זיך מיט אים אויער־אויף־אויער. דאָס איז דער פּעסטער, בלאָנדער מאַן מיטן שפּיציקן בערדל און זייער הויכן שטערן.

דאָס מאָל לאָזט איבער דער בלינדער קאַבאַלקינען אין יורטע, בעת ער רעדט זיך פאַנאַנדער מיטן גאַסט.

— דו מעגסט בלייבן, — זאָגט ער צו אים — דאָס וועט דיר צו־נוץ קומען.

און דעם גאַסט זאָגט ער:

— ער מעג הערן: דאָס איז אַ בראַטאַק, ניט אַ בונדאַ־אָוועץ.

— וואו האָסטו אַרומגעשוועבט, אַדלער? — ווערטלט זיך דער בלינדער מיט דעם גאַסט.

— פון דער וואָלגע ביז באַיקאַל, — ווערטלט זיך צוריק דער גאַסט מיט דעם בלינדן.

לאָמיר רעדן ערנסט, — בעט זיך דער בלינדער. — וואָס הערט זיך נייעס אין דער צאַרישע אימפּעריע?

— עס הערט זיך גוטעס, באַריס אַלעקסאַנדראָוויטש, — טרייסט אים דער גאַסט, — עס הויבט זיך דער סטודענטישער שטראָם.

רונצלט זיך אָן דער בלינדער זקן:

— איך גלויב ניט אין דעם סטודענט. כאָטש האַק מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, וועל איך זיך ניט פאַרטרויען אַזאַ טיפּ. דו קאָנסט דעם סטודענט אויספּרובירן אויף טעראָר. דו טאָרסט אים אָבער ניט דער־לאָזן צום פאָלק. ווי גאָט איז דיר ליב, גרעגאָרי אַנדרעיעוויטש, האַלט שאַרף דאָס אויער מיט דעם סטודענט. דאָס האָט דאָך אַ סטודענט דעמאָראַליזירט אונזער אַנהויב. ווען ניט יענער סטודענט, וואָלט מען ניט באַדאַרפט אונזער גאַזלאָוואָיע.

— וועמען מיינט איר עס, באַריס אַלעקסאַנדראָוויטש? — פרעגט דער גאַסט.

— דעם אַפּאָסטאָל פּאַוול מיין איך עס, — ענטפערט דער בלינ־דער. — אַ רייכער סטודענט איז ער געווען, דער הייליקער אַפּאָסטאָל.

אַ רוימישער בירגער. אַ פיינער לאַטייניסט. ער איז געקומען פון תרשיש אין ירושלים שטודירן טעאָלאָגיע. אַ סטודענט, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ ווייסן אונטערשלאָג. האָט ער געהאַסט, דער אַפּאָסטאָל, דאָס קריסטנטום. פריער האָט ער געוואָלט אויסוואָרצלען די קריסטן דורך דעם, וואָס ער האָט פאַרפאָלגט די פישער פון גליל. דערנאָך האָט ער אויסגעוואָרצלט די קריסטן דורך דעם, וואָס ער האָט זיי געמאַכט פאַר די הערשער פון רוים. ער האָט געמאַכט די לערע פון די אָרעמע צוגענגלעך פאַר דער הולטאַיסטווע פון די רייכע. און דאָס איז דער סוף פון אַלע גרויסע אידייען, אַז זיי קריכן אַריין אין די הויכע פענ־צטער: דער פּאָפּ און די אינקוויזיציע . . .

דער גאַסט האָט אונטערגע׳חוזק׳ט פון דעם בלינדן, בעת יענער האָט באַשולדיקט אין דעם אַפּאָסטאָל דעם סטודענט:

— אוי־וואַ, — ס׳אַראַ לאַנגן שפּרונג איר האָט דאָס געמאַכט, באָ־ריס אַלעקסאַנדראָוויטש.

האָט זיך דער בלינדער באַליידיקט. ער האָט שאַרף קאָרעגירט דעם גאַסט:

— ניין, גרעגאָרי אַנדרעיעוויטש. ניט אַ לאַנגן שפּרונג האָב איך געמאַכט, נאָר איך האָב געצויגן אַ היסטאָרישע ליניע.

בעת דער גאַסט האָט גע׳חוזק׳ט פון דעם אַלטן, האָט ער געקוקט אויף קאַבאַלקינען. צווישן זייביידן האָט זיך דאָ דעמאָלט איינגע־שטעלט, אין דעם בלינדנס יורטע, אַ נאָענטער קאָנטאַקט. קאַבאַלקין האָט דאָס געפילט. אַז דער גאַסט האָט פאַרלאָזן די יורטע, האָט ער אים דערלאַנגט די האַנט. בעת ער האָט אים געדריקט די האַנט, האָט ער אים ווי אַריינגעמורמלט אין אויער:

— היט זיך, יונגערמאַן, פון דער היסטאָרישער ליניע. דערהויפּט דאַרפן מיר, אידישע מענטשן, זיך אַביסל באַפרייען פון די לאַנגע שפּרונגען. מיר דאַרפן גראָבן נעענטער. דאָס וועט זיין זיכערער. מיר דאַרפן אויך ניט טראַכטן אַזוי פיל וועגן הייליקייט. דאָס וועט זיין פאַר אונז בעסער.

און דעם בלינדן האָט ער אַנגעזאָגט:

— פאַרפירט ניט, באָריס, דעם בראַטאַק . . .

דער גאַסט גרעגאָרי אַנדרעיעוויטש איז דאָס געווען (ווי קאַבאַלקין האָט זיך שפּעטער דערוואוסט) דער טעראָריסט גרעגאָרי גערשוני.

5

אין יענער נאַכט, פון גערשוניס באַזוך, האָט קאַבאַלקין פאַרנאָ־טירט פון דעם בלינדן קאַלעצקיס דערינערונגען, וועגן זיין טעראָריס־טישער פאַרגאַנגענהייט, אַזאַ פאַרצייכענונג, וואָס ער וועט זיך מיט איר אַרומטראָגן דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט זי נאָך דעמאָלט איבער־געשריבן און פאַרזיכטיק באַהאַלטן. די קאַפּיע איז זייער אַ פּינקט־לעכע. אפילו דאָס קעפּל האָט ער איבערגעלאָזן אין דער קאַפּיע, ווי דער בלינדער האָט אים געהייסן אָוועקשטעלן, בעת ער האָט פאַר אים דיקטירט דעם אָריגינאַל: דער נאָמען פון דער פאַרצייכענונג איז געווען:

קריסטוס דער פאַררעטער

„פון מיין פריער קינדהייט . . . — האָט דער בלינדער דיקטירט אויף זיין געלעגער אין יורטע און קאַבאַלקין האָט געשריבן פאַר דער שיין פון לאַמטערן — פון מיין פריער קינדהייט, טראָץ מיין אידישער דערציאונג, האָט מיך געצויגן צו דעם אַזוי־גערופענעם „מענטשן־קינד דעם גאָט־זון”. איך האָב קיינמאָל ניט געצווייפלט און צווייפל אויך איצט ניט, אַז אַזאַ מענטש האָט געלעבט, ווי דאָס עוואַנגעליום האָט אים אויסגעמאָלט. עס איז ניט וויכטיק צי ער איז געווען אַ שיינער בלאָנדין, ווי אויף איקאָנעס, אָדער ער איז געווען אַ שוואַרצער מורין, ווי אין מדבריות. וויכטיק איז זיין פאַרבלוטיקטע וואונד. וויכטיק איז זיין געקרייציקטער גוף. זיין עדות איז די תליה. ווייל דאָס איז ניט אין דער מענטשלעכער נאַטור אויסצוטראַכטן אַ ביטערן סוף. בפרט, אַז קריסטוס איז אויך דער גאָט פון סאָלאָן. דער גאָט פון די רייכע. איז בלוט ניט דער קאָליר פונם סאָלאָן. און דאָס רייכטום האָט ליב אַ פריילעכס. ער איז געווען, און זיינע ליידן זיינען געווען. דאָס איז ביי מיר אויסער צווייפל. נאָר פאַר זיין אויסערמענטשלעך מאַרטירערשאַפט איז ער דאָס געוואָרן אַן איבערמענטשלעכע גע־שטאַלט.

אַזוי האָב איך געטראַכט וועגן קריסטוסן מיטן צלם, בעת מיין גע־דאַנק איז געלעגן אין דער באָמבע מיטן דינאַמיט.

עס איז אפילו געווען אַ מאָמענט, וואָס איך האָב שוין געהאַלטן נאָענט ביים שמד. דאָס איז ביי מיר געווען אַ מיטל צו באַהעפטן זיך

מיט קריסטוסן קאָנקרעט: אין זיין קירך, ניט בלויז אין דער אידייע. דאָס איז געווען אין ערשטן פרילינג אויף דער אָקאַטויער קאַטאָרגע.

איך, דער בלינדער אַרעסטאַנט, וואָס איז געווען צוגעשמידט צו דער נאַרע, האָב זיך דעמאָלט געגויטיקט אין אַן אומזעבאַרן באַהעלפער. די זעעוודיקע זיינען געווען אַזוינע אומדערבאַרמדיקע. איך בין געווען פאַרשפאַרט אין איין לאָך מיט דעם קרימינעלן פאַרברעכערטום. מיר האָבן אויך געהאַט די זעלביקע קאַטאָרזשנע וואָך. האָט דער קרימינאַל געהאַסט דעם אינטעליגענט. און דער וועכטער האָט געפּלוכט דעם „פּאָליטיקער". האָב איך געבענקט נאָך אַזאַ איינעם, וואָס זאָל זיין מענטש און ניט־מענטש: ער זאָל זיין מענטש, כדי צו וויסן מיינע ליידן. ער זאָל זיין ניט־מענטש, כדי צו וועלן זיי לינדערן. דעמאָלט, אין מיין צעבראָכן געמיט אויף דער פאַרלייזיקטער נאַרע, בין איך אַזש גרייט געווען אָנצונעמען, אַז קריסטוס איז אַמאָל אויפגעשטאַנען פון קבר. דעריבער (ווייל ער האָט שוין באַוויזן אַזאַ וואונדער, ווי אָפּ־וואַרפן פון זיך דעם טויט) קאָן ער דאָס מיר אומקערן די ראיה.

געשטערט אָבער האָט מיר אין קריסטוסן, וואָס ער איז פאַרגע־טערט פון דעם רייכן. עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, האָב איך געטראַכט. דער גאָט פון דעם רייכן קאָן ניט זיין דער גאָט פון דעם אָרעמען. און פאַרקערט. וואָלט קריסטוס געווען דער גאָט פון דעם אָרעמען, וואָלט דער רייכער אָפּגעמעקט זיין נאָמען, ניט פאַרהייליקט נאָך זיין תליה. אין דעם, האָב איך געטראַכט, איז פאַראַן אַ סוד. איז ביז עס וועט פאַר מיר אויפגעקלערט ווערן דער סוד, דאַרף איך זיך אָפּהאַלטן פון שמד.

אַזוי האָב איך דאָס דעמאָלט געקראָגן טעאָלאָגישע פּראָבלעמען אויף אַ צוגאָב צו די אייזערנע קייטן.

אונטער מיין נאַרע איז געלעגן אַ פּאָפּ. דער פּאָפּ איז באַגאַנגען אַ מאָרד. ער האָט דערשאָסן זיין פרוי. ער האָט זי געטראָפן מיט אַ מאַן. האָט דער פּאָפּ אויף דער נאַרע שטענדיק געלייענט אויפן קול דאָס עוואַנגעליום. דאָס האָט ער געבעטן גנאד פאַרן מאָרד. האָב איך זיך גענומען צוהערן צו דעם עוואַנגעליום וואָרט ביי וואָרט. איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער וועג פון קריסטוסן טראָט נאָך טראָט. דאָס איז דאָך מיין וועג:

יעזוס קריסטוס האָט אָנגעהויבן, ווי איך, באָריס קאָלעצקי, ווי מיין פאַרשטאָרבן ווייב ראָזע שיינער. און ווי נאָך אַנדערע אַזוינע ווי

מיר פון אונזער דור. ער האָט אָנגעהויבן, ווי אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די רייכע. דאָס האָט ער דאָך פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט אין זיין פּרעדיקונג פאַר די אָרעמע אויפן באַרג:

— פּונקט ווי אַ קעמל קאָן ניט דורכגיין דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, קאָן אַ רייכער ניט אַריינגיין אין קעניגרייך פון הימל.

אַז ער איז געוואָרן, קריסטוס, אַ רעוואָלוציאָנער, איז ער געוואָרן אַ קאָנספּיראַטאָר. אַנדערש קאָן עס ניט זיין. ווייל וויל מען אויפהויבן די אָרעמע, דאַרף מען זיך אויסבאַהאַלטן פון די רייכע.

יעזוס קריסטוס האָט געלערנט זיינע נאָכפאָלגער:

— זייט קלוג, ווי די שלאַנגען!

ווי דער „אויספיר־קאָמיטעט" האָט געלערנט זיינע מיטגלידער:

— זאָגט זיך אָפּ פון באַווייזן!

צו קריסטוסן איז צוגעשטאַנען די אָרעמשאַפט. האָט ער אויסגערופן אין ירושלים אַן אויפשטאַנד. ער האָט גענומען אויסראָטן דעם האַנדל אין טעמפּל. נאָר די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן אין טעמפּל. און קריסטוס איז אַריינגעפאַלן צום פּריסטערטום.

איז קריסטוס ניט געשטאַנען אויף דער מאָראַלישער הויך פון אַ רעוואָלוציאָנערן פירער. ער האָט פאַר דעם געריכט געלייקנט אין דער רעוואָלוציע. אויף דעם פאַרהער האָט ער באַרעכטיקט די שווערד, ווי אַ געבאָט פון הימל: ער האָט פּראָקלאַמירט פאַרן געריכט:

— וואָס צום קיסר איז צום קיסר און וואָס צו גאָט איז צו גאָט.

כדי אָפּצוואַרפן פון זיך דעם מינדסטן פאַרדאַכט, האָט ער אַרויסגעגעבן וועגן זיך אַ לאָיאַלע דערקלערונג:

— מיין מאַכט איז ניט פון דער וועלט.

אַז קריסטוס איז פאַראורטיילט געוואָרן צו קרייציקונג, האָט ער געקליאַנטשעט אַ באַגנאַדיקונג:

— זאָל מיך אויסמיידן דער דאָזיקער בעכער! — האָט ער געוויינט פאַר די הענקער, וואָס האָבן אים געמאַכט צו שפּאָט.

און ביים הימל האָט ער געמאָנט:

— מיין גאָט, מיין גאָט! פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?

דעריבער האָט זיך דאָס קריסטוס צעצוויט: די אָרעמע פאַרגעטערן אים פאַר זיין שיינעם אָנהויב. די רייכע באַדאַנקען אים פאַר

זיין מיאוס'ן סוף. דער אָנהויב אָבער פון קריסטוסן איז פאַרגעסן. געבליבן איז פון אים דער סוף.

און וואָס יעזוס קריסטוס האָט זיך אויסגערעדט אויס מורא פאַרן טויט, האָט אַפּאָסטאָל פּאַוול דורכגעפירט אינם נאָמען פון גאָט: ער האָט אָנגעזאָגט ווי אַ טוגנט פאַר די שקלאַפן צו זיין געהאָרכזאַם צו די האַרן.

אַזוי האָט זיך עס אויסגעלאָזט די רעוואָלוציע פון קריסטוסן. האָט מיך שוין מער ניט אימפּאָנירט זיין רעליגיע פון ליבע".

אויף אָט־דעם פלאַץ האָט דער בלינדער געבעטן קאָבאָלקינען צו־שטעלן צו דער פאַרצייכענונג אַ פּאָסט־סקריפּטום, וואָס האָט זיך גע־לייענט אַזוי: „נאָכאַבענע:

אין מיין פעסטער איבערצייגונג האָב איך, באָריס קאַלעצקי, דאָס דיקטירט פאַר וואָלאָדיע סאָנדלער, אַז ער זאָל דאָס פאַרצייכענען פאַר דער „גראָער וועלט":

— קריסטוס האָט געענדיקט זיין לעבן ווי אַ פאַררעטער".

6

פונדעסטוועגן האָט דער בלינדער קאַלעצקי געפייערט דעם אָנ־הייב פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווי דעם טאָג פון אַ הייליקן יאָר־צייט.

עס איז געווען דאָס ניי־יאָר פון 1901.

דער בלינדער האָט פאַרלאַנגט פון דער טאָכטער, אַז היי־יאָר זאָל דאָס ניי־יאָר ביי זיי אָפּגעריכט ווערן בלויז אין דעם ענגן משפחה־קרייז. אין דעם לעצטן טאָג פון דעם אַלטן יאָר האָט זיך דער בלינדער טעראָריסט אַרויסגעוויזן פאַר אַ געטרייען פאָטער. ביי אים איז אָפּ־געגאַנגען דאָס האַרץ אויף דער פּאָלעמיק מיטן זון. ער האָט אָנגע־זאָגט מיט אַזאַ אומעט פעראָן:

— דאָס אינגל אונזערס, פעדקאָ, קומט אָפּ אין טורמע. ברענג ניט אַריין דיינע פריינט און לאָז ניט צו מיינע געסט. לאָמיר באַגע־גענען דאָס מאָל דעם ניי־יאָר איינינקע אַליין. צווישן זיך. דער יאָט וועט אַרויס פון טורמע, וועסטו דיר מאַכן אַ באַל.

איז דער אומעט פון דעם פאָטער געווען אַ שמחה פאַר דער טאָכ־טער. זי האָט געזאָגט מיט פרייד צו קאָבאָלקינען:

— ניט אַנדערש, אַז דער פּאַפּאַ האָט געענדערט זיין טאַקטיק

אין דער רעוואָלוציע. דעריבער האָט ער זיך דאָס אַזוי פאַרבענקט אויף ניי־יאָר נאָך זשעליאַבן. דער פאַפאַ, הייסט עס, האָלט שוין אויך פון פּראָפּאַגאַנדע, ניט בלויז פון טעראָר. איך מוז געפינען אַ וועג, ווי אַזוי עס אָנזאָגן זשעליאַבן. — האָט זיך פערא אַלץ מער געפרייט — דאָס וועט זיין פאַר זשעליאַבן די בעסטע מתנה אויף דעם נייעם יאָר.

בעת פערא האָט געגרייט אין קיך דעם מאַלצייט פאַרן ניי־יאָר, האָט זי געטאַנצט און געזונגען פאַרן שפּיגל:

— זשעליאַבקאַ, קוליאַבקאַ, — האָט זי זיך שטיפעריש גערייצט מיט דעם ברודער ווי ער וואָלט דאָ געווען, אין קיך, ניט אין טורמע — דער פאַפאַ איז פאַר פּראָפּאַגאַנדע . . . אויס מלחמה. אַלע פאַר פּראָפּאַגאַנדע . . . פּראָ־פּאַ־גאַנ־דע . . .

פערא האָט געפאָלגט דעם פאָטער. זי האָט אויפן ניי־יאָר קיינעם ניט איינגעלאַדן, קיינעם צו זיי ניט צוגעלאָזן. נאָר ער, קאַבאַלקין, איז אַריינגעקומען געוואָרן אויפן יום־טוב פונם ניי־יאָר, ווי איינער פון דער פאַמיליע: ער איז געווען אַ דריטער צו דעם פאָטער מיט דער טאָכטער צו באַגעגענען דאָס יאָר 1901, וואָס וועט פאַר אים זיין פול מיט געשעענישן פון ערשטן גראַד.

פאַר קאַבאַלקינען איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דאָס ניי־יאָר געווען אַ יום־טוב. אויך צום ערשטן מאָל איז פאַר אים געווען דער איבערגאַנג פון איין יאָר אין דאָס אַנדערע, ניט סתם כראָנאָלאָגיע פון קאַלענדאַר. אין יענעם נייעם יאָר איז ער דעמאָלט אַריינגעטראָטן, ווי אַ נייער מענטש: אַן אויפגעקומענער, אַ דערהויבענער, אַן אָנערקענטער, אַ באַליבטער.

אַז עס האָט אָפּגעקלאַפּט די צוועלפטע שעה אויפן זייגער, האָט ער זיך דורכגעוויטעוועט צוויי מאָל מיטן בעכער: דער בלינדער האָט מיט אים געטרונקען אַ כוס פאַר פרייהייט. פערא האָט מיט אים געטרונקען אַ כוס אויף ברודערשאַפט.ביידע האָבן זיך מיט אים צעקושט. האָט ער דערפילט אַ דאָפּלט גליק: ער האָט דערפילט די מיסיע פונם רעוואָלוציאָנער אין זיך און — די ליבע פון פעראן צו אים.

דרויסן האָט געקנאַקט דער פראָסט. אין קוימען האָט געוואָיעט דער ווינט. און ביי קאַבאַלקינען האָט געזונגען דאָס האַרץ. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אין אַזאַ נאַכט פון אַ ניי יאָר וועט ער און פערא

אײנאײנעם, װי אַ פּאָר־פּאַלק שפּאַנען אין אַן עטאַפּ אויף קאַטאָרגע. אויף די סיבירער װעגן. אין די טיפע שנײען. מיט באַװאָפנטע רײ־טער פון פאָרנט און פון הינטן. און עס איז אים געװאָרן אַזוי גוט, װי נאָך קײנמאָל ביז דעמאָלט. דער דאָזיקער אויסגע׳חלום׳טער עטאַפּ װעט אים שפּעטער פיל מאָל באַלײכטן דעם װעג אין זײנע װירקלעכע עטאַפּן: װעט אים צוגעבן מוט אין אַ מאָמענט פון שװאַכקײט; שטאָלץ אין אַ מאָמענט פון דערנידערונג. יענער נײ־יאָר װעט פאַר אים זײן אַן אײביקער רעזערװואַר. ער קוקט דעמאָלט אויף דער זיבעצן־יאָריקער, בלאָנדער פרעדאָן און ער מעסט אויף איר אַן אין גע־דאַנק אַן אַרעסטאַנטישן גרויען כאַלאַט. װערט ער נאָך גליקלעכער. זײן גליק איז בעת־מעשה אָן אַ ברעג.

כדי צו באַװאָרענען זיך מיט זײן צוקונפטיקן גליק (אַז ער און פרעדאָ װעלן ניט זײן צעשײדט אין זײער עטאַפּ אויף קאַטאָרגע), פרעגט ער זיך דעמאָלט נאָך, קאַבאַלקין, בײ דעם בלינדן קאַלעצקין, װי בײ אַ דערפאַר׳ענעם קאַטאָרזשניק:

— באָריס אַלעקסאַנדראָװיטש! אַ פאַרהײראַטער פּאָר איז דער־לויבט צו גײן אויף קאַטאָרגע אין אײן עטאַפּ?

— פאַרװאָס ניט? — ענטפערט אים דער בלינדער — אויב נאָר דאָס פּאָר־פּאַלק איז פאַר׳משפט געװאָרן אויף קאַטאָרגע פאַר אײן זאַך, אויף אײן פּראָצעס און אויף אײן טערמין — קאָן עס אויספירן צו גײן אין אַ געמײנזאַמען עטאַפּ.

ער ברענגט אַ לעבעדיקן בײשפּיל פון זיך מיט זײן טויטער פרוי:

— אָט — דערצײלט ער — בין איך און מײן ראָזע דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן װעג פון דעם מאָסקװער צענטראַל ביז דער אַקאַטויער קאַ־טאָרגע אין אײן עטאַפּ, און קײנער האָט אונז ניט געשטערט. דאָס איז פּרינציפּיעל דערלאָזבאַר.

נאָך אַזאַ אינפאָרמאַציע פון דעם בלינדן איז ער שוין זיכער, קאַ־באַלקין, מיט זײן צוקונפט. איצט װײסט ער שוין װי אַזוי צו האַנדלען; ער װעט זיך קײנמאָל ניט שײדן מיט פרעדאָן אין דער רע־װאָלוציע. װעט ער זיך ניט דאַרפן שײדן מיט איר אין דעם עטאַפּ.

דערװאָרעמט די דאָזיקע זיכערקײט נאָך שטאַרקער זײן גליק. ער קריגט מוט. ער קריגט לשון. ער גיסט אָן די דרײ בעכער, װיטעװעט ער זיך דאָס איצט מיט דעם בלינדן און מיט פרעדאָן. ער נעמט אין

דעם מאַלצייט די איניציאַטיוו. ער האָלט פאַר דעם ניי־יאָר אַ טאָסט. ער רופט אויס:

— איך טרינק פאַר זשעליאַבן. איך טרינק פאַר מאַטקען. איך טרינק פאַר אַלע, וואָס זיינען געווען, וואָס זיינען איצט און וואָס וועלן זיין פאַרשפאַרט אין טורמעס, געשמידט אין קייטן. איך טרינק פאַר די דערפרווירענע אין עטאַפּן. איך טרינק פאַר די געהאַנגענע אויף תליות.

ער איז געווען, קאַבאַלקין, אין יענער נאַכט אַזוי אָנגעפילט מיט גליק, אַז אים האָט זיך געוואָלט טיילן מיט דער מאַמען. איז ער ניט פאַרבליבן שלאָפן מיט דעם בלינדן אין יורטע. ער איז אַוועקגעגאַנגען נעכטיקן צו דער מאַמען אין פאַדלאַ.

עס איז שוין געווען זייער אַ שפּעטע שעה. עס איז אויך געווען זייער אַ שאַרפער פראָסט. נאָר קאַבאַלקינען האָט די נאַכט געמונ־טערט. און דער פראָסט האָט אים געקוויקט. די קאַלעצקיס האָבן געוואוינט אויפן עק שטאָט. דאָס איז געווען אַ גוי׳אישע געגנט פון האַלבע פויערים (גערטנער, זעגער). איז דער דרויסן געווען אַ פאַר־זעצונג פון זיין טרוים. דער עק שטאָט האָט אים אויסגעזען, ווי טיף סיביר. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צו קאַלעצקיס הויז. עס האָט זיך אים געוואָלט נאָכאַמאָל אָנקוקן פעראָס געשטאַלט. אינווייניק איז ער ניט אַריינגעגאַנגען. ער האָט בלויז אַריינגעקוקט דורכן פענ־צטער. פעראַ איז געזעסן אַליין ביים טיש. זי האָט געקוקט אויף אַ פאָטאָגראַפיע און געשמייכלט צו זיך. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויפן פראָסט קוקן אויף פעראָן. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען ביים פענצטער. פעראַ האָט אים ניט באַמערקט. די קעלט האָט אים ניט דערנומען. אַז פעראַ האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש צום בעט, איז ער אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער אין פאַדלאַ. זיין גאַנג האָט ער אַקאָמפּאַנירט מיט געזאַנג. ער האָט געזונגען דאָס אַרעסטאַנטיש ליד פון דעם בלינדן קאַלעצקין — אויף דעם נייעם יאָר, אין דעם פראָסטיקן דרויסן:

„ניט פאַר שיכרות, ניט פאַר גאַזלאָוואַניע,
נאָר פאַר דער וועלט, דער גארער
בין איך פאַרטריבן פון מיין אייגן לאַנד".

אַז ער איז געקומען אין שטאָט, האָט זיך געביטן דאָס בילד. פּאָליציי־לייט זיינען ווי אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען אויף די פּאָסטנס. אָפּיצערן־שכורים האָבן זיך צוליב ניי־יאָר געשליטלט אין פּאַעטאָנען. האָט די פּאַנאָראַמע געביטן ביי אים זיין שטימונג. אַ דור נאָך אַ דור: פריער דער בלינדער און זיין ווייב: דערנאָך מאָטקע און זשעליאַב. באַלד וועט ער און פּעראָ שפּאַנען אין די אַרעסטאַנטישע עטאַפּן.

צום ערשטן מאָל האָט ער זיך דערפילט אין זיין אייגענער שטאָט, ווי אין אַ פיינטלעכן לאַגער. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין גאַנג. ער האָט פאַרשנעלערט זיין גאַנג. ער האָט זיך געלאָזט לויפן. דאָס האָט ער זיך געאײַלט צו דער שוץ פון פּאַדלאַ.

אַז ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דעם טאָל פון פּאַדלאַ, האָט אים פאַר׳חידוש׳ט אַ פייער ביי זיי אין שטוב: „פון וואַנען קומט דאָס צו דער מאַמען ליכט אין דער פאַרשפּעטיקטער נאַכט?“. אַז ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער היים, האָט אים נאָך מער איבערראַשט עפּעס אַנדערש: פון שטוב האָט זיך געטראָגן אַ רעוועך אויף אַן אומהיימלעכן קול. ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב. איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שרעק. די שטוב איז געווען געפּאַקט מיט פּאַדלאָ׳ער אידענעס. צווישן זיי איז געווען די מומע באַסיע. זי האָט געבראָכן די הענט און געשאָלטן מאָטקען:

— אַליין האָט ער זיך, דער פאַרשויך, אַריינגעזעצט אין אָסטראָג און זיין ווייב האָט ער איבערגעלאָזט מיט אַ בויך.

דער געשריי האָט זיך געהערט פון בעט. דאָס בעט איז געווען פאַרשטעלט מיט אידענעס. האָט זיך קאַבאַלקין דורכגעריסן דורך די אידענעס און איז צוגעטראָטן צום בעט. די מאַמע איז געלעגן אויס־געשפּרייט אין דער ברייט. זי איז געווען פאַרריסן ביזן קאָפּטל. דער־קאָנט האָט ער דאָס קאָפּטל, ניט די מאַמען. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געשוואָלענעם קערפּער. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר דער פאַרשייטער פּאָזע. ער איז אָפּגעשפּרונגען. און דאָס געדראַלנס האָט אים נאָכגעיאָגט: „אַ־אוי, אַ־אוי“.

די מאַמע איז דאָס געגאַנגען צו קינד. דאָס איז געווען אַביסל פאַר דער צייט. אין יענעם טאָג האָט זיך די מאַמע געזען מיט מאָט־קען. צוליב ניי־יאָר איז אין טורמע אין יענעם טאָג געווען דערלויבט די אַרעסטאַנטן צו זען זיך מיט זייערע נאָענטסטע קרובים. האָט אויף

דער מאַמען אַזוי געווירקט די באַגעגעניש מיט מאַטקען, אַז ביי איר האָבן פאַר דער צייט אויסגעבראָכן די געבורטס־ווייען. איז איר דע־ריבער אָנגעקומען זייער שווער דאָס גיין צו קינד.

איז אים, קאַבאַלקינען, די מומע געקומען צו הילף. זי האָט אים אָפּגעריסן פון דער מאַמען און אים אַרויסגעשטויסן דורך דער טיר.

— דו ווערסט זיך אומקערן — האָט זי אים אָנגעזאָגט — אַז עס וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. אַביסל שפּעטער.

האָט ער דעם „נאָך אַלעמען" פון דער מומען אויסגעטייטשט, ווי „נאָכן טויט" פון דער מאַמען. ער האָט זיך אויך אין דעם פאַל פאַר־קוקט אויף פערדן: ווי פעראָס מאַמע אויף קאַטאָרגע, וועט אויך זיין מאַמע שטאַרבן פון קימפּעט.

אַן אַרויסגעשטויסענער פון שטוב, האָט זיך קאַבאַלקין ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן אויפן פראָסט. עס איז אינמיטן נאַכט. צו פרי אָנ־צוקלאַפּן ביי אַ שכן. נאָר ער האָט געוואָלט זיין נאָענט צו דער מאַמען. איז ער אַריינגעגאַנגען איבערוואַרטן אין אַ בית־מדרש. אים איז אַלע־מאָל געווען אומהיימלעך, פרעמד אין אַ בית־מדרש. דאָס מאָל האָט אים דער וויסטער בית־מדרש ווידער אַרויפגעבראַכט אויף דער מאַמעס טויט.

עטלעכע מאָל האָט ער זיך געפּרואווט דורכרייסן פון בית־מדרש צו דער מאַמען. האָט אים יעדעס מאָל די מומע ניט אַריבערגעלאָזן איבער דער שוועל. ערשט, אַז עס האָט אויפגעשיינט דער טאָג, האָט אים די מומע באַגעגנט מיט אַ מזל־טוב.

אין שטיבל איז געווען פּוסט: די אידענעס זיינען דאָ שוין ניט געווען. עס איז דאָ געווען נאַס. די אידענעס האָבן באַגאָסן דעם דיל מיט וואַסער, אַלס אַ סגולה פאַר דער געווינערין. פון דער נעץ האָט געווייעט מיט קעלט. די מאַמע האָט שוין אָפּגעהאַט. די מומע איז איינגעשלאָפן ביי דער מאַמעס צופוסן. דורכן פענצטערל האָט דער מאָרגן־שטערן אַריינגעשיינט אין קימפּעט־בעט. די מאַמע איז געווען זייער בלייך. צו איר האָט זיך אומגעקערט איר קינדעריש פּנימ׳ל. נאָך נאָך מער, ווי פריער — אויסגעדאַרט, פאַרשפּיצט. די מאַמע איז געווען צוגעדעקט מיט מאַטקעס פאַרבליבענעם מאַנטל. פון אונטער דעם שווערן מאַנטל האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קוויטש. די מאַמע האָט קוים אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכער שטים:

— אַ ברודער איז געבוירן געוואָרן.

עלפטער קאַפּיטל

1

דאָס איז געווען אין אַנהויב אַפּריל פונם יאָר 1901. אין אַ מיטן טאָג. פּערע האָט זיך דערוואוסט פון גרישען, אַז אין דער נאַכט פון יענעם טאָג ווערט מאַטקע אַרויסגעשיקט אונטער אַ קאָנוואָי אין מאָסקווע אויף אַ פאַרהער. פונקט עלף ביינאַכט וועט דאָס אים דער קאָנוואָי ברענגען אויף דער לעצטער פּלאַטפאָרמע פון דעם סמאָ־לענסקער וואָקזאַל. און אַז זשעליאַב וועט פאַרבלייבן אין טורמע, ווייל אַלס אַ סטודענט, וועט מען אים ניט צושטעלן אויף אַ פאַרהער, נאָר אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט.

גרישע איז געווען אַ גימנאַזיסט. ער איז געווען אַ גוי. אַ לאַנגער ליטווין. זיין פאָטער איז געווען אין טורמע אַ וועכטער. פונדעסט־וועגן איז ער געווען אַן אַריינגייער צום בלינדן אין יורטע. חוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ ראַדיקאַל, האָט ער נאָך סימפּאַטיזירט מיטן „בונד”. ער האָט פּאָלעמיזירט, דער לאַנגער שייגעץ, מיט דעם אַלטן קאָלעצקין:

— איך פאַרשטיי זיך ניט, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, אַלס אַ פּול־בלוטיקער איד, אויף דעם אייביק־פאַרשולדיקטן קריסט. אַן אַנ־שטענדיקער קריסט מוז זיך פילן פאַרשולדיקט פאַר דעם פאַר־פאָלגטן איד.

און יעדעס מאָל, וואָס גרישע האָט פּאָלעמיזירט מיט דעם בלינדן וועגן קריסט און „בונד”, האָט ער אינפאָרמירט פּערען וועגן זשעליאַבן און מאַטקען. זיין אינפאָרמאַציע האָט ער אַרויסגעקראָגן ביי זיין פאָ־טער, און אויך פון קאַנצעלאַריע.

האָבן קאָבאַלקין און פּערע אָפּגעמאַכט צווישן זיך אָפּוואַרטן ביי־נאַכט אויפן וואָקזאַל, בעת מאַטקע וועט אָנקומען מיטן קאָנוואָי. פאַר קאַבאַלקינען איז דאָס געווען ניט בלויז אַן אויסדרוק פון ליבשאַפט צו מאַטקען, נאָר—אויך פון העלדישקייט אין דער רעוואָלוציע. און דאָס (זיין מוט) האָט זיך אים געוואָלט אַרויסווייזן פאַר פּעראַן. ער האָט דערביי אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— עד, ווען מען קאָן אויסשיסן אין דעם קאָנוואָי פון אַ רעוואָל־ווער און די קויל זאָל פאַרבייגיין מאַטקען.

פונדעסטוועגן האָט ער, אין זיין אויסשטעלן זיך פאַר פּעראַן, נישט

פאַרגעסן אָן דער מאַמען. ער איז גלייך צו איר אַוועקגעגאַנגען אָנזאָגן די נייעס וועגן מאַטקען. מיט אים איז מיטגעגאַנגען פּערא. איז ער געווען זייער שטאָלץ: ער קומט צו דער מאַמען אין פּאַדלאַ מיט אַזאַ מיידל, ווי פּערא. און אין האַרצן טראַגט ער אַזאַ קאָנספּיראַציע, ווי אַ רעוואָלווער קעגן קאַנוואָי.

נאָר אַז ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט זיך פון אים אָפּ־געטאָן דער שטאָלץ: די מאַמע איז ניט געווען אין דער היים. זיי האָבן געפונען נאָר די מומע באַסיען מיט דעם קליינינטשקן ברודערל. דאָס פיר־חדשים׳דיק קינד האָט זיך געדרוקעט. און די מומע באַסיע האָט אים פאַרוויגט. דאָס יאַטעלע האָט געהייסן זלמן־אַווראַמעלע. דאָס איז געווען אַ קאָמבינירטער נאָמען: נאָך דער טויטער קוזינע און נאָך דעם טויטן בינקינען. דער נאָמען זלמן איז געווען איבערגעלייגט פון זלאַטע. און דער נאָמען אַווראַמעלע איז געווען נאָך דעם טאָלסטאָ־יאַנער. האָט זיך די אַלטע מומע, די אייביקע אַלמנה, זייער צוגעבונדן צום יאַטעלע פאַר זיין נאָמען זלמן. דאָס איז פאַר איר געווען אַן אָנדענק נאָך איר טאָכטער. די צוויי שוועסטער (די מומע און די מאַמע) זיינען געוואָרן זייער גוט צווישן זיך נאָכן געבורט פונם קינד: אַז די מאַמע איז אויפגעשטאַנען פון קימפּעט, האָט זיך די מומע אַריינ־געקליבן צו איר פאַר אַ שכנה. זי האָט מיט איר אויך געמאַכט שותפות (די מומע מיט דער מאַמען) אין די בייגל מיט די עפּל. זיצט די מאַמע אויפן מאַרק. און די מומע בלייבט מיטן קינד. די מומע גייט אין מאַרק איבערבייטן די מאַמען, נאָר בעת די מאַמע קומט אַהיים אָנזויגן דאָס קינד. האָט זיך די מומע אָפּגעריסן אויף מאַטקען, אַז זי האָט דערזען פּעראַן:

— דאָס קינד איז אַ גאָלד, — האָט זי פאַרענטפערט דעם רוכעניק, וואָס איז געווען אַ קאָפּיע פון מאַטקען. — זיין טאַטע איז נאָר ניט ווערט זיין פּיאַטע. דעם טאַטן זיינעם ליגט דער קייסער אין קאָפּ, ניט זיין אייגן פלייש און בלוט.

אויך אים, קאַבאַלקינען, טיילט איין די מומע אַ חלק:

— און דו שלעפּסט זיך אַרום מיט די פילאָסאָפן (אַזוי האָט דער־מאָלט דאָס פאָלק גערופן די רעוואָלוציאָנערן). זיבעצן יאָר אַ בחור, און אים זאָל דאָס אַרן אַ האָר פאַר דער מאַמען. מאַטקעלעס האָ־דעוואַניק!

— די פילאָסאָפן, — וואַרפט זי אים אויף — שטעלן זיך דאָך

איין פאַר די אָרעמע לייט. איז וואָס איז דיין מאַמע, אַ רייכע דאַמע? פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט צושלאָגן צו אַ שטיקל פּרנסה און אַרויס־העלפן אין שטוב מיט אַ שטיקל ברויט . . .

קאַבאַלקין האָט זיך פאַרשעמט פאַר פערען. די מומע האָט אים געמאַכט פאַר אויס העלד, און מאַטקען — צו־נישט. ער האָט זיך געטרייסט, אַז פערע האָט ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען די מומען, ווייל זי פאַרשטייט ניט גוט אידיש. ער איז אַוועק מיט פערען אין פאַר צו דער מאַמען אויפן מאַרק. האָט זיך די מאַמע אַרויסגעשטעלט אין אַזאַ ליכט, אַז זי האָט אים אומגעקערט זיין שטאָלץ. די מאַמע האָט אים איבערראַשט מיט איר פּלאַן, אַז זי האָט פון אים דערהערט די נייעס וועגן מאַטקען:

— איך וועל, — זאָגט זי, — מיטנעמען צום וואָקזאַל דאָס קינד. אפשר וועט זיך איינגעבן מאַטקען אָנקוקן זיין זונעלע.

די מאַמע איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אומרו, אַז זי האָט מער ניט געקאָנט איינזיצן אויפן מאַרק. זי האָט איבערגעלאָזן אויף אַ ווײַלע די עפּל מיט די בייגל אויף אים מיט פערען, און אַליין איז זי אַוועק־געגאַנגען צום קינד. באַלד איז אָנגעקומען די מומע און האָט איבער־גענומען דעם „געשעפט". ער און פערע זיינען ווידער אַוועק צו דער מאַמען אַהיים.

זיי האָבן געפונען די מאַמען מיטן קינד ביי דער ברוסט און מיט טרערן אין די אויגן:

— פונדעסטוועגן, אַז ער איז געזעסן דאָ אין טורמע, איז פאַרט ניט געווען אַזוי סטראַשנע. דו כאַפּסט אַמאָל אַ קוק דורך אַ גראַטע. איצט — מיטן עטאַפּ, איז ווי אין ים, — האָט די מאַמע באַוויינט מאַטקען.

זלמן־אַווּרעמעלע האָט געזשליאָקעט פון דער מאַמעס ברוסט מיט חשק, מיט אַפּעטיט. דער קליינער איז פון הנאה אַריינגעפאַלן אין אַ שווייס. און די מאַמע האָט אים געשטופּט אין מיילעכל אַלץ טיפער דאָס וואָרצעלע. ווי די מאַמע וואָלט אויסן געווען אַריינגיסן אין אים וואָס־מער פון איר איינגעפאַלענער ברוסט, כדי צו ווייזן אים אַ געזונטן, אַ זאַטן פאַר זיין אַרעסטירטן טאַטן. אַ פאַר שעה האָט עס אַזוי געזשליאָקעט און געדרעמלט און די מאַמע האָט אים ניט געשטערט צופּן די ברוסט. פערע איז געווען אַזוי גערירט פון דער מאַמען מיטן קינד, אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער מאַמען אין בעט און

איר געגלעט דעם קאָפּ. דערביי האָט זי געזונגען, פּראָ, דאָס באַליבט ליד פון איר בלינדן פאָטער — דאָס אַרעסטאַנטן־ליד:

„ניט פאַר שיכרות, ניט פאַר גאַזלאָוואַיע,
נאָר פאַר דער וועלט, דער גאַרער
בין איך פאַרטריבן פון מיין אייגן לאַנד״.

דאָס ליד איז אַריבער אין אַ טריאָ. די מאַמע האָט געכאַפּט דעם טאָן און האָט מיטגעזונגען. איז ער, קאַבאַלקין, אויך צוגעשטאַנען.

אַז עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, זיינען זיי אַרויס זאַלבע־פערט באַגעגענען מאָטקען אין עטאַפּ. דער פערטער פאַרשווין איז דאָס געווען דער פיר־חדשים׳דיקער זלמן־אַוורעמל, וואָס איז געבוירן גע־וואָרן אויפן פערטן חודש פון זיין טאַטנס אַרעסט. די מאַמע האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ שלאָפנדיקן. זי האָט אים איינגעוויקלט, דעם זון, אין זיין טאַטנס פאַרבליבענעם שאַל און אַריבערגעדעקט מיט מאָטקעס מאַנטל.

די מאַמע האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פאַרשפּעטיקן. עס איז זי געווען שווער נאָכצוהאַלטן. זיינען זיי אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל צו־פרי. זיי האָבן דאָ באַלד פאַרנומען זייער פּאָזיציע—די לעצטע פּלאַט־פאָרמע, וואו עס האָט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן מאָטקעס עטאַפּ.

עס האָט געשמעקט מיט אָנהויב פרילינג. מיט דער לויזקייט פון אַפּריל. פונדעסטוועגן איז דאָ געווען זייער אומהיימלעך. די נאַכט האָט זיך געפּאַסט פאַרן עטאַפּ. די לעצטע פּלאַטפּאָרמע איז אַרויסגעקומען קעגן אַ פּוסט פעלד. פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן אַן איינזאַמקייט. עס האָט געבלאָזן אַ ווינט. עס האָט געגאָסן אַ רעגן. כדי צו באַשיצן דאָס קינד, האָט אים די מאַמע נאָך טיפער איינגע־דעקט אין מאָטקעס מאַנטל. און אַליין האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט, די קליינטשקע מאַמע, אין דער נעץ אויף די קני.

לאַנג האָבן זיי אַזוי געוואַרט. עס האָט שוין געגרויט דער באַ־גינען, בעת עס איז אָנגעקומען דער עטאַפּ מיט אַנטבלויזטע שווערדן, מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנס. מאָטקע איז געווען דער איינציקער אַרעסטאַנט. ער האָט זיך זייער געענדערט. ער איז באַוואַקסן מיט אַ רויטער באָרד. עס איז נאָר פאַרבליבן זיין ברייטער שמייכל. דער קאָנוואָי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט מאָטקען ביי אַ וואַגאָן. מאָטקע

איז פֿאַרשטעלט מיטן קאַנוואָי. אָט שטעלט ער שוין אַרויף אַ פֿוס אויפֿן טרעפּל פֿונם וואַגן.

האָט די מאַמע אַראָפּגעוואָרפֿן פֿונם עופֿה׳לע דעם מאַנטל און האָט מיט אים דורכגעריסן זיך צווישן דעם קאַנוואָי מיט אַ געשריי:

— מאָטקע. אָט איז דיין זון.

דאָס האָט געדויערט אַ סעקונדע. דער קאַנוואָי האָט אָפּגעשטויסן די מאַמען. נאָר אין דער סעקונדע האָט מאָטקע געכאַפּט אַ בליק אויף זיין אומבאַקאַנט קינד.

2

נאָך איידער דער קאַנוואָי האָט צוגעמאַכט הינטער מאָטקען די טיר פֿונם וואַגאָן, האָט שוין דער צוג פֿאַרלאָזט די פּלאַטפֿאָרמע. עס האָט אַ וואַליע געטאָן אַ וואָלקן רויך. און מיטן רויך איז אַוועק מאָטקע. די מאַמע האָט אים נאָכגעשריען מיט אַ געוויין. נאָר איר געוויין איז דערגאַנגען בלויז צו דעם איינגעדעקטן קינד, ניט צו איר פֿאַרשיקטן מאַן. דער פֿייף פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו און דער יאָמער פֿון דער מאַמען האָבן אויפֿגעוועקט דאָס עופֿה׳לע פֿון זיין שלאָף: אויך דאָס קינד אונטערן מאַנטל האָט געלאָזט הערן זיין שטים אינם כאָר, וואָס האָט באַגלייט זיין טאַטן אין דעם עטאַפּ.

האָט זיך די מאַמע דערפֿרייט, וואָס דאָס קינד האָט זיך צערוכעט. זי האָט זיך מיט דעם געגרויסט פֿאַר פֿעראָן:

— ווי דאָס האָט דערפֿילט מיטן הערצעלע, אַז עס האָט פֿאַרלוירן זיין טאַטן, — האָט זיך די מאַמע געוואָרגן מיט טרערן. — אַזאַ קינד איז ניטאָ אויף דער וועלט: אַן עופֿה׳לע זאָל זיין אַזוי צוגעבונדן צו אַ פֿאָטער, וואָס עס האָט קיינמאָל ניט אָנגעקוקט.

אַז דאָס קינד האָט זיך אָביסל אויסגעשריען, איז עס ווידער געשמאַק איינגעשלאָפֿן. עס האָט אַין זיך געהאַט מאָטקעס געדולד און גבורה. זאַלבעדריט האָבן זיי פֿאַרלאָזן דעם וואָקזאַל. מיט זלמן־אַוורעמעלען אַלס אַ צוגאָב, פֿאַר אַ פֿערטן.

עס האָט זיי באַגעגנט דער טאָג. די זון האָט נאָך אָנגעהאַלטן איר באַגינען־רויטקייט. און עס האָט פֿון איר געשטראָמט מיט פֿרילינג־וואַרעמקייט. עס איז געווען אַ זון נאָך אַ רעגן אין אַ פֿאַרטאָג פֿון אַפּריל. פֿעראָ האָט זיך געזעגנט מיט דער מאַמען אונטער דער שיין פֿון מאָרגן־רויט. זי האָט געטרייסט די מאַמען אין איר טרויער־

געמיט. זי האָט גערופֿן די מאַמען אויף דעם צווייטן נאָמען פֿון איר ערשטן מאַן, פֿון קאַבאַלקינס טאַטן:

— איר טאָרט ניט באַווייַנען אייער מאַטקען, מאַדאַם סאַנדלער. איר דאַרפֿט שטאָלצירן מיט אייער מאַן. עס וועט קומען אַ צייט פֿאַר אייער קינד, וואָס זייַן פֿאָטערס עטאַפּ וועט פֿאַר אים זייַן דער שענסטער יחוס. אייער מאַן, מאַדאַם סאַנדלער, איז ניט קיין פֿאַר־ברעכער. אייער מאַן איז אַ דערלייזער. ער שטעלט זיך איין פֿאַר דער וועלט.

פֿעראַ האָט זיך איינגעבויגן צום קינד. האָט די מאַמע אַרומגע־נומען פֿעראַן פֿאַר דער טאַליע. זיי האָבן זיך אַזוי צונויפֿגעפּלאָכטן אין דרייען — די מאַמע, פֿעראַ און דאָס פֿיר־חדשים׳דיק עופֿה׳לע. איז קאַבאַלקין אַריינגעפֿאַלן אין אַן עקסטאַז פֿונם בילד. דער עקסטאַז איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט קיינמאָל אַזוינס ניט דורכגעלעבט. ניט פֿריער און ניט שפּעטער. ער האָט, בעת־מעשה, (בוכשטעבלעך) ניט דערקאַנט זייַנע אייגענע. ער האָט ווי פֿאַרגעסן, אַז פֿעראַ איז — פֿעראַ, אַז זייַן מאַמע איז — זייַן מאַמע, אַז דאָס קינד איז — זלמן־אַווראָמעלע, זייַן האַלבער ברודער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד, וואָס הייסט זלמן־אַווראָמעלע, איז דער זון פֿון אַ געהאַנגענעם רעוואָלוציאָנער, וועמענס ביאָגראַפֿיע ער האָט געלייענט פֿאַר דעם בלינדן קאַלעצקין. האָט דאָס יענער רעוואָלוציאָנער אָנגעזאָגט פֿאַר דער תליה, אַז זייַן קינד זאָל איבערגעגעבן ווערן אויף האָדעוואַניע צו די דאָזיקע צוויי פֿרויען, וואָס איינע פֿון זיי הייסט פֿעראַ קאַלעצקי און די צווייטע מאַדאַם סאַנדלער.

פֿעראַ און קאַבאַלקין האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעטיילט אין זייערע וועגן: פֿעראַ האָט זיך אומגעקערט צו איר בלינדן טאַטן אין יורטע. קאַבאַלקין האָט אָפּגעפֿירט זייַן פֿאַר׳חלש׳טע מאַמע קיין פֿאַדלאַ. האָט ער זיך, קאַבאַלקין, אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט, אַז פֿעראַ האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין. ער האָט זיך דערמאָנט אויף מאַטקען. ער האָט דערקאָנט די מאַמען.

די מאַמע איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט פֿון דער נאַכט. זי האָט ניט געקאָנט איינשטיין אויף די פֿיס. האָט ער איר פֿאַרביטן אַ האַנט. ער האָט ביי איר איבערגענומען דאָס קינד. די מאַמע האָט זיך מיט אים געדונגען. נאָר ער איז בייגעשטאַנען.

דער וועג פֿון וואָקזאַל קיין פֿאַדלאַ איז געווען דורך גביר׳ישע

גאַסן. אויף אַזאַ גביר׳ישער גאַס האָט זיך דער קליינער צערוכעט אויף די העכסטע טענער. מסתמא איז עס געווען הונגעריק. אָדער עס איז אים געווען נאַס. האָט זיך די פּראָצעסיע אָפּגעשטעלט. קאַבאַלקין האָט דאָס קינד צוגעהאַלטן. און די מאַמע האָט עס פּרובירט אָנ־זויגן. נאָר די ברוסט אירע איז געווען אַזוי איינגעפאַלן, אַז זלמן־אוורעמעלע האָט פון דאָרטן גאַרנישט געקאָנט אַרויסצאַפּן. האָט דאָס (די ליידיקע ברוסט) דענערווירט דעם קרעפּטיקן יאַט. דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט: ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צערוכעט. דורך אַ פענצטער פון אַ הויז האָט אַרויסגעקוקט אַ געזיכט פון אַ גביר. איז קאַבאַלקינען ניט אָנגעשטאַנען, וואָס דאָס גביר׳יש אויג זעט דעם פּאַמיליען־טומל. האָט ער איינגעשטילט דעם געשריי פון זיין ברודער מיט דעם, וואָס ער האָט אים אַריינגעשטעקט אין מויל אַ פינגער. דער קליינער אָבער האָט זיך ניט באַפרידיקט מיטן פינגער פון דעם ברודער. האָט ער ניט אָפּגעשטעלט זיין געמבע פאַר דעם גביר. אַזוי איז דאָס דער פיר־חדשים׳דיקער זלמן־אוורעמעלע, נאָך דעם ווי ער האָט באַגלייט זיין טאַטן אין דעם עטאַפּ, אָנגעקומען מיט אַ געוויין אין זיין רעזידענץ, אין פּאַדלאַ. ער האָט זיך באַקלאָגט, דער קליינער, מיט חוצפה, מיט גאזלאָוואָיע, אַז אים איז ניט־גוט, אַז ער איז הונגעריק. ער האָט זיך געצאַפּלט, ניט בלויז גערעוועט. געמאָנט, וואָס אים קומט. ער איז אַזש געוואָרן גרין און געל, וואָס קיינער באַפרידיקט ניט זיין באַגער.

אַז די מומע באַסיע האָט דערזען דאָס קינד אין אַזאַ צושטאַנד, איז זי צו אים צוגעשטאַנען אין זיין רעוואָלט: זי האָט אַרויסגעריסן זלמן־אַוורעמעלען פון קאַבאַלקינען און איז אָנגעפאַלן אויף דער שוועס־טער, אויף זיין מאַמען:

— איך בין אויך אַמאָל געווען אַ ווייבל. איך האָב אויך יונגער־הייט געהאַט אַ מאַן. צי אָבער מען שלעפּט אַוועק אַ פּיצל קינד אויף אַ גאַנצער נאַכט. דאָס איז דאָך אַ זינד פאַר גאָט, אַ חרפה פאַר לייט.

די מאַמע האָט ווידער פּרובירט אָנזויגן דאָס קינד. האָט איר ברוסט ווידער ניט געגעבן קיין מילך. האָט די מומע אָנגעהאָדעוועט דאָס קינד מיט זיסע וואַסער. אַראָפּגענומען פון אים די נאַסע וויג־דעלעך. ווי עס איז האָט די מומע דאָס קינד איינגעשטילט, איבער־געוויקלט, איינגעשלעפערט. און אַז זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן

קינד, האָט זי אַריינגעבראַכט אַן איי. דאָס איי האָט זי אויסגעבאָרגט (אָדער אויסגעבעטלט) פאַר דער מאַמען ביי אַ שכנה.

— טרינק עס אויס לויזערהייט, — האָט זיך די מומע געבעטן ביי דער מאַמען — זאָל דיר דאַכטן, אַז דאָס איז אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטאָר. דו מוזט האָבן כאָטש פון צייט צו צייט אַ לויזע איי פאַר דיין פאַרטריקנטער ברוסט.

די מאַמע אָבער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ניט אָנגערירט דאָס איי. איר איז אָנגעגאַנגען דער פאַרשיקטער מאַטקע, ניט איר איינגעדאַרטע ברוסט. באַנוצט זיך די מומע אין איר איבעררייד מיט דער מאַמען מיט קאַבאַלקינען, ווי מיט אַן אַרגומענט:

— דיר אַליין, מיין שוועסטער, וועט פאַרדריסן, אַז דו וועסט זיך אַזוי אָפּלאָזן, — דראָעט די מומע דער מאַמען. — דיין עלטערער זון וועט זיך ניט נעמען צום האַרצן, אַז דו וועסט ליגן ווי אַ באַרג. ער איז אַ פילאָסאָף. ער זאָרגט פאַר דער וועלט. איז דען זיין מאַמע אויך די וועלט? זיין מאַמע איז דאָך אַ „יאַמע" (אַ גרוב). פאַרוואָס סטאַרעט ער זיך ניט עפּעס צו פאַרדינען כאָטש פאַר זיך, דער פאַר־זאָרגער פון דער וועלט?... — ווידערהאָלט די מומע פאַר דער מאַמען די זעלביקע טענה, וואָס זי האָט אים נעכטן אַריינגעזאָגט, קאַבאַלקינען, פאַר פּנים.

ביי דער מומען איז דאָס קאַבאַלקין געווען אַ דיפּלאָמאַטיע. אויסן איז זי דאָס גאָר געווען צו פאַר׳מיאוס׳ן מאַטקען פאַר דער מאַ־מען. נאָר אין יענעם טאָג (אין דעם טאָג פון מאַטקעס פאַרשיקונג) האָט זי זיך גערעכנט, די מומע באַסיע, מיט דער מאַמעס געמיט. זי האָט ניט געוואָלט אויפרעגן די מאַמען. האָט זי אויסגעלייגט צו קאַבאַלקינען אַלץ, וואָס זי האָט געטראַכט וועגן מאַטקען. קאַ־באַלקין האָט דאָס פאַרשטאַנען. פונדעסטוועגן איז אים באַפאַלן אַ בושה פון דעם, וואָס עס האָט אים אויפגעוואָרפן די מומע. איז עס ניט געווען דערפאַר, וואָס ער זאָל זיך האָבן דערזען אַלס אַן אומגע־טרייער זון, נאָר דערפאַר, ווייל עס האָט אים דערנומען זיין אומוויר־דיק לעבן. נאָך דעם פאַרוואורף פון דער מומען וועגן פרנסה, האָט ער זיך דערפילט ווי נאָך זיין דורכפאַל מיט דאַראַן אין סאָסאָניק: אויך ווי דעמאָלט האָט ער געטראַכט, אַז יעדער מענטש דאַרף אַליין פאַרדינען זיין ברויט, ניט הענגען אויף דעם צווייטנס חסד.

די מומע האָט ביי אים אָנגערירט אַ וואונד. שוין לאַנג פילט ער,

אַז מיט זיין איבערגאַנג פון די לעוויטס צו די קאַלעצקיס האָט ער זיין אייגן לעבן ניט געענדערט. אין דעם בלינדנס יורטע איז ער דער זעלביקער טעג־עסער, ווי ער איז געווען אין דעם מאַלערס סטודיאָ. די דאָזיקע שאַנד האָט ער געטראָגן אין זיך. ער האָט זיך מיט דעם געשעמט אויך פאַר פּעראַן.

אין יענעם טאָג האָט דער בלינדער קאַלעצקי אים אויסגעפרעגט, קאַבאַלקינען, וועגן מאַטקען. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מאַטקען פון דעם, וואָס אים האָט דערציילט פּעראַ. איז דער בלינדער אין דעם געשפּרעך וועגן מאַטקען ווי אַ העלזער אַריינגעדרונגען אין האַרצן צו קאַבאַלקינען. ווי ער וואָלט זיך מיט אים פריער צונויפ־גערעדט אין אַלעם.

— דער מאַטקע — זאָגט ער — דאַרף זיין אַ שיינער טיפּ. איך האָב ליב אַזאַ טיפּ. אַ סטאָליער אַ רעוואָלוציאָנער. דאָס האָט אַ טעם, דאָס האָט אַ ריח. דאָס איז, בראַטאַק, ניט „איבערן הימל פון האַל־בער נאַכט האָט אַ מלאך געשוועבט און אַ שטיל לידעלע געוועבט".

— איך וואָלט דיך געראַטן, בראַטאַק, דו זאָלסט אויך האָבן אַ פאַך, — ווענדט זיך דער בלינדער צו קאַבאַלקינען. — וויל איינער אַריינזאָגן אַ דעה דער וועלט אַלס רעוואָלוציאָנער, דאַרף ער זיך אַליין דערנערן מיטן שוויס פון זיין געזיכט, אַלס אַ בעל־מלאכה.

— איך האָב ניט ליב אַ רעוואָלוציאָנער אויפן ווינט, רופט אויס דער בלינדער קאַטאַרזשניק.

3

אויך זשעליאַב האָט אָפּגעליידיקט די טורמע. דאָס איז געווען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך דעם, ווי מאַטקע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דעם פאַרהער אין מאָסקווע. זשעליאַב איז פאַרשיקט געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט אין מאַנדזשוריע. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ דיסציפּלינאַרע שטראָף פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן סטודענט. נאָר די אַרויסשיקונג פון זשעליאַבן איז פאָרגעקומען אַזוי געהיים, אַז מיט אים האָט זיך פּעראַ ניט געזעגנט, אפילו אונטערן קאָנוואָי. אויך פאַר גרישען, דעם זון פון טורמע־וועכטער, איז דאָס געווען אַ סוד. פּעראַ האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

אין דעם פאַרנאַכט פון יענעם טאָג (ווען זשעליאַב איז פאַרטריבן געוואָרן קיין מאַנדזשוריע) איז אַמסטערדאַם געקומען טרייסטן דעם

בלינדן. ער איז געווען זשעליאַבס אַ יוגנטלעכער חבר. אַמסטערדאַם איז געווען אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט. ער און זשעליאַב זיינען דאָסביידע דורכגעפאַלן אין איין צייט. בעת זשעליאַב איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע מיט מאַטקען, איז אַמסטערדאַם אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערסיטעט אין פעטערבורג. ער איז געווען דער ליבלינג פון דעם בלינדן. עס האָט אים ניט געסטאַיעט, דעם אַלטן קאַטאָרזשניק, געגוג קאָמפּלימענטן, בעת ער האָט גערעדט וועגן אַמסטערדאַמען, דעם צוואָנציק־יאָריקן סטודענט, ווען ער געדענקט נאָך פּאָר אַ פּיצל קינד:

— אָט דאָס איז אַ יונגאַטש אַ פּראַכט, — אַזאַ שנעק און אַזאַ קאָנטראָל. אַ פּינקטלעכער. אַ באַטראַכטער. אַ פּאַרזיכטיקער. אַ זאַכלעכער. דאָס איז ניט סתם אַזוי־זיך אַ סטודענטל. דאָס איז אַ פּערזאָנע, וואָס ווייסט זיין פּרייז. ער וועט זיך ביליק ניט פאַרקויפן. ער זאָל נאָר צו־פּרי ניט אַריינפאַלן, וועט ער ווייט אַוועקגיין.

אויך קאַבאַלקינען האָט זייער אימפּאָנירט אַמסטערדאַם. ער האָט אים אימפּאָנירט מיט זיין שיינקייט: זיין טונקל געזיכט מיט די לאַנגע האָר איז געווען, ווי אָפּגעמאָלט. ער האָט אים אימפּאָנירט מיט זיין זיכערקייט: זיין רוסישע שפּראַך מיט די רונדע זאַצן איז געווען, ווי אויסגעטאָקט.

אין יענעם פּאַרנאַכט איז קאַבאַלקינען געווען זייער אומעטיק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך דעם, ווי זשעליאַב איז אויך ניט אין טורמע, איז שוין זיין פּלאַץ ניט ביי פּעראָן. ווען זשעליאַב וואָלט ניט געזעסן מיט מאַטקען אין איין צעל, וואָלט פּעראָ מסתמא מיט אים ניט געשטאַנען אויף איין ברעט. צי ער און פּעראָ זיינען אַ פּאָר? איר גלייכן איז אַמסטערדאַם. האָט ער זייער מקנא געווען אַמסטערדאַמען. ער האָט געטראַכט:

— אויך די רעוואָלוציע איז אייגנטלעך פאַר דעם גביר. דער גביר פאַרמאָגט אַלץ, וואָס די רעוואָלוציע דאַרף: בילדונג, מוט, שטאָלץ, איינפלוס.

אפילו אין אַמסטערדאַמס רעוואָלוציאָנערן טואָלעט האָט קאַבאַלקין באַמערקט גביר׳ישן לוקסוס. ער האָט געטראָגן אַ רויט העמד אַריבער די הויזן, ווי אַ פּויער, ווי אַן אַרבעטער. איז דאָס העמד געווען פון זייד, וואָס האָט אויך אים געפּלאַטערט, ווי אַ פּאַן.

אַמסטערדאַם האָט גערעדט וועגן זשעליאַבן. האָט ער באַדויערט רוסלאַנד:

— די פאַרשאָלטענע דעספּאָטיע שוינט ניט אַפילו דאָס ביסל אינ־טעליגענציע. היינט גיט מען אָפּ סטודענטן פאַר סאָלדאַטן. מאָרגן וועט מען אָפּגעבן קורסיסטינס פאַר דינסטן.

מיט די לעצטע ווערטער (וועגן די קורסיסטינס) האָט ער זיך גע־ווענדט צו פעראָן.

דעם בלינדן אָפּנים האָט זיך ניט געוואָלט רעדן וועגן זון, האָט ער איבערגעשלאָגן אַמסטערדאַמען מיט אַ ווערטל:

— און דיין פּאַפּאַשאַ בלאָזט זיך, מסתמא: „אַבראַשאַ האָט פאַר־וויסט זיין קאַריערע. ער איז אויס דאָקטאָר".

דער בלינדער האָט געשטיפט מיט זיין ליבלינג. ער האָט געמאַכט אָן אָנשטעל, ווי ער רייצט זיך מיט אים:

— זיי זיך מודה, אַבראַשאַ: אַמאָל פאַדריסט דיר, וואָס דו ביסט אַרויסגעפלויגן פון דער אַקאַדעמיע?

ענטפערט ער, דער סטודענט, ערנסט:

— ניט דאָס מינדסטע טראָפּעלע, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש. אומגעקערט: איך בין צופרידן, וואָס זיי האָבן מיך אַרויסגעוואָרפן. די אַקאַדעמיע איז אויף מיר געווען אַ לאַסט. צווישן צוויי שטולן — צווישן אַנאַטאָמיע און רעוואָלוציע. הלואי וואָלט עס פּאַסירט מיט אַלע סטודענטן.

— איבעריגנס — זאָגט ער — ווי באַלד איר האָט דערמאָנט אָפּאָזיציאָנעלע סטודענטשאַפט, וויל איך ביי אייך קריגן, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, אַביסל היסטאָרישע אינפאָרמאַציע: אין איי־ערע צייטן (איך מיין אין די זיבעציקער און אין די אַכציקער יאָרן) איז ווען עס איז אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פאַרהאַנדלט געוואָרן די פראַגע: „צי מעג אַ רעוואָלוציאָנער זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר"?

— דאָס איז — גיט ער צו — אַ פּראָבלעם, וואָס גיט מיר ניט קיין רו. וויל איך וויסן, וואָס איר, די פּאַטערס אונזערע, האָבן וועגן דעם געטראַכט. אפשר איז פאַרבליבן אַ ליטעראַרישער דאָקומענט פון יענער צייט אויף דער דאָזיקער טעמע...

איז דער בלינדער געוואָרן אַזוי קאָנוואולסיוו, אַז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די ציטעריקע הענט אָן די בלויע ברילן.

— ווי־וואָס? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט — „צי מעג אַ רע־וואָלוציאָנער זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר" . . . דו ביסט געריִרט פון זינען, אַבראַשאַ. און אויב דאָס איז ביי דיר אַזאַ אַנעקדאָט — זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז זייער אַ ביליקער אַנעקדאָט. דאָס איז אַ באַליידיקונג פאַר אַ רעוואָלוציאָנער.

אַמסטערדאַם אָבער בלייבט קאַלט. ער לערנט נאָך דעם אַלטן קאַטאָרזשניק רעוואָלוציאָנערן טאַקט:

— היצן זיך — זאָגט ער — פּאַסט פאַר אַן אַנגעבלאָזענעם ליבע־ראַל, ניט פאַר אַ דורכגערויכערטן טעראָריסט.

—— איר דאַרפט מיך פאַרשטיין, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, ניט פון אַ וואולגאַרן אַספּעקט. איך פרעג ניט סתם: „צי מעג אַ רעוואָ־לוציאָנער זיין אַפּראָוואָקאַטאָר?" אייער פּראָטעסט איז באַנאַל. איך פרעג: צי איז מאָראַליש דערלויבט צו פּראָוואָצירן, אויב דאָס קאָן נאָר נוצן דער רעוואָלוציע?

דער בלינדער טוט ווידער אַ ברום. שרייט אים איבער אַמ־סטערדאַם:

— איך וועל אייך באַלד דערקלערן, וואָס איך מיין . . .

— איך וועל אייך ברענגען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל: — קערט ער זיך אום צו זיין קאַלטן טאָן — אין דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט באַשטייט די סטודענטישע באַוועגונג מינימום פון אַ טויזנט יונגאַ־טשעס. ווען מען זאָל זיי אַלעמען אויסשליסן פון אודיטאָריום, וואָלט אַ העלפט פון זיי זיכער אַריינגעפאַלן אין דער רעוואָלוציע. זיי וואָלטן געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן. מאָלט איר זיך אויס, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס פאַר אַ געווינס דאָס וואָלט געווען פאַר אונז.

— פאַר דעם זיג פון דער רעוואָלוציע — ציילט אַמסטערדאַם די ווערטער — איז ניט גענוג, אַז זי זאָל זיין פאַר דעם רעוואָלוציאָנער בלויז אַ אידעאַל. זי דאַרף פאַר אים אויך זיין אַ פאַך. דער איינציקער פאַך. דער פּראָפעסיאָנאַל אין דער רעוואָלוציע דאַרף זיין אַזאַ ספּע־ציעלער פאַכמאַן, אַז ער זאָל גאָרנישט טויגן צו אַן אַנדער באַשעפ־טיקונג. דער רעוואָלוציאָנער דאַרף זיך פערזענלעך אויסלעבן אין דער רעוואָלוציע. אפילו די שוואַכקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור (ווי כבוד, ווי גאוה) דאַרף ער באַפרידיקן אין דער באַוועגונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. און אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט דאַרף פאַר

אים זייך, פאַר דעם פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער, ניט אַ הייליקטום, נאָר אַ מלאכה. אויב אפילו אַזאַ אַקט זאָל אים דראָען מיט דער תליה. פונקט ווי אַ קוילן־גרעבער האַלט זיך ניט פאַר אַ הייליקן מאַר־טירער, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אין קוילן־גרוב טאָן זיין אַרבעט. טראָץ דעם, וואָס ניט־זעלטן געפינט ער דאָרטן דעם טויט. הייליקייט איז גאָר אַמאָל אַ שטער אין מלאכה. דאָס ציט אָפּ פון עיקר. די רעוואָלוציע איז אַן אונטערנעמונג. און אום די אונטערנעמונג זאָל האָבן אַ זיגרייכן דערפאָלג, דאַרף זי זיך באַוואָרענען מיט אַ טרעני־רטן פּערסאָנאַל.

— איז פאַרוואָס, באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש — פירט אויס אַב־ראַשאַ אַמסטערדאַם, — ניט אינפאָרמירן די זשאַנדאַרמעריע וועגן די אָפּאָזיציאָנעלע סטודענטן, אויב אין דעם לעצטן סך־הכל קאָן אַזאַ פּראָוואָקאַציע באַרייכערן די רעוואָלוציע מיט פּראָפעסיאָנעלע קאַד־רען? פאַרוואָס ניט?

פון דעם בלינדן האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעטאָן זיין צאָרן. אַ פאַרגאַפטער, אַ באַצויבערטער, האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם מאָנאָלאָג פון דעם סטודענט. ער איז שוין טיילווייז באַזיגט:

— איך ווייס ניט, — זאָגט ער — אפשר מעג מען טאָקע. דאָס איז אַלץ פאַר מיר אַזוי ניי, אַז איך דאַרף דאָס אין זיך פריער אַריינ־נעמען און דערנאָך באַטראַכטן. אין מיינע צייטן האָב איך ניט גע־הערט אַזוינע געדאַנקען. אַלץ הייסט עס — מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— איך וועל מיט דיר זיין אָפן, אַבראַשאַ, — האָט באַלד חרטה דער בלינדער. — איך קאָן דיר שוין ענטפערן אויף דיין פראַגע: מיך שרעקט זייער דיין צוגאַנג. ריכטיקער — דיין אויסגאַנג. איז עס ניט צוליב מאָראַל. איך ווייס דעם ווערט פון דער דאָזיקער מטבעה. אַז ביי דעם מאָראַליסט רייסט אָן אַ פינגער, וואַרפט ער גלייך אָפּ די מאָראַל. ניט „מאָראַל" קאָן זיין אַ קאָמפּאַס פאַר דער רעוואָלוציע. און נאָך אַ זאַך ווייס איך: פאַר דער רעוואָלוציע איז דער קרימסטער וועג — די גלייכע ליניע. דער וועג פון דער רעוואָלוציע איז דער זיגזאַג. אָבער פּראָוואָקאַציע צוליב רעוואָלוציע . . . דאָס איז עפּעס . . . נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן . . . דאָס איז אַזוי אומנאַטירלעך, אַז עס פעלט אַ פאַרגלייך. דאָס איז אַן אידעאָלאָגישע פּעדראַסטיע . . .

פונדעסטוועגן זאָגט דער בלינדער צו קאַבאַלקינען:

— לערן זיך, בראַטאָק, פון אַבראַשאַן.

4

— קומט, חבר וואָלאָדיא! מיר וועלן זיך אַביסל דורכגיין. איר וועט מיך אַ שטיקל וועג באַגלייטן. איך דאַרף מיט אייך איבערעדן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך. — זאָגט צו קאַבאַלקינען דער סטודענט אַמסטערדאַם נאָך דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם בלינדן קאַלעצקין וועגן דעם, צי עס איז דערלאָזבאַר אַזאַ פּראָוואָקאַציע, וואָס קאָן זיין נוצבאַר פאַר דער רעוואָלוציע.

די איינלאַדונג פון אַמסטערדאַמען האָט שטאַרק דערפרייט קאַבאַלקינען: נאָך דעם געשפּרעך מיט דעם בלינדן איז אַמסטערדאַם זייער אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן. ער איז אים געוואָרן ליב, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ גביר.

קאַבאַלקין האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם געדאַנק פון אַמסטערדאַמען וועגן פּראַקטיצירן פּראָוואָקאַציע, אויב פון דעם קאָן פּראָפיטירן די רעוואָלוציע. ער האָט עס דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען. האָט עס אים דעריבער ניט אינטערעסירט (קאַבאַלקינען האָט איינמאָל ניט אינטערעסירט דאָס, וואָס ער פאַרשטייט ניט). וואָס ער האָט יאָ פאַרשטאַנען איז געווען דער געדאַנק פון אַמסטערדאַמען, אַז פאַר דעם רעוואָלוציאָנער דאַרף זיין די רעוואָלוציע ניט בלויז אַ מאַרטירערשאַפט, נאָר אויך אַ באַשעפּטיקונג. דאָס האָט אים זייער פאַראינטערעסירט. ער האָט דאָס אָנגענומען ניט ווי אַן אומפאַרמיידלעכן געזעץ פאַר יעדן פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער, נאָר ווי אַן אויסגעשפּראָכענעם שטריך פון אַמסטערדאַמס כאַראַקטער. האָט ביי קאַבאַלקינען זייער אויסגענומען דער דאָזיקער שטריך. ער האָט אין דעם דערזען די באַשיידנקייט פון אַ העלד, וואָס רעדוצירט זיין העלדישקייט צו אַ קלייניקייט. אַבראַם אַמסטערדאַם איז אים געוואָרן אַזוי איינגעבאַקן אין הארצן מיט זיין פיינקייט, אַז אין יענעם מאָמענט האָט ער אים פאַרגעבן זיין רייכקייט.

און דער בלינדער איז געווען אויפגעמונטערט. ער האָט אונטערגעוואָרעמט אַמסטערדאַמען, ווי אין אַ געיעג אויף קאַבאַלקינען און פּעראָן:

— בייס זיך איין אין אים, אַבראַשאַ. לאָז אים ניט אָפּ, וואָלאָדיאָן. געַנוג אַרומצוטאַנצן אויפן אָפּצאָס. שוין צייט אַריינצוטרעטן אין דער באַוועגונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אייז־גאַנג. איך פיל

עס. אַלע דאַרפן זיך לאָזן שווימען. קיין איינער טאָר ניט אויספעלן. אויך פעראָן זעץ אַרויף אויף אַ קריע. וואָס שנעלער צום ברעג, יונגאַטשעס!

דער בלינדער איז אַרויס פון גלייכגעוויכט. קאַבאַלקין האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אין אַזאַ צושטאַנד. דאָס האָט אַפּנים אַמסטער־דאַם אויף אים אַזוי געווירקט מיט זיין געדאַנקען־גאַנג. פון פּאַטאָס גייט ער אַריבער צו שפּאָט:

— אַ קליידל פון אַ מיידל, וואָלאָדיא, איז ניט אַ פאָן פון רע־וואָלוציע.

פעראָ ווערט רויט פון דער דאָזיקער רעפּליק. זי פאַרבייסט אַ ליפּ און זי צעשרייט זיך אויפן קול קעגן איר פאָטער:

— דו האָסט קיין רעכט ניט, פּאַפּאַ, מיך צו באַליידיקן. און דו האָסט קיין רעכט ניט אויך וואָלאָדיאן צו פאַרשעמען.

לאַכט דער בלינדער מיט אַזאַ צופרידענעם, הילכיקן געלעכטער. ער פּלעטשט מיט זיינע אָנגעשוואָלענע, קאַטאַרזשנע דלאָניעס:

— אַריינגעפאַלן, פערקא . . . אויף דעם גנב ברענט דאָס היטל...

פעראָ לאָזט אַרויס אַ כליפּ. בעט זי איבער דער בלינדער מיט אַ שמייכל:

— נו, נו, טאָכטער, האַלט איין דעם פּאַנטאָן. איך האָב גאָרנישט געמיינט. איך האָב גאָרנישט געהערט. מיין שטיבעלע איז אָן אַ זייט. די רעוואָלוציע אָבער איז אין צענטער. אויך דער ראָמאַנס דאַרף שטעקן אין דער רעוואָלוציע, ניט וויגן זיך אויפן ווינט.

— אמת, אַבראַשאַ? — רופט אויס דער בלינדער צו אַמסטער־דאַמען, ווי צו אַ רעוואָלוציאָנען עקספּערט.

און צו דער איינציקער טאָכטער ווענדט ער זיך שוין מיט אַ טרויעריקן טאָן:

— עך, פעראָ, פעראָ! איך בין אויך אַמאָל געווען אַ אינגל. אויך דיין מאַמע איז אַמאָל געווען אַ מיידל. נאָר מיר האָבן ראָמאַנ־סירט ניט ביים טייך אונטער אַ ביימעלע, נאָר ביים דינאַמיט מיט אַ באָמבעלע.

איז אים וואויל, קאַבאַלקינען: עס קומט אויס, ווי דער אַלטער האָט אָנערקענט פאַר אַמסטערדאַמען אים און פעראָן פאַר אַ פּאָר . . .
זאָלבענאַנד זיינען זיי (אַמסטערדאַם און קאַבאַלקין) אַרויס פון

קאַלעצקיס הויז. עס איז געווען אַ פרילינגנדיקע נאַכט. נאָר די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע: סוף־חודש. אַמסטערדאַם איז געווען זייער אַ קורצזיכטיקער. האָט ער אַנגענומען קאַבאַלקינען אונטערן אָרעם, כדי ער זאָל אים פירן. האָט אויף אים געווירקט אַמסטער־דאַמס אַרומאָרעמונג, ווי דאָס וואָלט געווען פּעראָס אַן אָנרירונג. דאָס איז געווען מער ווי אַ פיזישע אָנרעגונג. דאָס איז געווען אַ גייסטיקע דערהויבונג. אים האָט אימפּאָנירט, וואָס ער און אַמסטערדאַם שפּאַנען געאָרעמט אונטער די הענט. מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי, האָבן זיי אים אויסגעזען קליין, אומוויכטיק. ער האָט צו זיי געפילט מיטלייד דערפאַר, וואָס זיי זיינען סתם מענטשן, ניט רעוואָלוציאָנערן. ער איז געווען דאַנקבאַר דער רעוואָלוציע. איידער זי האָט נאָך אויס־געבראָכן, האָט זי אים שוין אויפגעהויבן. דורך מאָטקען איז ער אַריינגעקומען צו קאַלעצקין. דורך פּעראָן איז ער זיך צונויפגעקומען מיט אַמסטערדאַמען. ווער ווייסט, וואו ער וועט נאָך אָנשפּאַרן אין דער רעוואָלוציע. נאָך גרעסער איז געווען זיין פרייד, אַז אַמסטער־דאַם האָט זיך אַראָפּגענויגט צו זיין אויער און אַזוי פאַמיליער אים איינגערוימט אַ סוד:

— קומט, וואָלאָדיאַ, צו מיר. ביי מיר וועט אונז קיינער ניט שטערן. עס איז אויך גלייכער, אַז קיינער זאָל אונז ניט הערן.

אַמסטערדאַם האָט אים אַריינגענומען אין זיין רייכער היים. ער האָט פאַרנומען אַ באַזונדער קאַבינעט. דער קאַבינעט איז געווען אויס־געלייגט מיט טעפּיכער, אָנגעשטעלט מיט סקולפּטורן, באַלויכטן מיט קאָלירן, אָנגעפילט מיט ביכער.

אַבראַשאַס פאָטער איז געווען אַ באַרימטער יוּוועליר. ער איז געווען באַוואוסט מיט זיין צירונג איבער רוסלאַנד. ער האָט אויך אימפּאָרטירט שטיינוואַרג פון האָלאַנד. ער האָט אפילו צוגעשטעלט צירונג דעם צאַר און דערפאַר געקראָגן אַ מעדאַל. דעריבער, מסתמא, האָט דער קאַבינעט אויסגעקוקט ווי אַן אויסשטעלונג. דאָס איז געווען אין דעם סטיל פון דעם יוּוועליר.

קאַבאַלקין האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם קאַבינעט. האָט זיך אַמסטערדאַם פאַרקלאָגט אויף דעם לוקסוס:

— איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, חבר וואָלאָדיאַ, ווי דערווידער מיר איז די בורזשואַזע אַטמאָספער.

— מיין לעבן אין אַזאַ הויז — האָט ער זיך פאַרענטפערט — קאָן איך בלויז באַרעכטיקן מיט דעם, וואָס דאָס איז אַ נוץ פאַר דער רעוואָלוציע: דאָ קאָן מען אויסבאַהאַלטן ליטעראַטור, פאַרקאָנספּי־רירן אַ חבר. פאַר דעם בורזשוי האָט אָפּשיי דער זשאַנדאַרם.

— איך בין אַביסל אינפאָרמירט אין אייער ביאָגראַפיע, — רעדט ווייטער דער סטודענט אַמסטערדאַם. — פּעראָ האָט מיר דערציילט וועגן אייך. דער אַלטער האָט מיט מיר גערעדט וועגן אייך. איך בין אייך מקנא, וואָלאָדיא, אייער אָפּשטאַם. איר שטאַמט פון פאָלק. איך שטאַם פון דרויב. נאָך אַלעמען זייט איר אין דער רעוואָלוציע — דער אָביעקט, און איך — דער פילאַנטראָפּ.

בעת אַמסטערדאַם האָט גערעדט אַזוי אינטים, האָט קאַבאַלקין געפילט, אַז עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס ער וואָלט ניט געטאָן פאַר אים. שטעלט אים באַלד אַבראַשאַ ביי דעם נסיון נאָך דעם, ווי ער רעדט פאַר אים אויס דאָס האַרץ:

— חבר וואָלאָדיא! איר ווילט עפּעס טאָן פאַר דער רעוואָלוציע?

— לייגט אַבראַשאַ אַרויף אַ האַנט אויף זיינעם אַן אַקסל און ער קוקט אים אַריין אין די אויגן. — איך האָף, אַז איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן. די נויט אין כחות איז זייער גרויס.

— דער ערשטער מאַי הענגט אויף דער נאָז, — דערקלערט ער אים, — אינגאַנצן קנאַפּע דריי טעג געבליבן צום ערשטן מאַי. און אַזאַ שטאָט, ווי מאָהילעוו, האָט ניט קיין איין פּראָקלאַמאַציע. זייט איר גרייט אונטערצונעמען די שליחות און צושטעלן אין מאָהילעוו די פּראָקלאַמאַציעס? דאָס איז אַ זאַך, וואָס מען קאָן ניט אָפּלייגן. און ניטאָ קיין אַנדערע אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

האָט קאַבאַלקין אפילו ניט איבערגעטראַכט. ער האָט גלייך איינ־געשטימט. האָט אַמסטערדאַם אים געדריקט די האַנט. און דורכ־געפירט אויף אים דעם צערעמאָניאַל פון אַ קאָנספּיראַטאָר: איינאיינעם מיט דעם מאָהילעווער אַדרעס האָט ער אים איבערגעגעבן דעם געהיי־מען פּאַראָל. דער אַדרעס איז געווען פון אַ זייגער־מייסטער. דער פּאַראָל איז געווען פון עוואַנגעליום.

— אין מאָהילעוו וועט איר זיך אָפּשטעלן אין לופּעלעס, — האָט אים אַמסטערדאַם אָנגעזאָגט. — אין לופּעלעס וואוינט די אידישע אַרעמשאַפט. דאָס איז אַזאַ קוואַרטאַל, ווי אייער פּאַדלאָ. וועט איר

דאָרטן אויפזוכן אַ זייגער־מייסטער, וואָס הייסט בוכבינדער. דעם בוכבינדערן וועט איר זאָגן דאָס וואָרט:

„מיר זיינען דריי שטערנזעער".

איז אויב ער וועט אייך פרעגן:

„האָט איר געזען אַ שטערן אין מזרח?"

וועט איר וויסן, אַז דאָס איז דער ריכטיקער מאַן, וואָס הייסט בוכבינדער, און איר וועט אים אָפּגעבן די פּראָקלאַמאַציעס.

— און איצט, וואָלאָדיאַ, אַז איר זייט אַריין אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, דאַרפט איר האָבן אַן אומלעגאַלן נאָמען... — האָט געזאָגט אַמסטערדאַם צו קאַבאַלקינען, נאָך דעם ווי ער האָט אים פאַרטרויט דעם מאַהילעווער אַדרעס און דעם געהיימען פּאַראָל.

— איך מיין, אַז אייער אומלעגאַלער נאָמען זאָל זיין: „באַריס קאַבאַלקין", — האָט פאַרגעלייגט אַמסטערדאַם.

דאָס איז ניט געווען אַ נאָמען, וואָס איז אים, אַבראַשאַן, סתם אַרויפגעפאַלן אויף דער צונג. זיין פאָרשלאָג האָט ער קאָמענטירט מיט אַ דערקלערונג.

„באַריס" — האָט ער געזאָגט — וועט זיין אַ נאָמען נאָך דעם בלינדן קאַלעצקין. ער איז אפשר אַ פאַרעלטערטער רעוואָלוציאָנער. ער איז אָבער אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט. און „קאַבאַלקין" וועט זיין אַן אנשפּיל אויף אייער אַפּשטאַם. „קאַבאַלאַ" איז אין רוסיש — שקלאַפעריי. וועט מיינען „קאַבאַלקין" — דער פאַרשקלאַפּ־טער... דאָס וועט זיין אַ צונעמעניש — אַ סימבאָל.

פון דעמאָלט אָן איז ער דאָס אַריבער פון וועלוול סאַנדלער אויף באַריס קאַבאַלקין.

נאָך די דאָזיקע אַלע הכנות האָט אים אַמסטערדאַם אונטערגע־טראָגן אַ וואַליז און אים מיטגעגעבן אַ מטבעה. דער וואַליז איז געווען מיט מאַי־פּראָקלאַמאַציעס. די מטבעה איז געווען אויף וועג־הוצאות.

פון אַמסטערדאַמען איז ער מיט דעם וואַליז אַוועק צום וואָקזאַל. אויפן הימל האָט זיך שוין באַוויזן די זון. צוליב קאָנספּיראַציע האָט ער גענומען אַ פיאַקער. אַזוי האָט אים אָנגעזאָגט אַבראַשאַ. דאָס איז געווען דער ערשטער וואוילטאָג אין זיין לעבן. דאָס איז געווען זיין ערשטע שליחות אין דער רעוואָלוציע.

5

דער וואַגאָן איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אידן; בעת קאַ־באַלקין איז אַריין מיט דעם וואַליז, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט פּראָקלאַמאַציעס. די דאָזיקע מיטפאָרער זיינען באַשטאַנען פון דאָרפס־הענדלער און טאָג־אַרבעטער. עס איז געווען פרייטיק אינדערפרי. האָבן זיי זיך דאָס אומגעקערט אויף שבת אין זייערע היימען — אין די שטעטלעך צווישן וויטבאַניע און מאָהילעוו. האָט קאַבאַלקין זיך צונויפגעמישט מיט די פּאַסאַזשירן, כדי צו פאַרשטעלן די פּראָקלאַ־מאַציעס. ער האָט דאָס בכיון אָפּגעזוכט אין באַן אַזאַ וואַגאָן. מיטן אינסטינקט איז ער באַלד געוואָרן אַן אַקטיאָר. ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ קלויזניק: עס איז אָנהויב זומער. פאָרט ער דאָס כלומר׳שט קיין מאָהילעוו אין דער ישיבה.

די מיטפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן זיינען געווען סקאָרבאָווע אידן. האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט אָפּדאַווענען מיט אַ מנין אין וואַגאָן. איז ער, קאַבאַלקין, צוליב קאָנספּיראַציע אויך צוגעשטאַנען צום דאַווענען. האָט ער ניט געהאַט קיין תפילין. האָט ער אויסגעבאָרגט דעם דאָ־זיקן אינסטרומענט ביי אַ פּאַסאַזשיר. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט זיי פאַרגעסן אין קלויז. איז פּונקט, ווי ער האָט דאָס צום ערשטן מאָל געפירט פּראָקלאַמאַציעס, אַזוי האָט ער דאָס צום ערשטן מאָל געלייגט תפילין. זיין קאָנספּיראַציע האָט אים אַריינגעטריבן אין אַזאַרט. ער איז אונטערגעשפּרונגען ביים דאַווענען, ווי אַ חסיד.

צווישן די מיטפאָרנדיקע אידן איז געווען איינער אַזאַ פריילעכער יונגערמאַנטשיק. אַ קליינינטשקער, אַ דאַרינקער, אַ געלינקער, אַ לאַ־כעדיקער, אַ שפּילעווודיקער. זיין פיזיאָנאָמיע האָט געשטימט מיט זיין פּראָפעסיע. ער האָט אין די דערפער געהאַנדלט מיט פּויערטעס: זיין פּרנסה איז געווען — קאַמעלעך, סטענגעס, פּאַטשערקעס. האָט זיך דעם דאָזיקן יונגנמאַנטשיק פאַרגלוסט איבערבייסן נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעפּאָרטיקט מיטן אָפּדאַווענען. אָנגעהויבן האָט ער פון אַ חכמה:

— דער אידישער גאָט האָט ליב, אַז דער איד זאָל פון זיין כבוד־וועגן האַקן אַ סעודה, ניט נאָר שפּרינגען אַ קדושה.

און ער איז אַריבערגעגאַנגען צו אַ המצאה: ער האָט מיט די פינגער פון איין האַנט געקנאַקט אין דער הויך אַרויף ווי מיט קאַסטאַ־

נעטן. און מיט די פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט ער, פון הינטן אַרום, באַטאַפּט די טאָרבעס פון די פּאַסאַזשירן. דאָס האָט ער געזוכט שפּייז.

אַז די רייזנדיקע אידן האָבן באַמערקט דעם קונץ פון דעם פּריי־לעכן יונגנמאַנטשיק, האָבן זיי זיך מיט אים גערייצט אויף אַ גע־לעכטער:

— טאָפּ, טאָפּ, אברהם־משה! וואָס ביי אַ גביר אויף דער נשמה, וועסטו אָנטאַפּן ביי אַ קבצן אין דער טאָרבע.

האָט ער זיך, דער דאָזיקער לוסטיקער, הונגעריקער אברהם־משה, צוגעטשעפּעט צו קאַבאַלקינען. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זיין אָנגעפּאַקטן וואַליז:

— עי, פּאַטראָן! — זאָגט ער צו אים — וואָס האָסטו דאָרטן אין דיין טשעמאָדאַן? (אין יענער געגנט איז „פּאַטראָן" געווען אַ צו־נעמעניש פאַר אַ קלויזניק).

דערשרעקט זיך קאַבאַלקין פאַר דעם אַפּעטיט פון דעם לץ: זיין קאָנספּיראַציע שטייט אין געפאַר. מאַכט ער צו גאַרנישט זיין וואַליז:

— אַ העמד מיט אַ גמרא! — ענטפערט ער דעם וויצלינג אויף זיין פראַגע.

נעמט ניט אָן דער יונגערמאַנטשיק דעם ענטפער:

— דאָס איז — זאָגט ער — אַ תירוץ פאַר דער באָבען. עס קאָן ניט זיין, אַז ביי אַ קלויזניק זאָל זיך ניט פאַרוואַלגערן אַ קוגל.

און ער קריכט, דער לץ, צום טשעמאָדאַן. קאַבאַלקין קלאַמערט זיך איין אין די פּראָקלאַמאַציעס. דאָס אידל אָבער נעמט אים אָן אונ־טער די פּאַכוועס. דאָס אידל ווי קליין און דאַר עס איז, אַזוי איז עס קרעפּקע און פלינק. פינגער ווי דראָטן, אַ צינגל אויף שרויפן. קאַ־באַלקינס ווידערשטאַנד צערייצט דאָס אידל. ער שרייט איבערן וואַגאָן:

— דוקא, ווייל דו ווילסט ניט ווייזן, וויל איך זען. די וועלט איז ניט הפקר; אַז מען זאָגט דיר: „פּאַק זיך אויס" — דאַרפסטו זיך אויספּאַקן.

האָט זיך קאַבאַלקין פאַרלוירן: ער זאָל אים „ווייזן". וואָס זאָל ער אים ווייזן? די פּראָקלאַמאַציעס זאָל ער אים ווייזן? האָט ער ניט אויסגעהאַלטן זיין העלדישקייט. ער האָט געוועקט צו זיך רחמנות.

ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ יתום. טיילוויז איז עס געווען גע־שפּילט. נאָר טיילווייז איז עס געווען אויף אַן אמת. האָט דער אמת פון זיין שפּיל געווירקט. די איבעריקע אידן, וואָס האָבן זיך פריער אונטערהאַלטן, האָבן זיך איצט פאַר אים אָנגענומען:

— משוגע׳נער אברהם־משה. ביי דיר האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער זומער? וואָס האָסטו זיך איינגעזויגן אין אַ פרעמד אינגל?

דער לץ האָט אָפּגעלאָזן דעם טשעמאָדאַן. האָט זיך קאָבאַלקין איינגעגראָבן אין אַ ווינקל מיט זיין קאָנספּיראַציע.

אַרום האַלבן טאָג איז קאָבאַלקין מיטן וואַליז אָנגעקומען אויף דעם מאָהילעווער וואָקזאַל. אַבראַשאַ האָט אים אָנגעזאָגט, אַז פון וואָקזאַל צו דער „יאַווקע״ *) זאָל ער צוליב קאָנספּיראַציע פאָרן אין אַ פיאַקער. נאָר ער האָט אַבראַשאַן ניט געפאָלגט. ער האָט זיך אונטערוועגנס דערטראַכט, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי קאָנספּיראַ־ציעס: איינע פאַר אַ רייכן רעוואָלוציאָנער. אַן אַנדערע פאַר אַן אָרע־מען רעוואָלוציאָנער. ווען אַבראַשאַ אַמסטערדאַם זאָל גיין צופוס מיט אַ וואַליז, וואָלט ער מיט דעם אַרויסגערופן קעגן זיך אַ פאַרדאַכט. פונקט פאַרקערט איז מיט אים: ער, וועלוול סאַנדלער, וועט אַרויס־רופן קעגן זיך אַ פאַרדאַכט, אויב ער וועט פאָרן מיט דעם וואַליז אין אַ פיאַקער. דעריבער איז ער פון זיכערקייט וועגן אַוועק פון וואָקזאַל צופוס מיט דעם וואַליז אויף די פּלייצעס. איז דאָס געווען ניט קיין לייכטער גאַנג. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די שטאָט — אַ פרעמדע. ער האָט זיך באַגאָסן מיט שוויס פון דער לאַסט. פון וואָקזאַל צו דער „יאַווקע״ איז געווען אַ ווייטער מהלך. די פּראַקלאַ־מאַציעס האָבן געהאַט אַ שווערע וואָג. און ער האָט זיך באַדאַרפט נאָכ־פרעגן אויפן וועג. האָט ער מורא געהאַט אָפּשטעלן זיך אין גאַס, אָנשטויסן זיך אויף אַ שפּיאָן.

פאַר זיינע וועג־ווייזער האָט ער אויסגעקליבן בכיון נאָר אַלטע אידן, אַלטע אידענעס פון אָרעמען שטאַנד. ער האָט אויסגעמיטן גבירים, גוי׳אים און יוגנט. ער איז געווען זיכער אין די אידישע אָרעמע זקנים, אַז זיי וועלן זיך ניט אָנשטויסן אויף זיינע מאַיאָווע

*) „יאַווקע״־מעלדונג. אויף דער רעוואָלוציאָנערער שפּראַך האָט זיך אַזוי אָנגערופן דאָס הויז, וואו דער רעוואָלוציאָנער האָט אָנגעהויבן זיין פּאַראָל.

(געהיימע) פּראָקלאַמאַציעס. נאָר אין די רייכערע גאָסן איז אים אויסגעקומען אָפּט צו מאַנעווּרירן, ביז ער האָט באַגעגנט אַן אַלטן קבצן, אָדער אַן אָרעמע זקנה. האָט דאָס נאָך מער פאַרלענגערט זיין שווערן מאַרשרוט צו דער קאָנספּיראַטיווער „יאַווקע". עס איז געווען פרייטאָג. האָט ער מורא געהאַט אַריינצופאַלן מיט דער קאָנספּיראַציע אין שבת: „אויב ער וועט ניט דערגרייכן די „יאַווקע" ביז ליכט - בענטשן, איז וואו וועט ער אַהינטאָן דעם וואַליז מיט די מאַי - פּראָקלאַמאַציעס? — אַזאַ געפאַר האָט אים צוגעגעבן מוט. ער איז געוואָרן ווינציקער איבער־קלייבעריש אין זיין נאָכפרעגעניש. איז ער באַצייטנס אָנגעקומען מיט די פּראָקלאַמאַציעס אין לופּעלעס. עס איז נאָך געווען העלער טאָג.

אין דעם דאָזיקן קוואַרטאַל, אין מאַהילעוו, וואו עס האָט זיך גע־פונען די „יאַווקע" פון דער רעוואָלוציע, האָט זיך קאַבאַלקין דערפילט, ווי אין דעם טאָל פון פּאַדלאַ, אינם דלות פון זיין היים. אים האָט דורכגעדרונגען אַ וואַרימקייט. אַרומגענומען אַ זיכערקייט.

אויף לופּעלעס האָט זיך אָנגערוקט דער שבת. דאָס איז געווען אַן ערב־שבת פון מענדעלע מוכר ספרים. פון באָד האָט געשפּאַרט אַ געדיכטער רויך. ווייבער האָבן געקראַצט קעלבערנע געדערים. צוויי שוואַרץ־פּעכיקע מאַנספּאַרשוינען זיינען געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן אויף צוויי מיט זאַלץ־פאַרקאַוועטע הערינג־פּעסער. איינער האָט אַריינגעוועבט ציצית אין אַ טלית און פאַרגאַפט געשעפּטשעט. דער צווייטער האָט געריבן כריין אין שויס און פאַרטערערנט געניסט. פון אַ לאָך איז אַרויסגעשפּרונגען אַ איד. ער איז נאָכגעלאָפן אַ האָן. דער האָן איז אַרויפגעפלויגן אויף אַ דאַך. דער איד האָט אים גע־סטראַשעט מיט אַ בעזים. האָט דאָס אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס, אַז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַן עולם. אַ מאַנספּאַרשוין פון פּאָס האָט אַרויסגעוויזן לומדות וועגן האָן. ער האָט אויסגעזונגען אַ פּסוק פון תהלים: „צפור בודד על גג" (אַ פויגל איז אַליין אויפן דאַך). און דער צווייטער מאַנספּאַרשוין, פון דער צווייטער פּאָס, האָט אָקאָמפּאַ־נירט מיט אַ פּסוק פון חומש: „מה טובו אוהליך יעקב" (ווי ליב, יעקב, עס זיינען די געצעלטן דיינע). אַלץ אַזוי היימיש ווי אין פּאַדלאַ.

קאַבאַלקין האָט זיך דערפרעגט צו זיין קאָנספּיראַטיווער „יאַווקע" — צו דעם זייגער־מייסטער בוכבינדער. איז אויך די שטוב פון דער „יאַווקע" געווען אַ קאָפּיע פון אַ געוועלב אין פּאַדלאַ. אַן עלטערער

איד מיט אַ ווייסער באָרד האָט געבלאָזן די געדערים פון אַ טאַשן־זייגער. און אַ יונגער בחור מיט אַ בלייך געזיכט האָט געשלאָגן די שעה׳ן פון אַ וואַנט־זייגער. דער יונגער בחור, וואָס האָט אויסגעקוקט אין קאַבאַלקינס עלטער, האָט אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון די כריפּנדיקע זייגערס טרויעריק געזונגען די אומעטיקע ווערטער:

„מיינע גוטע פריינט, אַז איך וועל שטאַרבן —
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָן״.

פונם ליד וועגן דער „פאָן״ האָט קאַבאַלקין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער בחור פון דער „יאַווקע״. פונדעסטוועגן איז ער צו אים ניט אַרויסגעקומען מיט דעם פּאַראָל. ער האָט אפילו פון זיך ניט אַראָפּגענומען דעם וואַליז. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, פאַר וועמען פון זיי ביידן ער זאָל דאָ אויסזאָגן דעם סוד, פאַר דעם אַלטן, צי פאַר דעם יונגן.

דער אַלטער האָט אַנגעשטעלט אויף קאַבאַלקינען אַ פּאָר שפּאַק־טיווון, וואָס ער האָט געטראָגן אויף די אויגן:

— וועמען דאַרפסטו?

נאָר קאַבאַלקין האָט נאָך אַלץ געשוויגן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַשליסן, פאַר וועמען ער זאָל זיך דאָס דאָ אַנטפּלעקן. האָט אים דער יונגער אַרויסגעפירט פון פאַרלעגנהייט:

— איר קומט פון וויטעבאַניע? — פרעגט ער אים.

ענטפערט קאַבאַלקין:

— יאָ.

— דערפרייט זיך דער בחור:

— מיר קוקן שוין אויס די אויגן נאָך די „מצות״ („מצות״ איז געווען אַ פאַרשטעלט וואָרט פאַר פּראָקלאַמאַציעס) . . .

דאָס בלייך געזיכט פונם בחורל פאַררויטלט זיך פון גליק. ער דריקט קאַבאַלקינען די האַנט:

— איינגאַנצן אַנדערהאַלבן טעג געבליבן . . . — ראַפּאָרטירט ער אים. — און עס איז ניטאָ אַ „מצה״ אויף אַ רפואה . . . איך האָב גע־מיינט, אַז איך ווער משוגע.

ביידע אָבער כאַפּן זיך, אַז זיי האָבן געהאַנדלט ניט ריכטיק מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך געדריקט די האַנט, איידער זיי האָבן זיך פאַרהערט אין דעם פּאַראָל. טרעטן זיי אָפּ איינער פונם אַנדערן אויף

אַ פּאָר טריט. ביידע מאַכן אָן אַנשטעל, ווי זיי וואָלטן נאָך ניט גע־ווען צווישן זיך באַקאַנט. זיי הויבן אָן פון דאָס ניי זייער באַגעגעניש. זיי פירן דורך דעם צערעמאָניאַל פון זייער פאַרשטעלן זיך מיט פולער פּאָמפּ.

— מיר זיינען דריי שטערנזעער! . . . — רופט אויס קאַבאַלקין פייערלעך זיין פּאַראָל.

— האָסטו געזען אַ שטערן אין מזרח? . . . — ענטפערט אָפּ דער בחור וואַזשנע זיין קעגן־פּאַראָל.

קאַבאַלקין רעקאָמענדירט זיך צום ערשטן מאָל מיט זיין אומלע־גאַלן נאָמען. ער זאָגט צו דעם בחור:

— איר קאָנט מיך רופן: באָריס.

איצט דריקן זיי זיך פון דאָס־ניי די הענט, די צוויי זיבעצן־יאָריקע קינדער פון דער רעוואָלוציע. אויך דער בחור רופט אָן זיין נאָמען:

— איך הייס: זעליג.

דער זעליג נעמט־צו ערגעץ די פּראָקלאַמאַציעס. קאַבאַלקין בלייבט איבער אַליין מיט דעם אַלטן אין די שפּאַקטיוון. דער אַלטער שרייט זיך פאַנאַנדער מיט צאָרן, ווי ער וואָלט אים באַפאַלן, ווי מיט הערנער, מיט די בינאָקלען:

— דאָס לשון פון די בעל־תקיעות: צאַפּציעל, פּאַלציעל, קאַפּ־ציעל . . . זיי מיינען, אַז איך פאַרשטיי ניט זייער געשעפט. מיט „שטערן" האַנדלען זיי, די סוחרים. קיין קלענערער מסחר שטייט זיי ניט אָן. אפילו ניט מיט דימענטן. נאָר מיט „שטערן".

— איך זע דאָך אויף דיין פּערסאָנע, אַז דו ביסט אַ דלפן. זאָל דער גביר קריכן אין פייער! אַ גביר ווערט ניט פאַרפאַלן אויך אויף קאַטאָרגע. וואוהין טראָגט איך, שדים? צו וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר?

— ווען אַט־דאָ וועט אַנוואַקסן האָר, — ווייזט־אָן דער אַלטער אויף זיין דלאָניע, — וועט מען אַראָפּוואַרפן דעם קייסער.

— עס איז זיי ווינציק, וואָס זיי ווערן פאַרפוילט אָן אַ העמד. ניט אַנדערש, אַז זיי דאַרפן נאָך פאַרפוילט ווערן אין סיביר.

ביז זעליג „די יאָווקע" האָט פאַרשטעקט די פּראָקלאַמאַציעס, האָבן אויפן הימל אויפגעלויכטן שטערן. עס איז אָנגעקומען דער שבת, וואָס

איז אין יענעם יאָר אויסגעפאַלן דעם 1טן מאַי. האָט דער אָפּגעצער־טער זעליג דערקלערט קאַבאַלקינען מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן:

— חבר באָריס! ביז שבת־נאַכטס וועל איך דיך ניט אַרויסלאָזן פון שטאָט, אפילו אַז עס זאָל זיך איבערקערן די וועלט. די פּראָקלאַ־מאַציעס קאָנען זיך זיין גוט פאַר דער מאַסע. אפשר וועט זיך אויך מיט זיי באַנוגענען די גרופּע. דאָס קרייזל אָבער מוז האָבן אַ רעדנער. דאָס קרייזל קאָן ניט דורכלאָזן אַזאַ טאָג אָן אַ פאָרטראָג. כאָטש דעם ערשטן מאַי הערן אַ לעבעדיקע שטים.

קאַבאַלקין האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, ווי אַזוי מען עפנט אַ מויל פאַר אַן עולם. האָט ער זיך זייער דערשראָקן פאַר דער ראָל פון אַ טריבון. האָט ער זיך געפּרוּווט אָפּבעטן ביי זעליגן פון אַ רעדע מיט דעם, וואָס ער האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם כאַראַקטער פון זיין שליחות:

— אייגנטלעך — זאָגט ער — בין איך דאָך אַ טעכניקער, ניט אַן אַגיטאַטאָר. איך בין בכלל ניט קיין אָראַטאָר פאַר אַ מאַסע.

נאָר דער זעליג האָט אים אפילו ניט געוואָלט אויסהערן. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט פאַרגעסן אויף זייער סוד:

— ניין, חבר באָריס! — האָט ער אים איבערגעריסן אויפן קול, בעת זיין אַלטע מאַמע האָט געבענטשט ליכט און דער גרויער זייגער־מייסטער האָט געקעמט די באָרד — ניין, חבר באָריס! דאָס מאָל וועט אַזאַ נומער ניט דורכגיין. אויב עס וועט ווייטער אַזוי אָנגיין, וועלן מיר דערקלערן אַן אָפּאָזיציע. מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון ליטעראַטור. מיר זיינען ווי שטיפקינדער ביים צענטער. מיר ווערן איינפאַך באַיקאָ־טירט. אַ גאַנץ יאָר לעבן מיר בלויז אויף געדרוקטס. מיר זיינען אויסגעהונגערט נאָך אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט, נאָך אַ וואַרעם וואָרט.

— אויב דו ווילסט ניט, חבר באָריס, אַ מאַסאָווע אַגיטאַציע — זאָל זיין אַ וויסנשאַפטלעכער רעפעראַט, — גיט ער אים נאָך.

— אויב ניט אַ רעפעראַט — איז ער נאָך מער נאַכגיביק — איז זאָל זיין אַן איבערזיכט. אויב ניט אַן איבערזיכט — זאָל זיין אַ לעקציע.

— דו דאַרפסט אַריינגיין אין מיין לאַגע. — בעט ער זיך, דער בלייכער זעליג — איך בין דאָך אין שטאָט די „יאַווקע". אַז דאָס קרייזל וועט זיך דערוויסן, אַז דאָ איז געווען אַ פאָרשטייער פון צענטער און ער איז ניט אַרויסגעטראָטן דעם 1טן מאַי מיט אַ וואָרט, וועט מיך

חברה פאַרשטיינען, ווי אַ פאַררעטער . . . אין ערגסטן פאַל זאָל זיין פּאָליטישע עקאָנאָמיע — אַרויסטרעטן אָבער מיט וואָס עס איז מוזטו.

איז קאַבאַלקין איינגעגאַנגען צו בלייבן אויפן 1טן מאַי (איבער שבת) און האַלטן אַ רעדע פאַרן קרייזל. געטאָן האָט ער עס ניט אַזוי צוליב דעם דאָזיקן זעליגן, ווי צוליב אַמסטערדאַמען: ער האָט געפילט, אַז אַמסטערדאַמס פּרעסטיזש פאָדערט פון אים אַן עפנטלעכע רעדע.

האָט דער זייגער־מייסטער פאָרגעשלאָגן קאַבאַלקינען צו געניסן פונם שבת׳דיקן טיש, בעת ער האָט אָנגענומען צו באַגריסן דעם פּראָ־לעטאַרישן יום־טוב. דער אַלטער האָט אַפּנים געמיינט, אַז ביי דעם יונגוואַרג האַנדלט זיך עס וועגן אַ מאָלצייט.

— וואוהין וועסטו גיין אַזוי שפּעט? — האָט ער געזאָגט צו קאַ־באַלקינען — שטיי שוין איבער דעם שבת ביי מיר פאַר אַ גאַסט. איך זאָג דיר ניט צו קיין פעטן קוגל, — האָט ער זיך געוועדטלט. — אַ זייגער־מייסטער איז אַ זיידענע טאַרבע. וואָס מיר וועלן עסן, וועסטו אויך עסן.

דעם זייגער־מייסטערס משפּחה איז באַשטאַנען פון פיר פאַרשוין: דער אַלטער אַליין, די אַלטע זיינע און צוויי קינדער — זעליג די „יאַוקע״ און אַ מיידל אַ נייטאַרין, וואָס האָט אים, קאַבאַלקינען, דער־מאָנט אָן דער פאַרשטאָרבענער זלאַטען, זיין פאַרזעסענע קוזינע.

די וועטשערע איז באַשטאַנען פון דרויב. דער אַלטער האָט זיך ביים טיש פאַנאַנדערגערעדט וועגן דער רעוואָלוציע.

— איך זע — זאָגט ער צו קאַבאַלקינען, — אַז דו ביסט ביי חברה אַן אַרומפאָרער. ביסטו דאָך, מסתמא, אַ קאָפּ־מענטש. בעט איך דיך, מאַך מיך קלוג: וואָס וועט אַרויסקומען פאַרן קבצן, אויב אפילו, לאָמיר זאָגן, אַז מען זאָל שוין אַראָפּוואַרפן דעם קייסער?

פאַסט ער צו, קאַבאַלקין, פאַרן אַלטן זייגער־מייסטער אַזאַ ענט־פער, וואָס זאָל זיין אַן אַרגומענט פאַר אַ פּאַרצייטיקן אידן:

— אַז עס וועט ניט זיין קיין קייסער — זאָגט ער — וועלן מיר האָבן „פּראַווע" (רעכט). מיר וועלן קאָנען זיין אַלץ אין דער וועלט.

— אַזוי . . . „מיר וועלן קאָנען זיין אַלץ אין דער וועלט" . . . קרימט איבער דער זייגער־מייסטער קאַבאַלקינען, — איך וואָלט טאַקע געוועון אַ בעלן צו וויסן: ווער איז דאָס דער „מיר"? אַ קבצן צי אַ גביר? אַ קבצן קאָן ניט זיין אַלץ אין דער וועלט. צי מיט אַ קיי־

סער צי אַן אַ קייסער. „פּראָוועס" דאַרף האָבן דער גביר: אים איז ווינציק די וועלט.

— ווער איז דיין טאַטע? — שטעלט אים קאַבאַלקינען דער אָנ־גערונצלטער זייגער־מייסטער אַן אומגעריכטע שאלה.

באַפאַלט דעם רעוואָלוציאָנער אַ בושה: פּאַרט אַ זיבעצן־יאָריק אינגל אין דער פרעמד. אין דער הויזלעכקייט פון דעם זייגער־מייסטער פאַרשעמט ער זיך פאַר דעם פלאַנטער אין זיין פאַמיליע. פאַרלייקנט ער זיין טאַטן. אגב האָט ער שוין כמעט פאַרגעסן דעם טאַטן זיינעם.

— איך האָב נאָר — זאָגט ער — אַ מאַמע.

— און וואָס טוט דיין מאַמע? — דערגרונטעוועט זיך דער זיי־גער־מייסטער — ווער האַלט זי אויס מיט דער הוצאה?

דערציילט קאַבאַלקין דעם אמת וועגן זיין מאַמען:

— זי זיצט — זאָגט ער — אויפן מאַרק מיט בייגל, מיט עפּל (וועגן דעם אַז זיינע צוויי קליינע שוועסטער זיינען שוין דינסטן און אַז ער האָט אַ שטיפטאַטן, וואָס איז אַן אַרעסטאַנט, פאַרשוויגט ער).

— נו — טריאומפירט דער זייגער־מייסטער — וועט עפּעס העלפן דיין אָרעמער מאַמען, אַז זי וועט שוין האָבן פולע „פּראָוועס"? לענדער וועט זי בויען? וועלדער וועט זי האַקן? און אַז ניט דער קייסער וועט פירן די מלוכה, וועט זי האָבן אויף קערעוואַניע? דאָס האָבן איידך די רייכע סטודענטן פאַרדרייט די קעפּ, איר באָרוועסע האַלע־דריגעס. די סטודענטן ווילן זיין פּריצים, דאַרפן זיי האָבן „פּראָוועס". וואָס וועלן מיר, קבצנים, אָבער פון דעם האָבן? מיר וועלן זיי איינ־זאַלצן, די „פּראָוועס"?

— דער טאַטע איז אַ ציוניסט. — מישט זיך אַריין דער בלייכער זעליג, די געהיימע „יאַוועקע" פון דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל.

האַקט אָפּ דער זייגער־מייסטער זיין בן־יחיד:

— דיין טאַטן, שוטה, גייט־אָן דער קבצן, ניט ציון. זאָל די וועלט אויסוואָרצלען די גבירים. דעמאָלט וועלן מיר, קבצנים, האָבן „פּראָוועס". פאַר אַן אָרעמאַן אָבער אויסוואָרצלען דעם גביר איז ווי פאַר אַ מענטשן איבערמאַכן דאָס וועטער. איז שוין גלייכער פאַר דעם אָרעמאַן צו זיצן און שווייגן . . . אַ „ציוניסט"! . . . די רייכע ציוניסטן האָבן פאַר מיר איין פּנים מיט די רייכע סטודענטן.

קאַבאַלקינען דאַכט זיך, בעת־מעשה, אַז דער אַלטער בוכבינדער,

דער זייגער־מייסטער, איז אַ פּאָר צו דעם בלינדן קאַלעצקין, דעם קאָ־טאָרזשניק. ער דערמאָנט זיך, ווי דער בלינדער האָט זיך געבעטן ביים גאַסט (ביי גערשונין), אַז ער זאָל „ניט דערלאָזן דעם סטודענט צום פאָלק".

אין דער נאַכט פונם 1טן מאַי זיינען ביידע אינגלעך געשלאָפן אויף איין באַנק: די צווי זיבעצן־יאָריקע רעוואָלוציאָנערן פון דער אידישער אָרעמשאַפט: איינער פון דעם אָרעמשאַפט־קוואַרטאַל אין וויטבאַניע; דער אַנדערער פון דעם אָרעמשאַפט־קוואַרטאַל אין מאָהי־לעוו. אויפן האַרטן געלעגער איז זייער רעוואָלוציאָנערע חבר'שאַפט אַריבער אין אַן אינטימער פריינטשאַפט. קאַבאַלקין האָט אַזש פאַר־בויגן זיין אומלעגאַלן נאָמען פאַר דער קאָנספּיראַטיווער „יאַווקע". ער האָט אויסגעזאָגט זעליגן, אַז ער הייסט וועלוול. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן מאַטקען און קאַלעצקין, וועגן פעראַן און אַמסטער־דאַמען, וועגן בינקינען און זשעליאַבן.

האָט זעליג מקנא געווען קאַבאַלקינען זיינע גרויסע פאַרבינדונגען. ער האָט זיך פאַר אים אָראָפּגערעדט פון האַרצן וועגן זיין אייגן לעבן:

— איך קאָן שוין ניט אויסהאַלטן דעם אומעט פון דער היים, — האָט זיך זעליג פאַרטרויט זיין גאַסט פון דער רעוואָלוציע. — איך קאָן ניט הערן, ווי די זייגערס קלאַפּן. איך קאָן ניט קוקן, ווי דער טאַטע שווייגט. איך קאָן ניט זען, ווי די שוועסטער וויאַנעט. און וואָס איז דער תכלית?

— איך וואָלט, — זאָגט ער, — אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. איז אַ שאַנד איבערלאָזן די רעוואָלוציע: דאָס וואָלט געווען אַ געמיינער קאַריעריזם. און צוריק גערעדט: מ'שטיינס געזאָגט, וואָס מען קאָן שוין אויפטאָן אין דער פּראָווינץ פאַר דער רעוואָלוציע.

— גוט וואָלט געווען, באַריס, ווען איך ווער, ווי דו — אַ פּראָ־פעסיאָנאַל, אַ טראַנספּאָרטיסט, — טוליעט זיך זעליג צו קאַבאַלקינען.

— פאַר מיר וואָלט געווען די בעסטע זאַך טראַנספּאָרטירן איבער דער גרעניץ געווער, — טרוימט ער אויף דער באַנק פונם געלעגער.

פונקט ווי דער אַלטער זייגער־מייסטער דערמאָנט קאַבאַלקינען דעם בלינדן קאַלעצקין, אַזוי דערמאָנט אים זעליג פעראַן: מיט זיין איבערגעבנקייט, מיט זיין אומצופרידנקייט. זאָגט ער אים צו דורכ־רעדן זיך מיט אַבראַשאַ אַמסטערדאַמען וועגן זיין פאַרלאַנג צו ווערן אַ געווער־טראַנספּאָרטיסט.

ביידע שלאָפֿן זיי איין מיט אַ העראָאישן טרוים וועגן זייער רע־וואָלוציאָנערער צוקונפֿט: אַ זיסער שלאָף.

אינדערפֿרי פֿירט ער, זעליג, קאַבאַלקינען האַלטן די רעדע פֿאַר דעם קרייזל. דער ערשטער מאַי האָט זיך איינגעגעבן מיט אַ שיינעם וועטער. זיי שטעלן זיך אָפּ ביים ברעג פֿונם דניעפּר. דאָ וואַרטן שוין אויף זיי אַ פּאָר צענדליק בחורים און מיידלעך. אַרבעטער, עקסטערנעס. ביידע געשלעכטער זיינען אָנגעטאָן אין איין פֿאַסאָן: אין רויטע בלוזעס מיט שוואַרצע קוטאָסן. זיי קוקן זיך איבער מיט זעליגן. זיי קוקן־אָן קאַבאַלקינען. נאָר צווישן זיי קומט ניט פֿאָר קיין אָפֿיציעלע באַקאַנטשאַפֿט. דאָס איז צוליב קאָנספּיראַטיווער פֿאַר־זיכטיקייט. זעליג רוימט־איין קאַבאַלקינען אַ קאָנספּיראַציע אין אויער:

— דאָס איז אונזער קרייזל.

די בחורים און מיידלעך זעצן זיך אַריין אין שיפֿלעך. צו פֿינף פֿאַרשוין אין אַ שיפֿל. עס שטעלט זיך צונויף אַ פֿלאָטיליע פֿון זעקס שיפֿלעך. אין איינער פֿון זיי איז קאַבאַלקין מיט זעליגן. זיי (אין קאַבאַלקינס שיפֿל) זיינען בלויז זאַלבעפֿערט. די איבעריקע צוויי — זיינען מיידלעך. דאָס איז מיט אַ חשבון. דאָס איז אַזאַ קאָנספּי־ראַציע. עס זאָל אויסזען, ווי צוויי בחורים שיפֿן זיך מיט זייערע כלות. דאָס איז אַ ספּעציעלע פֿאָרזיכט, כדי צו פֿאַרהיטן קאַבאַלקינען. די פֿלאָטיליע לאָזט זיך אַזוי אַוועק איבער דעם דניעפּר. דער הימל שיינט. דער דניעפּר גלאַנצט. די רודערס פּלעטשען. אַלע זינגען. זיי זינגען צווישן הימל און וואַסער, אין כאָר, די „מאַרסעליעזע".

בעת זיי שווימען אַזוי איבערן דניעפּר, באַגעגענען זיי זיך מיט נאָך אַ פֿלאָטיליע. אויך בחורים און מיידלעך פֿון דעם זעלביקן שטאַנד. די צווייטע פֿלאָטיליע איז אַ ציוניסטישע. אין איר זינגט מען אין העברייאיש. קומט פֿאָר אויפֿן דניעפּר אַ שלאַכט צווישן צוויי פֿלאָטיליעס. די ציוניסטישע פֿלאָטיליע זינגט־אויס: „חושו, אַחים, חושו לאָרץ אַבותינו" (שנעלער, ברידער, שנעלער צום לאַנד פֿון אונזערע פֿאָטערס). שרייט אַריבער דער כאָר פֿון קרייזל דאָס ליד פֿון ציון, מיט דעם געזאַנג: „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן".

אַז זיי שווימען אַרויס פֿון די שטאָטישע וואַסערן, נעמען זיך צו־נויף אינאיינעם אַלע זעקס שיפֿלעך. קאַבאַלקינס שיפֿל איז אין דער

מיט פון דער פלאָטיליע. זיי זינגען ווידער אויס דעם פראַנצויזישן הימן. דערנאָך שטעלט־פאַר דער בלייבער זעליג קאַבאַלקינען מיטן אַ הויכן טיטול פאַרן קרייזל:

— דער חבר באָריס פון צענטער.

קאַבאַלקין האַלט אַ רעדע אויפן דניעפּר. דאָס איז געווען זיין ערשטע רעדע אין לעבן. גערעדט האָט ער פאַר דעם מאָהילעווער קרייזל וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט אין דעם בלינדנס יורטע: וועגן די מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע. האָט ער, קאַ־באַלקין, וואָס איז בטבע געווען אַ שווייגער און אַ שעמעוודיקער, גע־קראָגן שפּראַך און פאַרב. ער האָט גערעדט מיט עקסטאַז וועגן דעם, וואָס ער האָט געטרוימט מיט פּעראַן: וועגן עטאַפּן, וועגן קייטן, וועגן תליות. ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם אַלטן קאַלעצקין, וואָס איז בלינד געוואָרן פון אַן עקספּלאָדירטער באָמבע. וועגן פּעראָס מאַמען, וואָס איז געשטאָרבן אויף דער אַקאַטויער קאַטאָרגע. וועגן דעם האַרציקן מאַטקען, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אין מאָסקווער צענטראַל.

די זון האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דניעפּר, בעת קאַבאַלקין האָט פאַרענדיקט דעם מאַרטיראָלאָג. די פלאָטיליע מיט דעם קרייזל האָט זיך אומגעקערט צום ברעג פון שטאָט. זיי זיינען געווען זייער ערנסט. זיי זיינען געווען פאַר אַ גרויסער שלאַכט. דעם מאָהילעווער קרייזל, וואָס איז באַשטאַנען פון קבצנ׳ישער יונגוואַרג, איז פאַרגעשטאַנען אַ העלדישע נאַכט. אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן זיי עס באַדאַרפט פאַנאַנדערקלעפּן די מאַי־פּראָקלאַמאַציעס אויף די ווענט פון די רעגי־רונגס־אַנשטאַלטן.

פונם דניעפּר האָט זעליג באַגלייט קאַבאַלקינען צום וואָקזאַל. זעליג איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז קאַבאַלקין זאָל פאַרלאָזן די שטאָט, איידער אין לופּעלעס וועט זיך אָנהויבן אַ געיעג (נאָך דעם, ווי עס וועלן זיך באַוויזן די פּראָקלאַמאַציעס). כדי צו פאַרקערן זיין סליאַד, האָט ער איבערגעלאָזט דעם וואַליז.

ביים געזעגענען זיך האָט זעליג דערמאָנט קאַבאַלקינען וועגן דעם, וואָס ער האָט מיט אים גערעדט אין דער פאַריקער נאַכט, בעת זיי זיינען ביידע געשלאָפן אויף איין באַנק: בעת ער צעקושט זיך מיט

אים פאַרן אָפּפאָרן, לאָזט ער אים וויסן ווי דעם פאָרשטייער פון צענטער:

— אויב איך וועל היינט ניט אַריינפאַלן אין טורמע, וואָלט איך זייער געוואָלט פאַרנעמען זיך מיט געווער.

קאַבאַלקינען איז געווען אַזוי גוט. ער האָט געציילט די סעקונדן צו זען פעראָן, צו רעדן מיט אַמסטערדאַמען. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין געהאַלטענער רעדע. ער איז געווען גליקלעך פון זיין דער־פילטער שליחות.

7

פונדעסטוועגן, אַז קאַבאַלקין האָט זיך אומגעקערט צוריק פון דער שליחות, האָט זיך פון אים באַלד אָפּגעקערט זיין גדלות. עס האָט אים דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרפּאַלגן אַ געדאַנק:

— פאַרוואָס האָט עס אַבראַשאַ אַליין ניט אָפּגעפירט די פּראָק־לאַמאַציעס? . . . אפשר, האָט ער געטראַכט, קאַבאַלקין, איז טאַקע גערעכט דער מאָהילעווער אַלטער זייגער־מייסטער, אַז דער רייכער סטודענט שטופּט דאָס צוליב זיך אין פייער דעם אָרעמען האַלע־דריגע? . . .

ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אויסמיידן אַמסטערדאַמען. ער האָט זיך אַפילו אַ שטיקל צייט ניט געוויזן פאַרן בלינדן. ער האָט זיך דער־וויטערט פון פעראָן. ער האָט זיך פאַרטייעט ביי דער מאַמען. אינ־דער׳אמת׳ן אָבער איז דאָס דעמאָלט געווען, ביי קאַבאַלקינען, ניט אַ רעאַקציע קעגן דער רעוואָלוציע, נאָר אַ חרפּה פאַר זיין טואָלעט. זיין שפּלות־געפיל האָט אים אויף אַ צייט דערווייטערט פון דעם אינטע־ליגענטן קרייז.

קאַבאַלקין איז דעמאָלט געווען זייער אָפּגעריסן אין זיין הילוך: די הויזן דורכגעלעכערט. די שיך אויסגעקרימט. און די שמאַטעס זיינען אויף אים געווען ברייט, לאַנג. זיין גאַנצע אָנטועכץ איז געווען אַן איבערבלייבעכץ פון מאַטקען. איז ער קעגן מאַטקען געווען אַ קינד. אַלץ, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן, האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט. ער האָט זיך אין דעם געפּלאָנטערט. איז פריער, פאַר דער מאָהילעווער רייזע, האָט ער זיין הילוך כמעט ווי ניט באַמערקט: דאָס האָט אים קנאַפּ־וואָס געקימערט. ער איז געווען צו דעם צוגעוואוינט. דער־

פאַר האָט ער זייער שאַרף דערפילט זיין אָפּגעריסענעם גאַנג נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעמאַכט זיין אומלעגאַלע מיסיע. דוקא זיין טריאומף האָט דאָס פאַר אים אָנטבלויזט זיין טואַלעט. ער האָט זיך דערפילט קאָמיש אין זיין ראָל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מיידלעך פונם מאָהילעווער קרייזל קאָנען זיך דאָרטן ניט־געננוג אָנלאַכן פון אים — פון דעם אָראַטאָר מיטן אָפענעם שפּענצער.

האָט די אָפּגעריסנקייט פון זיין הילוך ביי אים אַרויסגערופן אַ צווייפל אין דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון דעם קבצן. ער האָט גע־טראַכט, אַז אפילו פאַר דער תליה איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דעם אָרעמען און דעם רייכן: אַ רעוואָלוציאָנער אַ קבצן וועט ניט גיין מיט אַזאַ מוט אויף דער תליה, ווי אַ רעוואָלוציאָנער אַ נגיד. אָרעמקייט ברענגט צו שוואַכקייט. און נאָך אַ זאַך האָט ער גע־טראַכט: די גרויסקייט פון אַ רעוואָלוציאָנער ווענדט זיך דאָך אָן דער גרויסקייט פון זיין קרבן. האָט דען אַ קבצן וואָס צו פאַרלירן?

קאַבאַלקין האָט זיך אַליין גענומען פאַר אַ ביישפּיל. און ער האָט זיך געפרעגט:

— איז אין וואָס באַשטייט מיין גבורה?

ווי קאַבאַלקין האָט געטרוימט אין זיין פריער קינדהייט, אַז זיין טאַטע וועט געפינען אַן אוצר און וועט איינהאַנדלען אַ פערד, כדי צו ווערן אַ באַלעגאָלע, אַזוי טרוימט ער איצט, נאָך זיין מאַיאָווער שליחות, צו דערגרייכן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ווערט זיין צו ברענגען אַלס קרבן פאַר דער רעוואָלוציע.

אַבראַשאַ איז געוואָרן ביי אים אַ מאַניע: אין זיין טרויעריקער קינדהייט, איז ביי אים, דעם שוסטער־יונג, געווען דער טרוים: אויסגלייכן זיך מיט אַ באַלעגאָליש קינד, ווי מיט אַ סימבאָל פון אַ פריילעך לעבן. איצט, אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז גע־וואָרן זיין טרוים: צו פאַרמעסטן זיך מיט אַבראַם אַמסטערדאַם, ווי מיט אַ סימבאָל פון אַ רייכן ראַדיקאַל.

פאַר דעם זיבעצן־יאָריקן קאַבאַלקינען האָט זיך שוין דעמאָלט גע־שטעלט די פּראָבלעם, וואָס האָט אים באַאומרואיקט אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס אינם פאַרלויף פון זיין גאַנצן רעוואָלוציאָנערן וועג — אפילו נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס איז די פּראָבלעם פון — קלאַסן צווישן רעוואָלוציאָנערן.

צוועלפטער קאַפּיטל

1

צוויי חדשים זיינען דורכגעגאַנגען זינט קאַבאַלקין האָט דורכגע־מאַכט זיין ערשטע שליחות אין דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן זיין איזאָלירונג, וואָס עס האָט דעמאָלט ביי אים אַרויסגערופן זיין באַקליידונג. אין זיין טואַלעט איז ניט פאָרגעקומען קיין ענדערונג. ער איז געווען אַזוי אָפּגעריסן אין זיין הילוך. ער איז זעלטן־ווען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַדלאָ. גאַנצע טעג האָט ער דאָ פאַרבראַכט אונטער דער מאַמעס סטעליע מיט אומלעגאַלער ליטע־ראַטור.

עס איז געווען אין אָנהויב יולי, פאַר־וואָרעמעס. אין פּאַדלאָ האָט געשטיקט די היץ. ער איז געזעסן, קאַבאַלקין, נאַקעט און האָט גע־לייענט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. די מאַמע האָט בעת־מעשה גע־לאַטעט זיינע הויזן, וואָס זיינען זיך צעפאַלן פון עלטער. האָט ער זיי ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרבייטן: דאָס איז געווען זיין אײנציקע פּאָר. די מומע האָט זיך אָוועקגעשלעפּט אין מאַרק צו די בייגל. די מאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער היים מיטן קינד. האָט זיך די מאַמע פאַרנומען מיט צוויי מלאכות אויף איין מאָל. בעת זי האָט גע־צערעוועט פאַר איר עלטסטן זון זיינע דורכגעלעכערטע תחתונים, האָט זי געהאָדעוועט איר קלענסטן זון מיט איר איינגעפּאַלענער ברוסט.

איר געטריישאַפט צו אירע קינדער פון אירעביידע מענער האָט די מאַמע אַקאָמפּאַנירט מיט דעם באַליבטן ליד פון מאַטקעס רעפּערטואַר. איינגעהויקערט איבער דער שמאַטע און צוגעטוליעט צו דעם עופה׳לע, האָט זי געזונגען:

„און דו אַקערסט און דו זייסט,
און דו פיטערסט און דו נייסט,
נאָר אַלץ פאַר יענעם, ניט פאַר דיר״.

קאַבאַלקין איז געווען אין יענעם פאַר־וואָרמעס אין אַזאַ גייסטיקן צושטאַנד, אַז ער האָט אפילו ניט געשפּירט, אַז ער איז אינמיטן טאָג אין אַ נאַקעטער פּאָזע. אַזאַ שטימונג האָט דאָס ביי אים אַרויסגערופן דער מאַניפעסט.

קאַבאַלקין האָט אינם פאַרלויף פון דעם לעצטן האַלב יאָר שוין

פיל מאָל דורכגעלייענט אַט־דאָס אומלעגאַל ביכעלע, וואָס איז געווען געדרוקט אויף דינינקע פּאַפּיראָסענע פּאַפּיר מיט פּיצינקע, מיקראָס־קאָפּישע אותיות׳לעך. ער האָט עס געלייענט אַליין. ער האָט עס געלייענט מיט פעראַן. אַמסטערדאַם האָט מיט אים וועגן דעם גע־רעדט. און דער בלינדער האָט עס אים פאַרטייטשט. נאָר דאָס מאָל איז דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט פאַר אים געווען אַ פּערזענלעכע דערהויבונג. פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם מאַניפעסט דער היסטאָרישער פאַרנעם פון זיינע צוויי טאַטעס. ווי זיי וואָלטן ביידע געווען מאָדעלן פאַר מאַרקסן: דער אונטערגאַנג פון דעם קליינעם בעל־מלאכה אין דעם מאַניפעסט איז פאַר אים געווען אַ קאָפּיע פון זיין לייב־טאַטן, וואָס האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן זיין וואַרשטאַט אין פּאַדלאַ, זיך אַנגעשטעלט פאַר אַ מענטש ביי ברונימען און איז פאַר־וואָגלט געוואָרן אין אַמעריקע; די דערוואַכונג פון דעם געדונגענעם אַרבעטער אין דעם מאַניפעסט איז פאַר אים געווען אַ קאָפּיע פון זיין שטיף־טאַטן, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די אומגערעכטיקייט פאַרן אָרעמאַן, זיך אויפגעשטעלט, ווי אַ רעוואָלוציאָנער קעגן קייסער און איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע.

קאַבאַלקין, וואָס געדענקט ניט אפילו אין זיין קינדהייט אַזאַ רגע, וואָס ער זאָל ניט האַסן דעם דלות, האָט דערפילט אין דעם דלות אַ שטאָלץ: האָט דאָך מאַרקס אויסגערופן אין דעם מאַניפעסט, אַז דער דלות וועט איבערנעמען די וועלט. פון קאַבאַלקינען שפּאַרט אַרויס אַזאַ פרייד, אַז ער קאָן ניט איינהאַלטן די אַנטפּלעקונג אין זיך.

עס האָט אין אים אויפגעוואַכט דאָס קינד, וואָס וויל זיך אויס־שטעלן מיט זיין אָפּשטאַם. דער עקסטערן, וואָס וויל זיך אַרויסווייזן מיט זיין אַנטדעקונג. נאָר ער האָט ניט געהאַט פאַר וועמען זיך צו באַרימען, ניט מיט זיין יחוס, ניט מיט זיין חכמה. רופט ער אויס צו דער מאַמען:

— מאַמעלע! דו ווייסט וועגן וואָס איך לייען דאָס?

— וועגן וואָס, מיין זון? — איז די מאַמע נייגעריק: זי הויבט־אויף דעם קאָפּ פון דער לאַטע אויף די דורכגעפוילטע הויזן און ציט־אָפּ די ברוסט פון זלמן־אָורעמעלען אין שויס.

שטעלט ער זיך אַנידער, קאַבאַלקין, אויף זיינע לאַנגע פיס אַן פלודערן און ער דערקלערט פאַר דער מאַמען די מאַרקסיסטישע לערע פונם מאַניפעסט מיט דעם זעלביקן ברען, ווי ער האָט גערעדט וועגן

רעוואָלוציאָנערער מאַרטירערשאַפט דעם ערשטן מאַי אויפן דניעפּר.

— איך לייען — דערציילט ער איר — וועגן דעם, ווי אַזוי זינט די וועלט שטייט האָבן די רייכע איינגעבראַכן די אָרעמע און אַז איצט איז געקומען די צייט, וואָס די אָרעמע וועלן זיך אָפּרעכענען מיט די רייכע.

געפעלט דער מאַמען אַזאַ לערע:

— הלואי, מיין זון — צעשמייכלט זי זיך — פון דיין מויל אין גאָטס אויערן. — און זי פאַרטיפט זיך ווידער מיט איר אומעט אין דער לאַטע אויף איר בכור׳ס הויזן. זי זינגט ווידער דאָס באַליבטע ליד פון מאַטקען:

„און דו אַקערסט און דו זייסט,
און דו פיטערסט און דו נייסט,
נאָר אַלץ פאַר יענעם, ניט פאַר דיר״.

האָט אַ אומגעריכטער גאַסט צעשטערט די דאָזיקע אידיליע, וואָס עס האָט דאָ אַריינגעבראַכט דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט. אין שטוב האָט זיך אַריינגעשטעלט אַן אומבאַקאַנטער מאַן מיט אַן אָפּגעראַזירטן געזיכט — אָן אַ באָרד און אָן וואָנצעס. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ ברוינעם גאַרניטער און אַ ברוינער דוירבי. אַ לאַנגער און אַ דאַרער.

קאַבאַלקין האָט זיך פאַרשעמט מיט זיין נאַקעטן הילוך פאַר דעם פרעמדן מענטשן. ער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט מיט די פיס אונטער זיך אין אַן אָריענטאַלישן מאַניער און פאַרשטעקט אונטער זיך דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט.

— דו דערקאָנסט מיך ניט, פערל? — רופט זיך אָפּ דער גאַסט צו דער מאַמען מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם.

— ליישקע! — שרייט־אויס די מאַמע מיט אַ דערוואָרגענער שטים. דאָס קינד וואַרפט זי אַריין אין בעט און זי פאַרשטעלט עס מיט איר איינגעהויקערטער פּלייצע. נאָר זלמן־אָוורעמעלע וויל ניט איינליגן אין בעט. ער פאַרגייט זיך אין אַ געוויין. פרופט די מאַמע אים אַנזויגן. שאָקלט־צו דער פרעמדער מיטן קאָפּ, בעת די מאַמע זויגט־אָן דאָס קינד. דערקאָנט איצט קאַבאַלקין פון דעם דאָזיקן זשעסט דעם גאַסט.

— דער טאַטע איז געקומען פון אַמעריקע.

* * *

די באַגעגעניש צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען, ווי אויך צווישן דעם טאַטן און דעם זון, איז אין דער ערשטער רגע געווען זייער אַ פיינלעכע. אַ פיינלעכע און אַ פיינטלעכע.

דער טאַטע האָט זיך אפילו ניט צעקושט מיט דער מאַמען, זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף די קינדער נאָך אַזויפיל יאָרן. ווי נאָר ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אַריינגעזאָגט דער מאַמען מיט גאַל, ווי זיי וואָלטן ניט געווען צעשיידט פולע אַכט יאָר:

— אויף דער וועלט, פּערל, אַ פרוי אין דיינע יאָרן איז שוין אַ באָבע. און דו, ווי איך זע, ביסט ערשט איצט געוואָרן אַן אַם. ווי לאַנג איז עס ביי דיר נאָך דער חתונה?

די מאַמע פאַרשווייגט דעם טאַטן דעם שטאָך, דער טאַטע אָבער פאַרביטערט ווייטער די מאַמען מיט גאַל:

— און וואו — פרעגט ער זי — איז דער מאַן דיינער?

— ווי באַלד — זאָגט ער — דו ביסט אַ מאַמע פון אַ זויגלינג, ביסטו דאָך, מסתמא, אַ ווייב פון אַ אידליק.

קאַבאַלקינען איז דערווידער דער מאַניער פון דעם טאַטן אין זיין געשפּרעך מיט דער מאַמען. עס איז אים אויך דערווידער דער גאַנג פון דעם טאַטן אין דעם גאַרניטער מיט דער דוירבי. פונדעסטוועגן פאַלט ער אים אַרויף אויפן האַלז, איידער ער ציט נאָך אויף זיך אַרויף די הויזן. זיי דערקאָנען זיך. זיי צעקושן זיך. איז, בעת דער טאַטע קושט דעם זון, שטעכט ער אויך ווידער די מאַמען. דער טאַטע זאָגט צו אים מיט אַ וואונק צו דער מאַמען:

— אַז איך האָב דיך דערזען אין דער ערשטער רגע, האָב איך דיך אָנגענומען פאַר דיין מאַמעס מאַן.

קאַבאַלקין לייגט אַרויף אויפן טיש דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. דאָס איז ביי אים אַ מיטל אָפּצוציען, איינצושטילן דעם טאַטנס בייזקייט. ער טראַכט: דער טאַטע וועט אָנקוקן דעם מאַניפעסט, וועט ער אָפּגיין פון כעס.

קוקט זיך דער טאַטע ניט אום אויף דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. און די מאַמע האַלט ניט אויס דעם טאַטנס לעצטן שטאָך (וועגן דעם, אַז ער, קאַבאַלקין, האָט שוין געקאָנט זיין איר מאַן):

— צוליב וואָס האָסטו זיך דאָס צו מיר אָנגעטראָגן פון דער העלער הויט? — פרעגט די מאַמע קאָנוואולסיוו דעם טאַטן.

איז דער טאַטע אין זיין פאַרביטערונג קעגן דער מאַמען פאַר־בליבן דער זעלביקער ווינצלינג, ווי ער איז געבליבן קאַבאַלקינען אין זכרון. ער ענטפערט סאַרקאַסטיש דער מאַמען:

— איך בין דאָס געקומען אַפּנעמען ביי דיר מיין באָבעס ירושה.

— דו געדענקסט, פּערל — זאָגט ער צו דער מאַמען — די לעצטע נאַכט צווישן אונזביידן, בעת איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע. שוין אַכט יאָר געוואָרן. איך האָב דעמאָלט אַרויסגענומען פון מיין אויער דאָס זילבערנע אוירינגל, וואָס מיין באָבע האָט מיר אָנגעטאָן ביי מיין ברית אויף אַ סגולה צו לאַנגע יאָר. און האָב עס אָפּגעגעבן דיר. דערמאָן זיך נאָר, וואָס איך האָב דיר דעמאָלט גע־זאָגט. איך געדענק וואָרט אין וואָרט:

„פּערל, — האָב איך געזאָגט. איך גיב איבער דאָס אוירינגל אין דיינע הענט. האַלט עס, מיין ווייב, ביז מיר וועלן זיך ווידער צונויפ־קומען מיט פריילעכע הערצער".

— אַז איך האָב זיך דערוואוסט אין פילאַדעלפיע — פאַרכלינעט זיך דער טאַטע — אַז גאָט האָט דיר דערפרייט דיין האַרץ מיט אַ נייעם זיווג, האָב איך זיך דערמאָנט אויף מיין באָבעס אוירינגל. האָב איך געכאַפּט אַ שיף און בין געלאָפן נאָך מיין צירונג.

די מאַמע ברעכט אויס מיט אַ יאָמערלעכן געוויין. און דער טאַטע זעצט זיך אַוועק איר אַנטקעגן מיט אַן אָפענעם מויל. ווי ער וואָלט געשלונגען דער מאַמעס טרערן.

ער, קאַבאַלקין, איז געשטאַנען צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען ווי אַ זייטיקער, ווי אַן איבעריקער.

2

— דו זאָלסט ניט מיינען, פּערל, אַז זיך אַליין שטעל איך דאָס אַרויס פאַר דעם צדיק און נאָר דו ביסט דאָס די הולטאַיקע, — בעט איבער דער טאַטע די מאַמען.

ער האָט, ווייזט אויס, חרטה געקראָגן אויף דעם, וואָס ער האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש געבראַכט די מאַמען צו אַ היסטערישן צושטאַנד.

— מיר זיינען ביידע גלייך שולדיק. מיר האָבן זיך ביידע געפירט ווי קינדער — פאַרענטפערט ער זיך. דו האָסט זיך געפירט ווי אַ ציג.

איך האָב זיך געפּירט, ווי אַ לאַשעק. באַצאָלן מיר זיך איצט בײדע פאַר אונזערע שטיק, וואָס מיר האָבן געשפּילט.

ווערט די מאַמע ווידער אויפגערעגט נאָך דעם, ווי זי האָט זיך שוין אַביסל אײנגעשטילט. זי צעשרײַט זיך:

— אַ בעל־חוב האָט זיך אויף מיר אַרײַנגעשטעלט פון אַמעריקע. אין אַכט יאָר אַרום דערמאָנט זיך. צאָל אים עפּעס אויס. פאַרוואָס האָסטו פריער געשוויגן? איצט זײַנען מיר פרעמדע מענטשן. איך האָב מיר מײַנע צרות און דו — האָב דיר דײַנע דאגות. איך קום דיר גאָרנישט.

די מאַמע שפּיליעט־אָפּ דעם בוזעם און זויגט־אָן דאָס קינד. איצט טוט זי עס, ווי קאַבאַלקינען דאַכט זיך, אויף להכעיס דעם טאַטן. דאָס קינד בעט גאָרניט זויגן. עס איז קאָנטיק, אַז זי דעמאָנסטרירט עס מיט דעם קינד פון מאַטקען, איר פרעמדקייט צום טאַטן.

דער טאַטע האָט אָבער געענדערט זײַן טאָן. ער ענטפערט דער מאַמען ווייך, זינגעוודיק, מיט ווערטלעך, מיט גראַמען:

— פונדעסטוועגן, פּערל — זאָגט ער — וויל איך, אַז דו זאָלסט מיך פריער אויסהערן, דערנאָך פאַרשטײַנען. איך בין דאָך צוליב דעם געלאָפן פון עק וועלט. דו זאָגסט: „אַכט יאָר געשוויגן״ . . . דו האָסט אַ טעות, פּערל, אויב דו מײנסט, אַז בעת איך בין געזעסן אין אַמעריקע, האָב איך פאַרגעסן די פאַמיליע. גלויב מיר, אַז עס איז ניט דורכגעגאַנגען אַ רגע, וואָס איך בין ניט אויסגעגאַנגען נאָך דיר. נאָר דו ווייסט דאָך, אַז דער אָרעמאַן איז אויף זיך ניט דער באַלעבאָס. זײַן באַלעבאָס איז דאָס אומגליק.

— אַלץ איז צערונען צו וואָס מיר האָבן זיך נאָר גענומען. צע־רונען און צעשוואומען. — דערבײַ ציט־צו דער טאַטע צו זיך דעם זיבעצן־יאָריקן זון און זעצט אים אַרײַן צו זיך אין שויס, ווי די מאַמע האַלט דעם זעקס־חדשים׳דיקן זלמן־אַוורעמעלען בײַ איר אין שויס. מיט קאַבאַלקינען אין שויס רוקט זיך צו דער טאַטע נעענטער צו דער מאַמען מיטן קינד. די משפּחה ווערט אײנס. די צוויי האַלבע ברײ־דער האָבן ווי באַקומען אײן טאַטן.

— פונדעסטוועגן . . . — שמײכלט איצט דער טאַטע צו דער מאַמען און מאַכט אַ חנ׳דל צום קינד, וואָס שטרעקט צו אים אויס אַ הענטל — פונדעסטוועגן האָב איך קײנמאָל ניט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך צונויפקומען אַלע אינאײנעם. איך האָב ניט אָנגע־

וואוירן די האָפענונג אפילו, אַז איר זייט דורכגעפאַלן אין קאַראַנטין. איך האָב זיך דעמאָלט געטרייסט: נאָך אַלעמען, איז אַן אויסשיט פאַר אַ קינד ניט אַ שווינדזיכט אויף אַ לונג: עס וועט זיך אויסשטיין. מען וועט דורכקריכן.

קאַבאַלקין לאָזט ניט אַראָפּ דאָס אויג פונם טאַטן.

ער דערקאָנט דעם טאַטן פון אַמאָל, פון זיין פריער קינדהייט, פונם ווינטערדיקן באַגינען. ווי ער דערוואַרעמט מיטן אָטעם דאָס פּיסל פון אַ קינד. ווי אים באַשטראַלט אויפן קלאָץ דאָס ליכטל פונם וואָרשטאָט. ער דערפילט אַזאַ ליבשאַפט צום טאַטן. ער וויל אים עפּעס זאָגן. רייסט זיך ביי אים אַרויס:

— טאַטע! דו וואָלסט מיך דערקאָנט אין גאַס?

— ניין! — ענטפערט דער טאַטע — אין גאַס וואָלט איך דיך ניט דערקאָנט, מיין זון. שוין אַן מיר ביסטו געוואָרן אַ מענטש.

רופט אַרויס די פראַגע פונם זון אַ טרער ביים טאַטן. ער קערט זיך אום צו דער איבערגעריסענער דערציילונג, צו זיין פילאַדעלפיער לעבן, מיט אַ פאַרכלינעטער שטים, מיט אַ צעצויגענעם מויל:

— דערווייל, פערל — ווערגט זיך דער טאַטע — האָסטו אויפ־געהערט מיר צו שרייבן. און גראָד דעמאָלט האָב איך אויפגעהערט צו פאַרדינען. עס איז אָנגעקומען אַ צייט, וואָס אין אַמעריקע ווערט עס אָנגערופן „סלעק". דאָס באַפאַלט דעם אָרעמאַן, ווי אַ היישעריק. זאָל גאָר נישט געדאַכט זיין אַזאַ צרה, ווי „סלעק". אַ וועלט בלייבט דעמאָלט אָן חיונה. ניטאָ קיין גרעסערער חורבן, ווי דער אַמעריקאַנער „סלעק". איך בין אַרויסגעפאַלן אין גאַס. איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין פאַרק. איך בין נאָך ניט געווען „אויסגעגרינט" אין אַמעריקע. בין איך געוואָרן פריטשמעליעט פון די „סלעק". איך האָב פאַרגעסן ווי איך הייס, פון וואַנען איך בין. און דאָ באַקום איך פון דיר דעם גערוס וועגן דעם גט. איז מיר אַריין דאָס בלוט אין די פּיאַטעס. דו שיטסט מיר זאַלץ אויף די וואונדן: אַ גט אויף אַ צוגאָב צום „סלעק"... האָב איך געטראַכט: „גוט: די ווילסט שפּילן מיט מיר — וועל איך שפּילן מיט דיר". איך וועל דיר צוליב־טאָן און וועל דיך אָפּ'גט'ן. עס האָט זיך אין מיר צעקאָכט די יוכע. איך האָב ניט פאַרמאָגט אַ גראָשן ביי דער נשמה. האָב איך פאַרקויפט דעם מאַנטל און באַ־צאָלט דעם רב. אפילו ניט איבערגעלאָזט אויף אַ הערינג. דערנאָך האָט מיר פאַרדראָסן אויף דעם, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. איך האָב אָבער

גערעכנט, אַז עס וועט זיך „אויספּרעסן״, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע: עס וועט זיך אויסלאָזן דער „סלעק״, וועל איך זיך איבערבעטן פאַרן גט. דו וועסט קומען אין פילאַדעלפיע, וועלן מיר פון דאָס ניי שטעלן אַ חופה. ווער האָט עס דעמאָלט געקאָנט אַרויפלאָזן אויפן זינען, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן אַזאַ סוף . . .

וואָס ווייטער דער טאַטע האָט גערעדט, אַלץ מער איז קאַבאַלקין פון אים געוווען אַנטציקט. ער האָט אויף אים געווירקט אויך ווי אַ קינסטלער, ניט בלויז ווי אַ טאַטע: די בילדלעכקייט פון זיין שפּראַך, די האַרציקייט פון זיין טאָן. ער האָט שוין דעמאָלט געטראַכט, אַז ווען דער טאַטע וואָלט ניט געוואָרן אַ שוסטער, וואָלט ער מסתמא געווען אַ שרייבער. אויך די מאַמע איז געוואָרן אַנדערש צום טאַטן. זי באַווייזט צו אים איינזעעניש: זי פאַרבאָרגט פון אים אַן אומאַנגעגענעמלעכקייט.

— וואו זיינען עס אונזערע מיידלעך? — האָט זיך דער טאַטע דערמאָנט אויף זיינע טעכטער.

זאָגט אים די מאַמע ניט אויס דעם אמת.

— זיי שפּילן זיך — ענטפערט זי — ביי חבר׳טעס אויף פּיס־קעוואַטיק. (דאָס האָט געמיינט אַ ווייטער מהלך.)

און אים, קאַבאַלקינען, ווינקט די מאַמע, אַז ער זאָל זיך ניט אויסרעדן פאַרן טאַטן וועגן דעם, אַז די צוויי קליינע שוועסטער דינען אין פרעמדע הייזער.

ווי מיט דער האַנט איז צוגענומען געוואָרן די אָפּגעפרעמדקייט, די פאַרשפּיציקטקייט, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען (און אויך צווישן דעם זון און דעם טאַטן) אינם אָנפאַנג פון זייער באַגעגעניש. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן די גאַל. קאַבאַלקינען אַרט שוין ניט, וואָס דער טאַטע טראָגט אַ דוירבי. פאַר אים האָט זיך דער טאַטע איצט געביטן מיט מאַטקען אין זיין ראָל: פונקט, ווי פריער דער טאַטע, אַזוי איז איצט מאַטקע פאַר אים געוואָרן אַ דעראַינערונג. ער זעט אים דורך דער פּריזמע פון קונסט. אין דער פאַזע צווישן דעם עטאַפּ, ניט אין זיין פאַרקער אין דעם געוועלב. אויך די מאַמע האָט אָפּנים דערפילט אַ נאָענטקייט צום טאַטן. און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן געפיל:

— ליישקע! איך בעט דיך נאָר איין זאַך: ניט אַרויסרופן קיין

לייטיש געלעכטער. — האָט די מאַמע ווידער אָנגענומען אַ שטרענגן טאָן מיטן טאַטן.

— ניט — זאָגט זי — איך פרעג דיך, צוליב וואָס דו ביסט געקומען. ניט איך פרעג דיך, ווי לאַנג דו וועסט פאַרבלייבן. איך וויל דיר נאָר דערמאָנען און דו זאָלסט דאָס געדענקען, אַז איך האָב אַ מאַן, אַז פון דעם מאַן האָב איך אַ קינד און דו ביסט נאָר אַ גאַסט. פאַר דיינע קינדער קאָנסטו זיין אַ טאַטע. פאַר מיר דאַרפסטו זיין אַ פרעמדער. דאָס איז מיין תנאי, ליישקע.

איר תנאי דעמאָנסטרירט די מאַמע מיט אַ זשעסט: זי לאָזט איבער אין געוועלב דעם טאַטן מיט זיין זון און אַליין גייט זי ערגעץ אַוועק מיט איר עופה׳לע.

— מיר וועלן זיך, וועלוול, אַביסל דורכגיין אין שטאָט. — רופט זיך אָפּ דער טאַטע צו קאַבאַלקינען, אַז די מאַמע האָט ניט געסטאַיעט פון געוועלב מיט זלמן־אָוורעמעלען, און זיי זיינען געבליבן זאַלבע־נאַנד אַליין.

עס איז אים באַפאַלן אַן אומעט דעם טאַטן:

— דורכשטופּן אַ לעבן — קלאָגט ער זיך — איז ווי אַריבער־שמוגלען אַ גרענעץ: ווער עס קריכט דורך. ווער עס פאַלט אַריין.

— איך בין פון די אַריינגעפאַלענע, — מאַכט דער טאַטע אַ סך־הכל וועגן זיך.

— הלואי זאָלסטו כאָטש זיין פון די דורכגעקראָכענע, — בענטשט ער דעם זון.

קאַבאַלקין גייט נאָך דעם טאַטן. דעם טאַטן האָט אין פּאַדלאָ קיינער ניט דערקאָנט. ער האָט דאָ קיינעם ניט אָפּגעשטעלט. ביים אַרויסגאַנג מאַכט דער טאַטע אַ באַמערקונג:

— פון „על־חטא״ ווערט מען ערגעץ ניט פּעט. צי דאָס איז פּאַדלאָ, צי דאָס איז פילאַדעלפיע.

אַז זיי האָבן דערגרייכט דעם צענטער פון שטאָט, האָט דער טאַטע באַטראַכט דעם הילוך פונם זון.

— ווי אָפּגעריסן דו ביסט, וועלוול. — באַטאַפּט ער קאַבאַלקינען פונם קאָפּ ביז די פיס.

— איידער, — זאָגט ער, — עס זיינען ביי מיר אויסגעגאַנגען די פּאָר גראָשן, כאָטש דיך אַריינשטעלן אין אַ פּאָר הויזן.

דער טאַטע פירט אים אַריין אין אַ טאַנדעט. לייגט ער אים פּאַר מיט אַ ברייטקייט:

— קלייב דיר אויס, וואָס דיין האַרץ גלוסט.

שטעלט ער זיך אָפּ, קאַבאַלקין, אויף אַ מונדיר פון אַן עקסטערן. דאָס איז אינם סטיל פון אַ גימנאַזיסט, נאָר אַן זילבערנע קנעפּלעך. אויך אין נייע שיך שטעלט ער זיך אַריין. און אַ ניי היטל טוט ער אָן. אַזאַ פולן גאַנג פון נייע מלבושים האָט ער נאָך ניט פאַרזוכט אין זיינע זיבעצן יאָר מיט צוויי חדשים.

אַז ער פוצט זיך אויס אינם טאַנדעט, פירט אים דער טאַטע אַריין אין אַ רעסטאָראַן. דער טאַטע באַשטעלט אַ מאָלצייט מיט אַ פאַר־מעסט: הון און שנאַפּס, פיש און חלה.

בעת ביידע לאָזן זיך אַזוי וואוילגיין מיטן מאָלצייט, האַלט דער טאַטע אין איין אויספרעגן דעם זון. ער פרעגט זיך נאָך אויף דער מאַמען. נאָר דער עיקר פרעגט זיך נאָך דער טאַטע אויף מאָטקען:

— וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש איז ער דאָס דער שטיפטאַטע? וואָס איז זיין פאַך? ווי איז זיין נאַטור?

פאַרליבט זייער קאַבאַלקין מאָטקען. ער רעדט וועגן אים דאָס וואָס ער טראַכט וועגן אים: ס׳ער אַ גוטער סטאָליער ער איז. ס׳ער אַ שיינעם כאַראַקטער ער האָט. ווי פיין ער איז צו דער מאַמען. ווי געטריי ער איז צו די קינדער. ער לאָזט ניט דורך קיין איין דעטאַל וועגן מאָטקען. איז יעדער דעטאַל אַ קאָמפּלימענט.

דערביי דערציילט אויך קאַבאַלקין דעם טאַטן, אַז דער שטיפטאַטע איז אַזאַ גרויסער רעוואָלוציאָנער, אַז ער איז פאַרשיקט אין אַ מאָסקווער טורמע.

איז פונקט ווי דער טאַטע איז געוואָרן שלום מיט דער מאַמען, אַזוי איז ער געוואָרן גוט צו מאָטקען:

— הייסט עס, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט, — זאָגט דער טאַטע (דאָס וואָרט אַנאַרכיסט) מיט דעם טראָפּ אויף דעם ערשטן „אַלעף" און מיט אַ טאָן פון פולער פאַרערונג.

3

די אָנגעצויגנקייט צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען האָט זיך ניט אויסגעגלעט. טראָץ דעם, וואָס אויף דער הייסער מינוט (נאָך זייער שאַרפן איבעררייד ביי דער ערשטער באַגעגעניש), האָט דער

טאַטע איבערגעבעטן די מאַמען מיט אַ רעזיגנירטן טאָן און די מאַמע האָט אַרויסגעוויזן צום טאַטן אַ פריינטלעכע מינע.

דער טאַטע איז פאַרפאַרן אין אַ האַטעלכל. איז דאָס ביי אים געווען אַזאַ שפּיצל. אויסשטעלן זיך פאַר דער מאַמען. דעם גאַנצן מעת־לעת איז ער ניט אָפּגעטראָטן פון געוועלבל. אויך ביינאַכט האָט ער געפונען אַן אויסרייד ווי אַזוי צו פאַרבלייבן מיט דער פאַמיליע. ער האָט אַרויסגענומען די צוויי טעכטער (די דרייצן־יאָריקע חוה און די צוועלף־יאָריקע מוסיע) פון זייערע שטעלעס אַלס דינסטן. זיי שלאָפן זאַלבענאַנד אויפן דיל. איז אַז עס רוקט זיך אָן די נאַכט, שטייט ער צו צו דער מאַמען:

—— לאָז מיך, פערל, איבערזיצן די נאַכט אינם אַנטועכץ, — וועקט ער צו זיך רחמנות — עס ווילט זיך אָנקוקן דאָס קליינוואַרג אינם שלאָף.

— וואָס, — קלאָגט ער זיך, — וועל איך דאַרטן טאָן אַליין אין דעם הקדש? (דאָס מיינט ער דאָס האָטעלעכל). ציילן די אויסגע־קראַכענע האָר?

זיצט ער אַזוי אָפּ גאַנצע נעכט אין דער דוירבי נעבן די טעכטער אויפן דיל. ער מאַכט ניט־צו מיט אַן אויג. ער רעדט זיך איבער אינמיטן נאַכט מיט דער מאַמען. אַז די מאַמע כאַפּט זיך אויף אַנזויגן דאָס קינד, הויבט ער זי אָן אויספרעגן וועגן מאָטקען:

— ווי אַזוי, פערל, האָסטו זיך דאָס באַקאַנט מיט דעם אַנאַרכיסט? ביסטו עס געגאַנגען צו אים נאָך אַ טובה? אָדער ער איז צו דיר גע־קומען פאַר אַ קעסטניק?

די מאַמע ענטפערט ניט, ווי אַזוי זי איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מאָטקען. ווייל ער וויסן אינמיטן נאַכט, וואָס זי רעכנט צו טאָן אין דער צוקונפט מיט די צוויי טעכטער:

— אויב, — זאָגט ער, — דו וועסט זיך אָוועקשלעפּן צו אים אין סיביר, וועסטו דאָך ניט מיטשלעפּן די מיידלעך צווישן אַרעסטאַנטן.

— ליישקע! — האַלט מער ניט אויס די מאַמע, און זי צינדט־אָן דאָס לעמפּל, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אָפּטאָן אַ סקאַנדאַל — ליישקע! איך בעט דיך מיט גוטן: זאָל דיר זיין גענוג צו צאַפּן מיר דאָס בלוט. איך האָב אַזוי אויך קיין כח ניט צו זויגן דאָס קינד. וואָס ווילסטו פון מיר?

דער טאַטע דערשרעקט זיך פאַר דעם טאָן פון דער מאַמען, פאַר

דער שיין פון דעם קנויט. רוקט ער אַראָפּ די דוירבי איבער דער נאָז, טוליעט זיך צו צום געלעגער פון די מוידן. ער פאַרשטעלט זיך, ווי ער וואָלט געשלאָפן. נאָר ער זיפצט, ניט ער שלאָפט.

פונדעסטוועגן אויף דער צווייטער נאַכט חזר׳ט איבער דער טאַטע פון דאָס־ניי דעם גאַנצן שפּיל: ער בעט זיך איין ווידער ביי דער מאַמען, זי זאָל אים דערלויבן איבערזיצן אינם אַנטועכץ די נאַכט אויפן דיל און אָנקוקן די טעכטער אויפן געלעגער אין שלאָף. און אַז זלמן־אורעמעלע כאַפּט זיך אויף פון הונגער, קומט ווידער דער טאַטע אַרויס מיט זיין נייגיר: ער וויל ווידער וויסן, אינמיטן נאַכט, וואו די מאַמע האָט זיך באַקאַנט מיט מאַטקען, און וואָס זי קלייבט זיך צו טאָן מיט די טעכטער.

באַגינען גנב׳עט זיך אַרויס דער טאַטע פון געוועלב אַ פאַרזינדיק־טער. אויפן פרימאָרגן שטעלט ער זיך צוריק אַריין אַ פאַרשמאַכטער. שפּילט דער טאַטע דעם לץ: ער בעט מחילה ביי דער מאַמען מיט דעם, וואָס ער מאַכט חוזק פון זיין טואַלעט:

— מען דאַרף, — זאָגט ער, — אַבסל איבערניצעווען אַמעריקע. אין דעם האַרטן קאַפּעליוש נעמט מיך אָן די וועלט פאַר אַ קלעזמער פון אַ פּוילישער מאַזורקע: פּים־פּאַם,פּאַ־פּאַ.

אין געוועלב הויבט זיך אָן דער טאָג, וואָסביידע ווערגן זיך — דער טאַטע און די מאַמע. און דער טאָג איז אַ לאַנגער — אַ זומער־דיקער. יעדער איבעררייד צווישן זיי איז מיט אָן אויסטייטש אויף פאַרקערט. דער טאַטע איז געוואָרן אַפּגעלאָזן, אַרומגעוואַקסן, ווי אַ פאַדלאָער טאָלסטאָיאַנער.

פאַרדריסט דער מאַמען אויפן טאַטן. זי גיט צו אים אַ זאָג:

— דו האָסט זיך באַדאַרפט אָפּשערן, ליישקע.

דערצאָרנט דעם טאַטן די עצה: ער גיט אַ צוק מיטן אַקסל:

— צוליב וואָס דאַרף איך זיך דאָס אָפּשערן? איך דאַרף דיר דען געפעלן, פּערל?

ענטפערט די מאַמע קאַלטבלוטיק, טראַציק דעם טאַטן:

— איך האָב עס ניט געמיינט צוליב מיר: פונמיינעטוועגן קאָנסטו דיר פאַרלאָזן אַ באָרד ביזן גאַרטל.

קאָרעגירט דער טאַטע אויפגערעגט, אונטערטעניק, די מאַמען:

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז פונדיינעטוועגן קאָן איך מיר אויס־ברעכן אַ פוס איבערן קני.

דער טאַטע איז אויף דער מאַמען אַ לאַסט, אַ שאַנד. זי רעדט וועגן דעם אָפן מיט דעם זון, מיט קאַבאַלקינען:

— בייזע צינגער וועלן רעדן, אַז ווי נאָר איך האָב אויסגעריכט דעם צווייטן מאַן אין סיביר, האָב איך אַראָפּגעבראַכט דעם ערשטן מאַן פון אַמעריקע.

דערביי קרימט זי איבער אַ שכנה, בעת זי רעדט אויס דאָס האַרץ פאַר דעם זון וועגן דעם טאַטן:

— שטעלט זיך אַריין אַ יאַכנע מיט אַ חכמה: „פערל! דו ביסט דאָך ווי אַ קאָזאַק: אַ קאָזאַק פירט זיך אַרום מיט צוויי פערד, און דו פירסט זיך אַרום מיט צוויי מענער".

זינט דער טאַטע איז אָנגעקומען פון אַמעריקע, האָט די מאַמע דעם מאַרק איבערגעלאָזן אויף דער מומען. זי שעמט זיך צו ווייזן אין פּאַדלאַ. אויך אין געוועלב שטעלט זיך איצט זעלטן־ווען אַריין אַ מענטש. מען וויכט פון זיי. מען מיידט זיי אויס. און אַז ווער עס איז טרעט אַריבער די שוועל נאָכפרעגן זיך ביים טאַטן אויף אַמעריקע, גראַבט זיך איין די מאַמע מיטן פּנים אין וויג און זי פּאַרטאַיעט זיך, ווי זי שלאָפט, אָדער זי גיט זויגן דעם קינד.

די מאַמע איז אַרנגעפאַלן אין דעם זעלביקן צושטאַנד, ווי גאָר אַמאָל, בעת דער טאַטע איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע: ביסלעכווייז איז זי אָנטשוויגן געוואָרן. זי רעדט צו קיינעם ניט. אפילו זלמן־אַוורעמלען פּטר'ט זי אָפּ מיט דער ברוסט, ווי אַ חוב, און זי שענקט אים ניט אַ וואָרט, אַ שמייכל. אַזאַ טבע האָט די מאַמע, אַז עס ווערט איר ענג, ווערט זי שטום.

שווייגן אַלע, אַז די מאַמע שווייגט. אפילו די מומע לאָזט פון זיך ניט הערן אַ קלאַנג. מיט דער מאַמען רעכנט מען זיך. אויך דער טאַטע דרייט זיך אַרום ווי אַ שטומער, אין דער דוירבי, איבער דעם געוועלב.

פונדעסטוועגן לאָזט ניט אָפּ דער טאַטע די מאַמען. צווישן זיי קומט דערביי פאַר אויף שטום־לשון אַ רייסעניש פאַר קאַבאַלקינען. ביידע קלאַמערן זיך צו דעם זון, ווי צו אַ צד.

דער טאַטע לייגט אים פאַר מיט אַ בלינצ אין אויג:

— גיי זיך דורך, וועלוול, נאָך ביר.

שטעלט אָפּ די מאַמע קאַבאַלקינען מיט אַ סוד אין אויער:

— לאָז מיך ניט איבער, מיין זון, אַליין.

די מאַמע לאָזט אים איצט ניט אָפּ פון זיך אויף אַ רגע: דאָס האַלט זי אים פאַר אַ שומר קעגן טאַטן. פאָלגט ער די מאַמען.

גייט דער טאַטע אַריבער צו די טעכטער. ער האָט אויך זיי אויס־געקליידט. האָבן זיי זיך צו אים צוגעקלעפּט: ער נעמט זיך מיט זיי אַרום.

די שטומקייט פון דער מאַמען האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאַשמאַר. פאַלט דער טאַטע אויף אַ המצאה. ער שיקט אַרויס די טעכטער נאָך אַ נאַשעריי. זיי בלייבן אין געוועלב זאַלבעדריט. מיט דעם קינד פון מאַטקען אין וויג אויף אַ צוגאַב. דערלאַנגט דער טאַטע אַ זאָג:

— דו געדענקסט, פּערל? . . .

רופט זיך ניט אָפּ די מאַמע אויף דער פראַגע. פרעגט שוין מער ניט דער טאַטע. ער איז באַליידיקט. ער איז דערשלאָגן. ער שלינגט אַראָפּ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. ער פאַרענטפערט זיך:

— דאָס איז גאַרנישט. דערמאַנסט זיך, ווי עס האָט געשאַטן אַ שניי בעת מיר זיינען געגאַנגען צו דער חופה: אַ נאַרישקייט גע־דענקט זיך.

צווישן טאַטע־מאַמע האָט דאָס אָנגעהאַלטן אַזאַ צושטאַנד, ביז די מאַמע האָט ענדלעך אָנגעוואוירן איר געדולד.

דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק־צונאַכט. די פאַמיליע איז געווען אויסגעזעצט ביים טיש. אַלע אינאיינעם. אפילו זלמן־אַוורעמעלע איז געקראָכן מיט די פיסלעך אין די לאַקשן. אַלע. אויסער דעם טאַטן. דער טאַטע אין דער דוירבי איז בכיוון געזעסן אָפּגעזונדערט אָן אַ זייט אין אַ ווינקל. צו אים האָט ניט דערגרייכט די שיין פון דער מאַמעס בענטש־ליכט. די פאַרע פון דעם שבת׳דיקן מאַלצייט.

עס האָט פון אים געווייעט אין דער שטומקייט מיט פרעמדקייט, מיט דעם אומעט פון אַ פאַרוואַרלאָזטן, פון אַן איינגעבעטענעם.

קומט אַרויס דאָס מאָל די מאַמע מיט לשון צום טאַטן:

— זאָג מיר, לייזקע: ביז וואַנען וועסטו זיך עס אַזוי אַרומ־דרייען, ווי אַ מאַנסביל ביי אַ קימפּעט? וואָס וועט זיין דער סוף?

דער טאַטע דערפרייט זיך, וואָס די מאַמע צעשרייט זיך:

— איך וויל, פּערל, מיט דיר רעדן אויג אויף אויג. — איז דער טאַטע אויפגעמונטערט.

נאָר די מאַמע זאָגט זיך אָפּ פון דעם ראַנדעוואו:

— איך, — זאָגט זי, — האָב קיין סודות ניט פאַר מיינע קינדער. און מיט דיר, ליישקע, האָב איך אודאי און אודאי ניט קיין סודות. ווי מיר האָבן ניט קיין חשבונות.

—— אויב, ליישקע, — סטראַשעט די מאַמע, — דו וועסט מיך ניט אויפהערן מאַטערן, וועל איך צונויפרופן מענטשן. זאָלן לייט משפט'ן צווישן אונז.

— וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעזעצט ? — איז די מאַמע אויפ־געשפּרונגען. — וואָס מיינסטו, איך בין אַ נאַפקע : היינט מיט דיר. מאָרגן מיט מאַטקען. איבערמאָרגן ווידער מיט דיר . . . איך האָב אַ מאַן. איך וויל ניט אַפילו, אַז דו זאָלסט זיך געפינען אין מיין מאַנס פיר איילן. אַז דו וועסט זיך איינשפּאַרן, קאָנסטו דיר צונעמען צו זיך דיינע דריי קינדער, — איז די שפּראַך פון דער מאַמען אין דעם סטיל פונם טאַטן.

דער טאַטע רעדט מער ניט אויס אַ וואָרט אַנטקעגן. ער בויגט זיך איין אין דרייען און ער פאַרלאָזט דאָס געוועלב. פאַרן אַוועקגיין זאָגט ער בלויז דער מאַמען :

— דאָס, פערל, ביסטו גראַד גערעכט : איך דריי זיך טאַקע אַרום פּוסטערהייט, ווי אַ מאַנסביל ביי אַ קימפּעט.

4

גראַד דעמאָלט, בעת עס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַזאַ טעמפּאָ די דראַמע צווישן דער מאַמען און דעם טאַטן, האָט זיך די רעוואָלוציע אַרויסגעלאָזט אָפּרוען אויף דאַטשע. צוויי דורות, ריכטיקער — צוויי עפּאָכן, זיינען אַרויס אויף וואַקאַציע : אַבראַשאַ אַמסטערדאַם און דער בלינדער קאַלעצקי. אַבראַשאַן האָט זיין פאַמיליע מיטגענומען אין אַ קוראָרט אין דייטשלאַנד. דעם בלינדן האָט פּעראַ אַרויסגעפירט אין אַ דאָרף הינטער סאַסאָניק. איז פאַר קאָבאַלקינען אין יענער צייט געווען, ווי אַנגעמאָסטן די דאָזיקע אויסוואַנדערונג פון די רייכע רעוואָ־לוציאָנערן אויפן זומער. פאַר אים אַליין און פאַר זיין טאַטן.

צוליב דער זומערדיקער וואַקאַציע פון דער ראַדיקאַלער אינטע־ליגענציע האָט קאָבאַלקין געקראָגן אַן אָפיציעלן פּאָסטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ דאַפּלטער אַמט פון ערשטן ראַנג. אַבראַשאַ האָט אים באַשטימט פאַר דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט (ביז ער וועט זיך אומקערן פון זיין אויסלענדישן קור) —

1) פאַר דער איינציקער קאָנספּיראַטיווער פּאַראָל־„יאַוּוקע״.
2) פאַר דעם איינציקן אומלעגאַלן קוואַרטיר־מייסטער.

געמיינט האָט עס, אַז אינם פאַל עס וועט זיך אַריינשטעלן אַ רע־וואָלוציאָנער פון דער פרעמד צו אַמסטערדאַמען אין אַ שליחות, דאַרף ער, קאַבאַלקין, ביי אים איבערנעמען (ביי דעם פרעמדלינג, דעם רע־וואָלוציאָנער) דעם פּאַרטיי־פּאַראָל און פאַרזאָרגן אים מיט נאַכטלעגער.

איז קאַבאַלקין געוואָרן דער באַלעבאָס איבער די שליסלען פון ביידע אויסגעליידיקטע הייזער: אויף אַמסטערדאַמס און קאַלעצקיס. די דאָזיקע צוויי הייזער זיינען עס באַשטימט געוואָרן (לויט אַן אָפּמאַך צווישן אַבראַשאַן און דעם בלינדן) פאַר די צוויי רעוואָלוציאָנערע צוועקן: אין אַבראַשאַס קאַבינעט דאַרף קאַבאַלקין אויסהערן דעם פּאַראָל בייטאָג. און אין דעם בלינדנס יורטע דאַרף ער אויסבעטן דעם גאַסט ביינאַכט.

דאָס האָט אַמסטערדאַם אָנגעזאָגט קאַבאַלקינען וועגן אַזאַ פּינקט־לעכער צעטיילונג פון די צוויי רעוואָלוציאָנערע פונקציעס צווישן די צוויי קאָנספּיראַטיווע דירות: ער איז מיט דעם אויסן געווען, אַב־ראַשאַ, צו זיין פאַרזיכטיקער מיט דעם פּאַראָל פון דער רעוואָלוציע, ווי מיט דעם געלעגער פאַר דעם רעוואָלוציאָנער. ער האָט גע־האַלטן, אַז זיין קאַבינעט איז זיכערער, איידער די יורטע, ווייל, דאָ — אַ צאַרישער יואווליר, דאָרטן — אַ פּאָליטישער קאַטאָרזשניק. האָט קאַבאַלקין געטאָן, ווי אַבראַשאַ האָט אים געהייסן.

איז כדי צו פאַרגיטיקן דעם טאָטן פאַר זיין צער פון דער מאַמען, (און אויך איינשפּאָרן אים די הוצאה פאַרן האָטעלכל) האָט אים דער זון אַריינגענומען פאַר אַ שותף אין דער רעוואָלוציע. ער האָט אים אויך באַלייגט אין קאַלעצקיס הויז, ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ רעוואָ־לוציאָנערע מיסיע. און ער צעשיידט זיך ניט מיט אים ביי אַ רעוואָ־לוציאָנערן סוד אין אַבראַשאַס קאַבינעט. אַז ער הערט אויס דעם פּאַראָל פון אַ רעוואָלוציאָנער, איז דער טאַטע דערביי אַן עדות. ווי זיי וואָלטן געווען אין איין קאָמיטעט.

עס איז ניט דורכגעגאַנגען אַ וואָך, וואָס עס איז ניט דורכגעגאַנגען אַזאַ גאַסט. אַבראַשאַ האָט אויך איבערגעלאָזט אויף קאַבאַלקינען די אומלעגאַלע שריפטן. האָט דאָס נאָך פאַרמערט די קאָנספּיראַטיווע שלוחים. יעדער שליח האָט געהאַט זיין פּאַראָל. ווער עס האָט זיך אַריינגעשטעלט מיט אַ ביבלישן זאַץ. ווער עס האָט אָפּגעזאָגט אַ קלאַ־

סישן פּערז. און קאַבאַלקין האָט יעדן באַזאָרגט מיט דעם אין וואָס יענער האָט זיך געניטיקט: פאַר וועמען ער האָט איינגעבונדן ליטע־ראַטור אין אַ ספר. וועמען ער האָט אויסבאַהאַלטן אונטערן פּעלץ אין יורטע. די שלוחים זיינען אין אָנפאַנג געווען מערסטנס אידן, וואָס האָבן זיך צוליב קאָנספּיראַציע פאַרשטעלט פאַר פּרומאַקעס.

דער טאַטע האָט זיך מסתמא אָנגעשטויסן אויף דער קאָנספּי־ראַציע. נאָר ער האָט אַפּנים ניט באַגריפן די געפאַר. ער האָט אויפ־געלויכטן פון גליק, בעת דער זון האָט אַ פּאַראָל. ער האָט גערעדט מיט פרייד:

— אַ וועלט, מיין זון, קוקט דיר אַריין אין מויל. מענטשן גיבן דיר אָפּ חשבון, טיילן דיר אויס כבוד. דיין וואָרט האָט וואָג. איך האָב פון דיר דערלעבט נחת. צוליב דעם נחת אַליין האָט עס פאַר מיר געלוינט אומקערן זיך פון אַמעריקע.

דערביי האָט דער טאַטע שטאָלצירט אויך מיט זיך, מיט זיין וויטזיכט:

— עס איז נאָך גוט, מיין זון, וואָס איך האָב זיך געכאַפּט באַ־צייטנס דיך אַביסל צו באַקליידן, צו באַשוכן. אַ וויכטיקער מענטש דאַרף טראָגן אַ ציכטיקן בגד.

פון דעם טאַטן אָבער האָט זיך טיילוויז אָפּגעטאָן די פרייד מיטן זון (צוליב דעם וואָס ער איז אַ פירער אין דער רעוואָלוציע) נאָך דעם, ווי מיט אַ פּאַראָל האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ גוי.

דער גוי איז געווען אַ ריז. ער איז געווען אַ רוס. ער איז גע־ווען באַוואַקסן מיט אַ רויטער באָרד און אָנגעטאָן ווי אַ רוסישער סוחר. אין לאַנגע שטיוול און אין אַ וואַטאָוון פּידזשאַק. דער פּאַראָל פון דעם ריזיקן גוי איז געווען דער זעלביקער עוואַנגעלישער פּסוק, וואָס פאַר דעם מאָהילעווער זייגער־מייסטער. האָט דער גוי ראַפּאָרטירט פאַר קאַבאַלקינען דעם פּסוק פון עוואַנגעליום, ווי אַ סאָלדאַט באַגריסט זיין עלטסטן מיטן טיטול: ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין פראָנט און אָפּגעסאַליוטירט מיט אַ באַס!

— מיר זיינען דריי שטערנזעער! . . .

דער גוי האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער־צושטאַנד. האָט אים קאַבאַלקין באַרויקט מיט דעם קעגן־פּאַראָל:

—— האָסטו געזען אַ שטערן אין מזרח? . . .

בעט זיך דער בערדיקער רוסישער ריז ביים זיבעצן־יאָריקן קאַ־באַלקינען:

— איך בין טויט־מיד, ברודער. לייג ערגעץ אַוועק מיין קאָפּ. קרייזן שוועבן פאַר די אויגן. די פיס זיינען פאַרשטומט, ווי קלעצער. ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען פון מידקייט.

פירט־אָפּ קאַבאַלקין דעם גוי אין יורטע. גייט זי נאָך דער טאַטע אין דוירבי. צעכראַפּעט זיך דער גוי אויפן יורטע־פעלץ. צעכליפּעט זיך דער טאַטע פאַרן בן־יחיד:

— איך האָב מורא, מיין זון, אַז דו וועסט שלעכט אָפּשניידן. דו ביסט צו טיף פאַרקראָכן. באַטראַכט זיך, וועלוול.

דעם טאַטן איז דאָס באַפאַלן אַן אימה פאַר דעם גוי:

— מיט וואָס — פרעגט ער דעם זון — ביסטו באַוואָרנט, אַז דער גוי וועט דיך ניט אַרויסגעבן? ווי קאָן מען זיך דאָס פאַרלאָזן מיטן נפש אויף אַ גוי?

— דאָס האָט דאָך אים די „באַוועגונג" צוגעשיקט צו אַבראַשאַן — ווייזט אָן קאַבאַלקין אויף דעם פּאַראָל.

לאַכט זיך אויס דער טאַטע פון דעם תירוץ:

— אַ פּאַראָל פון אַ גוי — זאָגט ער — איז פּונקט אַזאַ באַוואָ־רעניש קעגן זשאַנדאַרמען, ווי אַ קמיע פון אַ רבי'ן איז אַ סגולה צו קינדער. (דער טאַטע האָט זיך שוין דערוואוסט דעם באַדייט פון דעם וואָרט: „פּאַראָל").

דער גוי האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט פונם שלאָף. אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פונם געלעגער, איז ער דווקא צוגעפאַלן צום טאַטן. ווי דער טאַטע וואָלט דאָס געווען די יאַוועקע, ניט ער קאַבאַלקין, דער זון.

— אויסגערוט אַביסל דעם מאַרך! — באַדאַנקט ער דעם טאַטן

— איצט דאַרף מען ווידער אָנגורטן די לענדן. דו ביסט פאַר מיר, ברודער, געווען אַ ראַטונעק. קוים אַרויסגעראַטעוועט זיך פונם גע־יעג. מען דאַרף זיך אַריינכאַפּן אין אַ דאָרף, איידער עס קומט־אָן די נאַכט. פאַרקערן דעם סליאַד. אָפּשטעלן דעם געלאָף.

— מען דאַרף זיך דערשלאָגן צוריק צו אונזער צאַרן־רעזידענץ, צוריק צו אונזער ציגל־זאַוואָד. און זוך דיר דעם איבערגעניצעוועטן וואַניען, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי! — רעדט ער אַפאַריסטיש, אַנ־געצויגן, פאַרשטעלט.

דער גוי רוקט־אָן אויף זיך דאָס היטל מיט אַ דאַשעק. ער ציט־

אַרויף אויף זיך אַ טאַש פון אַ יעגער. ער געזעגנט זיך מיטן טאַטן. אים, קאַבאַלקינען, איגנאָרירט ער ווידער. וואָס עס פאַרדריסט אים. דער גוי דריקט דעם טאַטן די האַנט מיט אַ ווערטל:

— איבערמאַכן די וועלט, ברודער, איז ניט אָפּעסן אַ פונט ראַזשינקעס. די וועלט איז אַ ביטערע, אַ האַרטע.

— דאָך ניט געזאָרגט, קאַמעראַד. מיר וועלן פאַרט מאַכן אַ וועלט, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אונז. — דערלאַנגט ער דעם טאַטן אַ קלאַפּ אין פּלייצע און ער סטאַיעט ניט מיט אַ שפּרונג דורכן פענצטער פון יורטע אין גאָרטן, צום הויף. דאָס האָט ער מסתמא געוואָלט אויס־מיידן די גאַס.

פאַר קאַבאַלקינען איז דער שפּרונג געווען, ווי אַ בליץ וואָלט אים פאַרבלענדט, און דער טאַטע האָט זיך פאַרשעמט, אַז דער גוי האָט ניט געסטאַיעט. אַז ער קומט צו זיך, דערציילט ער אַ מעשה:

— אַז איך בין געפאָרן אין אַמעריקע, האָב איך אין אַ פאַרנאַכט אויפן ים געזען אַ פאַסטעך מיט שאָף. דאָס האָט געדויערט, וויפיל עס פאַרנעמט אַ פינטל טאָן מיטן אויג און ניט געוואָרן, ווי אַן אויס־דאַכטעניש. דערמאַנט מיר עפּעס אָט־דער גוי אין די שטיוול אַן יע־נעם פאַסטעך מיט די שאָף: דו ביסט ווי ניט זיכער, צי דאָס איז טאַקע געווען אַ גוי אויפן וואָר.

— איך בין אויך פון די ריכטיקע, פון די גוטינקע, אויף וועלכע מען פרעגט זיך נאָך. — גייט דער טאַטע אַריבער צו זיך.

— הלואי — זאָגט ער — וואָלט אַזוי געטראָגן דאָס האַרץ רחמנות־ האָבן אויף אַ מענטשן, ווי עס טראָגט דער קאָפּ אים חושד־זיין. איך האָב דעם גוי אפילו ניט אָנגעבאָטן איבערבייסן.

טריאומפירט קאַבאַלקין איבער דעם טאַטן:

— פאַר דיר, טאַטע, איז נאָך אַלץ דער גוי אַ גזלן — וואַרפט ער אים אויף.

באַליידיקט זיך דער טאַטע אויפן זון:

— איז דיר גוט, מיין זון, אַז דו ביסט אַזאַ חכם פון דער הגדה און דו ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביי אַ גוי אין בויך.

— פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז די וועלט האָט זיך אַזוי געביטן. פאַרענטפערט זיך דער טאַטע.

— אַ כאַמולע אַ גוי. איז ווינציק, וואָס ער איז בראַנד־פייער אויפן קייסער, מיט די רייכע לייט. ער מאַכט נאָך יד אחת מיט אַ

אינגל פון אַ אידישן לאַטוטניק. דאָס איז דאָך משיח׳ס צייטן. ווער וואָלט זיך עס געקאָנט דערטראַכטן צו אַזוינע זאַכן אין די אַמאָליקע יאָרן.

האָט זיך קאַבאַלקין זייער דערפרייט מיט דעם דאָזיקן טאָן פון דעם טאַטן. אין יענעם טאָג האָט דאָס פאַר אים געקלונגען (די חרטה פונם טאַטן וועגן גוי), ווי אַ צוזאָג פון דעם טאַטן צו ווערן אַ שותף אין דער רעוואָלוציע.

5

קאַבאַלקין האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אויסצוגלייכן דעם טאַטן מיט מאַטקען. דאָס הייסט: מאַכן דעם טאַטן פאַר אַ רעוואָלו־ציאָנער. דער דאָזיקער באַגער איז געוואָרן זיין אַמביציע. ער איז דערביי אויסן געווען ניט אַזוי די טובה פון דער רעוואָלוציע, ווי די טובה פון דעם טאַטן. צו אים האָט זיך פאַר׳גנב׳עט אַ געדאַנק, אַז אויב דער טאַטע וועט זיך אויסגלייכן מיט מאַטקען, וועט דאָס אפשר צו אים אַרויסרופן מער אַכטונג ביי דער מאַמען.

האָט ער זיך גענומען, קאַבאַלקין, וואָס ווייטער אַלץ פּלייסיקער רעוואָלוציאָניזירן דעם טאַטן זיינעם. ער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אויף אים פאַרטרויט אין דער קאָנספּיראַ־ציע. ער האָט אים אויך אַרויסגעפירט אין אַן אָוונט אויף דער „בירזשע״. דאָס איז געווען נאָך דער געשיכטע מיט דעם גוי, וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט מיט דעם פּאַראָל פון עוואַנגעליום — מיט דעם פּסוק וועגן די דריי שטערן־זעער.

מיט דעם נאָמען „בירזשע״ האָט זיך דעמאָלט גערופן אַ טראָטואַר אויף דער שלאָס־גאַס, וואָס איז געווען דער שטאָט־צענטער. „בירזשע״ האָט געהייסן דער דאָזיקער טראָטואַר, ווייל אין די דורכשניטלעכע אָוונטן האָבן דאָ אַרומגעשפּאַצירט די אויפגעקלערטע אַרבעטער. מערסטנס זיינען זיי געווען, די שפּאַצירער, בונדיסטן. דאָס איז גע־ווען אין שטאָט דער פּעריאָד, וואָס איז געווען דער אָנפאַנג פון „בונד״. דער בונדיסטישער אַרבעטער האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַן אַריסטאָקראַטישן מענטשן. דער בונדיסטישער שוסטער האָט אין זיין אויסערלעכן גאַנג נאָכגעמאַכט דעם ראַדיקאַלן פּאָסאַן פון דעם באַלע־באַטישן עקסטערן: ער האָט געטראָגן לאַנגע האָר מיט אַ גריוווע, אַ שוואַרצע בלוזע מיט אַ קוטאָס. און די בונדיסטישע שניידערין האָט

אין איר ווייבערשן טואַלעט נאָכגעטאָן דעם מאַנסבילשן מאַניער פון דער ניהיליסטישער אָקושערין: זי האָט געטראָגן אַן אונטערגע־האַקטע פריזור פון אַ פויער, אַן אַרומגעזוימטע בלוזע פון אַ שמייסער. דאָס זיינען געווען אינגלעך און מיידלעך פון פּאָדלאָ און פון פּיסקע־וואָטעק — די צוויי קוואַרטאַלן פון דער אידישער אָרעמשאַפט. ס'רוב זיינען זיי געווען מיט קאַבאַלקינען אין איין עלטער. אַלע אינאיינעם זיינען זיי באַשטאַנען פון קנאַפּע הונדערט נפשות. נאָר די גאַס איז געווען אַ קליינע. דער טראָטואַר איז געווען אַ שמאָלער. האָט אויס־געקוקט די „בירזשע" אין אָוונט, ווי אַ פעסטונג אונטער באַלאַגערונג. אַלע זיינען זיי געווען צווישן זיך באַקאַנט. אַן אומבאַקאַנטן האָט מען ניט צוגעלאָזט. אינעווייניק האָט מען דעבאַטירט, ראָמאַנסירט. דער דורכגאַנג איז געווען פאַרצוימט, פּאַטרולירט. אַ פרעמדער האָט ניט געקאָנט אַריינדרינגען. און אויב אַ פרעמדער האָט זיך דורכגעריסן האָט מען אים צוריקגעשטויסן. עס איז אפילו געווען אַזאַ פאַל, וואָס מען האָט אַראָפּגעשטופּט אַן אָפּיצער פון טראָטואַר.

אַז קאַבאַלקין האָט צוגעפירט דעם טאַטן צו דער „בירזשע", האָט דער טאַטע דאָ דערוועקט אַ חשד מיט זיין דוירבי. לייבקע דעם סטעל־מאַכערס מיט די גרויע האָר און בלויע אויגן (קאַבאַלקינס קינדהייט־חבר, וואָס וועט מיט אים אינאיינעם דורכמאַכן די גאַנצע אָקטאָבער־רעוואָלוציע) האָט אים דעמאָלט אָפּגערופן אַן אַ זייט און זיך ביי אים נאָכגעפרעגט אויפן טאַטן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל אין אַ קאַפּעליוש?

האָט מען דאָס אינם זכות פון דעם זון אַרויפגעלאָזט אויף דער „בירזשע" דעם טאַטן. לייבקע האָט דורכגעמאַרשירט די „בירזשע" ווי אַ העראָלד און אָנגעזאָגט דעם יחוס פון דעם גאַסט. ווייל ווען דער טאַטע איז אַוועק קיין אַמעריקע איז די דאָזיקע יוגנט נאָך געווען קליינוואַרג. האָט דאָ קיינער פון דעם טאַטן ניט געוואוסט, און דער טאַטע האָט דאָ קיינעם ניט דערקאַנט.

האָט די „בירזשע" געמאַכט אויף דעם טאַטן נאָך אַ שטאַרקערן איינדרוק ווי דער גוי. דער גוי האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ געפיל פון ליבשאַפט. איז דאָס געווען אין זיין כאַראַקטער. בעת די „בירזשע" האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ געפיל פון קנאָה. און דאָס איז געווען קעגן זיין נאַטור.

קאַבאַלקין ווייזט אָן דעם טאַטן אויף דער „בירזשע" אויף אַזוינע בונדיסטן, וואָס דער טאַטע קען זייערע טאַטעס פון פּאַדלאַ:

— דאָס איז בענציע דעם דאַמסקינס מעזיניק.

— דאָס איז כאַצקל דעם מענסקנס מיידל.

— דאָס איז קאָפּל דעם סטאָליערס איניקל.

— דאָס איז יעשיקע דעם סטעלמאַכערס בן־יחיד.

רופט זיך אָפּ דער טאַטע אויף דער פאַרשטעלונג מיט אַ גרימאַסע, אַנשטאָט אַרויסצואווייזן צו דער יוגנט אַן אינטערעס:

— אַז איך בין געווען אַ אינגל אויף דער לערע אין זייערע יאָרן, האָב איך אין אָוונט אַרויסגעטראָגן די פּאַמוניצעס, ניט אַרומגעגאַנגען איבער „בירזשעס".

— מיט שכל ניט צו באַנעמען — זאָגט ער — ווי די וועלט האָט זיך געביטן. עס דאַכט זיך דיר, אַז ניט קבצנים זיינען אַרויסגעקראָכן פון הינטער אויוון, נאָר מלאכים זיינען אַראָפּגעפאַלן פון הימל. עס איז אייך גוט: ווי מען דופעט דאָס אויף זיך.

דער טאַטע ציט קאַבאַלקינען פאַרן אַרבל:

— גענוג, מיין זון, אַרומשלעפּן זיך איבער די גאַסן ביינאַכט. מיר וועלן בעסער צוגיין געוואויר ווערן די קינדער פאַרן שלאָף.

דער טאַטע איז שוין עטלעכע וואָכן ניט געווען אין פּאַדלאַ. די טעכטער באַזוכן אים אין אַמסטערדאַמס קאַבינעט, אין קאַלעצקיס יורטע. די מאַמען האָט ער ניט געזען פון יענעם פרייטיק, וואָס זי האָט אים פאַרטריבן פון געוועלב.

קאַבאַלקין זעט, ווי דעם טאַטן איז אומאַנגענעם אויף דער „בירזשע". באַגלייט ער אים צו דער מאַמען.

אונטערוועגנס, צווישן דער שלאָס־גאַס און דעם פּאַדלאַ־טאָל, באַקלאָגט זיך דער טאַטע פאַר דעם זון:

— עס איז שוין באַלד דורכגעגאַנגען דער זומער און איך האָב נאָך ניט אָנגעהויבן טראַכטן וואָס צו טאָן מיט זיך.

— ניט אין דער ריכטיקער צייט דערזען די ליכטיקע וועלט. בין איך, ווי אַ בלינדער פערד, וואָס האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פונם איינגעפאַרענעם וועג. — פירט אונטער דער טאַטע אַ סך־הכל, אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ פון גאַס אין פּאַדלאַ.

— די צרה פון פאַרצייטן איז געווען, וואָס דער אָרעמאַן האָט פון זיך אַליין געמאַכט חוזק . . . — ברענגט אַרויס דער טאַטע זיין פילאָ־

זאָפיע פון געשיכטע, בעת זיי טרעטן אַריבער די שוועל פונם געֿוועלב. דאָס דערמאָנט ער זיך אָפּנים אָן דעם שטאָלץ אויף דער „בירזשע״.

אין געוועלב איז צו דער נאַכט אָנגעגאַנגען די רוטין פון דעם דלות. די מומע האָט דרעמלנדיק געוויגט זלמן־אוורעמלען. די מאַמע האָט שרייענדיק געקעמט די טעכטער. אין דעם קאָם האָט געפעלט צייַן. האָט ער געבלוטיקט די הויט. האָבן זיך די מיידלעך געוואָרפן. האָט די מאַמע געשריען. קאַבאַלקין האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער „בירזשע״. און דער טאַטע איז אַרויסגעטראָטן פאַר דער מאַמען מיט אַ קאָנפעסיע:

— פערל! איך בין דיר געקומען זאָגן, אַז איך בין געווען אַ נאַר, וואָס איך האָב אויף דיר געטראָגן אַ האַרץ. די פוסטע גאווה האָט מיך ניט דערלאָזן צו דעם פולן אמת. איך בין ניט ווערט מאָטקעס פאַדעשווע. ווען מאָטקע שטייט דערביי, וואָלט איך דאָס אים געזאָגט אין פּנים אַריין. איצט ווייס איך, פערל, אַז דו ביסט גערעכט. איצט פאַרשטיי איך, אַז מאָטקע איז ניט אַבי־ווער אַ מענטש.

שטעלט אָפּ די מאַמע דעם טאַטן מיט אַ שטים פון ווייטיק:

— רעד ניט אַזוי, ליישקע. איר זייט ביידע גוט. דו ביסט אַ גוטער אויף דיין אופן. מאָטקע איז אַ גוטער אויף זיין אופן. עס האָט זיך נאָר אַזוי געמאַכט. מסתמא איז אַזוי באַשערט.

די דריי קינדער (קאַבאַלקין מיט די צוויי שוועסטער) רוקן זיך אָפּ אָן אַ זייט. און צווישן טאַטע־מאַמע קומט פאַר אַזאַ דינגעניש:

— דער שלאַק בין איך, — באַרעדט זיך די מאַמע.

— ניין, פערל, איך בין דאָס דער גאַרנישט. — באַשולדיקט זיך דער טאַטע.

נאָך דעם ווי זיי דינגען זיך אַזוי אָן צווישן זיך, די מאַמע מיט דעם טאַטן (פאַר דעם וועד פון זיי איז ערגער), קומט אַרויס דער טאַטע צו דער מאַמען מיט אַזאַ בקשה.

— פערל! לאָמיר פאַרנעמען די קינדער און אַביסל דורכגיין זיך מיט זיי צווישן מענטשן. טו מיר, פערל, אַ טובה.

— אַכט יאָר — זאָגט ער — אַז איך וואַרט אויף אַזאַ שפּאַציר.

— אַז איך האָב זיך אין פילאַדעלפיע אין אַ זונטיק אָנגעשטויסן

אויף אַ פאַמיליע אין פּאַרק — דערציילט ער — איז ביי מיר אָפּט אויסגעגאַנגען דאָס חיות פון קנאה.

די מאַמע לאָזט זיך בעטן, נאָר שטיפעריש, גוטמוטיק.

— דער צווייטער מאָטקע! — זאָגט זי אויפן טאַטן, — פון אַ וואָכעדיקער נאַכט וויל ער מאַכן אַ יום־טוב׳דיקן טאָג.

דער טאַטע איז אויפגעמונטערט. צעפּיעשטשעט ער זיך:

— איך בעט דיך, פּערעלע. קום זיך דורך.

די מאַמע איז אויסגעלייטערט. צעלאַכט זי זיך:

— שאַ, וויין ניט, פּיצעלע. איך גיי־מיט.

די מומע כראָפּעט אַריין אין וויג. די מאַמע וויקלט איבער דאָס קינד. דערנאָך וואַרפט זי אויף זיך אַרויף די שאַל.

זאַלבעפינפט לאָזן זיי זיך אַרויס אין דער זומערדיקער נאַכט, פּאַראייניקט, ווי אַ ריכטיקע פאַמיליע: פון פאָרנט קאַבאַלקין מיט די שוועסטער; פון הינטן די מאַמע מיט דעם טאַטן.

די נאַכט איז געווען אַ קילבלעכע. דער זומער איז שוין געגאַנגען אויף אַראָפּ, צום סוף. די לבנה האָט געשיינט מיט אַזאַ גלאַנץ, אַז נאָך דעם טונקעלן געוועלב האָט דער הימל געשטראַמט ווי אַ זיל־בערנער טייך. אַזוי פיל ליכט.

צו קאַבאַלקינען דערגייט אַ טענה פון דער מאַמען:

— אפילו צו שלעכטס דאַרף מען אויך האָבן מזל. עס טרעפט, אַז מען גט־אָפּ אַ שלעכטן מאַן און מען האָט חתונה פאַר אַ בעסערן. אויף מיין שלימזל אָבער זיינעןביידע גוטע.

קאַבאַלקין רוקט זיך אָפּ. ער וויל ניט פאַרשעמען טאַטע־מאַמע מיט זיין אַנוועזנהייט, מיטן זיין אונטערהערן זיך. די שוועסטער האַלטן אים נאָך. ער קאָן ביי זיך ניט באַשליסן, ווער עס האָט דאָס גע־בראַכט דעם שלום צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען:

— דער גוי, צי די „בירזשע״?

* * *

די פאַמיליע האָט זיך צעשיידט אין דעם נאַכטלעגער. די מאַמע האָט זיך אומגעקערט מיט די טעכטער אַהיים. דער טאַטע איז אַוועק־געגאַנגען מיט דעם זון אין יורטע.

דער טאַטע האָט זיך אין דער דאָזיקער נאַכט געטיילט מיט קאַ־באַלקינען וועגן זיינע פּלענער אויף ווייטער.

— עס איז ניט קיין תכלית פאַר מיר אַזוי אַרומצושלעפּן זיך,

— האָט דער טאַטע גערעדט אין יורטע — די מאַמע וועט מסתמא מיט דער צייט אַוועקפאָרן אין סיביר צו מאַטקען. איך וועל זיך שוין מער ניט אומקערן קיין אַמעריקע צו די סלעק. אויך צו ברוי־נימקען וועל איך זיך ניט אומקערן פאַר אַ מענטש. איך קאָן זיך מער מער ניט פאַרדינגען צו יענעם.

— איך וועל אַפדינגען אַ שטיקל וואַרשטאַט פאַר זיך, — פּלאַ־נעוועט ער, — קיין מענטשן וועל איך ניט אַנשטעלן ביי זיך. איך וועל זיך פארקען איינער אַליין מיט דער דראַטווע. וועל איך אפשר אויספּאַרקען פאַר זיך דאָס שטיקל ברויט מיט אַ ציבעלע.

— אַמאָל האָט מיך דער וואַרשטאַט געטריבן אין דר׳ערד. איצט וועט אפשר זיין בעסער. איך וועל זיך אַרויסהעלפן מיט אַ קונץ. איך וועל זיך צוגעבן אַ נאָמען. איך וועל אויפהענגען אַ שילד:

„אַ שוסטער פון אַמעריקע״.

פאַר די עטלעכע וואָכן פון זייער שותפות אין דער קאָנספּי־ראַציע איז דער טאַטע געוואָרן געניט אין דער טערמינאָלאָגיע פון דער רעוואָלוציע. נאָך דעם ווי ער לייגט אויס זיין פּלאַן, — רופט ער זיך אָפּ צום זון:

אין מיין וואַרשטאַט וועסטו אויך קאָנען מאַכן דיין „יאַווקע״.

6

אַלץ האָט זיך דעמאָלט איבערגעטאַשט אין דער רעוואָלוציע, אַז עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער זומער. איבערגעטאַשט און אויס־געמישט. קאַבאַלקין האָט אַזש פאַרלוירן אין איר דעם חשבון, אין דער רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג סעפּטעמבער. אין רייסן איז דאָס די צייט פון רחבות. פון עפּל־שניט, פון מענטשן־רו, פון פיש־פאַנג. עס ווייעט פון פעלד און וואַלד מיט איבעררייפקייט, מיט צוגעלאָזטקייט. נאָר אין יענעם יאָר איז אינם אָנפאַנג סעפּטעמבער געווען, ווי אין שפּעט האַרבסט. עס זיינען געגאַנגען קאַלטע רעגנס.

פּערלאַ האָט זיך פאַרפרי אומגעקערט מיט דעם בלינדן פאָטער פון דאַטשע. אַבראַשאַ האָט זיך אויף לאַנג אָפּגעשטעלט פאַר אַ פּאָליטישן עמיגראַנט אין אויסלאַנד. און ער, קאַבאַלקין, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין פּעדעסטאַל אין דער רעוואָלוציע. ער איז געוואָרן, צוליב זיין אָרימקייט, אויס „יאַווקע״. נאָך דעם, ווי די

רעוואָלוציאָנערע באַלעבאַטים האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע הייזער, האָט ער ניט געהאַט קיין אייגן ווינקל, וואו ער זאָל קאָנען אויפנעמען אַ קאָנספּיראַטיוון פּאַראָל, אָדער אויסבאַהאַלטן אַן אומלעגאַלן רעוואָלוציאָנער. האָט ער פון דעם געליטן. נאָך מער האָט ער געליטן, וואָס אים האָט פאַרביטן, אַלס אַ „יאַווקע", דוקא אַזאַ פּערזאָן, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען שטענדיק ווי אַ חרפּה: דאָס איז געווען דאָראַ ברונים. זי איז דאָס געוואָרן די קאָנספּיראַטיווע „יאַווקע". אויף דעם איז באַשטאַנען די „באַראַשקענע" דאַנטיסטין ליזע עפּראַס, וואָס האָט פאַרטראַטן אין דער רעוואָלוציע דעם אויסגעשלאָסענעם סטודענט אַבראַשאַ אַמסטערדאַם. זי איז געווען, די דאָזיקע ליזע עפּראַס, אַן איינגעשפּאַרטע באַשעפעניש. אַ קליינינקע, אַ פּולבלעכע איז זי געווען. מיט אַ קוטשעראַווון, שוואַרצן אונטערגעשוירענעם קאָפּ. דעריבער האָט מען זי גערופן: די „באַראַשקענע".

קאַבאַלקין האָט זיך דערפילט ווי פריטשמעליעט פון דעם איבערבייט, וואָס ליזע האָט דורכגעפירט:

— די העלדין פון דעם סאַסאַניקער וואַלד איז געוואָרן אַ שליסל צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג . . .

ער איז ביי זיך געוואָרן אַראָפּגעפאַלן. ער האָט קיינעם ניט געקאָנט דערציילן, וואָס דאָראַ האָט מיט אים אָפּגעטאָן. עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען. דאָס איז אויף אים געווען אַ נאָכשלעפּעניש פון לעוויטן. אים איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען פאַר דער רעוואָלוציע. אים איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען פאַר דער „בירזשע". און נאָך מער איז דאָס אים ניט אָנגעשטאַנען פאַר דעם טאַטן. די בושה פאַרן טאַטן איז פאַר אים געווען דער עיקר דער שטאַם פון דאָראַן:

— הערטשעס טאָכטער — אַ קאָנספּיראַטיווע יאַווקע. איז וואו איז רעוואָלוציאָנערער פּרעסטיזש? די נייע וועלט?

דער טאַטע האָט אויסגעפירט זיין באַשלוס. ער האָט פאַר זיך געדונגען אַ וואַרשטאַט, אַז ער איז פאַרבליבן אַן אַ נאַכטלעגער (נאָכדעם ווי דער בלינדער איז אָנגעקומען פון דאַטשע און ווידער פאַרנומען זיין יורטע). בעט ער, דער טאַטע, דעם זון דעם קינסטלער צו מאַכן פאַר אים אַ שילד. דאָס איז ביי אים אַ סגולה צו פרנסה. מיידט אויס קאַבאַלקין צו בלייבן מיטן טאַטן אויג אויף אויג. ער שעמט זיך פאַר אים צו ווייזן מיט דער ירידה פון דער רעוואָלוציע. ער האָט דעמאָלט אפילו אויסגעמיטן די מאַמען. ער האָט זיך באַהאַלטן מיט

זיין וואונד (וואָס דאָרט איז אַ „יאַוקע"). ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער יורטע. מער ווי ווען־עס־איז האָט אים דעמאָלט געצויגן צו דעם בלינדן און צו פּעראַן: אָט־דאָס זיינען פּאָרט רעוואָלוציאָנערן.

אויך דער בלינדער און פּעראַ האָבן זיך שטאַרק געענדערט פאַר דעם זומער אויף דער דאַטשע. דער אַלטער האָט זיך אַזוי אַראָפּגע־רוקט אין זיין אַלטקייט, אַז ער וואָרפט־אָן אויף קאַבאַלקינען אַ שרעק. ער איז געוואָרן אויסגעדאַרט, פאַרגעלט, אָפּגעשוואַכט. ווי נאָר ער זעצט זיך אַוועק, שלאָפט ער איין. אין שלאָף זעט ער אויס, דער בלינדער, ווי אַ מת. און פּעראַ האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעבליט אין איר רייפקייט, אַז זי רופט אַרויס ביי קאַבאַלקינען אַ ציטער. אין יענעם זומער האָט פּעראַ געענדיקט די גימנאַזיע. אַז זי איז צוריק־געקומען פון דאַטשע, האָט זי אויסגעפלאָכטן אַ קראַנץ פון איר בלאָנדן צאָפּ. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שמאָלן טוניק פון שוואַרצן סאַמעט (די דעמאָלטיקע מאָדע). זעט זי אויס, פּעראַ, ווי אַ דאַמע.

אין דעם בלינדנס הויז איז דעמאָלט געווען אַ טויבע שטילקייט. ווי עס וואָלט זיך געוועבט אַ טיפע קאָנספּיראַציע. דער פאָטער און די טאָכטער האָבן זיך געביטן מיט זייערע כאַראַקטערן. דער שטרענגער טעראָריסט איז געוואָרן מילד. ער דערמאָנט אָפט זשעליאַבאָן, זיין פאַרשיקטן זון. רופט ער אים: „אינגעלע". פּעראַן רופט ער: „שוועסטער!".

— עס איז קאַלט, שוועסטערל, אין מאַנדזשוריע, — רעדט דער בלינדער צו דער טאָכטער, ווי פון קבר, — באַדאַרפט שיקן דעם איני־געלע אַ סוועטער.

אויך אים, קאַבאַלקינען, רופט ער שוין מער־ניט וואָלאָדיע, נאָר שטענדיק — „בראַטאָק" (ברודערל). ווי אין יענע אינטימע מינוטן, בעת ער האָט פאַר אים פאַרגעלייענט אין די ווינטערדיקע נעכט די רעוואָלוציאָנערע ביאָגראַפיעס, אָדער בעת עס איז צו אים געקומען דער געגאַרטער גאַסט, וואָס האָט געהייסן גרעגאָרי אַנדרעיעוויטש, מיט דעם שפּיציקן בלאָנדן בערדל און זייער הויכן שטערן (דער טע־ראָריסט גרעגאָרי גערשוני, ווי קאַבאַלקין האָט זיך שפּעטער דער־וואוסט). ער שעפּטשעט, דער בלינדער, און שמייכלט:

— אויך אויף דעם דעמב, ברודערל, קומט די צייט.

די צאַרטע פּערא אָבער איז, פאַרקערט, געוואָרן אַזאַ בייזע. אַז

דער אַלטער פּאַלט אַריין בײטאָג אין שלומער, רײַסט זי זיך אָפּ אָפּט אויף קאַבאַלקינען מיט אַ שטאָך:

— דו ביסט, וואָלאָדיע, ניט קיין מאַנספּאַרשוין, — רייצט זיך פערא איינמאָל מיט קאַבאַלקינען, — אַ „יאָווקע״ קאָן זיין אַ קינד. אַ מאַנספּאַרשוין אויב ער גייט ניט אין טעראָר, דאַרף ער גיין אין דאָרף. די רעוואָלוציע וועט מאַכן דער פּויער מיט דער קאָסע, ניט די מאַדיסטין מיט דער נאָדל. דו ביסט אַ פּוילי‌אַק!

פאַרענטפערט ער זיך, קאַבאַלקין, פאַר פעראַן:

— איך ווייס ניט ווי צו רעדן מיט אַ פּויער.

האָט דער בלינדער דערוואַכט פון זיין שלומער. דאָס האָט אים מסתמא אויפגעוועקט דאָס וואָרט „רעוואָלוציע״.

— שפּראָך, בראַטאָק, איז קאַמפּאָט, ניט ברויט. — מישט זיך אַריין דער בלינדער אין דעם געשפּרעך מיט אַ שטים ווי פון אונטער דער ערד, — שפּראַך איז אַ זאַך פאַר דעם ליטעראַט, ניט פאַר דעם רעוואָלוציאָנער.

— דער אַפּאָסטאָלישער פישער האָט נאָך מסתמא געקאָנט ווינ־ציקער לאַטיין, ווי דער וויטבאַניער איד רוסיש. פונדעסטוועגן האָט די שפּראַך ניט געשטערט דעם אַפּאָסטאָל צו גיין אין רוים מיט זיין קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, — רעדט ער קוים אַרויס, דער בלינדער טעראָריסט, און ער פאַלט ווידער אַריין אין זיין טיפן שלומער.

קאַבאַלקין האָט פאַרדעכטיקט, אַז פערא איז דאָס צערייצט קעגן אים, ווייל זי איז פאַרבענקט נאָך אַבראַשאַן. דעריבער איז זי אַזוי מעלאַנכאָליש. אפילו מיט איר סאַמעטענעם טוניק האָט זי אין זינען אַבראַשאַס אָנדענק. אויך מיט איר אויפוואַרפן אים, אַז ער איז אין דער רעוואָלוציע בלויז אַ „יאָווקע״, האָט ער געטראַכט, איז זי דאָס אויסן צו אונטערשטרייכן דעם אונטערשייד צווישן אים, וועלוול סאַנדלער, און אַבראַשאַ אַמסטערדאַם.

באַלד אָבער האָט זיך קאַבאַלקין איבערצייגט, אַז דאָס רעדט אין אים די אייפערזיכט, ניט די וואָרהייט. פערא האָט דאָס געבענקט נאָך עפּעס אַנדערש, ווי נאָך אַמסטערדאַמען. איר בענקשאַפט איז געווען די רעוואָלוציע.

— באַלד וועט זיין ווינטער, — האָט פערא געטרוימט, בעת דרויסן האָט גערעגנט און דער אַלטער האָט געשלומערט. — עס וועט זיך אָנהויבן דער ווינטערדיקער סעזאָן אין דעם פּעטערבורגער אוני־

ווערסיטעט. מען וועט זיך צונויפקומען אויף „סכאָדקעס״ (מיטינגען). מען וועט איבערריידן די קורסן. מען וועט אויפהערן לערנען. מען וועט זיך אַרויסלאָזן אויף דעמאָנסטראַציעס. מען וועט אַריינפאַלן אין טורמעס . . .

פּערא האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם. האָט קאַבאַלקין אַליין דערטראַכט, וואָס פּערא האָט געמיינט און ניט־דערזאָגט:

— און זי, פּערא, קאָן ניט איבערלאָזן דעם בלינדן טאַטן. דאַרף זי דאָ אויסגיין אין דער איינזאַמער יורטע.

* * *

— איך דאַרף מיט דיר איבעררעדן וועגן אַ וויכטיקער זאַך, — איז דער בלינדער צוגעשטאַנען צו קאַבאַלקינען אין אַזאַ האַרבסטיקן טאָג, מיט אַ פּאַטעטישן טאָן.

ער האָט אים אַריינגעפירט אין יורטע און פאַרקייטלט הינטער זיי די טיר מיט אַזאַ ערנסט, ווי בעת ער האָט זיך געַסוד׳עט אויג אויף אויג מיט גערשונין.

— בראַטאָק! — האַלט פאַר אים דער בלינדער אַ מאָנאָלאָג. — ווי דו זעסט, בראַטאָק, בין איך שוין זייער אַלט. אַלטקייט איז ניט קיין פאַרגעניגן אפילו פאַר אַ מענטשן מיט אַלע חושים. נאָך מער — ווען דעם מענטשן פעלן ביידע אויגן. דאָך וויל איך ניט שטאַרבן. איז עס ניט דערפאַר, ווייל איך קוואַפּע זיך אויפן לעבן. ווי אויך ניט דערפאַר, ווייל איך האָב מורא פאַרן טויט. נאָר דערפאַר, ווייל איך וויל, דאָס לעבן זאָל דערהערן דעם סיגנאַל פון דער רעוואָלו־ציע. און צו דעם איז ניט ווייט. אין דעם בין איך זיכער. פאַרלאָז זיך אויף מיר, בראַטאָק: דער רייטער קאָן זיין פערד. — איך וועל זיך ראַנגלען מיטן טויט ביז דעם לעצטן אָטעם פונם צאַר. אַז עס וועט אויסברעכן די רעוואָלוציע, וועל איך זיך אַליין אָפּזאָגן פון לעבן. די פרייהייט דאַרף ניט קיין קריפּל. ביז אָבער עס וועט אָנקומען די רעוואָלוציע, קאָן איך זיך ניט באַגיין אָן אַ באַהעלפער, אָן אַ צופירער, בראַטאָק.

— דו זאָלסט ניט מיינען, אַז ווייל איך בין בלינד, זע איך ניט, — רופט ער אויס מיט אַ קלאָרער שטים, ווי ער שטרענגט זיך אָן אומ־צוקערן זיין אַמאָליקע קראַפט. ער שפּאַנט־אַרום איבער דער יורטע און קלאַפּט־צו מיט זיין שטעקן.

— ווי שטייט דאָרטן געשריבן: „די ריכטיקע חכמה איז געגעבן געוואָרן דעם קליינוואַרג״. דאַרף מען צו דעם צושרייבן: „די ריכ־טיקע ריאה איז געגעבן געוואָרן דעם בלינדן״.

— איך זע אַלץ, ווייל איך הער אַלץ, איך בין שטענדיק וואַך. אַפילו אַז איך שלאָף, בין איך וואַך. זע איך אַלץ מיטן אויער. איך זע, ווי מיין פּערקאָ איז משוגע. זי ווערגט זיך, ווייל זי לאַנגווייליקט זיך. איך זע אפילו, בראַטאַק, אַז צו דיר איז זי אַמאָל בייזוויליק, ווייל איר איז לאַנגוויילק. איך טאָר זי ניט איינהאַלטן. און זי דאַרף מיך פאַרלאָזן.

— אויך דו, בראַטאַק . . . — ווערט ביי דעם בלינדן שוואַכער די שטים — אויך דו, בראַטאַק, וואָס דו ביסט ביי מיר פאַררעכנט פאַר אַ זון, דאַרפסט פון מיר אַנטלויפן.

— איך ווייס ניט — זאָגט ער צו קאַבאַלקינען — צי פון דיר וועט אַרויסקומען אַן אָדלער, אָדער דו וועסט פאַרבלייבן אַ האָן. פּרובירן פליען אָבער אין דער הויך מוזטו. די רעוואָלוציע דאַרף אויך האָבן די יוגנט. די גרויסע רעוואָלוציע איז בילכער, איידער אַ בלינ־דער אַלטיטשקער.

— האָב איך צו דיר, בראַטאַק, אַ געבעט, — פאַרגייט זיך זיין שטים אין אַ טרער — ברענג צו מיר אַראָפּ דיין מאַמען. זאָל זי מיטנעמען איר קליינוואַרג. מיר וועלן זיך צווישן זיך דורכרעדן. מיר וועלן זיך אַלע באַקאַנען. און אויב מיר וועלן איינע די אַנדערע געפעלן, און דיין מאַמע וועט צושטימען — וועט זיך דיין משפּחה אַריינקלייבן צו מיר און מיר וועלן לעבן אַלע אינאיינעם. מיר וועלן זיך, אַזוי־צו־זאָגן, צעטיילן אין דער אַרבעט: די אויסגאַבן וועלן פאַלן אויף מיר, און די אויפפּאַסונג וועט פאַלן אויף דער מאַמען, — פאַרענדיקט ער זיין מאָנאָלאָג מיט אַ פאָרשלאָג.

— איך האָף — גיט ער צו, — אַז דיין מאַמע (אויב זי וועט איינ־שטימען) וועט מיך ניט איבערלאָזן, ביז דער טויט וועט מיך צונעמען, ביז די רעוואָלוציע וועט צו אונדז אָנקומען.



פאָטאָגראַפיע פון אַ וואַריאַנט, פאַרצייכנט אין צבי הירשקאַנס האַנטשריפט, אַלס אָנהויב פון דעם לעצטן קאַפּיטל אין דעם ניט־פאַרענדיקטן ראָמאַן: „באָריס קאַבאַלקין".



פאָטאָגראַפיע פון אַ מאַנוסקריפּט, וואָס צבי הירשקאָן האָט געניצט אַלס אָנהויב קאַפּיטל אין דעם ניט־פאַרענדיקטן ראָמאַן: „באָריס קאַבאַלקין".

פעלער אויסבעסערונג:

אויף זייט 156, 16טע שורה, דאַרף זיין: **ניט אַ קאָמעדיע,** אַנשטאָט: **חשבון מיט הערטשע'ן.**

אויף זייט 167, 9טע שורה, פון אונטן אַרויף, דאַרף זיין: **אַזאַ גביר,** אַנשטאָט: **אַז אַ גביר.**